STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06830

INTIMER VIDERANAND

Mosche Gross-Zimmerman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. גראס־צימערמאן

*

אינטימער ווידעראנאנד

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פֿון דעם
„רייזל און דוד פּאיוס־פֿאָנד" ביים י. ל. פּרץ־פֿאַרלאַג,
לויטן באַשלוס פֿון דער זשורי.

מ. גראָס-צימערמאַן

אינטימער ווידעראַנאַנד

עסייען

פאַרלאַג
י. ל. פרץ
ישראל

1964

M. GROSS-ZIMERMAN

INTIMER WIDERANAND

I. L. Peretz Publishing House
31 Allenby str., Tel-Aviv

*

מ. גראָס-צימערמאַן

אינטימער ווידעראַנאַנד

פאַרלאַג י. ל. פּרץ, תל-אביב, אלנבי 31

©

נדפס בישראל תשכ״ה
Printed in Israel, 1964

דפוס „ארזי״ בע״מ, ת״א, רח׳ אילת השחר 4, טל. 34294

אינהאַלט

אימתא דדיבורא 7

שאַפֿערישער מיטאָס 18

ישראל, דער יידישער שרייבער און די יידישע וועלט 39

געשטאַלט און אידעע 47

קאַבצאַנסק און די וועלט 58

פֿריילעכער פאַטאָס 66

י. ל. פרץ און דער צייטגייסט 76

קראַנקער ייד און גרויסער קינסטלער 83

דער תכשיט משה לייב 94

צום אָנדענק פון שמואל יעקב אימבער 106

דער געניאַלער לץ (נוסח משה נאַדיר) 112

מזמור לאיציק 125

לייוויקס קול 135

פֿון סיביר ביז סיני (אַ. סוצקעווערס פּאָעטישער גאַנג) 145

יוסף אָפּאַטאָשו 158

שווער, צו שרייבן שווער (וועגן א. מ. פֿוקס) 165

חיים גראַדע 178

ש. י. עגנון 190

די לעגענדע נח גרין (יעקב פֿרידמאַנס שירה) 202

צוויי קרוינען (וועגן יעקב גלאַטשטיין) 208

די שטילע נגידיתטע (רחל קאָרנס געשטאַלט) 217

אפֿרים אויערבאַך 227

שפֿע און צמצום (י. האָפֿערס וואַרשעווער הייך) 237

ישעיהו שפּיגלס מלכות געטאָ 250

„איינעמס” לידער און מידות (צום יובל השבעים פֿון מלך ראַוויטש) . . 258

אליעזר שטיינבאַרג 270

דעם מושלס נמשל (אריה שמרים ליד) 274

בינעם העלערס גאַנג 281

דער מנגן (צום יובל פֿון יוסף פּאַפּיערניקאָוו) 287

מיט י. י. שוואַרץ 295

תפֿילה פֿון אַ קריטיקער (שלמה ביקלס עסייען) 302

ישראלס יידיש 310

אימתא דדיבורא

פֿאַרצײַטנס פֿלעגט אַ מחבר אָנהייבן מיט אַ „התנצלות“. דאָס איז געווען זיין אימתא דדיבורא, מורא פֿאַר אַ מין עקסהיביציאָניזם פֿון וואָרט, וואָס גיט זיך אַ שטעל אַוועק בפֿרהסיא און פּראַוועט עניוות מיט חשיבֿות. אַוודאי איז גוט, אַז מען נוצט צום בלאָנדזשען אַ פֿעסטן אָריענטיר־פּלאַן: „אַרײַנפֿיר“ אין די שטרויכלונגען. אַ מאָל זאָגט דיר עפּעס אונטער: שווער, אָנצוהייבן, אַז מ׳רופֿט גאָר: ענדיקן — ווער רופֿט? ווו נעמט מען די חכמה דערצו? די איינזאַמקײַט פֿון ייִדישן וואָרט וויל זיך אַלץ אַרויסזאָגן — כאָטש דאָס געפֿיל האָבן מיר: ס׳אַ מאָנאָלאָג אויף פֿאַרטונקלטער סצענע און די העלדן זענען שוין כמעט אַלע אַראָפּ. און אפֿשר איז מאָנאָלאָג אַ דיאַלאָג מיט דעם שווײַגן, וואָס אומרוט אין אונדז. אַ וואָרט, וואָס שווײַגט, איז אַזוי ווי נאַטור, וואָס „אַרבעט נישט“ — רוט זי דען?

פּראַוועט דאָס ייִדישע וואָרט אין יעדן שרײַבער שטילע שׂמחות פֿון עצבֿות און דער גײַסט ציטערט, ער זאָל נישט אָנווערן אין דער בהלה אַ פֿיליגראַנישן קנייטש פֿון אַ שטיקל שמייכל, וואָס קונדייסעוועט אומעטיק אין דער אַליינקייט: מען וועט דאָס אַלץ נאָך דאַרפֿן. איך האָב נישט ליב די עלעגישע הימנען פֿון די אונטערגאַנג־ראָמאַנטיקער, וואָס באַזינגען די „שיינע שקיעה“ און די זיסקייט פֿון אויסגייענדיקן גלאַנץ: אַזאַ חנעוודיקער יתום, אַזוי אַלטקלוג מיט בלײַענדיקן טרויער — און אַלץ פֿריי שוועבנדיק, צו אַלעמען צוגעלאָזט: נישטאָ אַזאַ וואָרט ווי ייִדיש.

ערשט נעכטן האָט די מאַמע, אַ נאַשערקע פֿון מצוות, באַלד אין דער פֿרי געהייסן „נעמען אַ ייִדיש וואָרט אין מויל אַריין“: אַ לאַקיטקע. ס׳איז געווען לשון קודש, וואָס האָט זיך געליבט מיט „ברכה“־יידיש: „מודה אַני“. די תּפֿילה האָט זיך נאָר וואָס אומגעקערט פֿון דער נשמהס נאַכט־

אַוואַנטורע מיטן רבוש״ע, יידיש מיט כביכול, מיט טאַטע־מאַמע אין דער פֿרימאָרגנדיקער שטוב, וואָס נעפּלט זילבער־גרוי און שמעקט מיט נישט־אויסגעשלאָפֿענע חלומות, יידיש פֿון פֿאַרן דאַווענען, פֿאַרן עסן, פֿאַרן לערנען, לאַנג, לאַנג פֿאַר די „גוים״: איבערגעכאַפּט אַ יידיש וואָרט אויפֿן ניכטערנעם האַרץ. „נאָסטאַלגיע״? אַפּנים, ס׳איז אַזוי שווער צו בענקען נאָך דער אַמאָליקער פֿרומער גאַנצקייַט, וואָס מיר האָבן אויפֿן וועלט־יאַריד אויסגעביטן אויף דער באַרבאַרישער פּראַכט פֿון ווויל־יונגערישער צעבראָכנקייַט!

הייַנט, אַז מיר כאַפּן איבער אין דער פֿרי אַ יידיש וואָרט, איז דאָס פֿון דער צייטונג, פֿון וועלט־פּורעניות, פֿון דער בירזשע, פֿון די הימלען, וואָס האָבן זייערע פּחדים. דאָס איז דאָס פֿאַריאָגטע וואָרט, וואָס לויפֿט צו דער אַרבעט כמורנע און קויטיק, און וואַרפֿט זיך אַליין אַוועק אויף אַלע לשונות פֿון דער וועלט. מאָרגן איז דאָס וואָרט אויסגעלאַמורט, ווערט דער רויער שטאָף איבערגעשמאָלצן אויף שפּאָגלנייער קאָפּדרייעניש: אַלץ אויף דער הייסער מינוט, פֿאַרסאַפּעט. ווער זשע ווייסט, צי האָט זיך נישט די בהלה פֿון וואָרט אַרייַנגעכאַפּט אויך אין געוויסע ליטעראַרישע שאַפֿונגען פֿון אונדזער צייַט — כאָטש אין תוך איז דיכטונג הייַנט אַוודאי אַן ענין פֿון די ל״ו, וואָס זייער צאָל ווערט אַלץ ווינציקער. קיינער רייַסט נישט פֿון דער האַנט די „ווערק״, דאַרף דער שרייבער אַוודאי אַרויסווייזן מער פּיעטעט און ליבשאַפֿט צו דער קוואַליטעט, צו דער קינסטלערישער פֿאָרעם, זיך אויסהיטן פֿון שעטנז, פֿון פּסולע מטבעות, פֿון סטיליסטישער אָפּגעלאָזנקייט, וואָס איז אין תוך נישט עפּעס אַנדערש ווי עסטעטישע דעמאָראַליזאַציע — כאָטש איך ווייס ווויל, אַז מען קאָן אַ מאָל פּלוידערן בתכלית הקיצור: אַ מבול מיט רייד אין אַ קנאַפּן אַפֿאָריזם.

מסתמא איז גערעכט קאַרל קראַוס: יעדער שרייבער דאַרף שרייבן אַזוי, גלייך ער האַלט ביים סאַמע ערשטן און ביים סאַמע לעצטן מאָל. זאָג דעם תמצית, גלייך ס׳איז דיין לעצטער אָפּשייד — און זאָג אים אַזוי, גלייַך ס׳איז דייַן ערשטער אַרויספֿאָר און דו מוזסט אויסנעמען בייַ עמעצן. יעדעס שרייַבערישע וואָרט איז אַ קרבן שׂמחה — אַז נישט, איז דאָס עבודה זרה. דאָס איז אַ האַרבער אַסקעטישער כלל, כמעט אַזוי שטרענג, ווי די גייסטיקע שיינקייט אַליין. דער דאָזיקער כלל פֿון

שרײַבערישער עטיק, וואָס וויל אויף דעם קורצסטן וועג דערלאַנגען מיטן וואָרט צו דער וועלט, וואָלט געקאָנט זײַן אַ פּסוק פֿון זומערדיקן פּרק — וואָלט ער מסתּמא אויסגעקליבן די שכנות פֿון דעם היימישלעכן מאמר: „לא עליך המלאכה לגמור”. איז שוין די חומרה מילדער.

די עסייען, וואָס זענען אַרײַן אין דער דאָזיקער זאַמלונג, זענען אָפּגעקליבן אָן אַ סיסטעם און יענע, וואָס זענען דאָ נישט אַרײַן, ווייסן דען, פֿאַר וואָס נישט? פֿאַראַנען אַ שיטה, אַרומצונעמען אָן עפּאָכע — אָבער „אַרומנעמען” קאָן מען אַלע מאָל נאָר, אַז זי לאָזט זיך: דערנאָך ערשט איז שווער. יעדער שרײַבער איז אַ לעבעדיק שטיק אויסטערלישקייט — און אַלע אין איינעם האָבן בשותּפֿות בלויז איין זאַך: זיי קערן זיך קנאַפּ אָן איינער מיטן אַנדערן. „אויסשעפּן” ווידער — עמקות איז גוט באַלד פֿון אויבן: באַלאַמוטשע נישט! די אַרבעטן וועגן טייל געשטאַלטן און ענינים פֿון דער ליטעראַטור זענען געשריבן געוואָרן אין פֿאַרשידענע צײַטן און שטימונגען, אַ מאָל מיט עיקר שכחתיס, וואָס קאָנען מיינען תוך, נישט אָן אַ שמיץ פֿאַרלעמישן יצר־הרע, וואָס בעט זיך אַ מאָל אין אַזאַ מין סטיליסטישער תּפֿילה ביחידות. טרעפֿן זיך אין דער זאַמלונג יוגנטלעכע בונטאַרישקייט מיט ווייכער העזה פֿון שפּעטערדיקע יאָרן. אַרום און אַרום ווינציק ליטעראַטור־אינפֿאָרמאַציע. יענע בלײַבט פֿאַר די אינפֿאָרמעקלערס — און געוויר ווערן פֿון דעם בינטל עסייען קאָן מען העכסטנס עפּעס וועגן מחבר אַליין: ווער זשע דאַרף עס וויסן?

קאָן זײַן, אַז אין די אַרבעטן פֿון דער זאַמלונג גיט אַ צאַפּל דאָ און דאָרט אָן אָפּגעציטערט קנייטשל פֿון אַ יחידישן זאָג, וואָס האָט מורא פֿאַר רשות הרבים, אַז ס׳גייט וועגן נוסח: דאָס איז „דײַנס” — מסתּמא צונויפֿגעגאָסן פֿון עפּעס מיט זײַן היפּוך. אַזוי פֿירט זיך בײַ די סינטעזן. צי וועלן זיי האַלטן שלום־בית? צי וועלן זיי זיך נישט „געדזען” איינע די אַנדערע מיט די הערנער, ווי דער טאַטע פֿלעגט אויף רעגיאָנאַלן מזרח־גאַליציאַניש צעטרײַבן די חבֿרה „יונגען” אין שטוב, וואָס האָבן אַלע געוואָלט זײַן קליגער און שטאַרקער. אויך דער טעות האַלט, אַז אים קומט אָן אייגענער טראָפּ: פֿיינט שאַבלאָן! דאָס איז שוין ענייוות מיט גאווה אין איינעם — אָן עבֿירה אָרט אין אַזאַ ענגער וועלט. איז מיר טאַקע שווער זיך אָפּצוזאָגן אַפֿילו פֿון דעם פּיצל שפּילעווודיקער זעלבסט־איראָניע, וואָס פֿון איר

מעלאַנכאָליק וועבט אויס אַ גלייביקער סקעפּטיקער זײַן סיסטעם פֿון אומ־זיכערקייטן. דאָס איז אַ מין מאַטעריע, וואָס קאָן גאָרנישט פּרעטענדירן אויף צו פֿיל מבֿינים. פֿאַרקערט, פֿלינקע ווייסערס וועלן אויף גיך אַ פּסקע טאָן: קאַפּריזן פֿון אַ געדאַנקען־שפּילער — ווער זשע ווייסט, וואָס ווערטער באַטײַטן הײַנט! איך קען איינע אָן אמונה, פֿילט זי זיך אין דער היים ערשט אין די ספֿקות — איך קען זי פֿערזענלעך. איז טאַקע אמת, וואָס געטהע זאָגט, אַז די קונסט פֿאַרנעמט זיך מיט דעם שווערן און גוטן פֿון דער וועלט — אָבער דאָס לײַכטע, זאָגט ער ווײַטער, ווערט באַלד אויך שווער, אויב ס׳איז באמת גוט. דאָס איז מסתמא די האַרמאָניע פֿון די סתּירות. זיי האָבן ליב צו זײַן נאָענט באַנאַנד. נאַרמאַל, פֿאָדערט זיך צו יעדן ווידעראַנאַנד כאָטש אַן אַנסאַמבל פֿון צוויי, ס׳זאָל קאָנען זײַן איינער קעגן אַנדערן. אָבער איך קען מיר אויסמאָלן אַ מפֿונק, וואָס האָט ליב אינטימיטעט אַפֿילו אין דער פּלוגתּא — איז ער מחולק מיט זיך אַליין. אַזוי ווערן בײַ אים די סתּירות כאָטש נישט פֿאַרפֿרעמדט.

אין דעם געקראַך פֿון דער מענטשהײַטס לוחות, עטישע, סאָציאַלע, עסטעטישע, וואָס ברעכן זיך, זעט זי געדענקען, אַז זייער בראָכוואַרג האָט אַזש דערגרייכט שלמות — פֿאַלן די ווערטער, ווי שטיינער אין קאָפּ: ווערטער אויף צו להכעיס. זיי האָבן דערשטיקט דאָס קול פֿון מחשבֿה און געוויסן, דאָס געפֿיל פֿאַר מאָס און מידות, די לויטערקייט פֿון ניגון. דער שרײַבער אַליין, דאַכט זיך, האָט קיין הנאה נישט פֿון זײַן טועכץ — איז ער זיך נוקם אין לעזער: זאָל אים אויך נמאס ווערן! גיט איין וואָרט אַ פֿײַף צום אַנדערן — איז עס שוין דאָ: דערנאָך די גאַנצע וואָרט־כאַליאַסטרע. אין חושך פּלעמלען זיך בלענד־לאַמטערנעס פֿון תּהומישן קאַרנעוואַל און די מאַקאַבּרישע קלעזמער שפּילן צו צו די פֿריילעכע קאַזשאַלקעס. דאָס איז נישט קיין געשטאַלטונג, נאָר דאָס רויע מעגאַפֿאָנפֿען פֿון כאַאָס אַליין: גרילץ־פֿאַרוועט פֿון דער קאַקאָפֿאָניע צווישן רעאַליטעט און ליטעראַטור — אַ מאָל בלייבן ליגן אויף דער ערנע גאַנצע קופּעס צעקאַטעוועטע ווערטער, מפֿיל־פֿאַר־זעענישן פֿון וועלכע עס ווערן נישט־גוטע. די פֿאַרגוואַלטיקטע נאַטור האָט זיי „געהאַט" אויף איר שוואַרצער חתונה מיטן צײַטגײַסט: מער מעכאַניק ווי געבורט.

דאָס איז אַ וועלט אָן נאַטור: יענע איז אונטערגעיאָכט און פֿאַרטריבן —

אויך די נאַטור פֿון גײַסט. מען קריגט די אומנאַטור אין אָריגינאַל, עלעגאַנט פֿאַרפּאַקט, אין דער פֿאָרם פֿון קאָנסערוון, אַ מאָל מאָטאָרן: אַ מאַשינדל פֿאַר קאָלטס און וואָרעמס, פֿאַר ליכט און פֿאַר חשכות, מסתּמא אַן אַפּאַראַט פֿאַרן לעבן גופֿא. וואָס זשע האָבן דאָ צו טאָן די „ספֿערן״? אַ מאָל האָבן זיי זיך געהאַלטן פֿאַר „הימליש״ — נישט געווען, דאַכט זיך, קיין אַנדערע — הײַנט איז זיי אויך היפּש אומעטיק. מען האָט זיי איבערגעלאָזט אויף דעם באַראָט פֿון גאַטזוכערס און פּסיכאָ־פּלוידערערס, וואָס טומלען אויף אַלע ליטעראַטור־יאַרידים. אַ סך האַנדלען דאָרט מיט געראָטענע נאָכקרומעניש פֿון זיך אַליין. זיי האָבן אַנגעוווירן דעם צוטרוי צו זייער עכטקייט — פּראָדוצירן זיי פֿאַלסיפֿיקאַטן, וואָס בליאַסקען „נאָך עכטער״. דאָס איז דאָס לעצטע וואָרט פֿון פֿאַרפֿירערישקייט. קיינער גלייבט נישט — אָבער פּער־פֿעקט איז עס.

אַלע מאָל זענען געווען תּקופֿות, ווען מ׳האָט געשריגן אין דער ליטע־ראַטור, אויף אַלע שפּראַכן פֿון אומפֿאַרשטענדלעכקייט — בפֿרט אין די באַ־רימטע „איבערגאַנג־צייטן״: און אונדזערע איז דאָך איבערגאַנג אין פּערמאַנענץ. אָבער איך מיין נישט דעם סקאַרבאָוון קאָלעקטיוו־געשריי, וואָס רײַסט זיך אויף פּאַפּירענע באַריקאַדעס, רוי און הייזעריק, כּדי „אויס־צודריקן״, אַז ער קאָן נישט. דאָס איז דאָס טועכץ פֿון יענעם סאָרט שרײַ־בער, וואָס האַלט זיך פֿאַר אַ פֿונקציאָנאַר פֿון דער תּקופֿה, פֿון די היסטאָרישע פֿונקציאָנאַראָנים, וואָס זענען באַרופֿן נאָכצולויפֿן פֿאָרויס: קול מבֿשׂר פֿון תּוהו ובֿוהו. איך טראַכט דאָ וועגן דעם אויספּעל פֿון פֿאַרמאַטיווער דיסציפּלין און שטרענגער יצירה־אַסקעטיק אין דער אמתער דיכטונג, וואָס איז אַ מאָל געווען אָפּגעהיטן און געמאָסטן און האָט געקאָנט פּועלן בײַ זיך, אָפּצושטעלן זיך, כאָטש אייך וואָרט פֿאַרן סוף, פֿאַרן סוד, כּדי צו שטייגערן דעם ראַפֿינירטן גענוס פֿון התגלות: אַזאַ אוצר שיינקייט בײַ אַ מינימום געצאַמטע ווערטער.

דער ענין שרײַבן, האָב איך מורא, האָט אויפֿגעהערט זײַן אַ פּע־נאָמען: צו פֿיל קאָנען דאָס פֿאָך. אין יעדן שרײַבטיש איז אַרײַנגעבויט ווירטואָזיטעט און עס קאָמבינירן זיך לירישע מאָטיוון מיט אַנגענומענע אימאַזשן, וויזיעס, עקסטאַזן — בעלעטריסטישע טעמעס מיט דורות און כאַראַקטערן, מיט עקזאָטיק, לאַנדשאַפֿט, פּסיכאָלאָגיע און מיט וואָס נאָך

מ׳דאַרף. די פּראָבלעמאַטיק איז סטאַנדאַריזירט. אין יעדער ליטעראַרניע קריגט מען גרייטע געשטאַלטן און קאָנפליקטן, גרייטע גרוילן און בליצן — און צו יעדן אַרטיקל אַ שליסל, צו דעשיפרירן די היעראָגליפן. אַלע האָבן „יריעות" און „לייוונטן", מחמת די גודאָטע האָט ליב רחבות — און נישטאָ די ליידיקייט, וואָס זאָל נישט זײַן „וואָגיק". עס פאַלט אויף, וואָס פון דער יידישער ליטעראַטור איז הײַנט כמעט פאַרשוווּנדן געוואָרן די צאַרט־גלידעריקע דערציילונג אָדער דער חריפותדיקער „שקיץ", ווי מען פלעגט אַ מאָל זאָגן. מסתמא האָט הײַנט דער מחבר ווינציק אָטעם פאַר דער ציזע־לירטער מיניאַטור. שווער זיך אויסצומאָלן בײַ הײַנטיקן טאָג אַ שרײַבע־רישן כתב־יד, וואָס שמעקט מיט נאַכט־שטילקייט, מיט לאָמפּ, אַליינקייט, זעונג, וואָרט־ציטערניש, געשריבן, געמעקט, אַ מאָל מער געמעקט ווי גע־שריבן, געוויגן דאָס וואָרט, דעם גורל, אײַנגעהאָרכט זיך אין ריטעם, געלאַשטשעט זיך צום קאָלאָריט — ווי, אַ שטייגער, אין דור פריער, ווען דאָס אַלץ איז דעם וואָרט געגאַנגען אין לעבן.

איך האָב געזען נישט לאַנג אַ דערציילונג פון אַן אויסגערופענעם יידישן שרײַבער — גיט ער אַ פידל אָפּ מיט ווילערישער רוטינע אַ דינאַמישן טומל, וואָס וואָלט זיך געפּאַסט פאַר האָליוווּדער טאַנדייט: מלחמה און געטאָ, גענעראַלן און פאַרטיזאַנער, אַ שלאָס אין דײַטשלאַנד און אַ דעמאָנישע גראַפיניע, אַן אַמעריקאַנער קאַפּיטאַן און אַ שטעטלדיקער בחור, דערצו „הינטערגרונט" און היסטאָרישע פּיקאַנטעריעס, ווי מען פּראָדוצירט בײַ לײַטן אין די שלאַנקע „טאַשן־ביכלעך" מיט די ראַזעווע טיטול־טעוועלעך: געקויפט, געלייענט, אַוועקגעוואָרפן. בײַם יידישן לעזער, וואָס איז געכאַפּט אין אויפטועדישקייט, קאָן זיך דער גאַנצער ענין באַלד אָנהייבן מיט: אַוועק־געוואָרפן. דאָס איז דער הײַנטיקער לעזער — נישט אַזוי לעזער, ווי „הײַנטיקער".

די העלדן, די כאַראַקטערן, די האַנדלונגען זעען אויס כמעט אַלע גלײַך אין די ביכער פון דעם סאָרט און על פי רוב דאַרף מען זיי גאָרנישט איבער־זעצן פון איין שפּראַך אין דער אַנדערער. די שפּראַכן צווישן זיך זענען קאָרטעלירט אין איין אַלוועלטלעכן סטיל־זשאַרגאָן. אַלץ איז ניוועלירט און אין דער מאַסן־אינדוסטריע קאָן אַלץ געטוישט ווערן, ווי מען בײַט איבער אַן שוועריקייטן אָפּגעריבענע טיילן פון אויטאָמאָבילן, טעלעוויזיע־אַפּאַ־

ראַטן, וואַש־מאַשינעס. אין דעם קונסט־טאַנדייט ווערן די טיילן באַלד נײַערהייט געליפֿערט אָפּגעריבן, כּדי נישט מטריח צו זײַן דעם קליענט. דאָס איז אינטערנאַציאָנאַלע אויסטויגערײַ אין דער טעכניק פֿון גײַסט. פֿאַראַנען ליטעראַטור־לאַבאָראַטאָריעס אין מאָדערנע הויכשולן, ווו יונגע לײַט לערנען עטלעכע סעמעסטערס טעאָריע און פּראַקטיק פֿון „שאַפֿן", טיף־בוי און וואָלקן־קראַצערײַ — און אַלץ, וואָס די פּראָפֿעסאָרן אַליין ווייסן נישט וועגן דעם סוד פֿון שרײַבן, ווערט אויף די קאַטעדרעס: „וויסנשאַפֿט". די יונגע לייט שרייבן דיסערטאַציעס, האָט מען פֿריש „ביי־כער". יעדע באַנאַליטעט באַקומט טערמינאָלאָגיע און די סבֿרות פֿרוכפּערן זיך. דאָס איז דער נעאָ־נודניק אין דער ליטעראַטור. אַ מאָל איז ער דערגאַנ־גען די יאָרן אויף אַן ענגן שטח — איז די צרה געווען לאָקאַליזירט. הײַנט האָט ער ברייטע האָריזאָנטן. איך בין נישט זיכער, צי וואָלט זיך טאָמאַס מאַן געקאָנט פֿאַרמעסטן מיט אַ מאָדערנעם סטודענט, וואָס לערנט אין דער אַקאַדעמיע בעסט־סעלערײַ.

מיר אַלע פֿילן, ס'האָט זיך אָפּגעטאָן פֿון דער וואָרטקונסט די שטילקייט, בײַ אונדז און בײַ אַנדערע: אַ שווערע אַבֿדה. קענטיק, אַז מענטשן האָבן נישט מער, וואָס צו שווײַגן — דער עיקר יענע, וואָס האָבן נישט, וואָס צו זאָגן: שרײַען זיי. על פּי רובֿ וויל דער געשריי אַפֿילו גאָרנישט באַ־טײַטן — און לײַכט פּועלט ער בײַם לעזער, ער זאָל אויך גאָרנישט וועלן: לייענען אויך נישט. דאָ טאַקע האַלטן מיר. אַ מאָל האָט זיך דער ניגון פֿון אויסגעזונגענעם שווײַגן טיף אַרײַנגעפּרעסט אין דער דיכטערישער שפּראַך און האָט זי באַזיגלט מיט דעם חותם פֿון גאָלד־עכטקייט. איז דאָס פּאָעטישע וואָרט געוואָרן אַ מטבע. אַ מאָל — אַ מאָל ביי יידן, נאָך אַמאָלער, אין סאַמע אָנהייב, איז דאָס וואָרט געווען אַ „דיבור", פֿון די דיברות, אויס־געברענט מיט מידברישן עקסטאַז, סאַמע קאַנטן און קנאַפּקייט, אויף דעם הינטערגרונט פֿון קולות וברקים. דאָס איז געווען אונדזער ערשטער אַרויספֿאָר אין דער וועלט פֿון וואָרט: בראשית מיט אַ טיפֿן אַרײַנקוק אין אַחרית־הימים. אויף וויפֿל מיר געדענקען פּערזענלעך דעם מעמד הר־סיני, האָט זיך געפֿירט דאָרט אַ גורלדיקער דיאַלאָג צווישן דעם זאָגן און דעם שווײַגנדיקן הערן. דער דיאַלאָג האָט פֿאַרנומען ווינציק אָרט, ווינציק וואָרט: כּמעט אין גאַנצן אָן „שילדערונג", אָן רעפֿלעקסיעס און מעטאַפֿאָרישן

אויפֿפּוץ. אפֿשר איז נישט געווען מיט וואָס. ווינציק רייד געווען אויף דער וועלט, מסתּמא אויך ווינציק זאַכן, נישט אַ סך מער ווי איינזאַמקייט און ליבע, אַוודאי הונגער, טרויער, טויט — איז שוין גאָט גאָר נאָענט. מ׳האָט געהערט די שטילקייט אַרום אים.

שפּעטער, אַ סך שפּעטער, אַז אַ דיכטער, אַ שטייגער, האָט אָנגעשריבן מיט דבֿקות דאָס איינע וואָרט: „אָוונט" — איז באַלד געוואָרן שטיל אין דער שטימונג פֿון באַשאַף. דאָס וואָרט איז געוואָרן ליד און מ׳האָט קוים געמוזט מטריח זיין די שטערן און די כמאַרעס, דעם וואַלד און דעם ים: אַלץ איז שוין שטילערהייט אַריינגעמאָלט אין דעם איינעם וואָרט, וואָס האָט געהאַט אַרום זיך אַ רעמל שטילקייט — און פֿאַר דעם וואָרט איז געווען גענוג רוים אויסצוּוואַקסן ברייט און טיף. עס האָט אויך געהאַט גענוג צייַט. קיין „טעמפּאָ" איז נאָך נישט געווען, קיין מאַרק אויך נישט, וואָס זאָל מאָנען „פּראָדוקציע" — האָט דער דיכטערישער געדאַנק זיך געצייַטיקט. דאָס בילד האָט זיך איַינגעקריצט און דער ניגון האָט זיך פּאַמעלעך אויס־געזונגען ביז צום לעצטן ציטעריקן אויפֿהער, ווי שאַרפֿע משקה, וואָס איר אַראָמאַט טרינקט זיך לאַנג, נאָכן לעצטן טראָפּן. אַזוי טרינקט אַן אמתער טרינקער, מיט אַ הפֿסקה נאָכן ערשטן טיפֿן זופּ, וואָס האָט אים געגעבן די וועלט צו זען. דאָס ליד האָט געהאַט איַינגעבוירענע שווייַג־פּונקטן צווישן וואָרט און וואָרט — איז די הפֿסקה אויך געווען דיכטונג. דאָס דיכטערישע וואָרט איז געווען באַגלייבט און האָט געהאַט צוטרוי צו זיך אַליין: אַזאַ ווינציקער ברייליאַנטן־שפּריץ און עס גליט אין אים אַ וועלט מיט פֿאַר־האַלטענעם פֿייַער — ווער זשע דאַרף דעם קאַלטן בליאַסק פֿון רעפֿלעקטאָרן?

געווען אַ מאָל אין יעדער ליטעראַטור אַ באַליבטער פּלאַץ „צווישן די שורות", אַ שטילער שטח — האָט זיך דאָרט געהאַלטן דאָס נישט־דערזאָגטע: דאָס גאַלד פֿון דער דיכטונג. הייַנט איז דער פּלאַץ פֿאַרבויט מיט שורות און צווישן זיי שטופּן זיך אַנדערע. בייַ אַזאַ ריזיקן ווערטער־יאַריד לאָזט מען הייַנט נישט שטיין קיין ליידיקע פּאַרצעלעס צווישן די שפּראַך־בנינים, ווי עס פֿלעגט אַ מאָל זייַן אַ הויף, מיט לופֿט אַרום יעדער שטוב: אַלטפֿרענקישע אַרכיטעקטור. נישט פֿאַראַנען הייַנט בכלל קיין שווייַגנדיקע מענטשן — און די, וואָס רעדן נישט, שווייַגן דען? — און ווייַל ס׳זענען נישטאָ מער קיין שווייַגערס, זענען אויך נישטאָ מער קיין צוהערערס. זאָגט

אָבער די וועלט, אַז מענטשן, וואָס קאָנען נישט צוהערן, קאָנען אויך נישט דערציילן.

אַוודאי איז דאָס אַלץ נישט מער ווי שפּיל־געפֿלימער פֿון פֿאַרבלאָנדזשעטע פֿונקען. אַ מאָל, בײַם זיידן אין דער קבלה, האָבן זיי געהייסן „ניצוצות״ — האָט מען געוווסט, ווער זיי זענען, פֿון וואַנען זיי קומען. אָבער זיי הענגען נאָך אַלץ אין חלל און קיין ליכט ווערט נישט. אפֿשר וואַרטן זיי אויף דעם שרײַבערס צירופֿים — זאָל ער מיט זיי אָפּריכטן שאַפֿערישע תּפֿילות, אין ליריק און אין פּראָזע און אין יעדן יידישן זאָג מיט כּוונה, וואָס לאַשטשעט זיך צו דער פֿרייד פֿון שיינקייט און אמת. דאָס איז דאָס וואָרט, וואָס זײַן שורש איז דער סוד הצמצום. אונדזער דור האָט שוין, דאַכט זיך, אויסגעליאַרעמט אַלע געוואָלדעס אין אַלע לשונות פֿון שפּראַך־שיכּרות, וואָס דורך איר וויי־געהוליע האָבן זיך קוים דורכגעטרויערט דאָ און דאָרט זעלטענע, באַגלייבטע שורות פֿון אמתע פּאָעטן אין דער שטילקייט צווישן קולות וברקים. בענקט זיך, אין מיטן פּורעניות, נאָך דער בלויער רגע פֿון נאָכן שטורעם, ווען די איבערגעשראָקענע וועלט קערט זיך אום, נאָכן געוואָגל, צו זיך אַליין, טוליעט זיך צו איר שאָטן, האָרכט זיך אײַן אין איר אייגענעם קול. פֿאַראַנען מבול־שווימערס, וואָס האָבן אין פֿריערדיקע ליטעראַטור־עפּאָכעס אויך געהאַט צו טאָן מיט „שטרעמונגען״ — האָט מען זיך צוגעוווינט צו וואַסער. אָבער „שטרעמונגען״ האָבן אַ טבֿע, אַז זיי רינען אַלע אין איין גריבל אַרײַן — וואָס זשע קומט אַרויס פֿון דעם חדר־ייִנגלשן שפּיל? איך ווייס נישט, צי האָבן מיר וווהין זיך אומצוקערן און צי וועלן די תּפֿילות זײַן גרייט אונדז אויפֿצונעמען — אָבער אַוודאי האָבן מיר, פֿון וואַנען צו אַנטלויפֿן: פֿון דער פּאַניק, וואָס טרייבט אַוועק פֿון זיך אַליין, פֿון צירק, יאַריד, געגראַמטער משוגעת.

אַזוי פֿיל גלאַנץ האָט אויסגעשטראַלט די ייִדישע שאַפֿונג, קאַפּריז פֿון אַ לשון, וואָס רעדט ווערטער, אַלע מיטן טראַפּ, אַלע אָנגעזאַפּט מיט קאָלירן, וואָס שימערירן אַרײַן פֿון פֿאַרשידענע זײַטן וועלט, מישן זיך, טונקל און פֿאַרשײַט, ווערטער, וואָס האָבן זיך גורלדיק באַהאַפֿטן אין טויזנטיאָריקן געוואָגל: צונויפֿגעטריבענע שאָף אין שטורעם. זאָגט איינער: אַזוי לאַנג אָן ערלעכער פּאָעט זינגט אויס אַ ליד אויף ייִדיש און אַ דערציילער דערציילט און איינער פֿורעמט אַ געדאַנק — איז ייִדיש אַ לעבעדיקע וועלט,

כאָטש בעלי תכלית קערן וועלטן, צו קריגן וואָס גיכער אַן אומשטערב־לעכקייט־וויזע פֿון איינער אַ וועלט־שפּראַך — געניג געפּראָוועט התּ־בודדות. ס׳איז שעת־רחמים פֿון יידיש, ווייכער שבת פֿאַרנאַכט און שקיעה לאַשטשעט זיך צו קדושה. נאָגט בייצייטנס די בענקשאַפֿט נאָך דער נשמה יתירה, וואָס דערוויטערט זיך — לאָזט מען זי דען? אַלע מאָל רופֿט זי אַן אַנדער מנגן צוריק מיט אַ ניגון. דער ניגון טוט אַ פֿלאַקער צווישן די שאָטנס, צאַנקט אין בין השמשות און הייבט זיך ווידער אויף — אָבער אָט איז שוין דאָרט ערגעץ די ראַגאַטקע און עס לעשט זיך דאָס מלכות פֿון שבת. צעשפּילט זיך ערשט פֿייערדיק די ליבשאַפֿט: אַ מין אַנטיציפּירטע בענקשאַפֿט פֿון פֿאַר נאָך־אַלעמען.

אומעטיק ווערט אַ מאָל, ווען מען גיט אַ קוק אויף די פּאַליצעס, וואָס זענען אָנגעשטאָפּט מיט פֿרישע קנאַקנדיקע קוואַנטומס „גײַסט". יענער פּרוכפּערט זיך, אַן שאַפֿערישן יצר־הרע: „מהיכא תיתא". אַלע ביכער האָבן זאַצן, ווערטער, אינטערפּונקציע, טועכץ — אָבער עס טרעפֿט, אַז קיינער ווייסט נישט, צוליב וואָס. נאָר די נישט־געשריבענע ווערטער בין איך יאָ מקנא: זיי קאָנען זיך כאָטש נישט באַנאַרישן. וואָס זשע איז ס׳חידוש, וואָס קיין נחת איז נישטאָ און יום־טובֿ איז אויך נישט פֿריילעך! אַ מאָל בלײַבט מען שטיין פֿאַרחידושט בײַ אַ ריינער פּאָעטישער שורה אָדער בײַ אַ דער־ציילערישן בילד, וואָס האָט פֿאַרבלאָנדזשעט אין אַ מידבר פֿון טרייסטלאָזע רייד: ווערטער צעקנייטשטע, אָפּגענוצטע, וואָס האָבן קיין כּוח נישט צו זיך אַליין — זשיפּען זיי און ס׳גאָרנישט. אַנדערע שפּיגלען זיך אין אָפּשײַן פֿון אייגענע גלאַנצן — ס׳איז נאָך אַלץ גאָרנישט. איך קען ווערטער, וואָס שריי־בערס האָבן זיי אויסגעליידיקט פֿון זיך: אַנימאַלישע פֿונקציע. און ווידער: גרודעס מיט מלאַיעווקע, ווערטער מיט קוליסן און קאָסטיומען, וואָס מען גלייבט זיי קיין איין וואָרט נישט — ווערטער, וואָס זאָגן זיך אַליין און הערן נישט איינס דאָס אַנדערע. זיי גייען אַלע אין איינעם, גאַנצע טשאַטעס, גראַגערן ווי צעגאָגערטע מיידלעך אויפֿן פֿאַרנאַכטיקן שפּאַציר, וואָס נישט זיי שמועסן, נאָר זיי צעשיטן זיך פֿון רייד. און אַ סך זענען דאָ צווישן די ווערטער, וואָס קומען נישט פֿון ערגעץ, ברענגען מיט זיך גאָרנישט, נאָר זיי זענען באַלד דאָ און זיי טומלען שוין: אומעטום פֿול, אומעטום ליידיק. אויף דער אַנדערער זײַט זענען פֿאַראַנען ווערטער, וואָס חידושן זיך אויף

זיך אַליין: פֿון וואַנען? ווי אַזוי? זיי גלייבן נאָך אַליין נישט, אַז זיי זענען טאַקע דאָ אויף אַן אמת. אין תּוך לערנען זיי זיך ערשט קומען אויף דער וועלט, לערנען זיך אַרויסגעזאָגט ווערן, האָבן אַ קיום.

איך האָב געלייענט אַ מאָל אַ מעשׂהלע מיט איינעם אַ סולטאַן, וואָס האָט באַפֿוילן דעם חכם, ער זאָל פֿאַר אים אָנשרײַבן די געשיכטע פֿון מענטשלעכן לעבן, אַרום און אַרום, מיטן גורל אין איינעם. האָט זיך דער חכם געפֿעדערט און פֿאַרפֿאַסט דאָס ווערק, ווי באַפֿוילן, — וואָס ווייסט אַ חכם: 500 בענדער, דאָס גאַנצע לעבן. מאַכט דער סולטאַן: ניין — ווער האָט צייט, צו לייענען 500 מסכתות? מ׳דאַרף דאָך רעגירן אויך! האָט זיך דער חכם דערשראָקן, איז אַרויפֿגעקראָכן אויף זיין בוידעם און געמאַכט אַ חיבור פֿון 100 פֿאָליאַנטן — אויך צו פֿיל. נאָך קירצער! — בייזערט זיך דער סולטאַן. דערווײַל איז דער חכם גרוי און אַלט געוואָרן. ער האָט שוין ביי אַ חיבור פֿון איין איינציקן באַנד: אַלץ נאָך צו פֿיל. לימים האָט מען דעם זקן מן השמים אַרײַנגעגעבן דעם רעיון און ער האָט אָנגעשריבן עטלעכע קנאַפּע שורות אויף איין שמאָל בלעטל: געבוירן געוואָרן דער מענטש, לאַנג זיך געמאַטערט, ביז ער איז געשטאָרבן. אָבער דער דאָזיקער חיבור פֿון די עטלעכע צמצומדיקע שורות וועגן דעם גורל פֿון מענטש האָט געדויערט לאַנג און נאָך לענגער — און ווען דער חכם האָט צום סוף דערלאַנגט דעם האַר די מגילה, איז ער אַוועקגעפֿאַלן אויף די טרעפּלעך פֿון סולטאַנס טראָן, פֿאַרברענט אין פֿײַער פֿון יצירה.

שאַפּערישער מיטאָס

שווערע מערכה פֿון ייִדיש — און אומעטיק, דאַכט זיך, איז אַלעמען, כאָטש אַנדערע טענהן: בעסער נישט אויסזאָגן אַפֿילו זיך אַליין. אומעט שלאָגט אָפּ די פֿליגלען — און אָן „פֿליגלען", זאָגן חכמים, ווערסטו ווייט נישט דערגיין. האָבן אונדזערע מאַמעס פֿאַרצײַטנס, קלוג און פֿאַרצווייפֿלט, וואָס האָבן באַדאַרפֿט אי אײַנרײַסן, אי טרייסטן, אויסגעפֿונען אַ היימיש פֿאַרטל פֿון קנייפּן דעם פּנים — און אַרויסגעקומען איז נאָך דעם אַרײַנגעשרויפֿטן קניפּ: ברוין און בלאָ און בלייך, גרין מיט טונקל, אַלץ אויף דעם הינטערגרונט פֿון גרוי — טרויעריקער רעגן־בויגן.

אָבער דער יצר־הרע פֿון אומרו לאָזט ניט אָפּ: ווי האַלט עס פֿאַרט מיט ייִדיש בײַם הײַנטיקן טאָג אין אונדזער וועלט, אין גלות און אין ישׂראל, ווי ייִדיש פּראָוועט „רענעסאַנס" מיט אַ שווער געמיט? איך טראַכט נישט וועגן אַרומנעמען און אויסשעפּן די פּראָבלעם פֿון ייִדיש ווי אַ רעאַלן כּוח אין גײַסטיקן לעבן פֿון פֿאָלק און אַוודאי האַלט איך נישט פֿון אַרויסזאָגן ריזיקאַלישע נבֿיאות וועגן דעם מאָרגן פֿון ייִדיש. דאָס איז די עובֿדה פֿון אויסגערופֿענע אונטערגאַנג־נבֿיאים. יענע קלאָגן זינגעוודיק מיט פֿײַן מאָדולירטע שלשלת־ניואַנסן פֿון איכה, אייגנטלעך שוין זינט לאַנגע יאָרן, ווען ייִדיש האָט נאָך געהאַלטן אין מיטן בלי: ניט געפֿרעגט און געבליט. און באַהיט זאָל מען ווערן פֿון דער נאַרישער חכמה פֿון די נבֿיאים, וואָס האָבן קיין צײַט נישט, און נעמען שוין לאַנג אַוואַנסן אויף דעם „אונטערגאַנג פֿון ייִדיש".

אַוודאי, איצט פֿילן אַלע, שרײַבנדיק און שווײַגנדיק, אַז מיר געפֿינען זיך אין סאַמע מיטן ווונדיקן אינעווייניק פֿון דעם ייִדיש־ווייטיק. ער איז נאָך נישט אויסגעצייטיקט און קיינער קאָן נישט זאָגן, וווהין די אַנטוויקלונג פֿירט. אַ מאָל קאַפּריזעוועט זיך די געשיכטע און פֿירט צו נסים, אויף וועלכע

מיר זענען כּמעט ווי אַבאַנירט בײַם גורל. קודם־כּל אָבער פֿעלט נאָך דיס־טאַנץ, אָן וועלכער די אָביעקטיווע באַטראַכטונג גיט זיך קיין מאָל קיין ריר נישט. וואָרעם יענע נוצט בלויז פֿעסטע קריטעריעס פֿאַר אירע טעותן, כּדי צו בלאָנדזשען אין גאַנצן זיכער. און אפֿשר איז דאָס, וואָס איך וויל זאָגן, טאַקע נישט מער ווי שטימונג און געדאַנקען־ציטערניש — ווייס איך ווידער נישט, ווער האָט געאַסרט אין אַזאַ צערודערטן לעבן סוביעק־טיווע געדאַנקען־פּיַין, אַזוי צו זאָגן „פֿרייַע", אָן אַ סיסטעם.

צעריסן די וועלט, וואָס איז ערשט נישט לאַנג געווען איין צונויפֿ־געוועבטע וואַרעמע גאַנצקייט: שרײַבער און לייענער, אויפֿגעוואַקסן און געלעבט אין איין גייסטיקן קלימאַט, אין איין דרויסנדיקער און אינעווייניקסטער לאַנדשאַפֿט, אין דעם איינעם גײַסט פֿון פֿאָלקס־הומאַניזם, וואָס האָט אויפֿגעשפּראָצט אין יידיש און איז דעמאָלט פֿאַר קיינעם קיין פּראָבלעם נישט געווען: יידיש של מעלה און של מטה, די גאַס און דער קדשי קדשים, שפּראַך און גרילץ, געוויין און געלעכטער, חלום און וואָר, אידעע און בילד און די צאַפּלדיקע גאַלעריע פֿון קינסטלערישע געשטאַלטן, געפֿורעמט פֿון דער רויער ווירקלעכקייט — אַלץ אויסגעשפּונען און געקניפּט אין דעם ווייכן, לויכטנדיקן וווּנדער־דיוואַן יידיש. איז אַוודאי נישט שייך טרויערן באַ־זונדער אויף דעם אומקום פֿון דעם דאָזיקן שאַפֿערישן אינטעגראַל. ער איז פֿאַרברענט געוואָרן אין איינעם מיט די יידן. יענע האָבן אין זייער אַש מיטגענומען אויך די פּרוכפּערדיקע, אָטעמדיקע שוואַרצערד, אין וועלכער עס האָט געוואָרצלט די יידישע ליטעראַטור.

די תורה האָבן מיר מקבל געווען ביים סיני
און אין לובלין האָבן מיר זי אָפּגעגעבן.
נישט די מתים לויבן גאָט,
די תורה איז געגעבן געוואָרן צום לעבן.
און אַזוי צוזאַמען, ווי מיר זענען אַלע באַזאַמען
געשטאַנען ביי מתן־תורה,
אַזוי וואָר זענען מיר אַלע געשטאָרבן אין לובלין.

(יעקב גלאַטשטיין)

טרעפֿן מיר היַינט ליבהאָבער פֿון דער ייִדיש־שאַפֿונג, אויפֿגעצויגן אין התלהבות, וועלכע האָט זיך אָבער שוין אָנגעהויבן נודיען אין זייערע הערצער און וויאַנעט איצט פֿאַר דער ציַיט. אפֿשר האָבן מענטשן מורא, גיַיסטיק הנאה צו האָבן אויף דעם פֿאַן פֿון אומזיכערקייט מיט דעם מאָרגן. אַלע פֿילן: די ייִדישע ליטעראַטור פֿון אונדזער דור איז געצייכנט מיט דעם חותם פֿון גורל, וואָס ציטערט אַליין וועגן זיין באַשייד — און נישט אויסגעַ־רעדט זאָל זיין דאָס וואָרט: „לעצטע". שטראַלט גלאַנץ פֿון שקיעה אַרום דיכטערישע שפּיצן־דערגרייכונגען אין פּאָעזיע און פּראָזע — ווי עס צע־שפּילט זיך די זון מיט אַן עשרות פֿאַרבנגלאַנץ, איידער דער הימל פֿאַר־טונקלט זיך — און אין מיטן גייסטיקן יום־טוב, וואָס דערפֿרייט דאָס האַרץ מיט יעדן קונסטווערק אויף יידיש, פּייניקט זאָרג, אַרויסגעזאָגטע אָדער באַהאַלטענע.

עס גייט מיר נישט וועגן ליטעראַטור־סטאַטיסטיק מיט געריסעוועטע ציפֿערן־צאַצקעס אין קונציק געקעסטלטע טאַבעלעס — וויכטיק איז קודם־כּל די דינאַמיסטיק, די שאַפֿערישע לעבנס־עקשנות פֿון ייִדיש, וואָס לאָזט זיך אַליין נישט איבעררײדן, צו נעמען אויף זיך די מעלאַנכאָליע און דעם גזר פֿון האַרטע אַנטוויקלונגס־געזעצן. קומען צו פֿאַר אונדזערע אויגן אוצרות שיינקייט פֿון בילד און געדאַנק אויף ייִדיש, וואָס מאַכן חוזק פֿון ייִאוש. די ביכער גיבן זיך אַרויס, לויט אַ מין מיסטעריעזן סיסטעם פֿון „יאַקאָש", קעגן אַלע כּללים פֿון פֿאַרלעגערישן חשבון, כּמעט אָן אַ מאַרק: „בעסט־סעלערס" פֿון פּראָגרעסיווער סטאַגנאַציע. טייל מאָל שרעקט מיך אַ קאָשמאַר, אַז די ביכער לייענען זיך אַליין גייסטערדיק, ווי די ספֿר־תּורהס אין דער קאַלטער שול, ווו עס דאַווענען בר־מיננס אין האַלבער נאַכט. ווי אַזוי דאָס גייט צו, ווייס איך נישט, און די, וואָס ווייסן יאָ, מאַכן זיך נישט ווויסנדיק און ליבן עקשנותדיק וויַיטער: ליבע איז נאָך אַלץ אַ סגולה.

פֿלעגן זיך אַ מאָל שטופּן ייִדישע ביכער אויף פּראָסטע פּאָליצעס און טישן און פֿון דאַנען זענען זיי געגאַנגען פֿון האַנט צו האַנט — פֿולע הענט מיט פֿרייד. עס איז געווען היימישער הונגער נאָך ייִדישער שיינקייט. מען האָט אַריינגעלייגט אייגענעם אומעט און אַרויסגעלייענט פֿרייד. דאָס איז געווען דאָס גרויסע געווינס: דער סוד פֿון יעדן קונסט־געניוס. געקומען צו דער ליטעראַטור מיטן נאַקעטן האַרץ און באַגליקט געוואָרן מיט טרייסט.

הײַנט שטייען אין עלעגאַנטע שאַפֿעס שיימעס אין פּראַכטבאַנד און מיט דעם קאַלטן גלאַנץ פֿון זייערע גילדענע פּלייצעס וואַקסט די פּוסטקייט אין סאַלאָן. די ביכער זענען געוואָרן ספּרימדיק, רעפּרעזענטאַבל, ווי דאָס גרויסע מעבל אין די איבעריקע שטיבער פֿון גבֿירישע דירות, וואָס שטייט „בלויז אַזוי״.

אָפּגעטומלט האָט אויך דער לייענער אַ הייסע יוגנט מיט אַלע העזהדיקע סטיל־עקספּערימענטן פֿון אַ שטורעמדיקן פּאָעטן־דור, אויסגעברענט עכטע און בענגאַלישע פּאַלעמישע פֿײַערן וועגן אַלט און נײַ, אידעען און שטרע־מונגען, סטילן, עקספּערימענטן, בכבודיקע בלאַנדזשעגישן — גייט דאָס אים איצט וועגן לעצטע סך־הכלען. דער ליבהאָבער האָט זיך באַרויקט — און ער דאַרף, ס׳זאָל אים איצט שטיין גאַנץ ש״ס פֿון דער ייִדישער ליטע־ראַטור — ש״ס, וואָס מאָנט נישט, דערקוטשעט נישט — ווי ווײַט מעגלעך טרילאָגיעס, גאַלעריעס פֿון זיידעס אין אייל, מיט לאַנדשאַפֿטן און וואַנ־דערונגען, שקלאָוו און ניו־יאָרק, מנחם מענדל און ישו הנוצרי, חב״ד און וועלט פֿון מאָרגן. דערצו היסטאָריאָסאָפֿישע מאָנאָלאָגן וועגן „קיום און המשך״ און ס׳מעג זײַן ייִדישיסטישער אַחד העם מיט סבֿרות, וואָס האַלטן זיך פֿאַר „סיסטעמען״ און זענען ביי זיך היפּש אין גרויסן, וואָס מ׳האָט פֿון זיי קיין הנאה נישט — מיט מילדן מאַרקס, מיט גוזמות פֿעלקער־פּסיכאָלאָגיע און געקליבענע פּלאָנטערס פֿון דער גאַנגבאַרסטער אינטעלעקטועלער טערמינאָלאָגיע — דאָס אַלץ פֿעסט געבונדן, מיט גאָלדשניט, אפֿשר אילוס־טרירט: שטייסט — שטיי! וואָס אָבער וועט טאָן די ליטעראַטור, וואָס שאַפֿט נישט אין איינזאַמקייט, נאָר אין פֿאַריתומטקייט, אָן לעבעדיקער רעאַליטעט אַרום זיך, אָן דער פֿרייד פֿון אָפּקלאַנג, ליטעראַטור פֿאַר טויבע — דאָס זענען ספֿקות, וואָס נאָגן בײַם האַרצן, אַלץ איינס, צי מעג מען זיי אַרויס־זאָגן, צי נײן.

אַלע קענען דעם ברוטאַלן גורל פֿון יידיש אין ראַטנפֿאַרבאַנד, וואָס איז געמישפּט געוואָרן מיט חנק, דער לעצטער פֿון די ארבע מיתות בית דין. שטומט דאָרט ייִדיש מיט דער הימל־שרייענדיקער שטומקײַט פֿון מיליאָנען ייִדן, געפּענטעטע אין „פֿרײַהײַט״, וואָס זייער סוף איז גײַסטיקער כּרת אין דער „וועלט פֿון מאָרגן״. וואָס זשע נאָך קאָן מען זאָגן וועגן דעם דאָזיקן נעאָ־באַרבאַרישן גזר, וועגן דער טייוולאָגישער אינקוויזיציע פֿון דער

גאָטלאָזיקייט! אין די אַמעריקעס, ווידער, אין צפון און אין דרום, איז די שפּראַך, חלילה, נישט אומגעקומען, אָבער איר לעבעדיקייט איז „אַהינגעגעקומען" אָן גזירות, געגאַנגען לאיבוד, אַזוי צו זאָגן, אין וווילטאָג, כאָטש נישט מיט פֿולער שפּורלאָזיקייט, אַזוי לאַנג עס גייט אַרויס אַ גרויסע פּרעסע אין ייִדיש. האָב איך מורא, אַז אויך ייִדיש „גייט אַרויס" מיט דער פּרעסע אין איינעם — גייט אַרויס אין גאַס פֿון די צייטונגען און קומט נישט צוריק אין דער אינטימקייט פֿון שטוב, ווו מענטשן ווילן זיין אינעווייניק, שמועסן צווישן זיך, שמועסן מיט אַ קינד אָדער לייענען אַ בוך, פֿאַרברענגען מיט אַ געדאַנק. צו קיין שטילע טענער קאָן זיך דאָס פֿאַריאָגטע פּרעסע־יידיש נישט דערגרונטעווען, די הויכע, ווידער, הילכן אויס זייער ניוועלירטן וועלט־זשאַרגאָן אין די טומלדיקע צייטונגסקעפּ, וואָס גרילצט אין אַלע לשונות גלייַך, צעדרינזשעט בלעך פֿון אַלע שפּראַכן — בלייַבט שוין נישט קיין ייִדיש פֿאַר דעם אינעווייניק, פֿאַר דעם געמיט פֿון לייענער, פֿאַר דער נאַטירלעכער אָטמאָספֿער פֿון דער ייִדיש־שאַפֿונג.

אַוודאי זענען פֿאַראַנען געטרייע פֿריינט און חסידים פֿון יידיש מיט אַ יצר הרע צו דעקן דעפֿיציטן, האַלטן זיי אויס ליטעראַטור־זשורנאַלן, וואָס באַלד ביים אַרויסגיין גרייטן זיי זיך אונטערגיין. דערווייל דרוקן פּאָעטן זייערע לידער און זאָגן זיך חבריש אַריין איינער דעם אַנדערן — אויך אַ תענוג. שטענדיק הערט מען וועגן אַ בייעם פּרווו עפּעס אויפֿצוטאָן און מען דערוויסט זיך וועגן אַ פֿרישער ליטעראַרישער געזעלשאַפֿט, אַ מאָל אַ ביכער־פֿאַרלאַג, אַ קולטור־קלוב, אַ לייען־צירקל. איז דאָס אַלץ? דאָ און דאָרט וואַרעמט מיט זיין היימישקייט אַ סאַלאָן פֿון אַ „פֿאָלקסדאָקטאָר", אַ פּראָגרעסיוון גביר מיט אַ „ברייטער האַנט", מיט טענות און קולטור־פֿילאַנטראָפּיע, אַ בונדיסטיש ווייבל מיט ראָמאַנטיק און פֿאָלקסלידער — שאַפֿט זיך אַ „קרייזל", לויט פֿאַרצייטיקע מוסטערן, און מען פּראַוועט יידיש־נאָסטאַלגיע מיט קאָקטייל און „פֿרייע שמועסן": איז דאָס שוין ליטעראַטור אויך. ווערט אַ מאָל ניפֿטר אַ יידישער שרייבער, טוען זיך אָן די געטרייע חובבי שפֿת יידיש אַ שלייפֿל־טרויער אין לאַץ. כאַפּט, ווידער, דער שרייבער און קומט פֿריער אַליין צו פֿאָרן, איז אַוודאי גוט — אין ביידע פֿאַלן בלייבט מען אינטים: גלייכער, מען ווערט נישט געשטערט. אַ מאָל דערמאָנט מען זיך, אַז אין שטאָט איז טעטיק אַ ביבליאָטעק, ווו

די מענטשן פֿון „קרייזל“ אַליין, איידער זיי זענען געוואָרן עקסקלוזיוו, פֿלעגן אַ מאָל אַריינקומען, ווי יידן אין שטעטלדיקן בית־מדרש צו מנחה־מעריב. די ביבליאָטעק פֿאַרמאָגט גאַנץ ספּעקטאָר, עטלעכע ביכלעך גאָרקי, מאָריס ראָזנפֿעלד און אַ ביכל פֿון מאַקס נאָרדוי און איינס פֿון משה העס, אַחוץ אַן אויסגעלייענטן, צעפּליקטן שלום עליכם אין פֿאַרצייטיקע טעוועלעך, וואָס מען קאָן שוין מער נישט נוצן. שפּעטער האָט מען צוגעקויפֿט פּרץ און שלום אַש, דערנאָך י. י. זינגער און באַשעוויס, ליעסין, לייוויק, א. מ. פֿוקס, יהואש און מאַני לייב, נאָך עטלעכע „בייע“ — שוין.

אַ מאָל באַווייזט זיך אַ בלייך פֿלענצל יידיש אַפֿילו אין אַן איינזאַמער קהילה פֿון מיזרח־יידן אין ווייטן מערב: אַ קהילה מיט אַ מנין עקשנים פֿאַר יידיש, מיט רעשטלעך אַלט־ראָמאַנטישער דאָיִקייט, אַריבערגעפּעקלט צום אַטלאַנטישן אָדער פּאַסיפֿישן אָקעאַן. לעבן דאָ אַ ביסל יידן צווישן נייע גוים, וואָס האָבן נאָך נישט באַוויזן, צו שטייער צו געבן עפּעס צום יידישן פֿאָלקסשטייגער, נישט קיין רישעות און נישט קיין פֿאָלקלאָר, וואָס זאָל קאָלאָרירן מיט אַ פֿריש ביסל נעאָ־גוייש די שטענדיק אָנגעברייטע, מילדע, אָפֿענע, יידישע שפּראַך, וואָס האָט אַ לעבעדיקע טראַדיציע פֿון מישן זיך און ס׳איז איר אַלע מאָל וווויל באַקומען.

כאָוועט דער איינזאַמער ישוב אַ שטילן סענטימענט צו איינעם אַ זיידן, דעם ערשטן פּעדלער אויפֿן פּלאַץ אָדער דעם ערשטן „קלאַפּער“. יענער האָט אין די אָנהייב־יאָרן אַרומגעטראָגן איבער פֿרעמדע דערפֿער אַ פֿולע פּלייצע יגון ואנחה, דערצו ראָזעווע יויזלעך מיט זיסע האָניק־בערדלעך, מיט אַ ווייכן, עכט־יידישלעכן קנייטש פֿון אויסלייזערישן אָרי־גינאַל־צער, וואָס מ׳קריגט נאָר ביי יידן. זענען די געטשקעס ביי אים צעכאַפּט געוואָרן — און דעם אַלטנס אויפֿגעריכטע זין, גבירים, וואָס קאָנען זיך פֿאַרגינען אַ שוואַכקייט, האָבן שוין אַפֿילו באַשטימט אַ פּרעמיע פֿאַרן „בעסטן ווערק“ אויף יידיש. אַ מאָל איז דער פֿילאַנטראָפּ אַליין דער רעפּרעזענטאַטיווער נישט־לייענער: „מיסטער פּרעזידענט“. נעמט דער לאַורעאַט, אַ ביסל ביישנותדיק, דעם כבוד מיט די עטלעכע הונדערט דאָלאַר, ווי פֿאַרצייטיקע מחברים מיט „פּרענומעראַנטים“, שיינע אָרעמע־לייט אין אַטלעס, מיט בוגרתן, און „הסכמות פֿון גאונים“, פֿלעגן זיך לאָזן מהנה זיין פֿון גבירים, וואָס האָבן מסתמא אויך קיין צייט נישט געהאַט, מעיין צו זיין אין חיבור.

אַזאַ מין קהילה פֿאַרמאָגט געוויינטלעך אַ צענטער אָדער אַ סענטראַ פֿאַר קולטור, ווו מען שפילט אַלע אָוונטן „קאַנאַסטער” לטובת דעם קרן־קימת אָדער דער ביבליאָטעק, און זונטיק אין דער פֿרי אָרדנט מען איין אין די אַנגערויכערטע סאַלאָנען די שלום עליכם־שול, פרץ־שול, ביאַליק־שול. די קינדער לערנען זיך קריצלען אין די פֿאַרשעמטע העפֿטן ניי־יידישע „קאָטשערעס” מיטן ייוואָ־אויסלייג און דעקלאַמירן אויסגעשטעלטע שטיקלעך לכבוד דעם אַרויסלאָז אָדער אַ יידישן יום־טוב. אויף דער בינע שטייט דער פרעזידענט, אַ פֿאָטאָגראַפֿירטער, און זאָגט זיין וואָרט וועגן המשך. דערנאָך שפילט מען ווייטער.

די לערערס ברענגט דער קאָמיטעט פֿון וואַנען ס׳לאָזט זיך, ווי אַמאָליקע ישובניקעס פֿלעגן אַראָפּברענגען אויף קאָנדיציע אַן אויסגעווייקטן עקסטערניק פֿון שטאָט, אַ בחור מיט ברילן און סוכאָטע. די לעצטע איז היינט שוין נישט אָבליגאַטאָריש. די לערערס באַקומען מאָגערע פענסיעס מיט רעגולערער פֿאַרשפעטיקונג און מיט טענות מצד ווילקענעוודיקע מעמבערס אָדער מיעמבראָס, וואָס קוקן נאָך אַלץ מיט גבאישן ביטול אויף אינטעליגענטישע לא יוצלחס. כאַפּט זיך איינער אַ לערער, אַז ס׳איז צייט ווערן אַ מענטש פֿאַר זיך, נעמט ער דעם פרעזידענטס פֿאַרזעסענע פלימעניצע און פֿון זיינע אָנגעשטאָפּטע מאַגאַזינען באַקומט ער בינטלעך סחורה אויף קרעדיט. דעמאָלט שרייבט מען אויס אַ נייעם לערער. קומען די קינדער אַהיים פֿון זונטיקדיקן לימוד, רעדט מען מיט דער באַבושקע עטלעכע נעאָ־איוואַנישע ווערטער פּאַפּירענעם „לאַנגגענשיידט־יידיש, וואָס איז כולו טערקיש, כדי צו באַווייזן דעם טאַטן, דעם ליבהאָבער, אַז שכר־לימוד איז נישט אַרויסגעוואָרפֿן — כאָטש צו קדיש קומט עס נישט.

אָוודאי טרעפֿט, אין דעם אָדער יענעם לאַנד, אַז דאָס בלייכע פֿלעגצל יידיש אין דער פֿרעמד האָט זיך פֿאָרט שטיל צעוואַקסן און איז געוואָרן מיט דער צייט אַ היפּשער גאָרטן, אָפּגעהיט מיט ליבשאַפֿט, קולטיווירט מיט געטרייער האַנט: אַ גוט אָרגאַניזירטע שולנעץ מיט פֿולע טאָגשולן און קינדערגאָרטנס, מיט קוואַליפֿיצירטע לערער, וואָס האָבן אין ערשטע שווערע יאָרן אויסגעווייטיקט אויפֿן אָרט זייער פּעדאַגאָגישע דערפֿאַרונג און זיך אויפֿגעהויבן אין דער וועגזוכעניש פֿון דער אַרבעט צו ניוואָ און אַחריות, מיט דורכגעטראַכטע לערן־פּראָגראַמען, וואָס שטרעבן צו דערגרייכן נאַציאָנאַל־הומאַניסטישע דערציונג־אידעאַלן ביים יונגן דור, אַנ־

זעטיקן אים מיט ידיעות און טראַדיציע — ווער זשע קאָן ווען מאַכן פֿאַראַנטוואָרטלעך, וואָס נאָך אַלעמען זענען די קינדער, וואָס קומען אַרויס פֿון די גאַנצע שולן, אַלץ נישט געגוג זיכער און היימיש מיט יידיש און מיט יידישקייט, נישט געגוג אָנגעזאַפּט מיט נאַטירלעכער אַטמאָספֿער און לעבנס־אַטעם פֿון יידיש, וואָס פֿעלט אין גאַס, אַז זיי זאָלן קאָנען אויפֿקומען אָן דעם „ייהרג ואל יעבור"־ברען, אָן שייטערהויפֿן־עקשנות קעגן דעם פֿאַרפֿירערישן גלאַנץ פֿון דעם פֿאַרביקן פֿרעמדן אַרום.

וואָס זשע, פֿרעגט זיך, איז, אַרום און אַרום, די חכמה פֿון פּעסימיס־טישע קלערענישן? און פֿון דער אַנדערער זייט אָבער: וואָס איז די פּעולה פֿון געמאַטערטע דווקא־פּערספּעקטיוון מיט אַנאַליזן, דער עיקר מיסטישע, וואָס קוועטשן זיך אַריין בדוחק אין קנאַפּ פֿאַרפֿונדעוועטע סאָציאָלאָגישע סיסטעמען? וואָס וועט העלפֿן דער על־חטא, וואָס קלאַפּט זיך אין אַ געוויסער לירישער פּובליציסטיק, און וואָס וועט געבן די שלאָפּע טרייס־טעניש, אַז שוואַרצע נביאות ווערן נישט מקויים, נאָר „אַדרבא", און אַז יידיש וועט זיך סוף־כל־סוף שטאַרקן און איבערקומען אַלע מכשולים: אַ היפּשער צעטל „מכשולים איבערצוקומען" פֿאַר איין פֿאָלק, וואָס ראַנגלט זיך דאָס גאַנצע לעבן מיט אַזאַ שווערן גורל. אַ מאָל דאַכט זיך, יידיש פּרווט היינט אַ נאָש טאָן פֿון חלום־טעכניק ביי דער העברעישער רענע־סאַנס פֿון די פֿריערדיקע יאָרן — אָבער איך האָב מורא, עס סטאַיען דערצו נישט קיין משוגעים מיט „חזון".

תמיד אין אונדזער גאַנג דורך דער געשיכטע וואַרפֿט אונדז דער גורל איבערן וועג אַ פֿריש פּעקל געקליבענע שטרויכלונגען און מיר דאַרפֿן ווידער, העראָיש־מאַרטירעריש, אַ שפּרונג טאָן און איבערקומען — ווי מען סטימולירט אין געיעג ראַסאָווע רייט־פֿערד, צו נעמען הויכע פֿאַר־צוימונגען: „האָפּ!" דערנאָך קריגן זיי אַ גלעט מיט אַ קילן, פֿריינדלעכן בורטש: „בראַוו!". דאָס איז מסתמא דער טייטש פֿון נצח ישראל אויף יידיש־קיום, אָן איבערגעזעצטער „לא אמות כי אחיה" — כאָטש אין פֿאַר־ווייניטן תהלימל פֿון זיידן, אָן עקשן אָן לאָזונגען, איז דער פּסוק געווען אַ סך מער באַגלייבט.

דערווייל וואַקסט די יידישע ליטעראַטור, געשטאַלטיקט מיט ראַ־פֿינירטער — אפֿשר מעג מען זאָגן: מידער — שרייבקולטור. מיד געוואָרן

איז זי, קען זיין, פֿון צוגעיאָגטער פֿריער צייטיקייט, כמעט עילוישער, אין דעם קפֿיצת הדרך־וווקס פֿון קוים מער ווי צוויי דורות קינסטלערישער סטיל־אַנטוויקלונג פֿון יידיש. דער וואַרעמער גלאַנץ פֿון דעם בייגעוודיקן, הכנעהדיק געבויגענעם דיכטערישן וואָרט וויברירט אין די לויטערע תפֿי־לות, בונטאַרישע גוזאַנגען און גורל־התגלות ביי ה. לייוויק און משה לייב האַלפּערן, מאַני לייב, איציק מאַנגער, חיים גראַדע, ביי אַ. סוצקעווער און יעקב פֿרידמאַן, ביי י. י. סיגאַל, אַ. לעיעלעס און יעקב גלאַטשטיין, וויברירט אין דעם זיס־האַרבן אַראָמאַט, וואָס איז איינגעפּרעסט אין די בלעטער פֿון דער יידישער ליריק, צעשטראַלט זיך אין דער מאַלערישער זאַטקייט און געשטאַלטערישער ברייטקייט און אינטענסיווקייט פֿון דער בעלעטריסטי־שער פּראָזע ביי שלום אַש און זלמן שניאור, דוד בערגעלסאָן און י. אָפּאַטאָשו, אַ. מ. פֿוקס און י. י. זינגער, יצחק באַשעוויס און חיים גראַדע, ישעיהו שפּיגל, יחיאל האָפֿער, מענדל מאַן און אַנדערע, וועלכע איך דאַרף אין דעם צוזאַמענהאַנג נישט באַזונדערס כאַראַקטעריזירן. טראָגט זיך פֿון דער דאָזיקער קינסטלערישער וווּנדערוועלט שאַרפֿער ווײַניקער האַרבסט־ריח, ווי פֿון אַ געדיכטן סאַד, וואָס האָט זיך צו פֿרי פֿאַרשפּונען אין טונקעלן בראַנדז און לאָזט נישט דורכשימערן קיין חלום פֿון נייעם פֿרילינג.

מיר זענען דאָך אַלע געשטאַנען דערביי, ווען ס׳האָט ערשט נעכטן אויפֿגעשפּראָצט אין דער יידישער ליטעראַטור דאָס קרעפּקע וואָרצלדיקע פֿאָלקסלעבן, שעמעוודיק און אַ ביסל העזהדיק, פּרימיטיווער געשטאַמל און רויער חוזק, וואָס האָט זיך געריסן צו הומאָר: דער בעל־טאַקסע און דער אַרענדאַר, דאָס כלי־קודש און די פּריילעכע שלעפּערס, מלמדים און מעק־לערס, יתומים און ממזרים, פֿאַרחלומטע קעכינס און באַריידעוודיקע יידענעס, צווישן זיי מאַנסבילישע, וואָס האָבן זיך אַלע אַליין פֿאַרשאָטן מיט רייד, ווייל זיי האָבן נישט געוווּסט, פֿון זייער לעבן צו זאָגן, האָבן געבראַ־דזשעט און געווימלט אַלע אין איינעם, האָבן גאַרנישט געטראַכט וועגן באַזונדערע פּנימער, יעדן אַן אייגענעם עקזעמפּלאַר פֿאַר זיך, און האָבן געלאַכט דאָס טרויעריקע געלעכטער וועגן זייער אייגענער פֿאַרזעעניש. דאָס איז געווען דער נאָענטער אָנהייב ביי די פֿאַרגייער פֿון די קלאַסיקער.

דערנאָך זענען געקומען מענדעלע, שלום עליכם, פּרץ. די יידישע בעלעטריסטיק איז פּאַמעלעך געקומען צו איר אייגענעם באַוווּסטזיין. זי האָט דערפֿילט איר קינסטלערישן כוח און איז אַליין ערשט געוויר גע־

וואָרן, אַז זי איז דאָ: אַ נייע מאַניפֿעסטאַציע פֿון נאַציאָנאַלן אויסדרוק־ווילן. עס האָט זיך ערשט אַנגעהויבן אויסטיילן פֿון געווימל אַ לויכטנדיקער באַשאַף פֿון בילדער און אידעען, חלום און וואָר, וואָס האָבן זיך באַלד צעשטראַלט, פֿונאַנדערגעוואַקסן אין דער אויסטערלישער שיינקייט פֿון די לעבנס־ווידעראַנאַנדן פֿון אַ פֿאָלק מיט קאַפּריזנער גורלדיקער פֿילגעשטאַל־טיקייט: באַרג סיני צווישן פּוילישע וועלדער, אָבות און פּריצים, שקלאָוו און ניו־יאָרק, טליתים, צלמים, נאַהייקעס, אויב נישט נאָך העכער, און „געהיימשטאָט", סטראַגאַנעס און באַריקאַדן, פּחד און פּרנסה, קאָפּ־אין־וואַנט און קידוש־השם, פֿלאַקער־סנה אויף פֿאַרשנייטע פֿעלדער.

מיר ווייסן, די יידישע ליטעראַטור האָט אויפֿגעהערט צו זיין אַ שטעטל־ליטעראַטור אין סאַמע מיטן אידיליע פֿון ר' שלמה נגיד, אַפֿילו ווען זי האָט נאָך אַלץ געשילדערט ווייסנבערגס טאָטע מיט די בנים און אַ. מ. פֿוקס' זיידן אויפֿן בערגל און געמאָלן מיט אַלע ניואַנסן פֿון גרוי די אייביקע בלאָטע, קאָלאָרירט מיט ערב־פּסחדיקן שטר־מכירה, דעם גוי מיט דער האַק אונטערן סטאָן, וואָס קריכט אַריין מיט גראָבע שטיוואַלעס אין דער וויס־אָנגעגליטער שול פֿון יום־כּיפּורדיקע קיטלען און תּפֿילות, טוט רישעות און ציטערט פֿאַר די זביטקעס פֿון פֿיפֿיקע משרתים אין די יידישע קראָמען, וואָס פֿאַר זייער קאָמערציעלער מיסטעריע פֿון אייל און געווערץ, שניט און שפּע שטייט ער צעדולט, דער גוי, ווי להבדיל אַ ייד פֿאַר דעם גלחישן חושן ואפֿוד אין קלויסטער און פֿאַר זייערע גילדענע כּלים מיט קטורת און אימה.

דאָס אַלץ שטופּט זיך צונויף אין דעם אומרו פֿון הייס צעפֿלאַטערטן יידישן וואָרט, וואָס איז נאָר וואָס ערשט געווען אָרעמער שטום־לשון פֿון אַ דערשלאָגענעם לעבן און דאָרע עברי־טייטש פֿון קיך, וואָס מאַנסבילן האָבן לומדיש מבטל געמאַכט אויף זייער אייגענער בידנער צונג, ווי זיי האָבן אָפּגעשפּעט פֿון די יידענעס, מיט וועלכע זיי האָבן אַליין חתונה געהאַט און געמאַכט בריתן.

די שטייגערדיקע געשטאַלטן האָבן אַלע פּלוצעם באַקומען אַ האַרבן שניט פֿון שרעק אין פּנים: זיי האָבן מיט אַ מאָל דערפֿילט די וועלט פֿון דער נאָענט. דורכן שטעטל האָבן זיך אָנגעהויבן דורכרייסן די ערשטע שטורעמס פֿון אַ קאָסמישער זאַווערוכע: ווינד און ווײַ פֿון דער תּקופֿה. דאָס שטעטל מיט זיינע פֿאָלקלאָריסטישע אביונים, וואָס האָבן קולטיווירט

אַן אָריגינעלן סטיל פֿון „פּיקאַנטער״ אָרעמקייט, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן נישט, און געדאַכט האָט זיך, אַז דאָס וועט שוין זיין אויף אייביק אַ „פֿריילעכע זאַך״, איז מיט אַ מאָל געוואָרן די וועלט־לאַבאָראַטאָריע פֿון אַפּאָקאַליפּטישער פֿאַרלענדונג. דאָ, צווישן די „קאָמישע טיפּן״, האָבן די לאַפּיטוטן פֿון אַשמדאַי אויסגעקליבן קראַליקעס, אויף וועלכע מען האָט אויספּרובירט וועלט־אונטערגאַנג, דערווייל נאָך אין קליינע קוואַנטומס. דאָ, אין דער פֿאַראומערטער „אידיליע״ פֿון שטעטל, איז געווען אָנגעגרייט גאַז אין דער לופֿט ערב די קרעמאַטאָריעס, גאַז אין מיטן אייראָפּע, וואָס האָט פֿון דער נאָענטער ווייט איבערגעשטראַלט אַהער מיט באַרבאַרישן בלוט־גלאַנץ אויף איר הימל. האָט דער גאַז געביסן די אויגן פֿון דער זעעריש געוואָרענער יידישער ליטעראַטור און דער וועלט־פּחד, וואָס זי האָט דער־פֿילט מיט דער ציטערדיקער שפּירעוודיקייט פֿון אייביקן ייד, האָט אויס־געשלייפֿט מעסערשאַרף אירע חושים: „אַ גוטע נאַכט, וועלט״!

קאָן זיין, אַז אין עטלעכע שווערע יאָרן פֿון דער וועלט־טראַגעדיע איז די יידישע ליטעראַטור אויסגעוואַקסן מיט דורות איבער נאַכט, איבער דער נאַכט, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער מענטשהייט. זי האָט נישט געקאָנט אַנדערש, ווי שטורעמדיק וואַקסן אין דער דושנער וועגע־טאַציע פֿון טראַפּיקאַלישע גיפֿטן, וואָס דער וועלטדזשונגל האָט אויס־געפּאַרעט פֿון זיך, איידער עס ברעכט אויס דער בלוט־מבול. אַלע פּיינען און אָנגעזאַמלטע יידישע וועלט־יסורים, אַלע שטילע תּפֿילות און פֿאַר־קלעמטע קללות רייסן זיך, מען זאָל זיי אַריינגעמען אין יידישן וואָרט, אין דער אַכסניא פֿון דער פֿאָלקס־נשמה, צונויפֿרוקן זיך נענטער, נאָך נענטער, מיעשטשען זיך, נישט לאָזן זיי אין דרויסן ביי דער צעשטורעמטער פֿליי־צעניש — און דאַכט זיך, קיין מאָל האָט נאָך די פּמליא של מעלה נישט געהערט פֿון יידן אַזאַ הימל־געשריי, הייס און פֿאַרשטיקט, ווי אין דער יידישער ליטעראַטור פֿון דער לעצטער תּקופֿה.

ווער זשע איז נאָך געבליבן אין אונדזער וועלט, וואָס וועט פֿאַר־ציטערט ווערן פֿון דעם דאָזיקן הימל־געשריי, פֿאַרציטערט פֿון דער פֿלאַ־מיקער פֿאַרבן־פֿאַנטאַסטיק פֿון אונדזערע פֿאַרברענטע ש״י עולמות! וועט מען אפֿשר אָוועקזעצן אַ וועלט־אַקאַדעמיע מיט געניטע איבערזעצערס, וואָס וועט דאָס אַלץ מסתּמא מאַכן „נאָך שענער״ און באַווייזן דער פֿאַרחי־

דושטער מענטשהייט, אויפֿן יסוד פֿון פּאָעזיע־דאָקומענטן, ווי געהויבן מיר זענען אונטערגעגאַנגען? צי אפֿשר וועלן מיר ווידער גיין אין גייסטיקן גלות, אויסוויטיקן אונדזער אייגנס פֿון ווי און וווּנדער אין יענעמס אַנט־ליענע ווערטער, מיט אַנטליענער פֿאַרצווייפֿלונג, מיט אַנטליענעם חן פֿון יענעמס ראַפֿינירטער שפּראַך־חכמה: שלום עליכם אויף רוסיש, מענדעלע אויף שפּאַניש, פּרץ אויף אַ ביסל אויסגעבעטענעם ענגליש — וועט מען יוצא זיין יידיש־שאַפֿונג מיט אַ מין אינטערנאַציאָנאַלן זשאַרגאָן פֿון וועלטפֿריינדלעכן גוייש און אַרויסקוקן דאָרט זשעדנע אויף דער נאָבעל־פּרעמיע פֿאַר יידיש?

אַוודאי: מאָרגן, זאָגן געניטע נאַטור־קענער, איז דער הימל ווידער הימל — ווי עס פֿירט זיך — גיי זשע פֿאַרלאָז זיך אויף מעטאַפֿאָרישע ווערטלעך און אויף דעם פֿרומען ציניזם פֿון אַ משל מיט קנאַפּער דעקונג, וואָס פֿילט זיך נישט אַלע מאָל פֿאַרפֿליכט, צו זיין גלייך צום נימשל. אין איינעם מיט דער יידישער שפּראַך, וואָס אַנטפּלעקט צעשטראַלטע וווּנדער פֿון שיינקייט אין סאַמע מיטן פֿאַרשטומען אין גאַס און אין שטוב, גייט אויס דער לעבנס־מיטאָס פֿון דער יידיש־שאַפֿונג און עס בלייבן קאַלט געוואָרענע טעמעס און זכרונות וועגן אַ פֿאָלק אַ חד בדרא, וואָס האָט זיך געראַנגלט טויזנט שווערע יאָרן אין הייסן לעבנס־געצאַפּל, אויף נער־וועזן האַרץ־יידיש, געטראָגן דורך די לענדער, אויף איינגעבראָכענער פּלייצע, דעם באַרג סיני און אים איבערגעלייגט אויף יידיש, געטראָגן אויף זיך בערג מיט קאַלטן מעסערדיקן שפּאָט, בערג מיט מערדערישער שינאה צו אונדזער ביזאַרער ליכט־גלייביקייט — און זיך אָקעגנגעשטעלט דעם פֿיינטלעכן לעבן מיט דעם שטומען וועלטגעשריי פֿון זיין קללה אויף יידיש, וואָס האָט געצויגן זיין שפּוּר חמתך־פּאַטאָס און די אָנגעשפּאַרטע אויפֿרייסקראַפֿט פֿון זיין גייסטיקן דינאַמיט גלייך פֿון דער קללה־מייסטער־שאַפֿט פֿון דער תוכחה.

צי האָט אונדז דען עמעצער אין דער בהלה פֿאַרביטן דעם קערן פֿון פֿאָלק? צי זענען מיר דען נישט געבליבן אין אַלע יאָרטויזנטער פֿון וועלט־וואַנדערונג אין אַלע קאָסטיומירונגען, אין אַלע שפּראַכלעכע לבושים, שטייגערס און מאָדע־בלענדענישן דער אייביקער נאַקעטער מידבר־שבט מיטן פֿלאַמיקן וואָרט פֿון נביאים, וואָס לעשט זיך און צעצינדט זיך אין

אונדזער גייסט מיט געירשנטן ריטעם פֿון אומרו און גייסטיקן שפּיר־געציטער, וואָס די וועלט האָט, צוליב לייכטער אָריענטאַציע, עטיקעטירט מיט דעם צייכן: „יידישע אייגנאַרטיקייט״?

ווי זשע קאָן געמאָלט זיין, אַז די רעשטן פֿון פֿאָלק, וואָס זענען געבליבן פֿון קאַלכאויוון — און אַלע, וואָס שאַפֿן אויף יידיש, זענען דאָך אין טרעבלינקע יאָ געווען — זאָלן נישט זוכן קיין גייסטיקן אָנשפּאַר אין דעם אורמיטאָס פֿון אונדזער ערשטער פֿאָלקס־התגלות, כדי ניט צו בלייבן אָפּגעריסן און ברוגז מיט זיך אַליין! איך בין נאָך אַלץ נישט זיכער, צי וואַרטן נישט אויף אונדז די צוגעזאָגטע „נייע האָריזאָנטן״ גראָד ביי די אַלטע לעבנס־קוואַלן, ווו מיר האָבן זיך אַ מאָל אָראָפּגעבויגן, כדי זיך אָנצוטרינקען מיט אייביקייט. מסתמא איז נישט פֿאַראַנען אויף דער וועלט קיין „גלייכער וועג״ פֿאַר דער שאַפֿונג פֿון פֿאָלק, וואָס האָט ביי זיינע ערשטע טריט צו דער מענטשהייט אויסגעקליבן פֿאַר זיך דעם שווערן קאַפּריזנעם גורל־וועג פֿון איינזאַמקייט און ייחוד — „אויסגעקליבן״: אַ ברירה געהאַט? צי איז דען דער יידישער שרייבער נישט געווען דערביי?

דאָס הייסט נישט: גיין נאָך רוח הקודש נאָר צו די בערג פֿון ירושלים, זוכן טעמעס אין נגב און לירישע שטימונגען ביים כנרת — אָבער דאָס הייסט: דערקענען מיטן האַרצן די ווידער־אָנטפּלעקונג פֿון יידישן פֿאָלקס־געניוס, וואָס האָט אויפֿגעהויבן זיינע פֿליגלען איבער דעם באַנייטן מיטאָס אין דער פֿריש צעגראָבענער רעאַליטעט פֿון ישראל, ווו עס צעשפּילט זיך בראשיתדיק דער שאַפֿערישער מאַסן־געדראַנג פֿון פֿאָלק, וואָס זוכט אַ תיקון פֿאַר גוף און נשמה — כאָטש ניו־יאָרק אַליין פֿאַרמאָגט דערווייל מער יידן ווי גאַנץ ארץ־ישראל. דאָס הייסט אַוודאי נישט, אַז דער העברעישער שרייבער אין ישראל איז שוין דער סאַמע באַגליקטער מיט האַרמאָניע, ווייל ער פֿאַרמאָגט אַרום זיך אַ לעבעדיקע וועלט, ווו עס רופֿט זיך אָפּ זיין קול. עס רעדט זיך וועגן צוטוליען זיך צום לעבעדיקן אמת און באַהעפֿטן זיך מיט די קרעאַטיווע כוחות פֿון פֿאָלק, וואָס זאַמלען זיך צו שאַפֿערישער באַנייונג אויף דער ערד פֿון ישראל — נישט אָפּנאַרן דאָס פֿאַרבענקטע, מידע האַרץ מיט דער באַרבאַרישער בונטער פֿאַרפֿירעריש פֿון די וועלט־עבודה־זרהס, מיט די ספּאָדיקעס און קאַפּאָטעס פֿון זכרון, מיט די געדונגענע וועלדער און טייכן, געדונגענע פּחדים, געדונגענער

ראָמאַנטיק, מיט אַנטליִענע קוליסן פֿון אונדזער וועלט־טעאַטער, געשטעלטע, געמעקטע פֿון אונדזער אידיליע און אונדזער אומקום. עס מעג אונדז אַלעמען אָנשטיין צו זיין אַ פֿאָלק מיט טראַגישע זיגזאַגן אין גאַנג.

די זיסקייט פֿון דיין נאָמען אויף מיין גומען
געדענק איך נאָך פֿון ייִנגל־חדר אָן.
דער רבי האָט מיר אויסגעמאָלט אַ כתר־פֿאָן,
כ׳זאָל גיין מיט דעם קיין ציון פֿון איהומען.
דעם רבינס וואָרט האָב איך אָן שפּאָס פֿאַרנומען,
איך האָב אים טיף אין האַרץ אַריינגעטאָן.
איצט גייט עס אויף, לויכט־אויף צום אויבנאָן
פֿאַר דעם באַשערטן טאָג, וואָס האָלט אין קומען.
פֿאַרלאָזט איהומען, — גאָט, ווי לאַנג דער וועג!
מיין ייִנגלפֿאָן, דורך צוואַנציק טויזנט טעג,
טראָגט בלוטצייכנס פֿון צוואַנציק טויזנט מעסער.
באַשער מיר, גאָט, דעם שיינעם צדיק־קאָפּ
פֿון ציון צו צעוויגן אויף און אָפּ
און אויסמאָלן פֿון אים אַ נייעם כתר.

(ה. לייוויק)

אַנדערש זענען די בלוטצייכנס פֿון דער זעלבער גלייביקייט, וואָס עס טראָגט אפֿרים אויערבאַכס ליד „מיטן ערשטן שניט פֿון אַקער״:

אַז אַ האַנט האָט אויסגעריסן דערנער,
זענען טראָפּנס בלוט געוועזן די קערנער
פֿונעם אויסלייז, וואָס זי האָט פֿאַרזייט.
אַז אַ קירקע האָט דעם שטיין צעפּיצלט,
האָט געקלונגען שוין: מיר ווערן ניצול,
האָט אַ קול אונדז אָנגעזאָגט: משיח גייט.

זאָגן חכמים: „קאָנפֿאָרמיזם״ — און דערמיט האָבן זיי שוין אַלץ אָפּגעפֿרעגט. זע איך די „חכמים״ זשאָנגלירן אָן גלויבן מיט אַ מין טאָנדעט־נער ראָמאַנטיק פֿון די כּישוף־באַגריפֿן „המשך״ און „קיום״, וואָס פֿלאָ־טערן אין חלל, פּונקט ווי מיט צוויי, דריי דורות צוריק זענען די אויס־

געחלומטע לאַזונגען געווען „אַסימילאַציע" און „סוף" — גלייך מ'האָט דיך דעמאָלט געלאָזט מאַכן אַ סוף און גלייך דו קאָנסט היינט פּראַווען „המשך": אַלץ אַן דעם צווייטן צד. דער צווייטער צד, דער גוי, האָט דיך דעמאָלט נישט אַריינגעלאָזט אין דער אַסימילאַציע, פּונקט ווי דער צווייטער צד פון היינט, דער ייד, איז קעגן המשך — און אפשר איז ער היינט גאָרנישט אַזוי שטאַרק קעגן: עס אַרט אים בלויז נישט. דאָס איז די גרויסע צרה.

אפשר וואָלט איך אַליין אויך געזאָגט „המשך" — מיין איך אָבער העזהדיקן פּראָגרעס אויף צוריק, אין דער ריכטונג צום ווייטן אַנהייב, וואָס האָט דערגרייכט לעבעדיקע נאָנטקייט אין ישראל.

אין מדבר סיני ווערט דיין אומה ייִנגער,
און דיין געבאָט, אין בלעטער פעלדז, — דיין פּינקס,
פאַרקריצן מיט אַ פייערדיקן פינגער
סקעלעטן פון די געטאָס און טרעבלינקעס.
(אַ. סוצקעווער)

און אויף אַן אַנדער אָרט אין סוצקעווערס אין מדבר סיני:

פאַרפלאָנטערט אין זאַמדיקע פלאַכן, ווי בלינדע הירשן מיט פלאַמענדיקע הערנער, קאַרטשען זיך די אָפּשטראַלן פון טאָג אין ביינאַכטיקן מידבר. צו וועמען איז דער מידבר געגליכן? צו אַ ריזיקן מזבח פון דימענט, וווּ די נאַכט ברענגט פאַר אַ קרבן אירע יונגינקע שטערן. — — — איך דערזע דעם געוויסן פון מידבר: אַ פעלדז. אַ קוואַל, ווי דער צונג פון גאָט, שפּרודלט אין זיינע שפּאַלטן. און דער קוואַל, ביים טרינקען די מידבּרדיקע שטילקייט, רופט עס מיך ביים נאָמען. ס'איז דער „קוואַל פון נבואה". אַזוי האָט ער גערופן ביים נאָמען מיינע זיידעס. אייביק מוז עמעץ ענטפערן: הנני...

דאָס איז דער אוראַלטער גורל־דיאַלאָג, וואָס פירט זיך מקדמונים אין דער דאָזיקער לאַנדשאַפט, פאַרהוילן אין התגלות.

מער ציטיר איך נישט, כאָטש עס בעט זיך. וואָרעם מיר גייט דאָ נישט וועגן אויפציליען מידבר־פּערל פון דער יידישער פּאָעזיע — עס רעדט

זיך וועגן דעם באַנייטן פּנים־אל־פּנים פֿון יידישן דיכטער מיט דעם מיטאָס — און דער וווּנדער שטראַלט אַריין אין דער רעאַליטעט.

דאָ, אין ישראל, שניידט זיך מיט שאַפֿערישע ווייען אומענדלעכער צייט־שטח פֿון פֿאָלק מיט דעם באַגרענעצטן שטח פֿון לאַנד, אין וועלכן עס אינטעגרירט זיך פֿון דאָס ניי די שלמות פֿון דער אומה. מיר קומט אויס, אַז שוואַרצע שבטים פֿון אונדזער פֿאָלק מיט שטיקער אָריגינאַל פֿון תנ״ך, מיט חומשדיקן הונגער און קינדער כחול הים, וואָס ווערן ביידע מקויים אין דער דאָזיקער לאַנדשאַפֿט, רעשטלעך שמעון־ולוידיקער בלוט־נקמה, וואָס מישן זיך מיט פּראָיעקטן און פּסיכאָאַנאַליטיקער, מיט פּאַסטעכער, פּלאַנצער, פּליער, פֿישער, למד־וואָווניקעס און אַטאָם־טעכניקער, ווילן ווידער ווערן אַ פֿאָלק פֿון ברידער, כאָטש זיי קאָנען נאָך נישט, האָבנדיק נאָך מורא איינער פֿאַרן אַנדערן, און שאַפֿן צווישן מידבר־געצעלטן און אינדוסטריע־פּאַלאַצן, צווישן שאָף און טורבינעס, מיט וועלט־וויזיע און נויט־אַרבעטן, אַ נייע נאָרמאַלע ראַם פֿאַר דער אַבנאָרמיטעט פֿון יידישן פֿאָלקס־גורל — אַז דאָס אַלץ אין איינעם איז מיטאָס פֿון מעשי־בראשית, נישט ווינציקער ווי די לעבנס־מיסטעריע פֿון ייד צווישן גויים, באַריקאַדן און בעש״ט, סטראַגאַנעס, פּאָגראָמען, אליהו הנביא, פֿאַרשטויסנקייט פֿון דער שכינה און מיסטישע סטאָלערײַ פֿון די גאָט־בעלי־מלאכות, וואָס האָבן געשפּייזט די יידישע ליטעראַטור מיט קדושה און וואָכעדיקער עקזאָטיק, מיט סוזשעטן און וווּנדער, מיט פּחדים, פּאַטאָס און הומאָר.

אַוודאי זענען דער צערודערטער נייער אינאיינעם און דראַמאַטישער אויפֿבראָך פֿון יידן אויף די פֿעלדער און מלאכים אויף די לייטערס, פֿון דעם תנכישן „שאר ישוב" פֿון פֿאָלק — נייע מעשי־בראשית. אַ מאָל איז „בראשית" געווען פֿאַר אונדז בלויז אַ פּסוק מיט טראָפּ — „בראשית צום ערשטן" — ווינטערדיקער חומש מיט צאַנקענדיקע לאָמטערנעס אין גאָס: כביכולס שפּרונג אין טונקל אַריין, אַ קאָסמישע „כי טוב"־אַוואַנטורע. ווער האָט זי געדאַרפֿט? היינט שטייען מיר אַלע אין סאַמע מיטן חידוש פֿון צעקאָכטע יאָרן, טערפּקע, גרינע, באַלאַדענע מיט צייטיקע ווייען, יידן מיט ביקסן און חלומות אין דער לאַנדשאַפֿט, ווו עס זענען איינגעקאַרבט די קלוגע קנייטשן פֿון אורבאַשאַף, אין ווירבלדיקן געכאַפּ פֿון דאַך און פֿונ־דאַמענטן, וואָס קאָנען נישט איינהאַלטן קיין מוקדם ומאוחר, אין הייסער

יצירה־באַגעגעניש פֿון נאַטור און גייסט, סאַבּרעס מיט אָבות — פֿאַר וואָס זשע זאָל נישט געמאָלט זיין אין דעם שאַפֿערישן וווּנדער פֿון ישראל קיין צונויפֿשמעלץ פֿון די גייסטער, וואָס האָבן זיך מאַניפֿעסטירט אין דער יידישער און העברעיִשער ליטעראַטור, איין גייסט, איין שליחות פֿון אויפֿגערופֿענעם יחיד אין פֿאָלק — כאָטש מען וועט נאָך לאַנג בלייבן אָפּגעזונדערט אין צוויי פֿאַרשיידענע שפּראַכן. ממילא וואָלט אויך דער העברעיִשער שרייבער, אין דער שאַפֿערישער דערנענטערונג, געוווּנען לעבעדיקע דורות אַקטיוויסטישן יידישן גלות, וואָס האָט זיך נאָר־וואָס אָפּגעריסן פֿון שורש.

בײַ דעם באַרג, וואָס שטייט פֿאַרשריבן אין תהילים,
דאַרף איך מער מיין פּנים נישט פֿאַרהילן.
ווייל ווי דער ווײַנגאָרטן איז זיכער אין זיין ווײַן,
בין איך געקומען דאָ צו זיין.

(יאָסל בירשטיין)

דאָס איז נישט קיין טעכנישע עצה פֿון אָרגאַניזירן שותּפֿותדיקע קאָמיטעטן און אַרויסגעבן זאַמלביכער שנים מקרא ואחד תרגום — כאָטש דער תרגום־לשונדיקער „וימלל ה׳ עם משה למימר״ ביים מעביר זיין די שבתדיקע סדרה פֿלעגט מיר אַלע מאָל היימישער און געשמאַקער מאַכן דעם האַרבן „וידבר ה׳ אל משה לאמור״. שטייט דער יידיש־שרייבער פֿאַר אַ טיפֿן איבערבראָך אין זיין וועלט: פֿאַראיינזאַמטער מיטלפּונקט, פֿון וועלכן עס האָט זיך אָפּגעטראָגן די פּעריפֿעריע — און דאָס מאָל איז „איבערבראָך״ נישט קיין מעטאַפֿאָרישער אויפֿפּוץ אויף יום־טוב. דער ריס פֿון אונדזער דור גיט צו אונדזער ניגון אַבלים־וויי. ס׳איז נישט די מאָדערניסטישקייט, וואָס פֿלינקע ליטעראַטן פֿלעגן ליפֿערן גאַנצערהייט אין שענסטער אַדיוסטירונג — דאָס איז די צעריסנקייט, וואָס איז געבונדן מיט דעם ייחוד פֿון אונדזער פֿאָלקסשאַפֿונג, שאַפֿונג אין דער שלימות פֿון פֿאָלק — נישט ערגעץ אין אַן עלעגאַנטן הקדש פֿון דער וועלט־ליטעראַטור, ווו מען מאַכט אַ מאָל פּלאַץ פֿאַר אַ פֿאַרוואָלגערטן יידישן שרייבער, וואָס איז על פּי רוב אַן איבערגעזעצטער שוין אין אָריגינאַל.

בין איך נישט זיכער, צי וועט זיך נישט אָנטשעפּען דאָ און דאָרט בײַ אַ יידיש־שרייבער, וואָס האָט ביז איצט נישט געהאַט קיין שלום־בית

מיט דעם באַנייטן אורמיטאָס, אַ מין שטימונג פֿון אַן אָרעמען קרובֿ, אַ יורד, וואָס מען „נעמט אים אַריין" און מען הייסט אים „פֿילן גוט" — און מסתמא וועט אויך נישט פֿעלן צווישן די העברעיִשע שרייבער איינער אַ נאַר, דער אָבליגאַטאָרישער נאַר, וואָס באַשיינט יעדע משפּחה און צע־דריגעוועט זיך מעשה בעל־הבית. הערצישער איז אַוודאי, צו בלייבן שטאָלצע לעצטע אויף אַ שיף, וואָס איז האַוואַרירט, און זיך נישט אונטערגעבן. דער מעטאַפֿאָר האָט אַ כּוח פֿון כּישוף — און שוין שטייען מיר פֿאַר אַ צע־שטורעמטן ים, אין וועלכן יידיש ראַנגלט זיך מיט די לעצטע כּוחות. ווייל איז די פֿרומע פֿון אַלע גלויבנס, וואָס קאָנען זיך טרייסטן מיט אַ גרייטן פּסוק.

עס גייט וועגן פֿאַרזיכערן דעם אינטעגראַלן שאַפֿונגס־כּוח פֿון יידישן פֿאָלק, וואָס פֿאַרמאָגט צוויי לעבעדיקע וואָרט־אינסטרומענטן, עבֿרית און יידיש, וואָס האָבן אויף פֿאַרשיידענע אופֿנים אָנגעזאַמלט דאָס גייסטיקע אייגנס פֿון יידישן פֿאָלק און אויסגעזונגען זיין שיר הייחוד — און איך בין נישט זיכער, צי איז נישט סוצקעווערס סיני־געזאַנג אַ לינגוויסטישער קאַפּריז אויף יידיש אין סאַמע מיטן לשון קודש־ברען פֿון דער אייביקער ליריש־עפּישער תּנ״ך־סימפֿאָניע, וואָס האָט זיך נישט געענדיקט. זי איז אויפֿגעבונדן און צעעפֿנט פֿאַר יונגע העזהדיקע קלאַנגגיוואַנסן.

וואָס דאַרף איך, באַשעפֿער,
וואָס דאַרף איך דען מער?
ס'וועלן קומען צו מנחה
די אָבֿות אַהער.
צו די טשערעדעס קומען
לעבן ירדן צו גיין,
ווי ס'וואָלט אין יאַרטויזנטער
גאָרנישט געשען.

(יעקב פֿרידמאַן)

אין נאָנטער שכנות פֿון די טשערעדעס לעבן ירדן באַווייזט זיך דער באַשעפֿער צום דיכטער אריה שמרי „אויפֿן שאָסיי" — כאָטש דער שמועס איז דאָ אַ האַרבער, אידיליע מיט מידת הדין:

— אין שטויב פֿון שאָסיי, ווען אויף שטיין האָט געהאַמערט מיין האַנט — געזוכט האָב איך דיך אויפֿן סודיקן ראַנד.

אין וואָלקן־געמעלן, צווישן פייער־פיגורן
געגישטערט די שפורן
פון דיין חרובן מלכות, באַשעפער.
און דאַן — ווי אַן אוצר צום אָרעמאַן —
האָב איך אַ גלעקלען דערהערט אויפן לאַנגן שאָסיי
און אַ ליד האָט געגענט צו מיין ווי
ווי קילער טל.

און מלך ראַוויטש, ביי נאַכט אויף אַ תל־אביבער באַלקאָן, דער „אַפּיקורס פון אַלע פּייטנים", זאָגט אַ מין תיקון חצות־תּפילה צו „אלוה", מיט וועמען דער דיכטער איז פון סאַמע אָנהייב געקניפּט און געבונדן אין אַ וועלט־חשבון פון ביידנס גרויסער איינזאַמקייט, וואָס בעט רחמים:

דיין אַלטע וועלט איז שוין מיד
און קלוג געגוג,
מיד איז די וועלטנשיף,
וואָס דו ביסט איר ערשטער פּאַסאַזשיר,
און דער צווייטער איז אָדם, און דער דריטער איז ייד;
זי וויל שוין פאַרוואַרפן דעם אַנקער,
פאַרוואַרפן אין אַזאַ מין טיף,
אין לעצטן האַפן —
אין תל־אביב,
אַז ער זאָל קיין מאָל שוין מער נישט אַרויס.

און ווידער אַ לאַנדשאַפט, וואָס קריגט זיך נישט מיט גאָט און האָט אָפּגעשטעלט די טענות: אַ שטיק אויסגעזונגענע הכנעה:

אַלטע איינזאַמע בעטלער אויף וועגן:
ווילדע פייגנביימער
מיט דער וויסטקייט אויף די קעפּ,
מיט אויסגעדאַרטע ריק און לענד
און אויסגעדרייטע הענט און פיס,
קניען זיי,
פאַלן זיי,
ווי קעמלען איינגעבראָכענע

מיט לאַסט פֿון גלי‌ענדיקע טעג,
אין שרייענדיקן ליכט
אויף מידבר־זאַמדן.

(י. פּאַפּיערניקאָוו)

ווער ווייס, אפֿשר וועט יידיש לשון צוקומען נענטער צום שמעלצ־פֿייער פֿון דער תנכישער וועלט און אפֿשר איז די גורל־לאַנדשאַפֿט פֿון אויפֿלייכטנדיקן מידבר פֿאַרט נענטער צו דער נשמה פֿון יידיש איידער אליהו בחור און די „מינען־זינגערס" פֿון פּורים־שפּיל אין פֿראַנקפֿורטער „יידן־טייטש". אין מידבר האָבן מיר צו ערשט דערזען גאָט — איידער ער איז געוועז אַרומגעבויט מיט שטיקער וועלט, וואָס פֿאַרשטעלן זיין התגלות. אַנדערע הערן אויך היינט נאָך, היינט פֿון דאָס ניי, דעם אָפּהילך פֿון זיינע טריט אין אֵין־סוף. דער באַשאַף איז נאָך אַלץ נישט פֿאַרטיק. — כאָטש ער האָט בשעתו אין איילעניש אַ רוף געטאָן דעם תמימותדיקן „כי טוב". גויים האָבן אויך מידבריות — אָבער זייערע געצעלטן זענען פֿרעפּאַבריקירטע וואָלקן־קראַצערס פֿון מאָרגן. מיר זענען פֿאַרקניפּט מיטן מידבר דורך טויזנט־יאָריקע גורל־דערמאָנונגען און זייער סודות־שפּיל פֿון גרוי שבגרוי פֿינקלט אַריין אין אונדזערע טעג, וואָס קערן זיך אום צוריק צום שורש:

...אַ באָרדיקער ייד פֿירט דעם אָקער, געשפּאַנט צו אַ מוילאייזל, איבער אַ ווייט שטיק פֿעלד אין נאָענטן טאָל און זיין זון גייט נאָך און וואַרפֿט די זריעה. פֿייגל שוועבן איבער זייערע קעפּ, לאָזן זיך אַלע מאָל אַראָפּ אויף די פֿריש צעגראָבענע גרודעס און פּיקן מיט די שנאָבלען ערדווערעם און שרצים. די לייט זענען באָרוועס, אין צעריסענע פּלודערן, און זיי זענען באַוואָפֿנט מיט געווער, אָנגעגורט אויף די פּלייצעס. זיי רעדן עברית מיט אַ האַלדזיק פֿאַרשלונגענעם ניגון. אויף זייערע געברוינטע פּנימער ליגט דער אָפּשיין פֿון דער געריי‌טלט צעגראָבענער ערד, וואָס שפּראָצט שוין מיט גרינס אונטער זייערע פֿוסטריט.

(א. מ. פֿוקס)

דאָס איז אַ היימיש שטיקל סוואַרבע פֿון חדר, דורכגעוועבט מיט האַמ־

סוניִשער נאַטור־שטימונג, וואָס זמיעשטשען זיך קוים אין די געפּרעסטע וואָרטבילדער פון א. מ. פוקס.

און ווידער: נישט קיין אַנטאָלאָגיע פון מידבר־מאָטיוון, ווי מען שטעלט צונויף „מאָטיוון" פון פרילינג און האַרבסט און אַנדערע וווּנדערס. עס גייט מיר וועגן אַ רמז אויף התגלות פון נייעם שאַפערישן מיטאָס אין דער יידישער ליטעראַטור. אַוודאי, נישט אַלץ האָב איך אויסגעשעפּט און נישט געטראַכט דאָ וועגן אָפּשאַצן. נאָר פּאָר וואָס זאָל איך נישט פאַרענדיקן מיט עטלעכע שורות פון איציק מאַנגער, מיט דער דערהייבענער אונטערש־טער שורה פון זיין אויסגעזונגענער באַלאַדעסקער וועלט, וואָס זאָגט זיך מיט פּאָעטישער חכמה אויף דעם לעצטן בלאַט פון זיין בוך ליד און באַלאַדע?

כ'האָב זיך יאָרן געוואַלגערט אין דער פרעמד,
איצט פאָר איך זיך וואַלגערן אין דער היים.
מיט איין פּאָר שיך, איין העמד אויפן לייב,
אין דער האַנט דעם שטעקן. ווי קען איך זיין אָן דעם?

כ'וועל נישט קושן דיין שטויב ווי יענער גרויסער פּאָעט,
כאָטש מיין האַרץ איז אויך פול מיט געזאַנג און געוויין.
וואָס הייסט קושן דיין שטויב? איך בין דיין שטויב,
און ווער קושט עס, איך בעט אייך, זיך אַליין?

רעפריין פון אונדזער דורותדיקן געזאַנג און געוויין, וואָס חזרט זיך איבער מיט פיל־קלאַנגיקן מאַנאָטאָן אין אַלע וואַריאַנטן פון אומעט: „געוואַלגערט..." ווערט איצט דער וואָגל מגולגל אין הייסן לעבנסדראַנג צו קוואַל און וואָרצל, צו באַנייטן געראַנגל וועגן דער ברכה, צו באַנייטן אומרו: שאַפערישער מיטאָס.

ישראל, דער יידישער שרייבער
און די יידישע וועלט

(פֿון סימפּאָזיום אין תל־אביב: אַברהם סוצקעווער, דוד פּינסקי
און דער מחבר)

...גערעכט איז דוד פּינסקי, אַז די טעמע איז צו גרויס. אַזאַ דרייגאָרנ־דיקע פּראָבלעמאַטיק — ישראל, דער יידישער שרייבער און די יידישע וועלט — איז געגנוג אויף צו פֿאַרזיכערן אונדז אַלעמען מיט קאַפּוויטיק אויף אַ סך אָוונטן. יעדער דריטל איז פֿאַר זיך אַליין אַ געגנוג האַרבע מסכתא. אָבער פֿאָרט: די טעמע איז נישט קיין אויסגעטראַכטע. די דאָזיקע דרייקייט איז איינגעקלעמט מיט לייב און לעבן אין דעם כאַאָס פֿון אונדזער צייט, אין איר אומרו, אין איר פֿאַריאָגטער שטופּעניש פֿון דיפּלאָמאַטן, אַטאָמען און וואַסער שטאָף־כלים, אויף וועלכע איך וואָלט זיך קיין מאָל נישט געוועןן גערעכט, אַז זיי מיינען דאָס טאַקע מיטן רעכטן אמת, מיטן רעכטן הימל־ און ערד־שרייענדיקן וועלט־שקר. די וועלט איז אָנגעשטאָפּט מיט טויטמאַשינעס און אין דער ענגשאַפֿט איז געבליבן ווינציק פּלאַץ פֿאַר דעם יידישן מענטש. און אפֿשר האָט מען דעם מענטש אין גאַנצן פֿאַרגעסן אין דעם גערודער. דערציילט מען וועגן איינעם פֿון די עלטערע יידישע שרייבער: אַז ער איז געוואָרן בר־מצווה און האָט באַדאַרפֿט חתונה האָבן, האָט זיך דאָס גאַנצע שטעטל געגרייט פֿאָרן צו דער חופּה אין שכנותדיקן שטעטל פֿון דער כלה. זענען געשטאַנען די גרויסע בוידן און די בעלי־עגלות מיט בערד און בייטשן, האָבן אַריינגעשטאָפּט אין די בייכיקע וועגענער נאָך מחותנים און שני בשלישים, מומעס און עופֿות, קלעזמער און סאַרווערס און שוואַרצע פֿאַנען געבראָטנס, נאָר דאָס חתנדל האָט מען פֿאַרגעסן אין דער בהלה פֿון די איבערגעשטאָפּטע וועגענער.

וואָס זשע איז מיטן יידיש־שרייבער נאָכן אומקום פֿון דער יידיש־וועלט? אומגעקומען זענען דאָך נישט בלויז די יידיש־יידן, די לייענערס פֿון יידישן בוך, פֿון יידישן בלאַט, די ריידערס פֿון יידישן וואָרט אין קראָמען, וואַר־שטאַטן, פֿאַבריקן, אין מאַרק און אין קלויז, אין חדרים און צישאָ־שולן, אויף פֿאַרזאַמלונגען און אין יידישן טעאַטער — אומגעקומען איז דאָך אויך דער שאַפֿערישער מיטאָס פֿון יידיש, די מאַטיוון־וועלט, די אַטמאָספֿער, די שוואַרצערד פֿון יידיש של מעלה, וואָס האָט געגעבן כוח דעם יידיש־שרייבער, וואָס האָט אים אויסגעטיילט און געשפּייזט מיט אייגנס, אין אַ וועלט פֿון גויים און הירזשענדיקער טומאה. ווו זשע איז היינט, אין דער חרוב געוואָרענער יידיש־וועלט, דער מיסטישער קראַפֿט־צענטער, פֿון וועלכן עס זאָל ציִען די יניקה דער יידיש־שרייבער? ווי לאַנג קאָן מען לעבן פֿון דעם רוח־הקודש פֿון יידישקייט, וואָס איז אַוועקגעגאַנגען. אַזוי צו זאָגן, רוח־הקודש אין איבערזעצונג?

אַ מאָל איז דער יידישער שרייבער אין פּוילן און אין ליטע געווען אַרומ־גערינגלט מיט יידישע געשטאַלטן און סוזשעטן, מיט שבת און יידישן אינדערוואָכן, מיט יידישן גורל און יידישער לאַנדשאַפֿט, וואָס האָט זיך „ניט געמישט" מיט גוייִשער — און דאָס אַלץ האָט זיך אַליין אַריינגעשריבן וואָרט ביי וואָרט אין זיינע שורות. אָט זענען גבירים און אָרעמע־לייט, יונג־וואַרג מיט ליבעס און פּראָבלעמען, חלוצים און בונדיסטן, מנחם מענדל און באָנטשע שוויַיג, האַרעפּאַשניקעס, פֿאַרחלומטע שלימזלניקעס און צע־רויבטע סטראַגאַנעס, פּריצים און וועלדער און צעקריגטע שותּפֿים, וואָס פֿאַרנעמען שבת צו נאַכטס נאָך הבדלה דעם זיידנס צעטומלטן קיילעכיקן טיש אונטערן וויסן בליצלאָמפּ. זיצט ביים טיש אויך אליהו הנביא, ער אַליין, אַ היימישער אָרעמאַן, אַ גייער, און, דאַכט זיך, דער רבש"ע פֿער־זענלעך איז נאָך אויך אַן אַריינגייער אין יידישע שטיבער. דאָס איז געווען דער אינטעגראַלער אינאייגעם פֿון באַרג סיני ביז צו דער ווייסל, שטאַרקע, געדיכטע יידישקייט, וואָס האָט געברענט און געלויכטן אין יידיש־שרייבער, אים געגעבן צו זען און צו זאָגן, צו טרויערן און צו שמייכלען, אים געשאַרפֿט און געצייטיקט און געמאַכט פֿאַר אַ שרייבער. דאָס אַלץ איז געווען לעגיטים און עכט, נישט אַנטליִען ביי קיינעם, נישט נאָכגעמאַכט. דאָס איז דער פֿענאָמען יידיש. און איך קען איינעם אַ שרייבער אין ישראל, וואָס שרייבט

יידיש אויף העברעיִש. דאָס איז ש. י. עגנון, דער מייסטער פֿון דער העב־רעיִשער פּראָזע.

כנענים פֿון דער תל־אביבער אַרטיסטן־קיבעצאַרניע קאָנען לייכט באַ־שטיין, אויסצומעקן פֿון נצח־ישראל אַזאַ שטיק לעבעדיקע יידישקייט ווי די קאַרגע טויזנט יאָר יידיש. אַליין אָפּגעריסענע, אַרט זיי נישט, די כנענים, אָפּצורייסן אַ שטיק הייסן, פֿאַרביקן גייסט פֿון יידישן וועלט־אָרגאַניזם. אָבער איך זע אָפּגעריסענע אויך אויף דער אַנדערער זייט, אָפּגעריסענע און ברוגזע. איך מיין די כנענים פֿון מיליטאַנטן יידישיזם, וואָס פּריידיקן „המשך" אין ניו־יאָרק און בוענאָס־איירעס, אין מעקסיקע און אויפֿן פּאַריזער פּלעצל און רייסן זיך אַליין אָפּ פֿון דער אייביקער יידישער המשכדיקייט, פֿון דעם לעבעדיקן קאָנטאַקט מיט דעם ווייטן אַמאָל, וואָס דערנענטערט זיך און ווערט היינט אין ישראל; פֿון דעם אורקוואַל, וואָס קומט צוריק.

אין דער „דאָיִקייט", וואָס ווערט געפּראַוועט דאָרטן, איז דער יידישער שרייבער געבליבן אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ. איך מיין, אַז דער יידישער שרייבער ביים היינטיקן טאָג, אין ישראל צי אין ניו־יאָרק, אויף העברעיִש אָדער אויף יידיש, וועט נישט דערפֿילן זיין שליחות, אויב ער וועט זיך נישט קניפּן אָרגאַניש מיט יענעם פּענאָמען פֿון נאַציאָנאַלן כוח, מיט יענער לאַנדשאַפֿט, מיט יענעם גייסט, וואָס האָט אויסגעפּייערט אַ מאָל אין מידבר, ווו מיר זענען געווען אין דער היים, פֿון וואַנען מיר האָבן אָנגעהויבן אונדזער טראַגישע וועלט־קאַריערע. ווייל מיר זענען צוריק געקומען אַהער קיין ישראל, נישט זיין „דאָיִקע". מיר זענען צוריקגעקומען מיט דער שליחות צו באַנייען פֿון דאַנען אויס יידישע גרויסקייט אויף דער וועלט. לאָזט מיך זאָגן דאָס דאָזיקע פּאַטעטישע וואָרט. נאָך דעם אַלעם, וואָס מיר זענען אויס־געשטאַנען אין טראַגישן געוואָגל, קומט אונדז דער דאָזיקער נייער אָנהייב. דאָס הייסט נישט, אַז מיר זענען געקומען אַהער „ווינען" און קאָנטינויִרן דאָס, וואָס מיר האָבן געטאָן אין גלות, לאָזט מיך זאָגן ג ל ו ת: איך האָב פֿיינט ת פֿ ו צ ו ת; גלות איז היימישער, נעענטער, עס טוט מער ווי. ס'האָט אַ מאָל אַ רבי געזאָגט: אין דעם טאָג, וואָס איך פֿיל נישט קיין האַרצווייטיק, בין איך אויס מענטש. אָבער צו שאַפֿערישן האַרצווייטיק דאַרף מען כוח. מיר האָבן אַנטפּלעקט אין זיך נייע כוחות צו דעם דראַמאַטיש־תנכישן געדראַנג, וועלכן מיר לעבן איבער ביים היינטיקן טאָג אין ישראל. דאָ איז אַ באַנייונג פֿון יידישן פֿאָלקספּאַטאָס. איך זע נישט, פֿון וואַנען אַ יידישער

שרייבער קאָן ביים היינטיקן טאָג שעפּן שאַפערישן ענטוזיאַזם און גלויבן און אומרו און געפיל פון שליחות, אויב נישט פון ישראל.

אַ מאָל האָט דער יידישער שרייבער געהאַט אַ חזקה אויף געזיכערטער צעריסנקייט אין צוויי וועלטן: די אַרומיקע, גויישע וועלט, און די וועלט פון יידיש בלוט. דערפון האָט ער געלעבט גייסטיק. דער געראַנגל צווישן די צוויי וועלטן איז געוואָרן ליטעראַטור. איינגערעדט האָט מען זיך, אַז ס'איז פאַראַן אַ סינטעז. דערצו איז צוגעקומען די האָריזאָנטאַלע דימענסיע: אַ וועלט מיט יידיש. די דאָזיקע וועלט איז אונטערגעגאַנגען. בלייבט דער ווער־טיקאַלער אַרויף, אַרויף צו די לעבעדיקע יידישע יאָרטויזנטער.

נישט לאַנג צוריק בין איך געווען ביים ים־סוף, ביי דעם פסחדיקן ים, דורך וועלכן מיר זענען נאָר וואָס אַרויס פון מצרים. אַ מאָל פלעג איך טראַכטן: סטייטש, אַזאַ אָרעם פאָלק, ווי מיר יידן, האַלט זיך אַ באַזונדערן ים אויף פסח, וואָס מען נוצט אים אין גאַנצן נישט אין דער וואָכן: ים־סוף. וואָרט ער אין חומש און אין דער הגדה פון איין סדר צום אַנדערן — צי איז געמאָלט ביי אַן אַנדער פאָלק אַזאַ אויסברענגערײ? איצט האָב איך אים געטראָפן, ממשותדיק, אין אילת, אַרומגערינגלט מיט פסוקים, פישערס קופּער־אַרבעטער פון שכנותדיקן תמנע. אויפן הינטערגרונט איז דער באַרג סיני. גיסן זיי נאָך אַלץ ווייסע פלאַמען פון אֵש דת, ווייסע אויף שוואַרצע פלאַמען, אין וועלכע עס האָט זיך אויסגעגליט דער גורל־בונד פון יידישן פאָלק מיטן גייסט, ערשטע באַגעגעניש — אויף אייביק.

איך האָב געפילט נייעם גורלדיקן גערודער אין דער חומשדיקער לאַנדשאַפט. איך האָב געזען יינגלעך אונדזערע ביים ים־סוף. הייסט איינער אברהם, און אויף מער האָט ער קיין צייט נישט. ער לויפט מיט אַ דזשיפּ, מיט אַ מאַשינקע, מיט אַ שפּאַקטיוו, מעסט, באַטראַכט, פאַרשרייבט און יאָגט ווייטער, אָט איז ער נעלם געוואָרן אין עמוד ענן, געשפּונען פון שטויב, שטראַלן און פאָלקס זכרונות. דאָס איז אַ בחורל מיט אַ שטעכעדיקער שטרויזיקער מידבר־וואָנצע און אַ יונגן פנימל פון בלוט און מילך, נאָר וואָס פון דער מאַמעס שטוב אַרויס. און באַלד לעבן אים — אַברהם אָבינו. ער איז דאָ אויך אין דער היים. דער אייגענער אַברהם אָבינו, וואָס האָט זיך גע־שפּילט מיט גאָט, ווען גאָט איז נאָך געווען אַ יונגער־מאַן, דער אייגענער אַברהם אָבינו, וועלכן איך וועל אַזוי גיך נישט מוחל זיין, וואָס ער האָט

זיך דעמאָלט אָפּגעטראָגן פֿון באר־שבע — סתם „װילד״: מען גייט נישט אַוועק!

און איך האָב געזען די שטיינער, אויף וועלכע יעקב איז געלעגן, די שטיינער וואָס האָבן זיך געקריגט צווישן זיך און געבעטן: „יעקב, לייג זיך אויף מיר, לייג זיך אויף יענעם שטיין״. די שטיינער זענען, אַגב, היינט מגולגל געוואָרן אין פּאָספּאָטן. אויך נישט קיין אומגליק. מיסטישע פּאָס־פּאָטן זענען זיי דעמאָלט געווען — היינט פּראָסטע. זיי קומען גוט צו נוץ און איך האָב געפּילט אין דער לופֿט רעשטלעך ציטער פֿון יעקב אָבינוס געראַנגל מיט דעם מלאך, יענעם מיסטישן אורספּאָרט. פֿון אונדזער שטאָם־געראַנגל פֿאַר דער ברכה. דאָס טוען מיר היינט אויף ס׳נײַ, ווידער אַ מאָל געראַנגל מיט דעם מלאך — מען באַהאַלט נישט קיין ברכה, אַז די גאַנצע מענטשהייט הונגערט נאָך אַ כזית פּרייד.

איך האָב געזען דאָ די באַנייונג פֿון יידישן פֿאָלקסמיטאָס, און דאָס דאַרפֿן מיר ווי אַ שטיקל ברויט פֿאַר דער ליטעראַטור. אַ דיכטער קאָן נישט לעבן פֿון אויסגעטראַכטע טעמעס. און דאָ איז דער ריכטיקער פּלאַץ פֿאַר נײַע מעשׂי בראשית. זיי וואַרטן דאָ, די ערד און דער גורל, זיי וואַרטן אויף אַ בעלן און מיר זענען דער בעסטער אָפּנעמער פֿון דאָזיקן גורל. דעם גורל פֿון נאָך ניט דערפּילטער גרויסקייט, וואָס דאַרף זיך ערשט אויס־קריסטאַליזירן פֿון דעם כאָאָס. און דער כאָאָס וואַקסט מיט דער יצירה: דאָס טוט ער אייביק. עס איז אַ שטיקל גוזמא, וואָס דער חומש דערציילט אונדז, אַז בלויז אין זעקס טעג האָט דער רבונו־של־עולם באַוויזן צו באַשאַפֿן דעם גאַנצן כאָאָס. דער כאָאָס איז נאָך אַלץ נישט פֿאַרטיק. און די עשׂרת הדיברות זענען נאָך אויך נישט פֿאַרענדיקט. זיי האָבן געלאָזט היפּש פּלאַץ, צוצוגעבן נאָך און נאָך. ביז איך זיכער: מיר וועלן צוגעבן — לאָמיר נאָר דערגיין צו באַנײַטער שאַפֿערישער אומרו אין אונדזער מנוחה ונחלה. דעם באַרדיטשעווערס דין־תורה מיט גאָט און גאַנץ פּרץ וואָלטן נישט געמאָלט געווען אָן דעם אור־משל פֿון משהס ערשטער באַגעגעניש פּנים־אל פּנים מיט גאָט און פֿון זייער ביידנס אינטימען ווידעראַנאַנד, אָט אין דער לאַנדשאַפֿט. דאָס איז געווען די באַגעגעניש, וועלכע האָט געשפּייזט נישט נאָר אונדזער ליטעראַטור: דעם דיאַלאָג פֿון מענטש מיט גורל.

און ווען איך לייען טאָמאָס מאַנס מייסטער־טרילאָגיע וועגן יוסף מיט

די ברידער, מיט די שבטים, האָב איך דאָס געפֿיל, אַז די בונטע פּאַנאָראַמע פֿון ביבלישע געשטאַלטן, וואָס ער האָט דאָ אָנגעיאָגט, איז געגליכן צו אַן עפּישן וואָלקן־קראַצער, וואָס אַ פֿרעמדער גביר האָט אויפֿגעבויט אויף דעם פּלאַץ, ווו דעם זיידנס שטיבל איז געשטאַנען. דער וואָלקן־קראַצער איז אַוודאי אימפּאָזאַנטער און האָט זיך זיין שיינקייט, אָבער דעם זיידנס שטיבל איז אונדזער ירושה. האַלט איך נישט פֿון דער ראָמאַנטיק, אַז מיר דאַרפֿן אויפֿשטעלן דעם זיידנס שטיבל. מיר קומען אַהין מיט טראַק־טאָרן און בולדאָזערס, אָבער טראַקטאָרן און בולדאָזערס בעטן זיך שכינה, גייען אויס נאָך רוח הקודש.

אַ מאָל האָט מען דעבאַטירט, צי דאַרף זיך די יידישע ליטעראַטור אָר־יענטירן אויף מאָסקווע, אויף וואַרשע אָדער אויף ניו־יאָרק. און עס זענען געווען לומדים, ליטעראַרישע באַנקקוועטשערס, וועלכע האָבן געזאָגט סברות אַהין און אַהער. איך האַלט, אַז די יידישע ליטעראַטור ביים היינ־טיקן טאָג אויף יידיש און העברעיִש דאַרף זיך אָריענטירן אויף נצח־ישראל. נישטאָ עפּעס אַנדערש. דער יידישער שרייבער דאַרף אויפֿרייסן אין זיך אַ נייע באַציונג, אַנטפּלעקן אין זיך אַ נייעם קוק אויף צוריק און פֿאָרויס. דאָס יידישע וואָרט איז אַהיימגעקומען פֿון אוישוויץ מיט אַ שאַרפֿן שניט אין האַרץ — דאָס וואָרט אויף העברעיִש און אויף יידיש.

איך בין מיט אַ צייט צוריק, באַלד נאָך דער וועלט־מלחמה, געווען אויף אַ כינוס פֿון העברעיִשע שרייבער ערגעץ אין די בערג פֿון ירושלים, אין אַזאַ מין סוכה, וואָס מען האָט דאָרט אויפֿגעשטעלט פֿון פּלאַכטעס און דרענגלעך, וואָס לאָזן אַריין אַ סך זון און שאַרפֿע באַרגווינטן פֿון יהודה.

אין הינטערגרונט די בערג פֿון יהודה. זיי שטייען דאָ נאָך פֿון „דעמאָלט“ אָן, אין אַ מידבר פֿון שטיינער. אין די ימות־הגשמים צעיושן זיך מבולדיקע רעגנס, פֿאַרפֿלייצן מיט מיטאָלאָגישער רציחה די איבערגעפֿאַלענע לאַנד־שאַפֿט, רייסן שטיקער פֿון די בערג, און דערנאָך, אַ גאַנץ גייענדיק יאָר, גליט די פֿעלדזן־מאַסע אין דער זון, ווייס פֿון פּערלמוטער און איילבירט־גרין און אַ מאָל דווקא שוואַרץ און פֿאַר מאָלערישע פֿיינשמעקערס אפֿשר בראָנדז און אַ ביסל וויאָלעט — און דאָס אַלץ שטיינער און שטיינער, אַן אַ טאָלק, גלייך מ׳האָט זיי דאָ געדאַרפֿט אַלע אין איינעם: מסתמא האָט מען גע־דאַרפֿט.

עס איז געוואָרן טונקל, און איך האָב געזען שאָטנס פֿון די בערג הינטער די פּלאַכטעס. דאַרף מען נישט קיין פּאַטענט אויף וויזיעס, כדי צו זען אין די בערג פֿון יהודה ישעיהו הנביא, אים פּערזענלעך, מיט די הילצערנע סאַנדאַלן, מיט דעם צעפּלויגענעם בורנוס, מיט דעם פֿלאַקער־קאָפּ. האָב איך געטראַכט: דאָ, צווישן די בערג פֿון יהודה, צווישן די נאָענטע שאָטנס פֿון די נביאים, וואָס זענען זיך אייגנטלעך „נאָר וואָס" צעגאַנגען, וועט זיין שווער, צו פּרוון פֿאַררעדן עמעצן מיט ליטעראַרישן טאַנדייט — און אויב עס האָט זיך אפֿשר פֿאָרט איינגעגעבן דעם אָדער יענעם, האָט ער אַוודאי פֿון זיך אַליין קיין נחת נישט געהאַט: די לאַנדשאַפֿט פֿאַרפֿליכטעט.

דער „טאָג" פֿון די ארץ־ישראלדיקע שרייבערס איז געווען אַ גרויסער טאָג, לויט זיינע כוונות, דאָ האָט זיך נישט גערעדט וועגן דער „צעך". אין גייסטיקן צענטער איז געשטאַנען דער דין־תורה מיט דער וועלט, מיט זיך אַליין, פּחד פֿאַר דעם תהום, חרפּה פֿאַר נישט וויסן דעם וועג, אויסגעשריי פֿון צאָרן און קלעמענדיקע שטומקייט צווישן די ווערטער.

וואָרעם דאָס איז קלאָר: דער שרייבער וועט זיך אין דער איצטיקער שעה נישט אַרויסדרייען פֿון זיין שליחות — און זאָל ער נישט דערגיין די יאָרן מיט דעם מיוחסדיקן אָנשטעל וועגן דער „קינסטלערישער פֿרייהייט". וואָס אייגנטלעך טוען אויף די קינסטלער מיט זייער „פֿרייהייט"?

אַ גאַנצע אייביקייט פּיעשטשען זיי זיך ביי דער וועלט מיט זייער יום־טובדיקן מיחוש, מיט „נשמה", מיט „סוד", מיט איינזאַמקייט, מיט גאָט־נאָענטקייט, און דאָס אַלץ, ווייל זיי „קאָנען" שיין אויסטראַכטן — קאָנען זיי! ווער מען אַרט דאָס? וועמען העלפֿט דאָס? צי וועט דער עלנטער מענטש געטרייסט ווערן פֿון דעם עסטעטישן טועכץ פֿון די טאַלאַנטן?

און ווער האָט דאָס נישט קיין טאַלאַנט היינטיקע צייטן? און די, וואָס האָבן שוין טאָקע אין גאַנצן נישט, שרייבן דען נישט? צי האָט דען אַ מאָל כאָטש איינער אַ שרייבער נישט געשריבן נאָר צוליב מאַנגל אין טאַלאַנט? עס איז פֿאַראַנען אַזאַ מין צווישן־שפּראַכלעכער געדאַנקען־ און געפּיל־זשאַרגאָן, סטיל־סטאַנדאַרט, אין וועלכן עס שרייבט זיך פֿון זיך אַליין, מיט דעם אָנגעגרייטן כוח פֿון אַנדערע. און אפֿשר וועט קומען אַ מאָל אַ צייט אין דער אַנטוויקלונג פֿון דער שרייב־טעכניק, ווען מען וועט זיך אין גאַנצן באַגיין אָן דעם דיכטער. וואָרעם אין תוך איז דער דיכטער אַן אַלטפֿרענקישע

איבערבלייבעניש פֿון אַמאָליקע יאָרן און צו מאָל מאַכט ער נאָר שווער און האַמעטנע די „פֿרייע" באַוועגונג. עס זענען פֿאַראַנען שפּאָגל־נייע ליטע־ראַטור־פֿאָרמען, וואָס ווערן לכתחילה געבוירן „פֿיין אָפּגעריבן", כדי מען זאָל זיך איינשפּאָרן די טירחה פֿון קאָליע מאַכן, און עס זיינען, ווי באַוווסט, פֿאַראַנען גערעאַטענע נאָכקרומעניש, וואָס זענען נאָך „עכטער" פֿון אָריגינאַל — וואָס אָבער האָט דאָס אַלץ צו טאָן מיט דעם דיכטערישן וואָרט אין דער נויט פֿון דער וועלט? וואָס טויג דער גאַנצער טומל פֿון די טאַלאַנטן, אויב זיי העלפֿן נישט דעם עלנטן מענטש דערטראָגן זיינע יסורים אין דעם הינטישן לעבן?

מיר זענען געווען אַ מאָל אַ פֿאָלק פֿון אמונה און מיט דער אמונה זענען מיר אַרויס אין דער וועלט. מיר האָבן געטראָגן דעם באַרג סיני אויף די פּלייצעס, געטראָגן אים צווישן די טומאות, נתעשר געוואָרן מיט טראַגישן פּאַטאָס. מיט די יאָרן פֿון וואָגל איז די אמונה צעבראָקלט געוואָרן אויף באַ־קוועמער כפֿירה און פֿילפֿאַרביקער געצנדינערײ. איצט, אין שווערן פֿאַרויס־וועג אויף צוריק, האָט ווידער אויפֿגעלויכטן דער פֿלאַקער פֿון באַנייטער יידישער לעבנס־אמונה: פֿלאַקער מיט רויך, מיט דונער און בליץ. דאָס איז דער שווערער גאַנג צום אמת — דאָ שפּראָצט נייער מיטאָס, נייער שאַ־פֿערישער כוח פֿאַר דעם יידישן שרייבער, אויף יידיש און העברעיִש. אַנדערש איז ער אַ יורד, וואָס לעבט גייסטיק פֿון פֿרעמדע טישן, וועלט־נע־ונדניק אין הכנסת אורחים־אַכסניות מיט לוקסוס.

גע שטאַלט און אידעע

אין דעם דערקענען מיר די אָרגאַנישע שטאַרקייט פֿון דער יידישער ליטעראַטור, וואָס זי איז ווידער דערגאַנגען צו דער קינסטלערישער גע־שטאַלט. וואָרעם די גייסטיקע נויט, וואָס איז איבערגעבליבן אין דער ליטעראַטור, ווי אַ ירושה פֿון דעם פּראָקלאַמאַציע־פּעריאָד פֿון „אויפֿשריי און אויפֿבראַך״, דאָס איז די אָרעמקייט אין קינסטלערישע געשטאַלטן, אויף זייער אָרט זענען מיר באַגליקט געוואָרן מיט „חבלי לידה״ אָן אַ פּאַרוואָס, דאָס זענען די פֿייערלעכע איינרייסעניש, וואָס מיט זייער פּאַטעטיש־קלאָגע־דיקן ניגון האָבן געוויסע פּאָעטן געמאַכט שוואַרץ־יום־טוב אין דער ליריק. היינט גייט, דאַכט זיך, די ליטעראַטור ווידער דעם וועג פֿון קודש צו חול, פֿון דער געהויבנקייט, וואָס האָט זיך אַליין געפּראַוועט, צו דער וואָכעדיקער וואָר, צום עלנט, צו דער אָרעמקייט, וואָס קומען צום אויסדרוק אין דער בעלעט־ריסטישער פּראָזע.

עס חזרט זיך איבער אין דער היינטיקער יידישער ליטעראַטור דער אייביקער ווידעראַנאַנד צווישן דער צעזונגענער, ראָמאַנטיש גלאַנצפֿולער אומווירקלעכקייט און דער קאָנקורענץ־שוואַכער ערד־געבונדנקייט פֿון דעם קליינעם לעבן מיט דעם באַהאַלטענעם פּאַטאָס, וואָס גליט אין דער שטיל, מיט דער הייליקער וואָכעדיקייט פֿון יענע פּראָסטע זאַכן, פֿון וועלכע מען קאָן קיין „אייביקן שבת״ נישט מאַכן.

די ליריק פֿון „מבול און איבערבראַך״ האָט אַריינגעפֿלייצט אין דער יידישער ליטעראַטור נישט מיט דעם כוח פֿון דיכטערישער איבערלעבונג, נאָר מיט דעם פֿאַרפֿירערישן בליאַסק פֿון דער מליצה — און די האַרטע טריט פֿון די „אייזערנע באַטאַליאָנען״, וואָס האָבן געהילכט אין דער רעוואָלוציע, זענען אין איר שפּראַכלעכער עקספּאָזיטור מאַרקירט געוואָרן פֿון די שוואַכע פֿערזנפֿיס פֿון יענער לויזער ליריק וואָס האָט געמאַכט דעם פּאָעטישן „האַ!״ צו די כוואַליעס, וואָס האָבן זיך געריסן אויף אָן איר.

אַנדערש די פּראָזע. זי קאָן נישט יוצא זיין וועלט־אומגליק מיט שטי־מונג, מיט יום־טובדיקע קינות, וואָס פּאַרזיסן דעם בראָך, זי קאָן נישט אָפּ־קומען מיט שפּראַך־אַרגיעס, וואַקכאַנאַלישן געוויין, וואָס פּאַרהוליעט זיך מיט דער אייגענער פּאַרצווייפלונג. דער פּראָזאַיִקער איז נישט „ערהאַבן" איבער דער חרוב־געוואָרענער ווירקלעכקייט, יענע וואַרט אויף תיקון אין דער קינסט־לערישער געשטאַלטונג. דער פּראָזאַיִקער קאָן זיך נישט פּאַרגינען די זיסע שכרות פון כאַאָס און יאוש. זייער אויסגעלאַסענער פּלייץ ווערט פּאַרהאַלטן און אָפּגעשטעלט פון דער רעאַליטעט, וואָס לאָזט זיך נישט „פּאַרזינגען". דער מענטש אין זיין גורלדיקן בראָך, די לאַנדשאַפט מיט דעם גרויל פון איר שענדונג — דאָס זענען די צענטראַלע וויטיקן פון דער נייער יידישער פּראָזע.

פון דער שותּפותדיקייט פון אָט דער גרויסער טראַגישער איבער־לעבונג אין דעם אומגליק פון מלחמות, פּאָגראָמען און רעוואָלוציעס האָט זיך אין דער יידישער פּראָזע אַרויסקריסטאַליזירט דאָס באַנייטע כלל־געפיל, וואָס האָט מיט דער קראַפט פון דער עלעמענטאַרער נויט צונויפ־געגאָסן אין איין גאַנצקייט די אינערלעכע פּאַרלוירענע נפשות און זיי געגעבן ווידער דעם כאַראַקטער פון אַ שאַפערישער געזעלשאַפט. אין דער יידישער פּראָזע איז געשאַפן אַ דערוויילִיקע היים פאַר דער יידישער ליטע־ראַטור, וואָס איז געוועזן נע ונד די לעצטע יאָרן — אַ היים, אַ נישט פאַר־טיקע, ווו עס פייפט נאָך דער ווינט אין אַלע לעכער, ווו עס שמעקט נאָך מיט דעם אָפּגעשטאַנענעם רויך פון דער איבערגעלעבטער שריפה, ווו עס פילט זיך אָבער שוין דער שאַרפער, האַרבער ריח פון דעם פרישן, שטאַרקן געהילץ, וואָס פאָדערט שווערע פאַרטאָפּלטע אָנשטרענגונג, וואָס זאָגט צו: געטריישאַפט און דויערהאַפטיקייט.

דאָס, וואָס אונטערשיידט די נייע פּראָזע פון דער עלטערער, איז נישט די „נייקייט" פון איר סטיל, נאָר זיין ראַדיקאַליזירונג, זיין שטרענגע עקאָנאָמישע אויסנוצונג, דאָס קינסטלערישע וואָרט און זיין שאַפערישקייט האָבן היינט ווידער באַקומען דעם אורשפּרינגלעכן, איך וואָלט געזאָגט: מיטאָלאָגישן זין, לויט וועלכן שאַפן הייסט: בויען, פורעמען, מיט אָפענע חושים צו דער וועלט, מיט דעם שאַרפזין פון באַשעפער. דאָס וואָרט צו וועלכן מען האָט זיך אין די לעצטע יאָרן פון ליטעראַרישער שפע באַצויגן

מיט ביטול, וועלכעס האָט זיך אַרומגעטעלעפּעט ווי אַ פּרעמדער אָפּגע־נוצטער לעפישער „לבוש" צווישן די בילדער און אימאַזשן, וואָס מ׳האָט אים נישט געגעבן קיין כוח זיי אויסצודריקן — דאָס וואָרט איז אין דער נייער יידישער פּראָזע געוואָרן אַגרעסיווער, שאַרפער און דערמיט האָט דאָס אויך באַקומען די קראַפט צו דער בעלעטריסטישער אויסשעפּונג פון חורבן, וואָס לאָזט נישט איבער נאָך זיך גאָרנישט. אַזוי ליקווידירט דער דיכטער דאָס מענטשלעכע אומגליק. ער שאַפט ליכט, ער זאַמלט די פינצ־טערקייט אין קינסטלערישן וואָרט.

מענטשן אין זייער קליינעם לעבן האָבן פלוצעם דערזען דעם טויט אין אַלע בילדער פון שרעק, זיי האָבן דערפילט אין זייער נפש שאַנד און פּיין און ציינישע אַכזריות — און די דאָזיקע גרונט־איבערלעבונג פון דער צייט האָט זיך אָפּגעזעצט ווי אַ שווערער שטיין אויפן דנאָ פון זייערע נשמות.

און אַזוי האָט אויך די לאַנדשאַפט באַקומען דעם ניואַנס פון שרעק, פון אומדערבאַרעמדיקייט, פון בייזער פרעמדקייט. אין איר זענען פאַר־שטאַרקט געוואָרן די שוידערלעכע בילדער פון שניידיקן טרויער, וועלכע האָבן פאַריאָגט פון דער נאַטור די בונטע שפּילעוודיקייט, דאָס לייכטע, מילדע געפלוידער פון אירע פּאָעטישע „טייכלעך" און „וועלדלעך" און זי געמאַכט שטייפער, שווייגנדיקער, איינזאַמער.

„אין פאַרשנייעטן קאַמינאַ־בראָדער הויף — אַ קיילעכדיקער הויף פון אַ געוועזענעם מאָנאַסטיר אין פוסטן פעלד — אין מיטן הויף: אַ סלופּ מיט אַן אייביק אויסגעלאָשענער לאַמטערן. אַרום לאַמטערן דרייט זיך אַן אייביקער רוח — אַ ווינט: ער קלאַפּט מיט די געבליבענע שטיקער פון די געפּלאַצטע שויבן און אַרום סלופּ ליידן דריי אַנגעזאָטלטע פערד פון ביינאַכטיקן פעלד־שטורעם: קאַלטע דראָטן פּאַטשן און שטעכן זייערע לייבער: אַרום שטויבט און לופטערט זיך דער שניי. ער קומט פונעם ווינקל, ווו אַ גרופּע אויסגעקרומטע קלויסטער־שפּיצן מיט פאַרבראָכענע צלמים שטייט פאַרכמורעט און וויסט — אַ גרופּע צלמים אַקעגן וועלכער קיינער צלמט זיך נישט מער". — — —

(דוד בערגעלסאָן: „מידת הדין").

מיט דער געפּרעסטער קראַפט פון פאַרצווייפלונג, וואָס ברענט אין יעדן נפש, מענטש און בהמה, אין זייער טרויעריקער פאַרשניטנקייט, אין דער צעבראָכנקייט פון יעדער זאַך, וואָס דער חורבן האָט אָנגערירט — האָט דער קינסטלער געשאַפן די געשטאַלט פון דעם אומגליק, דעם איינציק גילטיקן סימבאָל אין דער נייער יידישער ליטעראַטור. און דאָרט, ווו די ליריק קומט אויס מיט דעם אַבסטראַקטן באַגריף „לייד פון דער קרע־אַטור", אַזוי צו זאָגן, מיט דעם אַלגעמיינעם טרויער־פּרינציפּ אין דער וועלט, וואָס נעפּלט טונקל אין דער פאַנטאַזיע, האָט בערגעלסאָן געוויזן די פאַנטאַסטישע געשטאַלט פון דער וואָר.

און זיין וואָרט איז אַזוי קאַרג און טרוקן, אַזוי אומדערבאַרעמדיק אַרויסזאָגעריש ביזן טיפסטן גרונט, אַזוי ווי די אומדערבאַרעמדיקע נאַקעטע קעלט פון דער וועלט, אויף וועלכער ער באַציט זיך. דער קינסטלער וואָס וויל זיך דערביוון צו זיין געשטאַלט, מוז היינט זיין מיט אַלע מיטלען שאַרף אויסגערעכנט אויפן ציל, ער טאָר נישט אַרומהוליען מיט זיין וואָרט, מיט זיין בילד, פון שפּע וועגן, פאַרטרויענדיק דערויף, אַז זיי וועלן שוין, מן הסתם, פריער אָדער שפּעטער, אָנשלאָגן דאָרט, ווו מ׳דאַרף און אַז זיי וועלן דערוויל — אין זייער אונטערוועגישער בלאָנדזשעניש — פאַר זיך אַליין אויך זיין „שיין".

דער קאָנצענטרירטער געשטאַלטערישער ווילן פונעם קינסטלער, זיין גייסטיקע עבודה ארום דער פאָרעם — זי אַליין איז די מאָראַלישע באַ־רעכטיקונג צו זיין אויסטערלישער מלאכה, צו זיין אַנטיסאָציאַלער התבודדות אין אַן אויסגעטראַכטער פיקטיווער וועלט. וואָרעם עס איז קלאָר פאַר אַלעמען, אַז די קינסטלערישע מלאכה פאַר זיך, ד. ה. די מאַנקאָליע צו באַשרייבן „שיין" מיט געכתיבהטע פּאָעטישע שורות און מיט „שילדערונג" פּראָסטע זאַכן פון לעבן אָדער געפילן אַזעלכע, וואָס שטייען נאָר אין ביכל און טוען קיינעם נישט ווי — די דאָזיקע פעיִקייט זיך צו שפּילן מיט דעם חומר גיט דעם דיכטער נאָך נישט די רעכט צו דערקוטשען דער וועלט מיט זיינע בעלעטריסטישע צאַצקעס און נאָך דערצו מיט אַזאַ אָנגעצויגענעם יום־טובדיקן טראַפּ, אין וועלכן עס ליגט אָן אַ ספק טיפער ביטול צו דעם אמתדיקן, עמפּירישן אומגליק פונעם מענטש, ערשט מיט דער דערנענטע־רונג פון זייער פיקטיווער וועלט צו קינסלערישער רעאַליטעט, ערשט מיט דעם ריינעם פאָרעם־גלאַנץ, וואָס לייטערט זיך אויס פון דעם פינצטערן

חומר מיט דעם כוח פֿון שעפֿערישער מסירת־נפֿש — ערשט דערמיט באַקומט זיין מלאכה אַ סאָציאַלן לעבנס־ווערט.

די ריינקייט פֿון דער קינסטלערישער פֿאָרעם איז נישט קיין עס־טעטישער קאַפּריז. זי איז דער העכסטער ציל פֿונעם דיכטער. וואָרעם אין איר אַליין ווערט פֿאַרווירקלעכט זיין וועלט־בויענדיקע ליבשאַפֿט און ממילא: דאָרט, וווּ עס רייסט זיך אַריין פֿאַרעמלאָזיקייט, וווּ עס ווערט צעקאַליעטשעט די קינסטלערישע געשטאַלט, איז געשען אַ זינד קעגן דעם שאַפֿערישן גייסט; פֿון דאַנען קומט עס טאַקע, וואָס די אינערלעכע שוואַכקייט פֿון אַ קינסטלערישער אַרבעט באַליידיקט אַזוי טיף אונדזער געפֿיל, וואָרעם אין דעם עסטעטישן דעפֿעקט פֿון דער קינסטלערישער אַרבעט אַנטפּלעקט זיך צו גלייך אויך אַ מאָראַלישער פּגם פֿון דער שאַפֿערישער פּערזענלעכקייט. אַזוי, אַז מיר האָבן אין דעם פֿאַל אויסצושטיין אַ טאָפּלטן אַטאַק: אַן עס־טעטישן און אַן עטישן.

וועגן דעם סאָציאַלן כאַראַקטער פֿון דער ליטעראַטור רעד איך דאָ נישט אין דעם זין פֿון אַ פּאָזיטיוון סאָציאַלן אידעאַל, נאָר אין דעם זין פֿון איר לעבנסווערט אין דער וועלט פֿון קונסט. פּונקט אַזוי ווי מיר רעדן וועגן דער עסטעטישקייט פֿון אַ קונסט־ווערק נישט דעמאָלט ווען עס זענען דאָרט אַראַנזשירט בלומען און לבנה־נעכט און אַנדערע שיינע זאַכן, נאָר אַפֿילו ווען די מיאוסקייט פֿון זיין שטאָף דערוועקט אין אונדז פֿרייד, צוליב שלימות, וואָס דער קינסטלער האָט איר געגעבן, עס איז די פֿרייד איבער דעם קלוגן דיכטערישן אויפֿטו אין דער שטאָפֿלעכער מיאוסקייט.

דער אַלטער שפּילריין אין י. י. זינגערס דערציילונג „פּערל" איז אַן אַבסאָלוט אומסאָציאַלער כאַראַקטער. ער איז אַן אויסטערלישער און אייג־זאַמער נפֿש, פֿול מיט פֿאַראַכטונג צו דער וועלט, צו וועלכער ער האָט אַן אויסגעשפּראָכן ציניש, געזעלשאַפֿט־פֿיינטלעכע באַציִונג. ער האָט נישט ליב קיינעם און מיט זיין פֿאַנאַטישער עקשנות צום לעבן האָט ער נישט אין זין קיינעם און גאָרנישט, אַחוץ זיין אייגן ביסל צעבראָכנקייט, וועלכע איז פֿאַר אים דער העכסטער ציל אויף דער וועלט. זיין לעבן איז אַנטי־סאָציאַל, ער פֿאַרמינערט דעם עטישן אינהאַלט פֿונעם לעבן מיט זיין אייגע־נער עקזיסטענץ, מיט זיין עטישן מינוס. זיין קינסטלערישע געשטאַלט אָבער, ווי זינגער האָט זי געזען און באַשאַפֿן, פֿאַרגרעסערט און פֿאַר־

שטאַרקט מיט איר אַנגעזאַמלטער קינסטלערישער ענערגיע, מיט איר פלוס פֿון שאַפֿערישער ווירקלעכקייט, מיט איר רעלאַטיווער פֿולקאָמענהייט, די העכערע געמיינשאַפֿט פֿון דער קונסט.

אין די דערציילונגען פֿון א. מ. פֿוקס האָבן געשווירענע עסטעטיקער אַנטפּלעקט אַן איבערפֿלוס פֿון מיאוסקייט און רויִקייט. מען רעדט דאָרט „אויפֿן בערגל" פּאַסקודנע רייד, מען טאַלאַפּעט אַרום דאָס גאַנצע לעבן אין אַ לאַנדשאַפֿט פֿון פּעטע, אורוועלטלעכע בלאָטעס, וואָס פֿאַרשוואַרצן די „העלדן" דאָס לעבן אויף אייביק, מען גנבעט דאָרט פֿריינטלעך און בנעי־מותדיק און מען גייט אידיליש איינער ביים אַנדערן אין די הייזער — מיט ווייניק „שיינקייט". און דאָך איז פֿוקס, „אויפֿן בערגל", די דאָזיקע אידיליע פֿון מיאוסן לעבן, אַן אַ ספֿק שענער און דעם עסטעטישן אידעאַל אַ סך נענ־טער, איידער די אויסגעצאַציעטע ליטעראַרישע פֿאַלשקייטן, וואָס האָבן אַרום זיך שיינקייט און גוטסקייט און הערציקע הייליקייט לרוב און וואָס פֿאַרשטעלן מיט די שפּראַכלעכע אָרנאַמענטן די ריינע קינסטלערישע געשטאַלט.

דאָ, אין דעם דאָזיקן אָרעמען צעקראָכענעם לעבן איז די מליצה קיין סחורה נישט. דער שרייבער רייסט זיך פֿאַרצווייפֿלט צו דער רעאַלער פֿאָרעם — פּונקט אַזוי ווי דער זיידע, דער טויבער, לאָזט זיך נישט אָפּ־באַרען מיט די פֿרומע מעשיות פֿונעם רבי ר׳ מאירל, נאָר טאַפּט אַן אַלע מאָל אויף ס׳ניי מיט די דאַרע פֿינגער אין סאַמע מיטן פֿון דער „פּאָעזיע" דאָס האַרט בייטעלע אין דער כאַליעווע. דאָס איז די יאַדרע, אַרום וועלכער עס פֿאָרעמט זיך אויס די קינסטלערישע געשטאַלט פֿון פֿוקס׳ מיזערנע פֿאַרשוינען. זיינע יידעלעך זענען אַזוי ווי די קליינע טערעפּקע כל־נדרי־באַרלעך פֿונעם זיידנס סאַד: האַרט און פֿאַרבלאָטיקט און פֿול מיט האַרבן, ווייניקן זאַפֿט.

אַזוי שטייט די קינסטלערישע געשטאַלט שטענדיק אויף יענער זייט פֿון גוט און שלעכט, שיין און מיאוס, — און איר באַטייט ליגט נישט אויף דער ליניע פֿון פֿולקאָמענעם טון, נאָר אין דער ספֿערע פֿון פֿולקאָמענעם זיין. דערמיט אַליין דערפֿילט זי איר באַשטימונג אַקעגן דעם אומזיכטבאַרן פֿיינט, דעם כאַאָס. די שאַפֿערישע מאָראַל פֿונעם קינסטלער ווערט נישט געוויגן מיט דעם געוויכט פֿון דער גוטסקייט, וואָס ער פּאָסטולירט אין

שלעכטע לידער אָדער ראָמאַנען. זי באַשטייט קודם כל אין דער גייסטיקער דיסציפּלין, מיט וועלכער ער וואַרפֿט זיך אונטער, אין ריינער שאַפֿערישער הכנעה, אונטער די געזעצן פֿון דער פֿאָרעם, מיט וועלכער ער מאַניפֿעסטירט אין זיין ווערק געזעץ פֿון האַרמאָניע.

אין דעם זע איך די גרויסע אויפֿבויערישע אידעע פֿון דער היינטיקער יידישער פּראָזע און איר טיפֿן סאָציאַלן זין: זי האָט ווידער אַריינגענומען אין איר שאַפֿערישער ספֿערע דעם מענטש, די זאַך, דעם לעבנספּלאַנטער — און אָפּגעזאָגט דער אַבסטראַקטער אידעע, וועלכע האָט זיך איידל און איבערנעמעריש געפּעסטעט אין דער מאָדערנער יידישער ליריק.

אָט די רוחניותדיקע איבערלעבונגס־דיעטע פֿונעם ליריקער פֿאַרטיפֿט אַלץ מער די פּרושדיקע בלייכקייט פֿון זיין פּאָעטישער צורה, וואָס פֿירט צו געפֿיל־אַוואַנטורעס און מאַנקאָליעס, צו גראַציעזער מורא־שחורה, צו לירישער ראשי־תיבותדיקייט. דערפֿאַר האָט די נייע יידישע ליריק אָפּגעגעבן אַזאַ ברייטן רוים פֿאַר די פֿאַרשידענע מאָדע־סטילן און מאָדע־שטרעמונגען פֿון דער צייט — ווייל זי איז, לויט איר מהות, עקספּערימענטןלוסטיק און ווייל אין איר ראָמאַנטישער אָפּגעזונדערטקייט ליגט די אינערלעכע מעגלעכקייט סיי פֿאַר דער אָריגינעלער, איבערראַשנדיקער שיינקייט פֿונעם ליד, סיי פֿאַר יענער „אָריגינעלער" און אינטערעסאַנטער מיאוסקייט, מיט וועלכער דער רעוואָלוציאָנערער פּאָעט האָט פֿאַרשענערט די ליטעראַטור.

און אַגב, אפֿשר איז זיין התבודדות, זיין אָפּגעריסנקייט, צו מאָל אויך די דערקלערונג פֿון דעם הומאָר־מאַנגל, וואָס כאַראַקטעריזירט אין אַ סך פֿאַלן דעם מאָדערנעם ליריקער. וואָרעם הומאָר האָט, לויט בערגסאָן, די פֿונקציע פֿון אָרגאַנישער איינאָרדענונג פֿון יענער אויסטערלישקייט, ער איז די רעהאַביליטירונג פֿון סאָציאַלן כלל קעגן דעם אָריגינעלן קאַפּריער — דער ליריקער אָבער, איז דער גייסטיקער יוצא מן הכלל; אין אַלע סטילן ראָמאַנטיש. דערפֿאַר איז, ווידער, די מאָדערנע רעאַליסטישע עפּיק נישט געמאָלט אָן הומאָר, אָן זיין אויסגלייכנדיקער גערעכטיקייט און אַלזייטיקייט פֿון דער שילדערונג, ווו דער מענטש איז באַוואָרנט פֿון דער פֿאַרשניטנקייט פֿון דעם „געכאַפּטן זאַג", ווו ער טוט אַ לעב אויף אַ רגע און ווערט באַלד ווידער פֿאַרלוירן. ער איז געשאַפֿן געוואָרן לבטלה.

די נייע יידישע פּראָזע שטרעבט צו דערפּילונג אין דער קינסטלערי־שער געשטאַלט — און דערמיט האָט זי געוויזן דעם וועג, ווי אַזוי גובר צו זיין דעם גייסטיקן קריזיס, וועגן וועלכן מען רעדט פּיל אין דער יידישער ליטעראַטור, וואָרעם דער קריזיס איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס די ליטע־ראַטור איז די לעצטע יאָרן ביסלעכוויז אויסגעליידיקט געוואָרן פֿון קינסטלערישע געשטאַלטן, וואָס זי האָט געלעבט פֿון די צוזאָגן פֿון דער אידעע און וואָס זי האָט זעלטן זוכה געווען צו דער קינסטלערישער דערפּילונג.

דאָס אַלטע, איינגעפּונדעוועטע יידישע לעבן, אויף וועלכן עס איז אויס־געוואַקסן די מאָדערנע יידישע בעלעטריסטיק פֿון מענדעלע און שלום עליכם איבער יונה ראָזנפּעלד, פּרץ, אַש און רייזען און וויסנבערג, ביז צו די יינגערע פֿון היינט, האָט זיך פֿון אויבן־אויף קינסטלעריש אויס־געשעפּט — און אויף צו שעפּן טיפּער, מיט נייע שטאַרקערע כלים, וואָס דאָס וועט אַוודאי און אַוודאי נאָך געשען, דערצו האָט געפּעלט די אינערלעכע געזאַמלטע עפּישע רויִקייט. היינט ווייזן זיך די ערשטע שטאַרקע קאָנטורן פֿון דער יידישער געשטאַלט און ווען איך וואָלט נישט מורא געהאַט פֿאַר „עפּאָכעס" וואָלט איך געזאָגט, אַז די נייע עפּאָכע איז בעיקר כאַראַקטע־ריזירט דורך דעם פּאָטענצירטן קינסטלערישן פֿאָרעם־ווילן, וואָס באַהערשט היינט די יידישע פּראָזע. זי שטעלט פֿאַר מיט איר נייקייט דעם אָרגאַנישן המשך פֿון דער שענסטער טראַדיציע אין דער יידישער ליטעראַטור און זי באַטייט ווידער די ראַדיקאַלע ליקווידאַציע פֿון דעם נייעם תרגום־לשון, וואָס האָט מיט פּרעמדער רויִקייט פֿאַרגוואַלטיקט דעם יידישן סטיל, אויסגעסטראַיעט דעם אמתן ווייטיק מיט אַנטליגענעם גלאַנץ.

אַלע ווייסן, דאָס וואָרט איז די געליבטע באַשעפּעניש פֿון יעדן שרייבער — אַוודאי און אַוודאי פֿון פּאָעט — דערפֿאַר ציטערט אין דעם וואָרט, וואָס ווערט אַרויסגעזאָגט, וואָס טיילט זיך אָפּ פֿון באַשאַפֿער, אַ מין מיס־טישער צער פֿון אָפּשייד. וואָס טיפּער און ערלעכער ס'איז דעם שרייבערס ליבשאַפֿט צום וואָרט, אַלץ עכטער, אייגענער, לעגיטימער קומט אַרויס דאָס בילד, דער געדאַנק. דאָס הייסט נישט, אַז דער שרייבער דאַרף זיך פֿאַר ליב צאַצקען מיט שיינע מליצות — אָבער דאָס הייסט, אַז זיינע ווערטער מוזן האָבן אין זיך אויסדרוק־פּאָטענץ, אַז זיי מוזן דערגרייכן, דאָס וואָס זיי

מיינען, אויב זיי ווילן נישט איינגעמען קיין בושות מיט דעם „חנדל" פֿון נישט קאָנען — פּונקט ווו מ׳דאַרף.

די מאָנערישע צייט, די קטלנית, האָט פֿאַרמוטשעט נישט איין פּאַ־עטישן טאַלאַנט, האָט ביי אים געריסן כוח איבער די כוחות, האָט אים מיט גוואַלט אויסגעצויגן אויף אַ גרעסערען גייסטיקן שטח, ווי עס האָט געקאָנט אויספּילן. דאָס דאָזיקע נישט דערפּילן, נישט דערגעבן, נישט דערזאָגן, וואָס האָט זיך געהאַלטן כמעט פֿאַר גניאַל, האָט אין דער אמתן איבערגע־לאָזט אין דער ליטעראַטור אַ נאָך־טעם פֿון אונטערהונגערן, פֿון שרייבערישן דלות אין סאַמע מיטן פֿון דער אידעיִשער שפּע.

און פּונקט אַזוי ווי מיר זענען ווייט דערפֿון, צו לאָזן גילטן אין דער ליטעראַטור דעם ציניִשן הפקר פֿון עסטעטיזירנדיקע ליטעראַטן, וואָס מאַכן מיט זייער טאַלאַנט גראַציעזע קונצן און וואָס זייער פּיקאַנטע לאַנגווייליקייט וואַקסט פּראָפּאָרציאָנעל מיט דער ווירטואָזיטעט, וואָס טראַכט זיי אויס, פּונקט אַזוי מוזן מיר, פֿון דער אַנדערער זייט, אויף פֿאַרלייקענען דעם פֿרומען ציניזם פֿון עטיזירנדיקע דיכטער, וואָס פֿירן אַראָפּ — אויף אַן אַנדערן וועג — פֿונעם דיכטערישן ציל, דעם קונסט־ווערק, און וואָס זייער איבער־פּלוס אין עטישע אידעען שטעלט מיט זיך פֿאַר פּונקט אַזאַ גרויסן עטישן מינוס אויף דער זייט פֿון דער קינסטלערישער מאָראַל.

וואָרעם די מאָראַלישע אויפֿגאַבע פֿונעם קינסטלער באַשטייט אין דעם וואָס ער געשטאַלטיקט זיין אייגן לעבן און דאָס לעבן פֿון אַרום מיט אַזאַ שטאַרקער קראַפֿט, אַז דער נמשל, די רויִע און שווערע ווירקלעכקייט, ווערט מיט זיין פֿאָרעם־ווילן דערהויבן ביז צו דער מדרגה פֿון דיכטערישן משל, אַז זי באַקומט ביי אים סימבאָלישן באַטייט. נאָר אַזוי פֿאַרדינט ער זיך דעם געטלעכן אַטריבוט: באַשעפֿער.

אַז שלום עליכם האָט געוואָלט געבן דעם ענדגילטיקן משל צו דער פֿאַנטאַסטישער אומווירקלעכקייט פֿונעם יידישן לעבן, צו דעם גראָטעסקן־קאַפּויער פֿון אונדזערע מענטשן, האָט ער נישט אויסגעטראַכט פֿאַר אים קיין אַלעגאָריע, נאָר ער האָט באַלויכטן מיט זיין ליכטיקן בליק טאַקע דעם קאַפּויער אַליין, ער האָט געשאַפֿן מנחם מענדלען. אין דער פֿאַרפּלאָנטערט־קייט פֿון אונדזער עמפּירישער עקזיסטענץ האָט שלום עליכם זוכה געווען צו קפֿיצת־הדרך. די מאָסע מענטשלעכע אומגעלומפּערטקייט, פֿאַרדרייטקייט

האָט זיין סינטעטיש אויג קאָנצענטרירט אין איינאיינציקן ברענפּונקט: אין דער קינסטלערישער געשטאַלט.

עס איז פאַראַן אַ פאַרקערטע פּראָפּאָרץ צווישן דעם שטאָפלעכן רוים פון אַ קונסט־ווערק און דער צייט פון זיין גילטיקייט. וואָס מער קאָנצענטרירט, געדיכטעט עס איז דאָס דיכטערישע ווערק, ד. ה. וואָס ווייניקער רוים עס פאַרנעמט אין אים דער פאָרמלאָזער חומר, וואָס שטאַרקער עס איז דער קינסטלערישער תמצית, וואָס דער דיכטער האָט אַרויס־קריסטאַליזירט פון דעם שטאָפלעכן פלאָנטער, אַלץ גרעסער איז זיין צייט, אַלץ שטאַרקער זיין אינערלעכע לעבנס־קראַפט. זיין אייביקייט.

און עס איז געווען, מיין איך, אַ מאָדנער אומגליקלעכער צופאַל פון דער היסטאָריע, וואָס גראָד אין דער זעלבער צייט, ווען די ליטעראַרישע איבערקערעניש האָט נאָר וואָס אָנגעהויבן צו ווערן אַקטועל, האָט די יידישע ליטעראַטור פאַרלוירן מיט איין מאָל אירע שטאַרקסטע זיילן — פּרץ, מענדעלע, שלום עליכם, — און עס איז נאָך זייער טויט איבערגעבליבן ביי אונדז יענע טרויעריק הפקרדיקע יתומים־שטימונג, וואָס שפּיגלט זיך פּיעטשטשענדיק אין דעם אייגענעם אויסטערלישן אומגליק, און אַזוי ווי די קוויטשנדיקע קדישים פון פאַריתומדיקן קליינוואַרג קנאַקן קונדייסיש מיט שלעכטער געכאַפּטער עברי נאָך צו פרי געשטאָרבענע טאַטעס און פאַרטאַמלען אַ רגע דאָס גאַנצע בערדיקע בית־המדרש מיט זייער צער און צעלאָזנקייט — אַזוי האָבן געקלונגען די צעהוליעטע חורבן־לידער פון אונדזערע רעוואָלוציאָנערע „יינגסטע“. זיי זענען צו פרי געבליבן אַליין אויף אַזאַ גרויסער „צייט“, אַ ווילדער.

מען קאָן נישט רעדן וועגן דער יידישקייט פון אונדזער ליריק אין דעם זין פון נאַציאָנאַלן סטיל. אָבער מען קאָן אָן אַ ספק נאָכווייזן נאַציאָ־נאַלע אייגנאַרטיקייטן אין די ווערק פון מענדעלע, שלום עליכם, פּרץ, אַש, בערגעלסאָן, אָפּאַטאָשו, זינגער, פוקס און אַנדערע בעלעטריסטן. ביי אַלע כמעט חזרט זיך איבער, כאָטש אין פאַרשידענע גראַדוסן, פאָלקסטימלע־כער הומאָר — וואָס נאָר דורך אים אַליין האָבן זיי אַלע, לויט זייער קינסט־לערישער מאָס, זוכה געווען צו דעם אָפענעם בליק אויף דער וועלט.

די נאַיווע פריילעכקייט און לעבנס־פרישקייט אין שלום עליכמס פאַנטאַסטישן רעאַליזם, מענדעלעס סאַטירישע שאַרפקייט, די דינע, ליריש

סובטעלע איראָניע ביי בערגעלסאָנען, וואָס פֿאַרנעמט זיך, אַזוי צו זאָגן, הינטערווייַלעכץ אויף זיינע פֿאַרשוינען, מיט שטילע ריידלעך, פֿיינע און שפּיציקע, און האַלט זיי דערנאָך פֿעסט אין זיין קינסטלערישער האַנט, די אידילישע ליכטיקייט אין מאַנכע פֿון זינגערס דערציילונגען, דער חריפֿות־דיקער קוק פֿון י. אָפּאַטאָשו און דאָס ברוטאַלע געלעכטער, ווי עס הילכט צו מאָל אין די דערציילונגען פֿון פֿוקס — דאָס זענען אַלץ קאַטעגאָריעס פֿון דעם הומאָר, דער נאַציאָנאַלער סטיל פֿון דער יידישער ליטעראַטור. אין ערגעץ איז נישט געמאָלט, ער זאָל אין גאַנצן פֿעלן.

אָבער הומאָר בליט בלויז אין דער ספֿערע פֿון לעבן, נישט פֿון אויס־געטראַכטע הוריות — דערפֿאַר דאָמינירט טאָקע אין דער גאַנצער יידישער בעלעטריסטיק, אויף וויפֿל זי האָט קינסטלערישן ווערט, די אידעע פֿון דער הייליקייט פֿון לעבן, די טיפֿע, כמעט רעליגיעזע ליבשאַפֿט צו דעם ליידנדיקן באַשעפֿעניש, וואָס קומט צום אויסדרוק אין דער ריינער שאַפֿערי־שער סימפּאַטיע, דעם קינסטלערישן מיט־ליידן, וואָס באַהאַלט זיך צניעות־דיק אונטער דעם הומאָר פֿון די צוויי וואָס זענען איינס, פֿון דער קינסט־לערישער האַרמאָניע, וואָס קאָן נאָר דערגרייכט ווערן דורך דער טיפֿער אידענטיטעט צווישן דעם וואָרט און דער רעאַליטעט, צווישן דעם קינסטלע־רישן בילד און זיין אורבילד אין דער לעבעדיקער וועלט.

1925

קאַבצאַנסק און די וועלט

ווען יידן האָבן אויפֿגעהערט אַ קוש טאָן אַן אָראָפּגעפֿאַלן ספֿרל, וואָס מ׳האָט אויפֿגעהויבן פֿון דער ערד, איז צייטיק געוואָרן די שטימונג פֿאַר דעם מין, „ביכלעך״. זיי האָבן אויסגעזען ווי „בענטשערלעך״ מיט פֿרי־מיטיווער בדחנות און שטעכווערטלעך, מיט איבערגעניצעוועטע מעשיות פֿון תנ״ך, מדרש און מוסר־ספֿרים, מיט גוטע עצות און אַסטראָנאָמיע, מיט דאַרער דידאַקטיק און מיט אַ מבול פֿון שמ׳ר־פֿאַנטאַסטיק, וואָס האָט באַ־צויבערט די געזעלן און די דינסטמיידלעך מיט דער שיינער גראַפֿיניע, וואָס האָט זיך געליבט אין אַן אָרעמען שניידער־יונג. די זאַכן האָט מען פֿאַרקויפֿט אין געוועלבל, ווו מען נעמט „צעטלען״ פֿאַרן גרויסן געווינס, און אין שענקלעך, מען האָט זיי אָבער אויך געקאָנט קריגן ביים פּאַקנטרעגער, יענער האָט סיי ווי געהאַלטן טרוים־ביכלעך צווישן די סידורים און האַרציקע תחינות, וואָס האָבן געוויינט פֿון זיך אַליין. געווען אַ ייד אַ וואַגלער מיט קאַלטן שטויב אין דער באָרד און מיט צונויפֿגעבונדענע זעק תהלימלעך, ליקוטים און מעשה־ביכלעך, וואָס ער פֿלעגט צעלייגן אין דער מערב־וואַנט פֿון קלויז, נעבן דעם פֿאַריאָגטן, אָפּגעטראָסקעטן קדושה־ברכו פֿון מאַרק־יידן. דאָס איז געווען דאָס בעלעטריסטישע פֿאַרמעג אין דער תקופֿה פֿון איבערגאַנג.

אין יענער צייט איז אויפֿגעשטאַנען שלום יעקב אַבראַמאָוויטש (מענ־דעלע מוכר ספֿרים), וואָס האָט דערפֿילט אין זיך די שליחות און דעם כוח, צו נעמען אויף זיך „די ראָלע פֿון אַ שריפֿטשטעלער ביי מיין פֿאָלק, ביי מיין אָרעמען פֿאָלק״, און זיין אין דער ראָל „דער אומגליקלעכסטער פֿון די אומגליקלעכע: דער ייד צווישן יידן״. ער איז געווען דער ערשטער מאָ־דערנער שריפֿטשטעלער ביי יידן, וואָס האָבן זיך נישט געריכט אין יענער צייט אויף דער עצם דערשיינונג פֿון אַ שרייבער, וואָס נעמט און „באַ־

שרייבט״: אַ העזה! האָט ער געמילדערט די אויסטערלישקייט און געמאַכט די אַנשיקעניש ווייכער, היימישלעכער: ר׳ מענדעלע מוכר ספֿרים, אַ ייד ווי אַלע יידן — נישט „קיין פֿרעמדער רוח״, חלילה, — אָבער די רייד! דער סאַרקאַזם! די „קאַרטינעס״!

דאָס איז געווען דער אָנהייב.

ווי דער מענטש, וואָס קערט זיך אום נאָך לאַנגע וואָגלענישן אין טומל פֿון דער גרויסער וועלט, צוריק אין דער אַלטער, שטילער שטוב פֿון טאַטן, ווו עס דינען נאָך אַלץ די אָרעמע געטרייע שטוב־זאַכן, וואָס האָבן אַ מאָל, אין דער יוגנט, געגלאַנצט מיט שיינקייט און מיט פֿרייד, און וואָס זענען מיט די יאָרן געוואָרן אויסגעבלייכט און, אַזוי צו זאָגן, שעמעוודיק, אַזוי ווי די פֿאַרשייטע שטראַלנדיקע מומעס פֿון אונדזערע קינדער־יאָרן, וואָס זענען געוואָרן צנועות — אַזוי באַגעגענען מיר זיך היינט מיט דעם אַלטן היימישן ווערק פֿון מענדעלע מוכר ספֿרים. אויבנאָן דער טאַטע — זוכן אונדזערע פֿלינקע אויגן אין דעם אַלטן פּנים די געוווינטע שטראָפֿערישע מינע, וואָס מ׳האָט דאָרט איבערגעלאָזט פֿאַרצייטנס. אָבער מיט אַ מאָל אַנטפּלעקן מיר, אַז די טאַטעדיקע האַרבקייט איז אָפּגעווישט געוואָרן און אויף איר אָרט מילדערט מידע וואַרעמקייט.

מענדעלע מוכר ספֿרים האָט אונדז אויפֿגעהערט שרעקן מיט זיין שטרענגן מוסר און אָט די איינגעשפּאַרטע סאַטירישע שטראָף־ענערגיע האָט זיך רעטראָספּעקטיוו איבערגעפֿורעמט אין שאַפֿערישער ליבשאַפֿט צו דעם געשטראָפֿטן לעבן. דאָס איז אַ מין מיסטישע איבערוואַנדערונג פֿון דעם דיכ־טערישן גייסט, וואָס לעבט אין שטענדיקער שאַפֿערישער באַוועגונג, אין געשלאָסענעם רוים פֿון זיין אייגענעם ווערק. די ווערט־אַקצענטן אויף די איינציקע שאַפֿונגען זענען דאָרט נישט באַפֿעסטיקט אויף אייביק, נאָר זיי רוקן זיך טייל מאָל אַריבער פֿון איין ווערק אויפֿן אַנדערן — אין דער ריכ־טונג, וואָס איז אָנגעצייכנט פֿון דער צייט־אַנטוויקלונג. פֿון זיין בייסיקער סאַטירע זעט זיך דורך דער שאַפֿערישער רחמנות מיט דער עלנטקייט און געפֿאַלנקייט, וואָס ער שילדערט: די אידיליע פֿון דעם טרויעריקן לעבן.

„געווען אַ מאָן״ — זאָגט פּרץ — „וואָס האָט אַנטדעקט דאָס ראָד און זיין נאָמען איז פֿאַרגעסן געוואָרן, אָבער אין אַלע שפּעטערדיקע אַנטדע־קונגען דרייט זיך אַלץ דאָס ראָד ביז אויפֿן היינטיקן טאָג. מענדעלע האָט

אַנטדעקט דאָס ראָד אין אונדזער ליטעראַטור און יעדער איינער פֿון אונדז, ביז דעם ייִנגסטן פֿון די יונגע, דרייט אָט דאָס ראָד..."

מענדעלע איז געווען דער מקור — אָבער זיין איינאונאיינציקייט אין דער ליטעראַטור אויף יידיש און העברעיִש איז באַגרינדעט נישט בלויז דערמיט וואָס ער איז געווען דער ערשטער פֿון אַ גייעם שאַפֿערישן דור, נאָר אויך מיט דעם פֿאַקט, וואָס ער איז געווען לעצטער פֿון אַ תקופֿה, וואָס איר שרייבערישער אידעאַל איז געווען אין בעסטן פֿאַל די „השכלה בת השמים", אין אַנדערע, ערגערע פֿאַלן אָבער: דער שטומפּיקער אַמוזיר־טאַנדייט פֿון די שונד־מחברים.

פֿאַר מענדעלע מוכר ספֿרים איז קיין יידישער ליטעראַטור־סטיל נישט געווען, די מחברים פֿון יענער צייט, משכּילים, וואָס האָבן גענאַשט פֿון דער געטלעכער בילדונג, האָבן זיך פֿאַרהאַלטן נעגאַטיוו, מאַנכע פֿריינד־לעך צו דעם אומגעבילדעטן פֿאָלק און ממילא אויך צו יענעם „זשאַרגאָן, וואָס קיין פֿאָלק רעדט אויף אים נישט און פֿאַרשטייט אים נישט", זיי האָבן געזען חסרונות ביי יידן, וואָס זיי רעדן נישט קיין דייטשיש און טראָגן שמוציקע קאַפּטאָנען און האָבן, ווידער, געזען מעלות ביי אַנדערע, וואָס גע־ניסן פֿון דער ליכטיקער בילדונג און גייען אָנגעטאָן ווי מענטשן... דאָס איז געווען אַלץ וואָס זיי האָבן געזען און אויף וועלכן זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט. צו דעם אָבער האָט מען נישט געדאַרפֿט קיין סטיל.

מענדעלע איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט געזען מער און טיפֿער. זיין אינטויִציע האָט פֿאַר אים מעגלעך געמאַכט אַ נאָענטע, אינערלעכע באַציִונג צו די אָביעקטן פֿון זיין קונסט, צו דער יידישער רעאַליטעט. ער איז נישט געבליבן שטיין ביים אויסערלעכן פּרצוף פֿון זיינע העלדן, ביי די פֿאַרטיקע פֿאָרמען פֿון יידישן לעבן, נאָר האָט ווי אַ געטרייער נאַטור־פֿאָרשער אָבסערווירט און אויפֿגענומען אין זיך יעדע פֿאַרבאָרגנסטע תנועה, יעדן שטילסטן שאָרך פֿון זיינע פֿאָרשונגס־אָביעקטן, און דורך דער דאָ־זיקער טיפֿער — מען קען זאָגן: — רעליגיעזער — איבערגעגעבנקייט צו דעם קינסטלערישן חומר, צו זיין סביבה, האָט ער זי געוווּנען פֿאַר זיין קונסט און האָט דערמיט אויך אָהערגעשטעלט די האַרמאָניע צווישן דער געשילדערטער רעאַליטעט און די ווונדערלעכע אַסאָציאַציעס פֿון זיין סטיל.

אָט די רעאַליטעט אָבער האָט מענדעלען געמאַכט פֿאַר דעם ערשטן סאַ־

טירישן קינסטלער ביי יידן. האָט ער אין דער ערשטער תקופֿה פֿון זיין שאַפֿן רעאַגירט אויף דער יידישער ווירקלעכקייט מיט רחמנות אויף די דערשלאָגענע, פֿאַרחושכטע און מיט בייסיקן מוסר פֿאַר די „ספּאַדיקס" און „קליינע מענטשעלעך" — אין ביידע פֿאַלן מיט אומקינסטלערישע מיטלען — זעענען די מאָטיוון פֿון זיין שפּעטערדיקן שאַפֿן אויסשליסלעך קינסטלעריש־סאַטירישע. ער האָט דערפֿילט, אַז דורך אַ קאַזוּיסטישער מלחמה וועט דאָס דאָזיקע לעבן קיין מאָל נישט באַזיגט, נישט אַנדערש ווערן. און טאַקע פֿון אָט דעם ביטערן יאוש איז אין אים געבוירן געוואָרן דער מוט צו דער סאַטירע, וועלכע צייכנט אויס זיין גאַנץ שפּעטערדיק שאַפֿן און באַזונדערס זיין מייסטערווערק „מסעות בנימין השלישי".

אמת, אויך אין דער סאַטירע איז דער לעצטער עפֿעקט סוף־כל־סוף אַ דידאַקטישער, אָבער די דאָזיקע קינסטלערישע ווירקונג, וואָס גייט אַרויס פֿונעם פֿאַרטיקן קונסטווערק, איז נאַטירלעך נישט צו פֿאַרגלייכן מיט אַ לכתחילהדיקער טענדענץ, וואָס לאָזט דאָס קונסטווערק בכלל קיין מאָל נישט אַרויסוואַקסן פֿון זיין אייגענער שטאָפֿלעכקייט. אין ביידע תקופֿות פֿון זיין שאַפֿן זענען די אָביעקטן געבליבן די זעלבע, אָבער די סוביעקטיווע שטעלונג פֿונעם באַשעפֿער איז שפּעטער געוואָרן אַן אַנדערע, אַ קינסט־לערישע. ער האָט אין זיין פֿאַרעם דערגרייכט אַזאַ אומגעווײנלעכע פּלאַסטיק, אַזאַ אינעווייניקסטע זיכערקייט, אַז זי האָט אים מיט רעכט געבראַכט דעם נאָמען קלאַסיקער.

מענדעלעס קינסטלערישער וועג איז שטענדיק געווען אָפֿן און פֿריי ווי דער ברייטער שליאַך, אויף וועלכן ער האָט אַרומגעוואַנדערט מיט זיין פֿערד און וועגעלע. ער האָט נישט געבלאָנדזשעט. דער קינסטלער האָט געפֿילט, אַז דאָס ערשטע איז די קינסטלערישע אויפֿריכטיקייט, די געטריי־שאַפֿט צו דער געשילדערטער ווירקלעכקייט, זיין אינטואיציע ווערט נישט פֿאַרלוירן אין דער ענגשאַפֿט צווישן קבצנים, משכילים, בעלי־טובות, שלעפּערס און אַנדערע משולחתן פֿונעם יידישן לעבן, נאָר זי אַנטפּלעקט צום ערשטן מאָל דעם ייד מיט אַ ה' הידיעה, ווי ער לעבט און לייבט, זיין גוף, זיין נשמה, זיין כאַראַקטער, זיין טיף פֿאַרשאָטענעם מענטשלעכן ווערט. ער האָט פֿון דער אומגעהייערער פֿולקייט פֿון זיין מאַטעריאַל אַרויס־געצויגן דעם תמצית.

אין „מסעות בנימין השלישי״, דער סאַטירע איבער דעם טונעיאַדעוו־קער אַלעקסאַנדער מוקדון מיט דעם נושא כליו, סענדערל די יידענע, וועלכע לאָזן זיך ביידע אין דער וועלט אַריין זוכן די עשרת השבטים און דעם סמבטיון און קומען פונקט ביז צו דער פאַרעפּושטער פּיאַטיגנילעוואָקע, ווו זיי כאַפּן קודם־כל ביטערע קלעפּ פון איינעם אַ גוי און פאַלן דערנאָך אַריין — זייענדיק שוין כמעט אַ תהום שבת פון „קושטא״ — אין די הענט פון יידישע „כאַפּערס״, אין דעם דאָזיקן ערשטן נאַציאָנאַלן עפּאָס ביי יידן האָט מענדעלע געמאַכט דעם געלונגענעם פאַרשטויס ביז צום טיפּישן אַלגעמיינעם איבער־פּערזענלעכן. מענדעלע זעט אין אָט דעם העלד נישט מער דאָס אינדיווידועל גראָטעסקע, נאָר דעם אַלגעמיין גילטיקן משל, וואָס פּאַסט זיך אויף אַלע: יעדער קאַבצאַנסקער, אַ מיזערנע טראַגיקאָמישע פיגור, וואָס לעבט אויף די מיסטן, מאַכט מאָדנע מינאַריעס, לויפט שטענדיק נאָך הויכע אידעאַלן, פאַרזאָרגט די וועלט מיט „תורות״ און אַליין גייט ער בהרחבה אין די הייזער. אין „מסעות בנימין השלישי״ ליגט דער עיקר נישט אין דער מעשה, וואָס מענדעלע דערציילט, אָדער ווי אַזוי ער דער־ציילט זי אונדז, נאָר אין דעם מרחק צווישן דעם, וואָס די יידן טוען דאָ, און דעם לעבן אין נאַטור. ווי יעדער אמתער סאַטירישער קינסטלער פילט זיך אויך מענדעלע אַלס באַשיצער פון דער געשענדעטער נאַטור, פאַר וועל־כער ער נעמט זיך אָן מיט זיין ווערק.

ביי דעם קינסטלער, וואָס שטייט שטענדיק אונטער סאַטירישער שפּאַ־נונג, פאַרוואַנדלט זיך אַלץ, וואָס קומט נאָר אין זיינע שאַפערישע ד׳ אמות, אין סאַטירישע מאַטיוון. אויך די נאַטור. ער מוז זיך נאָר פעסט האַלטן אין דעם אינסטרומענט זיינעם, אין זיין שפּראַך, וועלכע ווערט אין אַנט־שיידנדיקן אויגנבליק אַליין פאַרמאַטיוו. מענדעלעס עסטעטיק איז אַ זאַכ־לעכע. איר קריטעריום איז: אויסשעפּן אין גאַנצן די טעמע.

ווען מענדעלע מאָלט אַ זומערדיקן טאָג אין דער העכסטער נאָכמיטאָג־היץ, דעם בלויען קלאָרן הימל אָן אַ פּיצל וואָלקן, די זון, וואָס סמאָליעט, די תבואה אויף די פעלדער, די ביימער און די וועלדער, וואָס שטייען שטיל, די קי אויף דער פּאַשע, וואָס ליגן מיד, אויסגעשטרעקט די העלדזער, שאָקלען צו ווילע מיט די אויערן, קייען און מעלה־גרהן, דעם בוהיי, וואָס פאַררייסט דעם עק, לויפט גאַלאָפּ, וואָרפנדיק דעם קאָפּ אין אַלע זייטן, שטעלט פּלוצ־

לונג זיך אַנידער, אַנגעבויגן דעם שטערן צו דער ערד, שמעקט, פּאַכעט מיט די נאַזלעכער, לאָזט אַרויס אַ ברומען, סאָפּעט און דריגעט מיט די פּיס; די פּערד, וואָס שטייען נעבן אַן אַלטער אויסגעקרומטער און האַלב פֿאַרדאַרטער ווערבע, איבערגעשפּאַלטן אין דער העלפֿט, אַ מאָל פֿון אַ דונער, איינער אויפֿן אַנדערן פֿאַרלייגט די קעפּ, צו מאַכן כאַטשי עפּעס אַ שאָטן און שמייסן מיט די וויידלען, פּטור צו ווערן ווי ס'איז פֿון די בייזע פֿליגן — דאַרף מען געדענקען, אַז נאָך דער דאָזיקער מאָלערישער קאָמ־פּאָזיציע קומט מענדעלען אויס צו דערזען, אַז אין דער זעלבער רגע ליגן צוויי יידן ערגעץ ווו צעשטרעקטע, מיט פֿאַרסמאָלצעוועטע טערקישע טליתים קטנים, ליגן פֿויל, גענעצן און שוויצן.

מיט אָט דעם פֿינאַל אַליין ווערט אונדז קלאָר אַז מענדעלע באַדינט זיך נישט מיט דער נאַטור אַלס פֿאַרפּוצעכץ פֿון זיין געשילדערטער וועלט. נאַטור און קונסט זענען ביי אים האַרמאָניש פֿאַראייניקט אין יענער טיפֿער קינסטלערישער לעבנס־איינהייט, אין וועלכער זיין ווערק איז געוואָרן צייטיק און פֿון וועלכער ער האָט געשעפּט די קראַפֿט צו געבן זיינע איינע־וויניקסטע איבערלעבונגען, אַלגעמיינע גילטיקייט, זיי צו אָביעקטיווירן. מענדעלעס קונסט האָט אירע אייגענע געזעצן, איר אייגענעם ריטעם, איר אייגענעם ווילן.

ער איז נישט געגאַנגען דעם וועג פֿון פֿרייען הומאָר. דער הומאָר האָט די טענדענץ מוחל צו זיין. ער נעמט אַריין אַלע דיסאַנאַנסן פֿונעם לעבן אין אַ באַרויקטן האַרמאָנישן וועלט־בילד. ער האָט רחמנות מיט זיינע אָביעקטן.

אָבער דער סאַטיריקער קאָן נישט מוחל זיין, ער קאָן זיך נישט באַ־פֿרייען פֿון די שרייענדיקע סתירות, וועלכע לאָזן זיין גייסט נישט קומען צו רו. ער איז זיך נוקם מיט זיין ווערק.

פֿאַר דעם אויבנאויפֿיקן באַטראַכטער ווערט מענדעלעס סאַטירישע שטייגערונג פֿונעם אינדיווידואַלן אויפֿן כלל פֿאַרקומען ווי אַ פֿעלשונג פֿון דער רעאַליטעט. באמת אָבער אַנטהאַלט אין זיך די דאָזיקע סאַטירישע מעטאָדע אַ פּרווו אַרויסצושיילן דאָס אַלגעמיינע, טיפּישע פֿון דעם שטאַרק איבערגעלאָדענעם איינצלפֿאַל. מענדעלעס קינסטלעריש סאַטירישע קריטיק פֿון אונדזער לעבן איז קיין מאָל נישט געווען קיין נעגאַטיווע, אַדרבא, זי ווירקט אין טיפֿסטן זין פֿונעם וואָרט, אויף צו דערהאַלטן אונדזערע אמתע

ווערטן, זי האָט אונדז נענטער געבראַכט צו זיך אַליין, צו דעם מקור, וואָס לעבט אין אונדז.

* * *

אפשר קאָן מען זאָגן, אַז מענדעלעס ווערק איז די אידיליע פון דעם אָרעמען לעבן. אַנדערע האָבן באַזונגען די ראָמאַנטיק פון שבת קודש־אַטלאַס און נשמה־יתרה — פאַר מענדעלען האָט זיך צום ערשטן מאָל אַנט־פּלעקט דער שוידערלעכער אמת פון קאַבצאַנסק און טונעיאַדעווקע, די פאַנטאַסטיק פון יידישן עלנט.

מיט אָט דעם אמת, מיט אָט דעם ווייטיק איז מענדעלע מוכר ספרים געוואָרן דער גרויסער יידישער קינסטלער, ער האָט איבערראַשט דעם זומפּ אין דעם אויגנבליק, ווען יענער האָט אָנגעהויבן הנאה האָבן פון זיין זיסער וואָרעמקייט, ער האָט אים אויפגעטרייסלט, אויסגעלערנט דער־שרעקן זיך פאַר זיך אַליין...

דערביי האָט מענדעלע נישט געקלאָגט פאַטעטיש אויף דעם יידישן גורל, ער האָט בלויז קאָנפראָנטירט דאָס וועלט־פאַרזעעניש מיט דער וועלט; גלופּסק מיט דער נאַטור. און ער האָט זיך דערנאָך צוריקגעצויגן פון די אָביעקטן אָן אַ פירוש. אין דעם ליגט זיין הויכער קינסטלערישער טאַקט.

אין דער דאָזיקער שטומער „קאָנפראָנטאַציע" האָט די ליטעראַרישע קורצזיכטיקייט דערזען מענדעלעס „בייזקייט", זיין „שנאה" צו דער וועלט. די גייסטיקע באַלעבעסלדיקייט האָט ליב באַבסקע הומאָר, וואָס טוט נישט וויי, האָט ליב, אַז מען ווייזט אַרויס „פאַרשטענדעניש" פאַר איר חזיריש־קייט — מען איז דאָך „נישט מער ווי אַ מענטש"... און זי קאָן נישט מוחל זיין, וואָס מ'איז איר נישט מוחל.

מענדעלע איז געווען אַ משכיל מיט שאַפערישן געניוס, ער האָט, ווי יעדער גרויסער קינסטלער, געהאַט דעם מוט צו דעם מיזערנעם קליינעם לעבן, אויף וועלכן דער פאַרטאַטש קוקט זיך אַפילו נישט אום, אין דעם מאַניפעסטירט זיך די שאַפערישע רחמנות פון דעם קינסטלער און צו גלייך זיין גייסטיקע גרויסקייט. וואָס „נידעריקער", וואָס ווייניקער „ליטעראַטור־פעיִק" עס איז דער הומאָר, אַלץ העכער דער שאַפערישער אויפטו. נאָר די־לעטאַנטן רייסן זיך דווקא צו „גרויסע" טעמעס, וואָס שרייבן זיך, אַזוי צו זאָגן, פון זיך אַליין...

הייזער־יידן, באַפּערס, פֿאַרשלעפּטע קרענק, כלי־קודש, וואָס רודערן אַרום קהל און הקדש, אויף ירידים און חתונות, אין ישיבות און אַכסניות — זיי זענען אַלע אין איינעם און יעדער באַזונדער דער „העלד" פֿון מענדעלעס קינסטלערישן ווערק. אין די דאָזיקע אַלע פֿאַרשוינען האָט מענדעלע אַריינגעלייגט אַזוי פֿיל קינסטלערישן לעבנס־כּוח, אַז זיי זענען פֿאַרזאָרגט מיט אומשטערבלעכקייט אין דער יידישער וועלט.

זיין ווערק איז די „פֿריילעכע נאַטור־געשיכטע" פֿון דער יידישער אָרעמקייט. אין ערגעץ איז זיין ווערק נישט פֿריי פֿון סאָציאַלער טענדענץ — אָבער די טענדענץ איז אַלע מאָל איינגעזאַפּט געוואָרן אין דער קינסטלערישער שיינקייט. זי האָט פֿון דאָרט אויס נישט מער „דערקוטשעט"... ווארעם די אַלגעמיינע נעגאַטיווע באַציִונג צו טענדענץ־ליטעראַטור איז באַגרינדעט נאָר דעמאָלט, ווען די טענדענץ באַנוצט פֿאַר איר צוועק אַ בעלעטריסטישן שאַבלאָן. אין דעם פֿאַל שטערט אונדז נישט די גוטע טענדענץ, נאָר די שלעכטע ליטעראַטור.

אין מענדעלע מוכר ספֿרים אָבער, איז דער קינסטלער אַלע מאָל געווען שטאַרקער, עלעמענטאַרער, איידער דער סאָציאַלער מוסר־זאָגער. נאָר אין זיין ערשטן שאַפֿונגס־פּעריאָד, ווען ער איז נאָך נישט געווען דערגאַנגען צו זיך אַליין, האָט דאָמינירט אין זיין שרייבן דער באַליבטער „זה לעומת זה"־פּרינציפּ, וואָס שטעלט אַוועק יצר טוב־העלדן קעגן מאָראַלישע אויסוווּרפֿן: דעם איידעלן גוטמאַן קעגן וואָרגער און וועקער, קעגן קנעכט־באַרג און ספּאָדעק...

פֿון דער דאָזיקער פּרימיטיווער משכּילישער „אַריינזאָגעניש" און „אַרויסזאָגעניש" האָט זיך מענדעלע באַלד עמאַנציפּירט, און אויף דעם אָרט, וואָס עס האָט פֿריער פֿאַרנומען דער מוסר השכּל „צווישן די שורות", זענען שפּעטער אויסגעוואַקסן זיי אַליין, די שורות. ער איז געווען דער ערשטער יידישער קינסטלער וואָס האָט געוווּסט דעם סוד פֿון גייסטיקער אַחריות פֿאַר דער וועלט, וואָס ער באַשאַפֿט. ער האָט פֿאַר זיין ווערק אין ביידע שפּראַכן, יידיש און העברעיִש, אַליין באַשאַפֿן דעם אינסטרומענט: די קינסטלערישע שפּראַך.

1920

פרײלעכער פּאַטאָס

שווער צו זאָגן, אַז מיר האָבן אַלע געפּילט דעם אמתן טעם פֿון געהויבע־נעם שלום עליכם־יום־טוב אין דעם אַלוועלטלעכן צענטענאַר־גערודער, וואָס האָט זיך צעקלונגען, מיט עכטע טענער און מיט אַנדערע, לכבוד דעם גאון פֿון דער יידישער ליטעראַטור און איז אומגעריכט דערגאַנגען אַזש ביז צו יענעם פֿאַרהוילענעם ראַיאָן, ווו עס איז אין לעצטן דור פֿאַרשטומט געוואָרן דאָס שאַפֿערישע יידישע וואָרט און עס זענען פֿאַרשטערט געוואָרן זיינע ימים־טובים: רענעסאַנס־דור פֿון מיטלאַלטער אין דער „וועלט פֿון מאָרגן״. אַוודאי וואָלטן מיר אַלע געהאַט אַ ריינערע הנאה פֿון דער פֿאָלקס־שימחה אַרום דעם הונדערטסטן געבוירן־טאָג פֿון שלום עליכם, ווען עס וואָלטן געווען דערביי, קודם־כל, די הויפּט־מחותנים — די יידן — און ווען עס וואָלט געווען אַ שימחה לשמה פֿון דער יידישער וואָרטקונסט, וואָס איז באַגליקט געוואָרן מיט אַזאַ אוצר פֿון פֿאָלקס־חכמה און לעבנספרייד, שיינ־קייט און צעזונגענער ליבשאַפֿט, אַ גייסטיקע שימחה אָן פּניות, אָן פּאַראַדן, אָן הילכערס אויפֿן סטאַדיאָן און אָן פֿאַרמעסטונגען, ווער וועט שרייען העכער: „אַלייכעם!״ פֿאַרצייטנס אין דער יום־טובדיקער קלויז, געדענק איך, אין סאַמע מיטן געדאַוונטן דיאַלאָג צווישן בעל־תּפֿילה און קהל, ווו עס חזרט זיך איבער אין צעזונגענעם הלל דער תהילימדיקער רעפֿריין „כי לעולם חסדו״, פֿלעגט פֿון מאָל צו מאָל זיך אַ ריס טאָן איינער אַ ייד, ישראל גוי, אַ פֿאַרשויך, וואָס „לאָזט זיך נישט״ פֿון די חסידאַקעס, און ער פֿלעגט אַרויסגראַגערן מיט פֿרומע געוואַלדן, העכער פֿאַר אַלעמען: „כאַסדאָי״, שוין נאָכן רב, צי פֿאַר אים, ער פֿאַר זיך — „כאַסדאָי״! — און האָט פֿאַר־שעמט מיט זיין גרילץ די לויטערקייט פֿון יום־טוב.

פּראַוועןן מיר איצט אויף דער גאַנצער וועלט אַ קיילעכיק יאָר יום־טוב

שלום עליכם און אַלץ איז, פֿאַרשטייט זיך, שוין געזאָגט געוואָרן וועגן זיין פֿענאָמענאַלער איינציקייט, היינט ווי מיט צענדליקער יאָרן צוריק. „געזאָגט" האָט, דאַכט זיך, קודם־כל, דאָס פֿאָלק אַליין, נאָך איידער די ליטעראַטן זענען דערגאַנגען צו זייער אָביעקטיווער „אָפּשאַצונג". קאָן זיין, אַז דאָס פֿאָלק, אַליין אַ שטיק וווּנדער, האָט אַ נענטערע נאַטירלעכע קרובישאַפֿט מיט דעם פֿענאָמען גאון. האָט זיך אַ וועלט מיט יידן באַלד ביי שלום עליכמס ערשטן אַרויספֿאַר אָנגענומען מיט העזה און האָט הנאה געהאַט, איידער מ'האָט נאָך „געמעגט", הנאה געהאַט, אַזוי צו זאָגן, אויף אייגענעם חשבון פֿון דעם הומאָר, וואָס האָט זיך צעבליט מיט אַזאַ פֿרייד אין דעם אומעט פֿון אַזאַ לעבן. שלום עליכם האָט זיך טיף איינגעהאָרכט אין אַלע ציטערדיקע צאַפּלעניש פֿון דער פֿאָלקס־נשמה — און זיין ווערק איז געוואָרן אויטאָביאָגראַפֿיע פֿון עמך.

דאָס פֿאָלק אַליין האָט זיך אַריינגעשריבן־אַריינגעזונגען אין די ניין מאָס גענ‏יאַלער באַרעדעוודיקייט פֿון שלום עליכמס מאָנאָלאָגן, מעשיות, ראָמאַנען, געפּליגלטע זאָגענישן, וואָס האָט זיך צעברויזט ווי אַ פֿרילינגטייך אין דער קינסטלערישער טריקעניש פֿון דער יידישער ליטעראַטור אין יענער תקופֿה. מענדעלען האָבן געלייענט אויפֿגעקלערטע בעלי־בתים מיט גוזמות חשיבות, מיט פֿאַרשווירענע וואָנסעס און געשפּאַלטענע קאַפּאָטעס, און משׂ־כילישע מלמדים פֿון חדר מתוקן, מיט אַ שמיץ אַפּיקורסות, דקדוק און פּאָ־פּולערער אַסטראָנאָמיע. פּרצן האָבן דער עיקר געלייענט אינטעליגענטן, גרויסע געברויכערס פֿון געדאַנקען־שטרעכעלעך, וואָס האָבן זיך אַליין געשניטן אויף שרייבערס — און אויף וויפֿל עס האָט געלייענט עמך, האָט אָבער אַ פּראָסטער ייד מורא געהאַט הנאה צו האָבן, טאָמער טונקלט דאָ ערגעץ אַ רמז וואָס מען דאַרף אים „כאַפּן" און דערביי מכוון זיין כוונות. שלום עליכמען אָבער האָט געלייענט דאָס פֿאָלק. עס האָבן געלייענט יידן, וואָס זענען קיין לייענערס נישט, פֿאַרחידושטע יידן, וואָס האָבן זיך נישט געריכט אויף אַזאַ כישוף. זיי האָבן אויפֿגענומען די מעשיות מיט אַלע חושים פֿון אומעט און ליצנות און נישט מורא געהאַט צו לאַכן מיטן גאַנצן צעבראָכענעם האַרצן — און אויב ס'איז, אפֿשר, דערגאַנגען אַ שטראַל פֿרייד צום פֿאַרהאַוועטן מנחם מענדל אַליין, וואָס האָט אַ רגע געמאַכט אַ הפֿסקה אין דער שלימזלדיקייט און הנאה געהאַט פֿון דער פֿריילעכקייט, האָט אים דער אומבאַוווסטער קינסטלערישער גענוס אַריינגעפֿירט אין

דעם כישוף־פּראָצעס פֿון ווערן אַן אַנדערער מענטש אין אַנבליק פֿון זיין אייגענעם דיכטערישן שפּיגלבילד: העכסטער ציל פֿון שאַפֿן.

איך געדענק אַ טיש מיט יידן אין אַ חנוכה־אָוונט ביי אונדז אין שטוב: אַ גאַליציאַנער שטוב פֿון יענע יאָרן — אָבער ס'האָט שוין דערשמעקט עפּעס „נייע ווינטלעך". אַרום טיש טאַטע־מאַמע, חסידים, יונגע לייט, דעם טאַטנס שותפֿים, מומעס, שוועגערינס, חברה קליינוואַרג — און דער גמרא־מלמד, אַ הייסער למדן, אַ חסיד און אַ לץ, לייענט „פּיר" אַ שטיקל שלום עליכם. דער ייד איז פֿאַרשפּונען אַרום און אַרום מיט אַ שווערער צעקריגטער באָרד, וואָס איז לכתחילה, ווייזט אויס, געווען געפּלאָנט ווי אַ קאָאָפּעראַטיוו פֿון פּיאות — האָבן זיי אָבער צווישן זיך נישט געקאָנט אַדורכקומען. דער מלמד בייסט די באָרד און האָט מורא הנאה צו האָבן — דער עולם אָבער וואַרפֿט מיט אַ מאָל אַראָפּ פֿון זיך דעם גאַנצן עול פֿון יראת שמים און דרך־ארץ פֿאַר מענטשן און קאַטשעט זיך אַלץ שטורעמדיקער פֿון געלעכטער. אַזוי האָט דאָס פֿאָלק זיך אָפּגערופֿן אויף דער שרייבערישער נאַטורקראַפֿט שלום עליכם, בשעת חשובע ליטעראַטן האָבן נאָך פֿריינדלעך מבטל געמאַכט דעם „ייד פֿון קיִעוו": אַ נייער מין הערשעלע אָסטראָפּאָליער, צי פּראָיעם גריידינגער, אַ פֿריילעכע אַנשיקעניש מיט אַן אַקטיאָרישער פּעלערינע און קאַטאָוועס הינטער דער פּענסנע, וואָס ווייס נישט מער ווי לצוועָן און שיל־דערן. „שילדערן" האָט ביי אונדז אין שטאָט דעמאָלט געהייסן: חוזק מאַכן פֿון בעלי־בתים, וואָס דאַרפֿן אויסגעבן טעכטער. און כאָטש דער אינטעלי־גענט, אַליין אַ לעגיטימער גילגול פֿון בעל־הבית, האָט שטילערהייט ליב געהאַט, אַז מ'האָט איינעם „גוט אָפּגעשילדערט", איז ער אָבער נישט געווען אין גאַנצן זיכער, צי שטייט אים אַן הנאה צו האָבן פֿון זאַכן, פֿון וועלכע ער האָט הנאה: ווו איז נשמה צעריסנקייט?

די דאָזיקע אַמביוואַלענטע באַציִונג צו הומאָר האָט זיך נישט קיין סך געביטן ביזן היינטיקן טאָג — „עפּעס הומאָר, דאָרט" — כאָטש היינט האָבן שוין ליטעראַטור־מלמדים פֿון אַלע „ריכטונגען" און מגידים מיט „טעזיסן" געכאַפּט דעם שכל פֿון שלום עליכמס חכמה און אַרויסגעגעבן אַן איינגע־האַלטענעם הכשר אויף זיין שאַפֿן: באַוווּנדערונג מיט באַוואָרעניש און מיט דעם רעכט, צו אַנטוויקלען דערביי אַ קאָמפּליצירטן סיסטעם פֿון טיפֿזיניקן

אומפּאַרשטיין אַרום דעם שרייבערישן פּענאָמען שלום עליכם: אַ שרייבער — אַ נאַטור־קראַפט. דערביי האָבן זיי מורא צו לאָזן די פּרייד אַליין, אָן דרוש — האָט מען זי אָפּט אַרומגעגראָדזשעט מיט אַקאַדעמישער טערמינאָלאָגיע, ווי מיט שטעכיקע דראָטן, און מען האָט אָנגעהאַנגען: „טרערן" אויפֿן הומאָר, כדי ס'זאָל זיין „עמקות" אויף אַריינצוטייטשן, און דער אינטעליגענט זאָל זיך נישט פֿילן אָפּגענאַרט פֿון דעם פֿרייען געלעכטער פֿון עמך. „לאַכסט ווי אַ חצופּה" — פֿלעגן שטרענגע מלמדים אָפּשייגעצן דאָס לעבן.

דער גאַנצער פּילפּול אַרום שלום עליכמס פּערזענלעכקייט און זיין ווערק לעבט פֿון דעם לומדישן כאַפּ, אַז דער גאוניש־ער פֿאָלקס־הומאָריסט האָט מסתמא „געלאַכט מיט יאַשטשערקעס" — נישט געמאָלט קיין חקירה אָן דעם דאָזיקן רעקוויזיט — אַז אין תוך איז דאָס נישט געלאַכט, נאָר „געוויינט" און אויב שוין יאָ געלאַכט, איז דאָס אַוודאי פֿון יענעם סאָרט „לייכטן" שרייבן, וואָס גייט אַליין, ווייל ס'האָט נישט קיין „אידעע", וואָס זאָל עס אָפּשטעלן און דערפֿירן אין דער טיף. דאָס איז די סקאָרבאָווע צוויי־טיילונג פֿון די ספֿערן: אָדער מען לייענט און מען האָט עסטעטישע הנאה אָדער מען קנייטשט דעם שטערן אין מוח־גרימעניש. אַלע האָבן געהערט, אַז שלום עליכם שרייבט „פֿון זיך", שרייבט שטייענדיק און גייענדיק, אין גאַס און אין טראַם, שרייבט לאַכנדיק צו זיך אַליין, האַלט אין איין „באַ־שרייבן" — כאָטש מיר ווייסן, ווי שווער אַן אמתער קינסטלער אַרבעט אויף זיין לייכטקייט — איז שוין גאַרנישט שווער פֿאַר דער אויבנאויפֿיקער „עמקות" צו אידענטיפֿיצירן דאָס „לייכטע" שרייבן מיט מאַנגל אין „וואָג".

אָדער „טרערן", וואָס מאַכן דעם הומאָר ליטעראַטור־פֿעיִק, אָדער כאָטש „אוניווערסאַלער פֿאָרמעסט" — אַ שיין וואָרט, מ'זאָל נישט מוזן איינבעמען קיין בושות מיט די פּראָווינצער פֿאַרזעענישן, קאַסרילעווקע און יעהופּעץ, וואָס האַלטן זיך, על־פּי־טעות, אויך פֿאַר אַ שטיק וועלט. איז טאַקע מנחם מענדל נישט מער ווי איינער אַ שטעטלדיקער שלימזל, אַ שטעקעלע־דרייער און דאגת פּרנסה־אַקראָבאַט, וועלכער שטייט אויפֿן קאָפּ, וואָס ער האַלט אין איין פֿאַרלירן, אָבער אין אמתן קער זיך אָן מנחם מענדל גאָר נאָענט מיט דעם אינטערנאַציאָנאַל פֿון פֿריילעכע לאַ־יוצלחס, וואָס עס גייט זיי אַלעמען קאַפּויער אין ברוגזן לעבן און זיי קערן וועלטן אין אַ מין האָפֿערדיקן ייאוש, יעדער מיט זיינע ביואַנסן פֿון אומעטיקן חן, יעדער

מיט זיין פּערזענלעכן נוסח פֿון האַרצוויטיק און קאַפּדרייעניש: צי האָט ער שוין יוצא געווען „אוניווערסאַלישקייט”? איך וואָלט געפּרוווט זאָגן, אַז מיר אַלע זענען נישט דערגאַנגענע איינִיקלעך פֿון מנחם מענדלען — זאָל זיין: סובלימירטע. מיר זענען אַראָפּ פֿון קרומען וועג און האָבן אַליין אַ תּל געמאַכט פֿון דער קאַסרילעווקער קאַריערע.

איך ווייס נישט אַקוראַט, ווי פֿריילעך ס'איז די לאַ־יוצלחדיקייט פֿון מנחם מענדל און דער כאַליאַסטרע — אָבער אַלע אין איינעם, בין איך זיכער, נייטיקן זיך אין דער גאַנצער שטראַלנדיקער וועלטליבשאַפֿט, וואָס לויכט אַרויס פֿון שלום עליכמס צוגעלאָזטקייט צו זיינע געשטאַלטן און צו זייער הילפֿלאָזן געצאַפּל אַרום גורל. זאָל דאָס זיין שאַפֿערישער הומאַניזם, וואָס לייגט צו שטיקער שיינקייט צו אַזאַ אָרעמען לעבן — הומאַניזם אין פּשוטע יידישע מעשה־ביכלעך, ביי וועלכע דאָס פֿאָלק לאַכט? שלום עליכם האָט קינסטלעריש באַפֿרייט דעם גליוור פֿון קאַסרילעווקע, געגעבן לשון די שטומע מאַסן. ער האָט זיי געגעבן ווערטער, וואָס ציטערן מיט דער נערוועזיטעט פֿון די פֿאַרשווינען — האָבן זיי זיך צערעדט און גענומען לעבן אויף כּוח. זיי האָבן אַלע אַ מין מאַנקאָליע, אָפּצוטאָן דעם לעבן אויף טערקיש און זיי אַנטוויקלען אין זיך די קאָמפּליצירטע טעכניק פֿון קידער־ווידער מיט זיך אַליין און דווקא פֿון נישט קאָנען אונטערגיין: דאָס קאָנען זיי. אַוודאי איז דאָס אַ שווערע האַרעוואַניע־שפּיל — אָבער צווישן די טרויעריקע פֿריילעכמאַכערס פֿון דער וועלט, וואָס זייער פֿרייוויליקע און אומפֿריי־וויליקע קלאַון־אַקראָבאַטיק טומלט אין אַלע אַרענעס פֿון לעבן, איז מנחם מענדל אַוודאי דער מייסטער אַקראָבאַטלן.

אפֿשר קאָן מען זאָגן, אַז דער ווייכער הומאָר, וואָס שפּילט אין יעדער ציטערדיקער שורה און אין יעדן ליכטיקן קנייטש פֿון שלום עליכמס ווערק, דערהייבט זיך צו דער מדריגה פֿון פֿריילעכן פּאַטאָס, וואָס פֿאַרקלענערט די דיסטאַנץ צום גורל, און העלפֿט די קליינע מענטשעלעך גובר צו זיין אין זיך דעם פּחד פֿאַר דעם האַרטן לעבן: כאָטש אַ שמייכל טאָן איבער די אייגענע צרות! אין דער לויזער באַרעדעוודיקייט פֿון דעם מילדן, פֿריי־לעכן פּאַטאָס זענען פֿאַראַן גרונט־עלעמענטן פֿון פֿאָלקס־נוסח, וואָס גיט צו דער יידישער ליטעראַטור דעם כאַראַקטער און דעם גלאַנץ פֿון נאַציאָנאַלן אייגנס.

שלום עליכם איז דערפֿאַר געווען דער גרעסטער שרייבער ביי יידן, ווייל ער איז געווען דער יידישסטער, ווייל ער האָט אונדז געגעבן די וועלט צו זען אין — יעהופּעץ. ער האָט נישט מטריח געווען די יידישע ליטעראַטור אין דער „גרויסער וועלט" אַריין, נישט געפֿירט זי בלאָנדזשען אין דער פֿרעמד — ער איז אויסגעקומען מיט די קליינע מענטשעלעך אין דער היים און ער האָט פֿון זייער ווינציקייט אַרויסגעשלאָגן אוצרות מיט פֿריילעכקייט. אין דעם אַקעגנשטעל פֿון דעם אָרעמען שטאָף, וואָס ער האָט פֿון דעם לעבן גענומען, און דער הויכער קינסטלערישער ווירקונג, וואָס שלום עליכם האָט דערגרייכט, אַנטפּלעקט זיך זיין שאַפֿערישע גרויס־קייט. ער האָט נישט פֿאַרטראַצעט דעם גייסטיקן פֿאָלקס־פֿאַרמעג מיט אויס־געטראַכטע מאָדערניזמען, נאָר, אַדרבא: ער האָט מיט וווּנדערלעכן כּוח באַשאַפֿן אַ ליכטיקע וועלט פֿון דעם בידנעם לעבן. האָט דאָס פֿאָלק אין אים באַוווּנדערט און ליב געהאַט זיין אייגענע שאַפֿערישע נאַטור־קראַפֿט.

אין דעם מאַניפֿעסטירט זיך די עטיק פֿון דעם קינסטלער, זיין שאַ־פֿערישע רחמנות אויף דעם „נידעריקן" לעבן. וואָס ווייניקער „אַקטיוו" דער שטאָף, וואָס ווייניקער ער שטופּט זיך אין דער ליטעראַטור אַריין, אַלץ גרעסער איז דער שאַפֿערישער אויפֿטו. דער ליטעראַט כאַפּט זיך אָן אין האַלב־געטער פֿון לעבן און פֿון דער היסטאָריע, וואָס זענען שוין לכתחילה „פּרעפּאַרירט", גרייט אַריינצוגיין פּאַרטיקעראייט אין דער ליטעראַטור. משה, בודאַ, ישו, בעש"ט און זייער גלייכן זענען האַלב־געפֿורעמטע העלדן — און דער פֿלינקער ליטעראַט דאַרף נישט מער טאָן קיין סך, סיידן נעמען אויף זיך די „אַחריות" פֿאַר זייער גרויסקייט, אין וועלכער ער אַליין האָט אַ קנאַפּן חלק. מיט זייער קיום, אַפֿילו בלויז מיט זייער נאָמען האָבן זיי איינגעשפּאָרט דעם ליטעראַט די „שאַפֿונג". שלום עליכמען אָבער האָט דאָס, פּונקט ווי מענדעלע מוכר ספֿרים, געצויגן אינסטינקטיוו צו דעם קליינעם מענטשעלע. אין קאַסרילעווקע האָט ער איבערגעלעבט דאָס אוניווערסאַלע, דאָס אייביק מענטשלעכע — פֿון דער גרויער וואָכעדיקייט האָט אויפֿגעלויכטן קינסטלערישע שיינקייט, פֿון דערשלאָגנקייט — הומאָר.

מנחם מענדל איז סאָציאַלער בראַכוואַרג, געשטאַלטיקט מיט קינסט־לערישער שלימות. ער איז אַ מין קאָלעקטיווע האַצמאַך־געשטאַלט פֿון יענער נאָענטער פֿאַר־מבולדיקער תקופֿה, וואָס האָט איינגערעדט דעם לעבן,

אַז זי איז אים די נשמה שולדיק: גאַרנישט! מנחם מענדל איז די סומע פֿון אַ סך אויסטערלישע פֿיגורן, יעדע איינציקע אַ וועלט מיט יידן, אַ צערודערט שטיק פֿאָלק: גאַנץ קאַסרילעווקע, גאַנץ יעהופּעץ. דרייט זיך מנחם מענדל אין אַ געדריי פֿון יידן, וואָס דאַרפֿן זיך אַליין דרייען: וואָס זשע וועט אַרויסקומען פֿון דער דאָזיקער גורלדיקער קאַרוסעלע?

ער איז אַ געניטער שטרויכלער, וואָס „ווירקט" אין אַ ווירבלדיקן געזעמל פֿון מעקלערס, מלמדים, שדכנים, וואַיאַזשאָרן, בעל־הביתלעך, בעלי־מלאכות, פּורים־שפּילער, קינדער און, נעבעך, ווייבער, וואָס צאַפּלען אַלע צו אַ כזית חלום אין לעבן: סאַמע צעטראָגענע פֿליִערס מיט פֿייגעלעך אין בוזעם, מיט אַוואַנטורעס פֿון דאגות און חוזק און געלייטערטן פּרנסה־פֿיבער. דאָס איז די דעליריום־אידיליע פֿון דער אָרעמקייט, נוסח קאַס־רילעווקע: פֿעאָדאַלע אָרעמקייט, וואָס לאָזט נישט אַריין אין איר שטאַנד אַבי וועמען: אויפֿגעקומענע אַראָפּגעקומענע. זי איז אויסבאַלאַנסירט און ליידט נישט פֿון קיין צעטרייסלענישן פֿון קריזיס: אָרעמקייט ווי אַן עקסטראַ־דימענסיע פֿון לעבן אַליין, באַשטימט פֿאַר קאַסרילעווקע און אירע וועלט־פּיליעס. די מאָדערנע געזעלשאַפֿט האָט פֿאַרפֿיקסירט אַ מין אַבליגאַטאָרישן סטאַנדאַרט פֿון נויט, וואָס פֿאַרפֿליכט דעם אינטערנאַציאָנאַלן מעמד פֿון אָרעמע לייט — די אַנשי קאַסרילעווקע אָבער, מאַקסימאַליסטן בטבע, האָבן זיך אַרויפֿגעכאַפּט העכער פֿון דער אַלגעמיינער נידעריקייט: גבורהדיקע קבצנים, וואָס פֿאַרמאָגן קורחס אוצרות אָרעמקייט.

וואַרפֿט זיך מנחם מענדל און ראַנגלט זיך — איינער אַליין קעגן אַזאַ לעבן — רעדט פּידרעך און ווערט נישט נתפּעל פֿון דער האַמעטנער לאָגיק, וואָס „זיי דאַרט" האָבן אויסגעטראַכט און וואָס שטעלט זיך אים גורלדיק אַקעגן אין דער בולטער אַנטי־חלום־געשטאַלט פֿון שיינע שיינדלען: אַ פּראָסטע יידענע, געפּאַקט מיט גוזמות ממשות. זי ווייסט נישט מער, נאָר דאַרף אויף שבת — און האָט נישט קיין אויג פֿאַר איר מאַנסבילס „מיליאָנען". מנחם מענדל אָבער, אין זיין סוווערענעם חלום־גערודער, פֿריי פֿון קלייני־קעפּלדיקע חשבונות, לאַכט דאָס גרעסטע געלעכטער פֿון דער וועלט. ער האָט שוין לאַנג אָפּגעזאָגט דער קאַוואַליטעט זיין חלק דרך־ארץ און אויך זיין גראַוויטאַציע איז קאַפּויער: פֿון אונטן אַרויף. ער וועט דאָס אַלץ איבער־כיטרעווען מיט אַ יעהופּעצער פֿאָרטל. ער האָט געפּאַכעט מיט טשאַפּלינס

שטעקעלע לאַנג פּאַר טשאַפּלינען: אַרויף אין דער הייך, וווּהין ס׳איז געפלויגן זיין פיבער־פאַנטאַזיע. ער האָט דעמאַסקירט דעם שפּיל פון די לעבנס־געזעצן און זיי קאָנען ביידע באַשטיין, מנחם מענדל און די נאַרמע, אַז די כמורנע אָרדענונג זאָל זיך צופּאַסן צום פריילעכן קאַפּויער, וואָס עפנט דעם טויער אַ נייע פּערספּעקטיוו. דאָס איז אַפּגעשטאַנענקייט אויף רעדלעך.

וואָס פאַר אַ פּנים וואָלט געהאַט אַזאַ געזונטער פלאַנטער אַן שלום עליכמס שאַפערישן שמייכל? טויזנט שטאַרבנדיקע מענטשן האָט גענומען טאָלסטאָי און האָט זיי אַלע איינגעזאַמלט אין דער וווּנדערלעכער דער־ציילונג „דער טויט פון איוואַן איליטש״, גלייך דאָרט שטאַרבט איינער צום ערשטן מאָל אין דער נאַטור: אַ פאַרשטאַרבער ביי לייטן. טויזנט האַרציקע וועלט־שלימזלען האָט גענומען שלום עליכם און זיי איבערגעגאָסן אין איין איינציקער מנחם־מענדלדיקער פאַרדרייעניש פון אייגענעם הו־האַ און פון אַלעמענס גערודער. אַזאַ שלימותדיקע קרומעניש און צעהוליעטקייט פון אַ צעדולטן יעהופּעצער.

וואָלט מען, אַ שטייגער, ביי היינטיקן טאָג אַרויסגעלאָזט מנחם מענד־לען איבער דעם תוהו ובוהו און אים געהייסן זיך אַן עצה געבן מיטן אַל־וועלטלעכן ניי־יעהופּעץ פון אַרום און אַרום — וואָלט ער זיך דען איבער־געשראָקן? צו וואָס האָט אים די נאַטור געלייטזעליקט מיט אַזאַ שאַרפן קרומען קאָפּ? אויף ווען האַלט ער אים, אויב נישט פאַר אַזאַ צעחושטן לעבן? האָט ער דאָך אייביק געהאַט אַ פּאַטענט, צונויפצופּירן אַ וואַנט מיט אַ וואַנט — בפרט איצט, אַז די ווענט פאַלן, אַלע ווענט פון דער וועלט! ווייסן מיר דאָך, אַז מנחם מענדל איז קיין מאָל נישט געווען קיין רעגיאָ־נאַלער שלימזל, נאָר אַ קאָסמישער, וואָס מען רופט: אַן „אוניווערסאַלער״.

אַלע ווייסן, מנחם מענדל ראַנגלט זיך שווער מיטן גורל, שווערער ווי אַנדערע — אָבער למאַי זאָל מען לייקענען: ס׳איז דעם גורל אַליין אויך נישט מקנא צו זיין. ער האָט זיך אָפּגעזוכט צרות מיט אַ ייד אַן עקשן, אַ בונטאַר, וואָס האָט זיך אַריינגענומען אַ מאַנקאַליע אין קאָפּ, אַז ער מוז דווקא לעבן קעגן אַלע אָנגענומענע כללים, אָט אַזוי ווי ער שטייט און גייט אונטער: דאָס פאַרמאַטערט. ער איז אַ ייד מיט אַ קאָמפּליצירטן כאַראַקטער, וואָלטן געזאָגט פּסיכאָלאָגן: אַ גערעטענער סינטעז פון שלימזל און בטחון — ביידע אויסגעהאַלטן און וויטאַל. דאַרף דער דיכטער פון קאַסרילעווקע צעטיילן

זיין שאַפֿערישע סימפּאַטיע צווישןביידע צדדים פֿון דראַמאַטישן פֿאַר־מעסט: מנחם מענדל פֿון איין זייט און ווידער דער גורל, וואָס האָט זיך נישט געקאָנט ריכטן אויף אַזעלכע דימענסיעס פֿון קאַפּריער.

אַזוי זעען מיר אויך טוביהן אין זיין טאָפּל־באַציִונג צו כביכול: תרעומות, צוליב דעם פּעקל צרות מיט די טעכטער און, להבדיל, די גויים — און אין תוך אויך רחמנות מיט דעם „רבוש״ע נעבעך״, ווי מיינער אַ פֿעטער, אַ חסיד, פֿלעגט אַ מאָל אַ זאָג טאָן אין דער בהלה פֿון מחשבות. קומט צו מאָל אויס, אַז טוביה, אַ מטופל מיט אַנשיקעניש, דאַרף גאָר טרייסטן דעם פֿאָטער אין הימל — זאָל מען, חלילה, נישט זיין געפֿאַלן ביי זיך! קרעכצט דער ייד און שמייכלט — ביידע טועניש אין איין איינציקן צע־רודערטן פּסוק פֿון מדרש־טוביה צי פֿון תהילים, אַ פּסוק, וואָס איז אַרויס פֿון די האַלאַבאַליעס. שווער פֿאַר אַ ייד אַן אָרעמאַן, צו האַלטן שטרענגע באַלעבאַטישקייט אין זיין פֿאַרמעג פֿון וויינען און לאַכן. זיי גייען ביידע אין איינעם — פּונקט אַזוי ווי אין פּסוק איז אויך אַריין אַ מין צעמישטקייט, גלייך אַריין פֿון דעם אַרומיקן תוהו ובוהו, און ער קאָן זיך אויך נישט מער האַלטן צירלעך־מאַנירלעך ביי דעם איינגעשטעלטן ירושה־טייטש פֿון די גוטע, אַלטע צייטן, וואָס זאָגט היינט שוין נישט אַלץ, וואָס מ׳דאַרף, דעם אָרעמען געמיט. אַפּנים ער דאַרף אַ פּסוק, טוביה? אַ הילף דאַרף ער און אַ שטיקל טרייסט — וואָלט מסתמא דוד המלך אַליין אויך הנאה געהאַט פֿון די האַרציקע תהילים־גרייזן, וואָס טוביה האָט אַריינגעצווונגען פֿון זיין צעבראָכענעם האַרץ אין די קעניגלעכע מיזמורים. פּלאָנטערט זיך טוביה צווישן די טעכטער און גויים און, להבדיל, דעם רבוש״ע און עס גייט אים אַלץ נישט, כאַפּט ער זיך אַריין אין פּסוק, וואָס „לאָזט זיך״, ווי אַ ייד כאַפּט זיך אַריין פֿון יאַריד אין אַן אָפֿענעם בית־מדרש, און פּראָוועט דאָרט בטחון. דער פּסוק איז זיין געלייטערטע חלום־וועלט, פּונקט ווי די „מיליאָנען״ זענען די געהויבענע ספֿערע, אין וועלכער מנחם מענדל טראָגט זיך פֿלינק אַריבער, כדי זיך צו ראַטעווען פֿון שלימזל.

עס איז שוין געזאָגט געוואָרן, אַז מנחם מענדל איז אַ טיפּישער פֿאַל פֿון סאָציאַלער צעפֿלויגנקייט, וואָס קאָן זיך נישט פֿונאַנדערקלייבן צווישן חלום און וואָר. און אפֿשר לוינט אים גאָרנישט, צו נעמען אויף זיך די טירחה: וואָס איז די גדולה, אַז די גרענעצן וועלן אים שוין קלאָר ווערן — סיי ווי קאָן ער נישט איינרוען. ער וואָגלט צווישן די אילוזיעס, שטענדיק

„אויסער זיך״, אַז אין זיך איז דאָך אַוודאי נישטאָ קיין אָרט פֿאַר אים: אַ מענטש אין ווידעראַנאַנד מיט זיין אייגענעם קיום. און אַלע מאָל וואַרפֿט עס אים צוריק פֿון עולם הדמיון צו דער ממשותדיקער וועלט, לשם קאָנ־פֿראָנטאַציע. ער פּרוווט זיך אָפּנאַרן און איבערקליגן — איז ער אָבער קליגער פֿון זיך אַליין. דאָס איז דער טראַגישער גראָטעסק פֿון דעם דאָזיקן עקסצענטרישן פּאַרשוין — און עקסצענטריש איז גאַנץ קאַסרילעווקע, כולו יוצא דופֿן און קאַפּויער. קאַסרילעווקע איז צעקריגט מיט דער קאָנקרעטער וועלט, וואָס איז אין גאַנצן פֿרעמד און פֿיינדלעך, צעלויפֿט זיך דער עולם און ווערט נעלם אין דער פֿריינדלעכער ספֿערע פֿון הוריות: אפֿשר דאָרט! כאָטש עס ווייזט זיך באַלד אַרויס, אַז אַלץ האָט זיך פֿאַרשווירן און דערגייט קאַסרילעווקע די יאָרן — און אויך טוביהס גויים שעמען זיך, נישט צו זיין קיין רשעים; ס'איז עפּעס נישט.

האָט שוין שמעון אלי, דער לאַטוטניק פֿון זלאַדיעווקע, מנחם מענדלס אַ שני בשלישי, געפּאַקט דעם פֿאַנטאַסטישן אוצר און איינגעמיסחרט ערגעץ אַ קאָזע, ס'זאָל זיין אַ ביסל מילך אין דער הונגעריקער שטוב — האָט זיך די קאָזע, צוליב סאָלידאַריטעט מיט דער קאָלעקטיווער קאַסרילעווקער שלימזלקייט, פֿאַרכישופֿט און איז געוואָרן, אויף צו להכעיס, אַ צאָפּ. איז שוין ווידער גאָרנישט. אַלץ רייסט זיך צום חלום, פֿאַלט אָבער ווידער צוריק צו דער אומעטיקער וואָר. פֿירט שוין דער בידנע שדכן אויס אַ שידוך נאָך לאַנגע מאַטערנישן, פּלאָנטערט זיך אויס פֿון דעם משא־ומתן אַ מעשה מיט צוויי כלות — איז דאָס עפּעס אויך נישט קיין ענין — אַפֿילו פֿאַר קאַסרילעווקע נישט — כאָטש „אין תוך״, הייסט עס, האָט מען עפּעס אויפֿ־געטאָן און כמעט אויסגעפֿירט אַ שידוך — אָבער טויגן, טויג ער נישט. מנחם מענדל טומלט מיט זיינע „מיליאָנען״ און די אַנדערע פּאַרשוינען מיט זייערע זאַכן דאָרט. דער עולם־הדמיון קומט שטאַרק צו נוץ. כדי מפֿייס צו זיין די באַשעפֿענישן פֿאַר זייער מיזערנער ווירקלעכקייט. חברה האָט זיך עמאַנציפּירט פֿון דער נאַטור און פֿון אירע האַרבע געזעצן, וואָס לאָזן נישט לעבן — און פֿאַר דעם קאַסרילעווקער מלמד, וואָס טראַגט אַ פּאַר אויסטערלישע שפּאַקולן מיט איין אויסגעבראָכענעם גלעזל און מיט איין בלעכל, איז דאָס נאָך אַלץ „פּאַרט בעסער ווי גאָרנישט״.

אַזוי גיט זיך קאַסרילעווקע אַן עצה מיטן לעבן. שווער צו זיין פֿריילעך — ס'איז אָבער כדאי.

י. ל. פרץ און דער צייטגייסט

צוויי יאָר פֿאַר זיין טויט האָב איך געזען פּרצן — און מיר דאַכט זיך, ער האָט פֿאַרבייגעשוועבט. דאָס איז געווען 1913 אין ווין: פֿאַרזונקענע צייט אין נעפּל פֿון חלומות, אילוזיעס, ערב־כמאַרעס און אידעיִשע מאָדע־שטימונגען, וואָס זענען באַלד געוואָרן אַלטוואַרג, שפּע מיט „צוקונפֿט" און לעבן אין טאָג אַריין — און די צייט האָט זיך דעמאָלט אַוודאי נישט געריכט, אַז מ׳וועט איר אַזוי גיך הייסן אונטערגיין.

ווין איז געווען אין יענע יאָרן דאָס „האַרץ פֿון אייראָפּע": מוזיק און מידער קייזערלעכער הומאַניזם, אַרטור שניצלער, אָטאָ ווייניגער און אָנהייב פֿרויד, הוגאָ פֿאָן האָפֿמאַנסטאַל, פּעטער אַלטנבערג, גוסטאַוו מאַלער — און דער עמיגראַנט לעאָן טראָצקי שפּילט דערווייל שאָך אין קאַפֿע „צענטראַל" און עס אַרט אים נישט וואָס זיינע פּאַרטנערן זענען יידישע פֿאַבריקאַנטן מיט שוואַכקייט פֿאַר פּראָגרעס.

מיר האָבן געלייענט טאָלסטאָי און דאָסטאָיעווסקי, פֿלאָבער און אַנאַטאָל פֿראַנס, הנאָה געהאַט פֿון מענדעלע און שלום עליכם, פֿאַרשטאַנען טעאָדאָר הערצל און דעקלאַמירט ביאַליק, געבלאָנדזשעט אין ניטשע און דעבאַטירט וועגן אַחד העם, געהיצט זיך וועגן יידיש און העברעיִש, רענעסאַנס און קאָס־מאָפּאָליטיזם — האָבן ווינער יידישע סטודענטן פֿאַרבעטן אויף אַ רעפֿעראַט י. ל. פּרצן.

דער רעפֿעראַט גופֿא איז מיר אַרויס פֿון זכרון, אָבער איך געדענק דעם מעמד און די שטימונג. דאָס איז געווען אַ מין הייסער געוויטער פֿון גע־דאַנקען־בליצן, וואָס זיגזאַגעווען מיט אימפּראָוויזאַציעס און ווירטואָזע פֿאָרמולירונגען, נערוועז פֿאַרציטערט, אויפֿצוכאַפּן אַלץ וואָס וויטיקט אין דער צייט: גאַנץ „אייראָפּע" אויף יידיש. דער זאַל איז כולו איבער־ראַשונג, פֿול מיט יוגנטלעכן גלי, מיט פֿאַרערונג. די ווינער איזראַעליטן

רעדן מיט פּריצישער עם־ארצות וועגן דעם „האָכגעשעצטן זשאַרגאָנישן פּאָעט" — מיר אָבער ציטערן פֿון פֿרייד מיט דעם מעטעאָר י. ל. פּרץ.

איך אַליין האָב זיך געגרייט צו אַ טיפֿן שמועס מיט פּרצן וועגן דער „שליחות פֿון דער תקופֿה" — ווי אַ חסיד איז זיך מכין, צו שטיין פֿאַרן רבין. איך בין נישט לאַנג ערשט געקומען פֿון שטעטל — און דאָס האַרץ איז צע־רודערט, האָט מורא פֿאַר דער וועלט, פֿאַר די איבערגעהאַקטע וואָרצלען, פֿאַר דעם אייגענעם געשטאַמלטן שרייבעכץ, וואָס איז נאָך נישט זיכער, אַז ס'טויג נישט. האָט מיך איינער אַ חבר, פֿון די עלטערע סטודענטן, אַ ליידיקגייער מיט חשיבות, געוואָלט אַריינפֿירן צו פּרצן — אָבער אין דער סאַמע לעצטער מינוט האָט מיך באַפֿאַלן אַ פּחד, מסתמא יראת הכבוד, און איך בין צו דעם שמועס נישט געגאַנגען. אָבער דער דאָזיקער יראת הכבוד פֿאַר פּרצס שטראַלנדיקער פּערזענלעכקייט איז לחלוטין נישט געווען קיין סתירה צו מיין קריטישער שטעלונג, וואָס איך האָב עטלעכע יאָר שפּע־טער פֿאָרמולירט לגבי פּרצס ליטעראַרישן שאַפֿן, זיין סטיל און זיין השפּעה.

פּרץ איז געקומען איבער דער יידישער ליטעראַטור ווי אַ גייסטיקער שטורעמווינט, כולו געראַנגל נאָך אויסדרוק און מסתמא איז ער געווען דער ערשטער וואָס האָט דעם אינטעלעקטועלן אומרו געמאַכט ליטעראַטור־פֿעיִק אויף יידיש באַלד אויף די ערשטע שטאַפּלען פֿון דער יידישער אַנטוויקלונג. ווי קיין אַנדערער יידישער שרייבער פֿון זיין דור איז פּרץ געווען אויסגעליפֿערט צו דער צייט, צו אירע פּראָבלעמען, שטרעמונגען, ווייטיקן און אויך מאָדע־שטימונגען.

די מאָדע־עקספּערימענטן האָבן זיך אויסגעדריקט אין אַ מין מע־לאַנכאָלישער „ליטעראַטור־מידקייט", כאָטש אויף יידיש האָט זי זיך אויס־גענומען אַ ביסל פֿרעמד און צוגעטראַכט. די אייראָפּעיִשע ליטעראַטור איז „מיד" געוואָרן פֿון איר אייגענעם נוסח און די בעלעטריסטישע געשטאַלט איז געוואָרן פּראָבלעמאַטיש. איר געשלאָסנקייט האָט נישט באַפֿרידיקט דעם צוגעוווינטן געברויז פֿון דער נייער צייט, וואָס איז געטריבן געוואָרן אָן אַ וווהין. אויך דאָס קינסטלערישע וואָרט האָט אָנגעווירן קרעדיט און שרייבערס האָבן אָנגעהויבן זוכן אַ תיקון אין רמזים און קולטיווירן די אומפֿרייוויליקע נישט־דערזאָגטקייט. פֿון פּרצס קינסטלערישע פּינטעלעך,

גימטריות און דינע אַנצוהערענישן איז אויסגעוואַקסן אַרום דער יידישער ליטעראַטור אַ מין צווישן־קאַטעגאָריע מיטשאַפּערס, וואָס האָבן זיך פּלינק אַנגעשטויסן און „געכאַפּט". ער האָט דערמיט דער יידישער ליטעראַטור אַ קנאַפּע טובה געטאָן. וואָרעם די דאָזיקע ליטעראַטור־לומדים האָבן זיך דערנאָך געמאַכט זעלבשטענדיק און האָבן פּראָדוצירט אייגענע מרה־שחורה, זיי האָבן באַקומען אַ היתר אויף האַלבע רייד און זיי האָבן אונטערגעדיכטעט די שלעכטערע העלפּט. פּרץ האָט אַ זוך געטאָן — דערנאָך האָבן יענע שוין אַליין געבלאָנדזשעט.

ער איז געווען בלאָנדזשענדיקער פּירער פּון אַ דור שרייבערס ביי יידן און ער האָט ווי אַ גייסטיקער אימפּראָוויזאַטאָר צו מאָל געביטן די גייס־טיקע פּאָזע, ווייל ער איז נישט זיכער געווען מיט זיין אינערלעכער פּאָ־זיציע: מאָדערניזם, חסידות, סימבאָליזם, סאָציאַלע מאָטיוון, ביז צום ראָמאַנטיש הילפּלאָזן רוף „אין שול אַריין". אפשר מעג מען זאָגן, אַז ער איז אַלע מאָל געווען אין אַ געוויסן זין פּרץ שבעל פּה, אויך היפּשע טיילן פון פּרץ שבכתב.

אויפן קרייצוועג פון די יאָרהונדערטער האָבן אַלע געזוכט זייער וועג. אין דער אייראָפּעישער ליטעראַטור זענען געווען „גאָטזוכערס" אין די עסטעטישע סאַלאָנען — אויף יידיש, האָט מען געוווסט, איז דער גאָט־זוכער: י. ל. פּרץ, דער עיקר האָבן דאָס „געוווסט" יענע, וואָס זענען נישט געווען זיכער, וואָס איז אַ גאָט־זוכער אין דער ליטעראַטור. מיר אַליין איז אַלע מאָל נענטער געווען אַ גאָט־געפּינער איינער, וואָס האָט אים. איך קאָן נאָך פאַרשטיין אַ גאָט־פאַרלירער — טראַגישע געשטאַלט — אָבער גאָט־זוכערס אין דער ליטעראַטור זענען, דאַכט זיך מיר, אַ מין רעליגיעזע סעקטע אַפּיקורסים: לינקער פּליגל פון כלי קודש.

קיינער האָט נישט אַזוי אינטערעסאַנט געבלאָנדזשעט אין דער נע ונדקייט צווישן די שפּאַנונגען און פּראָבלעמען, ווייטיקן, חלומות, קאַפּריזן פון דער צייט, ווי י. ל. פּרץ. ער האָט דעם צייטגייסט, דאַכט זיך, צו לייכט געגלייבט אויפן וואָרט, אויפן פאַרפירערישן שלאַגוואָרט, וואָס האָט אים געטריבן, נישט געלאָזט קומען צו אינערלעכער גלייכוואָג, וואָס זיכערט די קינסטלערישע געשטאַלט. געשטאַלט איז אונטערשטע שורה, אין דער געשטאַלט ליגט די דערפילונג — די אידעע אָבער איז מאָנעריש און איר

טענדענץ איז צו פֿאַרטיפֿן מער און מער אונדזער אומבאַפֿרידיקטקייט, אונדזער געראַנגל.

ביי מענדעלע מוכר ספֿרים און ביי שלום עליכם איז דאָס שאַפֿערישע געראַנגל מיטן מלאך פֿאַרגעקומען הינטער דער סצענע. די אידעישע עלעמענטן פֿון זייער שאַפֿן זענען אָרגאַניש אַריינגעוואַקסן אין דער געשטאַלט. פֿון דאָרט אויס האָבן זיי נישט דערקוטשעט זעלבשטענדיק, זיי האָבן זיך מקריב געווען פֿאַר דער גאַנצקייט פֿון דער קינסטלערישער פֿאָרעם, ביי פּרצן אָבער האָבן די אידעען איבערגעלעבט דאָס ווערק. זיי האָבן זיך נישט אונטערגעגעבן אונטער דעם קינסטלערישן ציל — אַדרבא, זיי האָבן זיך אים אויפֿגעגעבן פּאָסטולאַטיוו, אַלע מאָל פֿון ס׳ניי, זיין שטייגער איז געווען צו פֿרעגן און נישט צו פֿאַרענטפֿערן.

אין דער אַריסטאָקראַטישער פֿאַראַכטונג פֿון אינטעלעקטואַל צו דער פּראַסטקייט פֿון לעבן, וועלכע דריקט זיך אויס ביי פּרצן אין איר פּאַטעטישער אידעאַליזירונג, דערקענט זיך זיין איבערגעזעטיקטקייט מיט אידעען, וועלכע האָבן אים דערוויטערט פֿון קינסטלערישע פּשטות. אַוודאי געפֿינען מיר ביי פּרצן אַ בונטע גאַלעריע מיט אָריגינעלע פֿיגורן, אָבער די דאָזיקע פֿיגורן זענען, בעיקר, נישט מער ווי אילוסטראַציעס צו זיין אידעען־וועלט. זיי זענען שליחים און זייער לעבעדיקייט הערט אויף אין דער רגע, ווען זיי האָבן אָפּגעזאָגט זייער פּסוק: „לייב פֿילאָזאָף — אין דול־הויז — זאָגט, אַז עס איז נישט פֿאַראַן גאָר קיין אמת און קיין שקר... טוב ורע יאָ! און אויב, זאָגט ער, עס איז נישט פֿאַראַן קיין אמת און קיין שקר, זענען קיין משוגעים אויך נישט פֿאַראַן! איי וואָס, זאָגט ער, גאָרנישט!״

אַזוי זאָגט לייב פֿילאָזאָף און אַזוי זאָגן זיי כמעט אַלע — געזאָגט און נעלם געוואָרן. עס איז פֿון דער דאָזיקער פֿיגור נישט געבליבן מער ווי אמת און שקר, טוב ורע־אידעען, וואָס האָבן נישט געפֿונען קיין תיקון אינעם מענטש. וואָרעם דער דאָזיקער מענטש איז נישט מער ווי אַ לבוש, וואָס פּרץ האָט אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף דער אידעע און אירע טרעגער פֿאַר־טראָגן זיך נישט און רעדן פֿאַרביי איינער דעם אַנדערן.

יוחנן דער וואַסער־טרעגער איז אַ דענקער און דאָס „קאַפּיטל תהילים״ מיט וועלכן ער האָט, ווי פּרץ דערציילט, דערגרייכט אַ העכערע מדריגה ווי דער אור־החיים — ער האָט נישט געקאָנט מער פֿילן אין אים יענעם זיסן

טעם, וואָס דוד המלך האָט אָנגעגרייט דאָרט פֿאַר דעם אָרעמאַנס וועגן, ער זאָל נישט פֿאַרשטיין קיין פּירוש המלות און ס׳זאָל אים ווערן פֿריילעך אויפֿן האַרץ, די מדריגה האָט קאַליע געמאַכט די פֿריילעכקייט.

פּרץ האָט אַוועקגעשטעלט מענטשן אין דער ליטעראַטור און ער האָט זיי נישט געגעבן מיט וואָס צו לעבן, ער האָט זיי אַרויסגעפֿירט פֿון די מעשה־ביכלעך, ווו זיי האָבן געלעבט על פּי נס און ווו דער דאַזיקער נס איז געווען אַ נאַטירלעכער ענין, אין דער ספֿערע פֿון פֿאָלקס־תמימות, פֿון ריינער, נאַיִוועך גלייביקייט — דאָ אָבער, אין דער ליטעראַטור, איז זייער תמימות געוואָרן איבערגעשפּיצט. דאָס סטערעאָטיפּע רעטעניש, וואָס פּרץ האָט אונדז געוואָלט לאָזן הערן מיט זיין „באָנטשע שווייג״, צי איז דער־מיט סימבאָליזירט די יידישע אָרעמקייט (סאָציאַל), צי די יידישע תמימות (עטיש) — דאָס איז, דאַכט זיך מיר, מער אַן ענין פֿאַר אַ געמיטלעכן דיס־קוסיע־אָוונט, איידער פֿאַר דער שאַפֿערישער קריטיק, וואָרעם לאָמיר אַפֿילו אָננעמען, אַז עס וועט זיך איינגעבן איינעם אַ שאַרפֿזיניקן ליטעראַטור־פֿאַר־שער אַרויסצובריינגען קלאָר און אָן שום ספֿקות, אַז פּרץ האָט געוואָלט שאַפֿן דאָ טאַקע נאָר דעם סימבאָל פֿון יידישער אָרעמקייט, אָדער נאָר דעם סימבאָל פֿון תמימות, וועט זיך אים אָבער נישט איינגעבן צו באַווייזן אַז די דאָזיקע וואַריאַציע פֿון אַ פֿאָלקס־מאָטיוו קאָן פֿאַרטראָגן אַזעלכע הויכע אידעיִשע פּרעטענסיעס, וועלכע זענען אויסגעוואַקסן ביי פּרצן אַליין העכער, וואָס מער ליטעראַרישע ראַפֿינירטקייט ער האָט אינוועסטירט אין דער אַראַנזשירטער תמימות — און דערפֿאַר איז אַן עבירה דער שאַרפֿזין, וואָס דער קריטיקער גיט אויס לבטלה אויף דעם דאָזיקן רעטעניש.

אויך דער דין־תורה מיטן ווינט, דער וויכוח מיטן מלאך־המוות, די טענות מיט גאָט — אַלע די דאָזיקע אויסטראַכטונגען מיט אַ טיפֿערן מיין האָבן פֿאַרמינערט די ערפֿאַרכטיקע קינסטלערישע באַציִונג צום זיין, צו דערווירקלעכקייט פֿון לעבן און טויט. מען האָט אַוועקגענומען ביי זיי די שאַרפֿקייט און פֿון זייער האַרטער רעאַליטעט איז געוואָרן אַן אַלעגאָריע פֿון שפּראַך, וועלכע מען האָט שוין נישט געמוזט נעמען אַזוי בלוטיק ערנסט. וואָרעם שפּראַך איז מילדער ווי דער טויט און אַ סך צוגעלאָזטער.

פּרצס צענטראַלער גייסטיקער טעות, דאַכט זיך מיר, איז געווען דער מיסטישער אויבער־ייד פֿון דער „גאָלדענער קייט״, דער יידישער גלגול פֿון

ניטשעס „איבערמענטש" וואָס האָט דעמאָלט פֿאַרגודיעט אַלע אייראָפּעיִשע ליטעראַטורן. די „גאָלדענע קייט" איז אַן איבער־דימענסיאָנירטער משל פֿאַר אַ צו קליינעם נמשל — און אין דער מיסטישער איינשפּאַרעניש פֿון דעם צדיק, אַז ער וועט קיין הבדלה נישט מאַכן, האָב איך אַלע מאָל געפּילט דעם נאָך־טעם פֿון אַן אומפּרייוויליקער פּאַראָדיע — זאָל ער נישט מאַכן! — ס'איז אַלץ איינס אַן אומגליק...

אַוודאי ווייס איך, אַז דאָס איז נישט מער ווי אַ משל — אָבער דער בעסטער משל, האַלט איך, איז דער נמשל, נישט באַלעמוטשען מיט די מאַנקאָליעס פֿון הייליקע נודניקעס — דאָס זענען יום־טובדיקע צרות! עס איז אַ מיסברויך מיט דעם צער פֿון דער וועלט, ווען מען מאַכט דערפֿון אַ פּאַראָדיע פֿון מאָדערניסטישע קבלה־סוראָגאַטן, ליטעראַטור־בליצן און פּסוקים פֿון „אים זאָל לעבן" און דעם „אַלטן זצ"ל" — פּאַנאָראַמע פֿון ספּאָדיקעס, שטערנטיכלעך, דעקלאַמאַטאָרישן טעאַטער־פּאַטאָס און התפּעלות פֿון אינטעליגענטישע הויף־סטאַטיסטן, וואָס קאָנען באַשטיין, דער „המון" זאָל נישט משיג־זיין: ווײַלן בלייבן רמזים און סודות בלויז פֿאַר מקורבים, יחידי סגולה. די „געלייטערטע חדווה", וואָס פּרץ, דער ערשטער גרויסער סטיליזאַטאָר אין דער יידישער ליטעראַטור האָט אַריינגעדיכטעט אין די צדיקים, איז דערגאַנגען צום פּשוטן לייענער אין דער פֿאָרעם פֿון מרה־שחורה: „דאָרט" שושקעט מען זיך געהויבן, אויב נישט נאָך העכער — און דאָ גייט אויס דאָס פֿאַרמוטשעטע מענטשלעכע נפֿש נאָך טרייסט אַן „פּינטעלעך", נאָך אַ ביסל ליכטיקייט וואָס איז נישט בלויז „ניצוצות", נישט אַלע מאָל „של מעלה", נאָך אַ געזונט ביסל שפּלות און פֿריילעכקייט. דאָרט וווּ עס האָבן נישט דערקוטשעט די „גרויסע" טעמעס, וווּ פּרץ האָט רעאַליסטיש געשילדערט מענטשן, נישט קיין אויסגעטראַכטע, מענטשן אין זייער עלנט, אין זייער נאַטירלעכער סביבה מיט דעם נאַטירלעכן אומעט פֿון זייער מיזערנער פֿרייד — דאָרט האָט ער געפֿונען האַרמאָניע און עכטע בעלעטריסטישע פּאָלקס־שיינקייט.

האָט אָבער דער צדיק געוואָלט דערהייבן דעם בידנעם מענטש מיט אַ מיסטישן פּאָרטל, מיט דער פֿאָרמול פֿון „שבת־יום־טובדיקע יידן", ער האָט געוואָלט אויסלייזן די וועלט פֿון וואָכעדיקייט, פֿון געפּאַלנקייט, פֿון נויט און משפּט און מיט העזהדיקן קדושה־כאַפּ אַרויסגעקריגן דאָס מענטש־

לעכע לעבן פֿון דעם גורלס שטרענגן רשות — ווי דער פֿרומער אַרענדאַר, דער פּיקח, כאַפּט אָפּ צוריק נאָך פּסח די חמצדיקע קרעטשמע ביי דעם גוי, וואָס האַלט זיך מיטן שטר מכירה, דער דאָזיקער שאַרפֿזיניקער אויפֿטו פֿון י. ל. פּרץ, אַ גייסטרייכע המצאה פֿון אַ שרייבער מיט עספּרי, וואָס ראַנגלט זיך צו אָריגינאַליטעט אין אידעע און סטיל, האָט שטאַרק אויסגענומען ביים ליטעראַטור־אינטעליגענט. יענער האָט געגאַפֿט און געחקרנט, ער האָט זיך פֿאַרשיכורט מיט דעם צדיקס נישט געמאַכטער הבדלה און אין דעם פֿריש־אַנטפּלעקטן פּלאַנעט פֿון „אייביקן שבת" איז דער ליטעראַטור־חוזר אויפֿ־געריכט געוואָרן מיט אַ שלל מזומנע מחשבותן, סאַמע אומפֿאַרשטאַנענע ווירטואָזע שפּיציקייטן, מיט וועלכע ער האָט אויסדעקאָרירט זיין וועלט, ווי ייִנגלעך באַפּוצן דאָס קרומלעכע סוכהלע מיט אויסגעבלאָזענע פֿאַרביקע אייער און גילדענע פּאַפּיר־קייטן, לויטער פֿייגל אויף יום־טוב.

דער לייענער אָבער, סיי דער תמימותדיקער, וואָס וויל הנאה האָבן אויף זיין שטייגער, סיי דער גייסטיקער, וואָס זוכט אין דער ליטעראַטור די קינסטלעכע געשטאַלט, האָט זיך אין תוך געפֿילט אומבאַפֿרידיקט פֿון די אַטלעסענע טעאַטער־רביס אין דעם חריפֿותדיקן קאָפּ פֿון אַ גייסטרייכן שריפֿטשטעלער מיט אַן עודף סימבאָל־המצאות, וואָס פֿאַרנעמט זיך אידענ־טיפֿיצירן די שווערע טרויעריקייט פֿון מענטשלעכן קיום מיט יענער עצבות פֿון ישישימדיקע טעאַטער־סטאַטיסטן, וואָס האָבן זייט פּרצן אָנגעשעפּטשעט אַ פֿולע ליטעראַטור מיט וואַריאַציעס פֿון דעם חסידישן שטימונגס־מאָטיוו: „שאַ, שאַ דער רבי גייט..."

אַט דעם אדמו"ר, וואָס איז אפֿשר געווען אין דער היים אין דער מש־כילישער פּאַראַדיע, האָט פּרץ באַקליידט מיט קאַלטער אַרטיסטישער קדושה, כדי מיר זאָלן האָבן אונדזער אייגנס אַן אויבער־ייִד — פּאָעזיע, פֿילאָזאָפֿיע און שלש סעודותדיקע ליטעראַטורע: זאַראַטוסטראַ אין ספּאָדיק.

1924

קראַנקער ייד און גרויסער קינסטלער

העכער הונדערט יאָר — און עס זענען נאָך נישט אויסגעלאָשן די צע־צונדענע שטראַלן אַרום דער רייכער סתירהדיקער דיכטערישער געשטאַלט פֿון היינריך היינע. די געשטאַלט האָט נישט פֿאַרלוירן איר וואַרעמע נאָענט־קייט און פֿאַר אַ סך שטייט זי אַפֿילו נאָך אַלץ „צו דיסקוסיע״: צי האָט נישט די קריטיק געמאַכט אַ טעות אין דער באַשטימונג פֿון היינעס פּלאַץ אין דער וועלט־ליטעראַטור? צי האָט נישט די געשיכטע איבערגעכאַפּט די מאָס וועגן זיין אידעישן אַנטייל אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פֿון זיין צייט? שטרענגע אידעאָלאָגן און קריטיקער, און דער ערשטער זיין פֿריינד און קעגנער לודוויג בערנע, האָט דעם דיכטער קיין מאָל נישט מוחל געווען זיין קאַפּריזנע פֿאָרמול פֿון אַ ריינעם עסטעט: „איך האָב ליב דעם אמת, ווייל אמת איז שיינקייט...״ ווי קאָן מען זיך פֿאַרלאָזן אויף עסטעטן מיט שטימונגען?

זיין פּערזענלעכקייט האָט געהאַט אַ סך קאַנטן און שפּיצן פֿון באַראָק־סטיל, וואָס נעמען זיך פֿון אינעווייניקסטע געבראָכנקייטן און זיגזאַגישן געראַנגל פֿאַר האַרמאָניע. ער איז געווען דער דיכטער פֿון אַ וועלט, ווו די לירישע לבנה, אַ בכבודיקער ירושה־רעקוויזיט, האָט זיך אַ פֿאַרשעמטע געבליכט צווישן פֿענער־געפּלאַטער און באַריקאַדן, אויף וועלכע עס האָבן געפֿלאַקערט אידעען און פֿלאַמען פֿון דער נייער צייט און ווו די ברענענדיקע וווּנדן פֿון דור זענען געווען אַן אינטעגראַלער טייל פֿון דער נאַטורס שיינ־קייט־אוצר. דאָס אַלץ האָט אַריינגעלויכטן־אַריינגעשיכורט אין זיין דאָרש־טיקן גייסט, געבליצט און געלאָשן זיך, געשראָקן און צוגעצויגן, אַלץ, האָט זיך געדאַכט, האַלט ביים אָנהייב פֿון נייעם ווערן. די וועלט, וואָס האָט באַ־קומען דעם פֿרייהייט־סיגנאַל פֿון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, איז צעשטורעמט ביזן גרונט און דער כאַאָס איז גרייט ניי צו געבוירן — דאָס

מאָל אויפֿן רעכטן אמת. דער העזהדיקער גלאַנץ פֿון היינעס וואָרט האָט געוועקט, געררייצט — כאָטש ער אַליין האָט געהאַלטן, אַז „אין אַ דורכויס פּאָליטישער צייט וואַקסט זעלטן אַ ריין קונסטווערק. דער דיכטער אין אַזאַ צייט איז געגליכן צו אַ שיפֿער אויפֿן צעבושעוועטן ים, וואָס דערזעט פֿון ווייטנס אַן איינזאַם קלויסטערל אויף אַ באַרג. די ווייסע מאָנאַשקעס שטייען דאָרט אין דער הייך און זינגען תּפֿילות, אָבער דער שטורעם פֿאַרהילכט זייער געזאַנג״.

היינעס לעבנס־געזאַנג איז אַ בונטע ברויזנדיקע שאַפֿונג פֿון ליריק און סאַטירע, דראַמע, דערציילונג, פּאָלעמיק, פֿעליעטאָן, פֿילאָסאָפֿיע און פּאָליטיק, זכרונות און ווידוי — אַלץ אַריינגעפּאַקט אין אַ רעלאַטיוו קורצן שווערן לעבן פֿון קאַמף, ליידנשאַפֿט און יסורים, וואָס האָט פֿיבערדיק גע־צאַנקט און האָט זיך, ווייזט אויס, שטאַרק געאײַלט:

בײַ נאַכט איך הער שוין טריט בײַ דער טיר,
דער טונקעלער רייטער קומט נאָך מיר.

„קראַנקער ייד און גרויסער קינסטלער״ — אַזוי האָט דער דייטשער דיכטער ריכאַרד דעמעל אָנגערופֿן היינריך היינע און ער האָט געשטעלט אַ גלייכן טראָפּ אויף ביידע העלפֿטן פֿון זיין כאַראַקטעריסטיק וועגן דעם יידיש־דייטשן דיכטער. ער איז געווען יידיש־דייטש און יידיש־פֿראַנצויזיש, יידיש־קריסטלעך און יידיש־העלעניסטיש — די עלעמענטן האָבן זיך קאָ־לאָרירט איינע די אַנדערע, אין האַרמאָניע אָדער ווידעראַנאַנד — אַלע מאָל: יידיש מיט נאָך עפּעס, קעגן נאָך עפּעס, קיין מאָל נישט יידיש אין גאַנצן, שטענדיק יידיש „נישט מיט אַלעמען״. ער האָט פֿאַרגעקרענקט פֿאַר דורות, מיט דער געניטער ליידנשאַפֿט פֿון יידישן לייד און פֿון דיכטערישן, וואָס ווייסן ביידע די וועגן צום גרונט. ער איז געווען זינגעוודיקער איוב אויף אַ טויטנבעט אין דער ליכטיקער פּאַריז און ער האָט זיך לאַנג געמאַטערט, אויסצושטאַרבן „ביזן דנאָ״ אַזאַ טויט, וואָס קומט זיך אָפּרעכענען מיט אַזאַ לעבן. ער האָט טיף איבערגעלעבט זיין שטאַרבן: דער קאָפּ העל און דאָס האַרץ אויפֿגעשלאָסן און וואַרעמער גלאַנץ אין די אויגן, פֿון וועלכע ער האָט, אמת, געמוזט אויפֿהייבן די לעדלעך מיט די פֿינגער, כדי אַ כאַפּ צו טאָן זשעדנע אַן אָפּגעברעקלטן שטראַל וועלט. קיינער האָט נישט פֿאַרמאָגט אַזאַ שטאַרקן כוח אין צעבראָכנקייט ווי דער אויסגייענדיקער היינריך היינע, און

זעלטן, דאַכט זיך, האָט אַ דיכטער געמאַכט דעם סיום פֿון זײַן קראַנקן שאַ־פֿערישן לעבן מיט אַזאַ געלײַטערטער פֿאָלקזאָגערישער פּשטות פֿון ראַפֿינירטן מעבר יבוק, ווי היינע אין זײַנע לעצטע טויטלידער, די טויטלידער פֿון יעדן אמתן דיכטער, צײַטיקע זאַנגען, וואָס פֿאַלן אַוועק, זאַט מיט רו:

דער טויט — דאָס איז די קילע נאַכט,
דאָס לעבן — געוויש פֿון טאָג.
עס טונקלט שוין. מיך דרימלט.
דער טאָג האָט מיך מיד געמאַכט.

„אַז אַ מענטש ליגט אויפֿן טויטבעט — שרײַבט היינע אין זײַן ווידוי — וויל מען שלום מאַכן מיט גאָט און מיט דער וועלט. האָבן די קאַרדינאַלן פֿון אַפּיקורסות מיך געלייגט אין חרם אַרײַן, ווײַל איך האָב תשובה געטאָן און זיך אומגעקערט צוריק צו גאָט, ווי דער פֿאַרלוירענער זון, נאָך דעם ווי איך האָב יאָרן־לאַנג חזירים געפּאַשעט מיט די העגעליאַנער. צי האָט מיך מײַן עלנטקייט צוריקגעבראַכט צו גאָט? די הימלישע בענקשאַפֿט האָט מיך געטריבן צום פֿאָטער פֿון דער וועלט, געיאָגט מיך איבער וועלדער און היילן און שווינדלדיקע באַרגשפּיצן פֿון דער דיאַלעקטיק. אונטערוועגס האָב איך, אמת, באַגעגנט דעם גאָט פֿון די פּאַנטעיִסטן — נישט פֿאַר מיר".

האַלט איך נישט דערבײַ, צו פּרוון מאַכן דאָ דעם סך־הכל פֿון היינעס ליטעראַרישן שאַפֿן אין ליריק און פּראָזע. איך לייען נאָך אַ מאָל און אָבער אַ מאָל די געזאַמלטע שריפֿטן און עס קומט מיר ווידער אויס, ווי אין אַ סך אַנדערע פֿאַלן, אַז געוויסע ליטעראַטור־היסטאָריקער טוען נישט קיין טובה דעם דיכטער און דער ליטעראַטור, וואָס זיי זיצן מיט צו פֿיל התמדה אין די ביבליאָטעקן און אַרכיוון און זענען אָפֿט מגזם מיט פֿאַרשערישער געטריי־שאַפֿט. פֿאַראַנען אין די ווערק לעבן דיכטערישע ווערטן, אין וועלכע עס זענען אײַנגעקריצט היינעס כאַראַקטער און זײַן פּאָעטישע מעלאָדיק, אַ סך לויזע באַריידעווודיקייט און גאַרנישט ווייניק צופֿעליקע זאַכן, וואָס וואָלטן זיך מסתמא געגערן צעפֿאַלן און וואָס ס'איז אַוודאי נישט כדאי מיטצושלעפּן זיי דורך די יאָרהונדערטער — ווען די היסטאָריקער וואָלטן זיך נאָר גע־קאָנט באַפֿרייען פֿון דער אײַנבינדערישער שוואַכקייט „אַרומצונעמען" אַלץ. דער דאָזיקער „אַלץ" גיט גאָרנישט צו דער דיכטערישער געשטאַלט — ער פֿאַרמינערט זי.

קאָן זיין, אַז דער קאָפּריזנער באַגריף „ציטגייסט", וואָס רעגנבויגנט אין אַלע ליטעראַטורן, שלייערט זיך אַלע מאָל מיט דעם שפּאָגל נייעם קאָלאָריט פֿון דער עפּאָכע, פּיעשטשעט זיך מיט אידעלע אונטערגאַנג־שטימונגען, רייצט מיט „נייע אידעען" און האָט באַוויזן צו מאַכן פֿון דער גייסטיקער פֿאַרלוירנקייט, פֿון „זוכענישן" אַ סטאַבילע ווערט־קאַטעגאָריע אין דיכטערישן שאַפֿן. קאָן זיין, אַז דער „ציטגייסט" איז געבוירן געוואָרן אין איינעם מיט דער מעטעאָרישער געשטאַלט פֿון היינריך היינע, אין איינעם מיט דעם קרענקלעכן גלאַנץ פֿון זיין אַנדערשקייט, פֿון זיין איבער־ראַשנדיקער ווונדער־קינדערישער ציטיקייט אין אַ ליטעראַטור פֿון שווערע קלאַסיקער און וואָסערדיקע עפּיגאָנען, אין איינעם מיט דעם העזהדיקן כאַפּ פֿון זיין עילוייִשן סטיל, מיט דער זיגזאַגישער ציטעריקייט פֿון זיין גייס־טיקער נע־ונדקייט צווישן אַן אויסגייענדיקער און אַן אויפֿגייענדיקער וועלט, אין איינעם מיט דעם שאַרפֿן אַראָמאַט פֿון זיסלעך־וויניקער יוירעניש, וואָס פֿאַלט אַ מאָל אַן פּריציייטיק אַ זעלטענע פּרוכט, וואָס איז דאָ „אויס־געוואַקסן" פֿון ערגעץ און לעבט קידער־ווידער מיט קלימאַט און אַט־מאָספֿער. אין זיין גייסט, וואָס האָט אין זיך אויסגעפֿורעמט אַ מוסטער פֿון שלימותדיקער צעריסנקייט, ווי אַ מוסטער פֿאַר קומענדיקע אינטעלעקטועלע דורות, אַמפּערן זיך די טריפֿהנע זיסקייטן פֿון דער אור־גערמאַנישער וואַסער־בתולה לאָרעליי מיט דעם פֿלאַמיקן פּאַטאָס פֿון די חומשדיקע פּאַס־טעכער, האַרטע מאַנערישע מאַנסבילן פֿון תנך, וואָס שטורעמען ווי הייסע מידבר־ווינטן אין זיין בלוט און ווילן נישט שווייגן אַפֿילו ביים דייטשן רהיין.

„דורך מיין האַרץ — שרייבט דער דיכטער — שניידט זיך דער טיפֿער וועלטריס. ווייס איך, אַז די געטער האָבן מיך געלייטזעליקט מיט דיכטע־רישער מאַרטירערשאַפֿט. אַ מאָל איז די וועלט געווען אַ גאַנצע און עס האָבן געלעבט גאַנצע דיכטער. לאָמיר זיי האַלטן בכבוד און זיך פֿרייען מיט זייערע ווערק — אָבער פּרווון נאָכמאַכן איצט זייער גאַנצקייט וואָלט געווען אַ שקר". נישט פֿאַראַנען, דאַכט זיך, אַזאַ גאַנצער דיכטער ווי אַ „צעריסענער". היינע איז געווען ייד און פּראָטעסטאַנט, האָט חתונה געהאַט אין אַ קאַטוילישן קלויסטער — און נישט קיין הנאה געהאַט פֿון אַלע רעליגיעס אין איינעם, כאָטש ער האָט זיך פֿריער איינגערעדט, אַז דער „שמד־צעטל איז דער אַריינ־טריט־בילעט אין דער אייראָפּעיִשער קולטור". „איך האָב שטאַרק חרטה —

שרייבט דער דיכטער צו זיין פֿריינד מאַזוּעס מאַזוער — וואָס איך האָב זיך געשמדט. איך בין איצט פֿאַרהאַסט ביי ייד און קריסט״. און דער פּאַסטאָר, וואָס האָט אָנגעפֿירט מיט דער שמד־צערעמאָניע און געמאַכט פֿון דעם יידיש־לעכן האַרי היינע אַזאַ האַמעטנע גערמאַנישן קריסטיאַן יאָהאַן היינריך היינע, דערציילט אין זיינע זכרונות: „נאָך די תּפֿילות זענען מיר ביים טיש געזעסן דריי מאַן, אַלע שטיל. היינע האָט אין גאַנצן קיין וואָרט נישט אַרויס־גערעדט. ער האָט זיך געזעגנט באַלד נאָכן עסן. ער האָט געדריקט די האַנט דעם בישאָף און אין זיינע אויגן האָבן געגלאַנצט טרערן״.

ער איז געווען רעוואָלוציאָנער און אַריסטאָקראַטישער מפֿונק, וואָס וואַשט זיך מסתמא די הענט נאָך דער באַרירונג מיט אַ פּראָלעטאַריער. ער איז געווען סענטימענטאַל און סאַרקאַסטיש, פֿאָלקסלידעריש און ראַפֿינירט, ענטוזיאַסטיש, סקעפּטיש, לעסטעריש — און אַלץ מיט פֿייער, כאָטש אַ מאָל מיט דעם קילן קוהלת־פֿייער פֿון „הבל הבלים״. „געטהעס ווידערווילן קעגן אידעען — שרייבט היינע — איז קינדעריש און כמעט גייסטיקער זעלבסטמאָרד. עס איז עלעהיי אַ פֿלאַם, וואָס האָט מורא צו ברענען, ער זאָל נישט פֿאַרצערט ווערן״.

„ביי מיין וויג — דערציילט דער דיכטער — האָבן זיך געשפּילט לעצ־טער לבנה־אָפּגלאַנץ פֿון 18טן יאָרהונדערט און ערשטע מאָרגנרויט־שטראַלן פֿון 19טן״. ווייס איך נישט אַקוראַט ווי טיף אַזאַ היסטאָרישער שניטפּונקט, וואָס האָט געלאָזט בלוט די דורות, פֿאַרפֿליכט דעם שאַפֿערישן גייסט פֿון אַ דיכטער. אָבער עס לייגט זיך אויפֿן שכל, אַז אויפֿן שיידוועג פֿון די יאָר־הונדערטער הוליען שאַרפֿע צוגווינטן און ווירבלען אַריין אין די וויברירנ־דיקע שורות פֿון אַ דיכטער מיט היינעס ראַפֿינירטער רעאַגיר־גיריקייט, מיט זיין אינטעלעקטועלן יצר־הרע. און אפֿשר באַטייט „שיידוועג״ — שטימונג פֿון בין־הזמנים מיט צעלייגטע געצעלטן אונטערן פֿרייען הימל, וואָס האָט געמוזט ערשט פֿון ס'ניי אַנטפּלעקט ווערן, מיט ראָמאַנטישער וועלטקרעטשמע און פֿאַרוואָרפֿענע דושליעס, מיט אָפּכאַפּן דעם אָטעם נאָך שווערער טראַ־דיציע — טוט מען אַ נאַש אַנאַרכאָ־ראָמאַנטישן הפֿקר מיט חריפֿות, ציניזם און אַ היפּש ביסל קאַפּריער, איראָניזירט זיך אַליין און קריגט זיך אויס מיט אַ וועלט, בייסט און סאַרקאַסטעוועט און לאָזט שפּילן אַלע פֿייערן פֿון זיין מעסער־שאַרפֿן וויץ, וואָס פֿאַרלירט זיך נישט איין מאָל און דערקייקלט

זיך אין דער אַגרעסיע אַזש ביז צו גראָבע רייד און אַזעלכע מינים שפּאַסיקע „הומאָרידן", אַ שטייגער, אַז דער קעגנער האָט אַ הויקער אָדער ער פֿירט אַ לינקע ליבע. דאָס איז דער צעדרינגטער עילוי, וואָס דראַפּעט אויס די אויגן אַ גאַנץ בית־מדרש מיט בערדיקע לומדים: ער מעג.

טיף איינגעוואָרצלט אין היסטאָרישער ידישקייט, נאָר־וואָס גייסטיק אַרויס פֿון געטאָ און מוז נאָך אפֿשר צאָלן ידישן קאָפּשטייער ביי דער שטאָטגרענעץ פֿון בערלין, וואַקסט פלוצעם אויס דער יונגער האַרי היינע און ווערט גיך דער באַרימטער דייטשער ליריקער. „מיט מיר — שרייבט ער — ענדיקט זיך די אַלטע לירישע שול פֿון די דייטשן און עס הייבט זיך אָן די מאָדערנע דייטשע ליריק... קיינער פֿון מיינע לאַנדסלייט האָט נישט אַזוי ווי איך זוכה געווען צו פּאָעטישע לאָרבערן און אויב מיין קאָלעגע וואָלפֿ־גאַנג געטהע באַרימט זיך, אַז זיין ראָמאַן, „ווערטהערס ליידן" מאָלן כינעזער מיט ציטעריקע פֿינגער אויף גלאָז, קאָן איך דערציילן וועגן מיין אייגענער באַרימטקייט אַזש אין יאַפּאַן".

יאָ, פֿון קיין עניוות האָט היינע קנאַפּ געהאַלטן. „איך בין — זאָגן מענטשן — נישט דערגאַנגען צו גאָרנישט אין לעבן, געוואָרן נישט מער ווי אַ דיכטער. ווייל איך נישט פּראַווען קיין עניוות. קאָן זיין, אַז אַ דיכטער איז פּאָרט מער ווי עפּעס און אַוודאי און אַוודאי אַ גרויסער לירישער דיכטער פֿון דייטשלאַנד, וואָס האָט מיט צוויי זאַכן איבערגעפֿליגלט די גאַנצע וועלט: פֿילאָסאָפֿיע און דיכטונג". און דאָך ווייסן מיר, אַז ער איז נישט אַלע מאָל געווען אין גאַנצן זיכער מיט זיין דיכטערישער „דייטשקייט". „אין בירקעלער פֿון געטינגען — שרייבט היינע — האָב איך אַ מאָל אַ דערשטוינטער צוגעזען, מיט וואָס פֿאַר אַ גרינטלעכקייט מיינע אַלדייטשע פֿריינד האָבן צוגעגרייט די ,יידן־רשימות׳ פֿאַר דער צייט, ווען זיי וועלן קומען צו דער מאַכט און ליקווידירן די יידן. ווער ס׳קומט אַרויס פֿון אַ פֿראַנצויז, אַ ייד, אַ סלאַוו, אַפֿילו אין זיבעטן גליד, איז באַלד פֿאַרמישפּט אויף גירוש".

וואָס מער היינריך היינע האָט זיך אין זיין שאַפֿן געפּרוווט איינוואָרצלען אין דייטשן פֿאָלקסגייסט, אין דער טעווטאָנישער וואַלדוועלט, אַלץ „טיפֿער" האָט ער זיך אויסגעוואָרצלט: אַן איבערגעקערטער בוים מיט שטאַרקע צווייגן, וואָס זיינע וואָרצלען שרייען אַרויף צום הימל מיט פֿרעמדע גרודעס ערד.

„ווען די דעמאָקראַטישע פּרינציפּן פֿון דער רעוואָלוציע — שרייבט ער — וואָלטן דערלויבט צו זיין שטאָלץ אויף יחוס, וואָלט איך געווען גליקלעך, וואָס איך קום אַרויס פֿון דעם אײדעלן פֿאָלק ישראל... מיין העלע־ניזם איז איצט אין גאַנצן אָפּגעשוואַכט. גריכן זענען געווען שיינע יינגלעך — די יידן אָבער שטאַרקע מענער, נישט איינצובייגן”. דאָס איז געווען אין יענע יאָרן זיין אַני מאַמין, כאָטש נישט צו לאַנג אויסגעהאַלטן. דאָס האָט דעם אינטעלעקטועלן המון נאָך מער צערודערט און גערייצט. ער האָט דעם דיכטער טיף באַוווּנדערט און ברייט געהאַסט — און די, וואָס האָבן געפֿועלט ביי זיך, אים פֿיינט צו האָבן מיט האַרץ, האָט שוין היינע אַליין שטאַרק צוגעהאָלפֿן מיט זיינע סאַטירישע בליצן, מיט זיין שאַרפֿער פּאָ־לעמיק, מיט דער אייגנווויליקייט פֿון זיין סטיל, מיט די קאַפּריזן פֿון זיין כאַראַקטער.

„דאָס יידל היינע” — האָט געשריבן וועגן דעם דיכטער דער ליטעראַטור־היסטאָריקער מענצל, היינעס געוועזענער פֿריינד, און דער באַרימטער דייטשער היסטאָריקער טרייטשקע האָט קורץ געפּסקנט, אַז דער יידישער דיכטער איז „פּונקט אַזוי פּעזיק צו שיינקייט ווי צו מיאוסקייט”. זענען געשטאַנען די פּראָפֿעסאָרן און די גלחים, געזעצטע ליטעראַטן און ליבעראַלע באַנקירן און די גאַנצע בכבודיקע רעפּרעזענטאַנץ פֿון דעם דייטשן קאַזאַרמע־גייסט און פֿון דער פּראָגרעסיווער אָפּגעשטאַנענקייט, וועלכע היינע האָט אַרויס־געפֿאָדערט — און זיי האָבן געגאַפֿט מיט הנאה און רוגזה ביי דעם „אַמוזאַנטן דיכטערישן שפּיל” פֿון דעם „יידל היינע”. ער האָט אַלעמען אַרויסגעבראַכט פֿון די כלים מיט זיין שטורעם און דראַנג, מיט זיין פֿאַראַכטונג פֿון דער שטייפֿער מיטלמעסיקייט, מיט זיין גלוסטיקן דאָרשט נאָך שיינקייט אין נאַטור און גייסט, מיט זיין סאָציאַלן פּאַטאָס און מיט זיין וויץ, געלאָדן מיט עטישן דינאַמיט.

„זינט עס איז אַרויס פֿון דער מאָדע — שרייבט דער דיכטער — צו טראָגן אַ שווערדל ביי דער זייט איז דורכויס נייטיק, צו האָבן וויץ אין קאָפּ. דער אָפּענסיווער וויץ, וואָס מען רופֿט סאַטירע, איז זייער נוצלעך אין דער דאָזיקער מיאוסער, לאַ־יוצלחדיקער צייט. קיין רעליגיע איז מער נישט בכוח צו האַמעווען די תאוות פֿון די מיזערנע, פּריווילעגירטע וועלט־תקיפֿים. זיי מאַכן אייך צו שאַנד און צו שפּאָט, זייערע פֿערד צעטרעטן אייערע פֿעל־דער. אייערע טעכטער הונגערן און פֿאַרקויפֿן זייער יוגנט דעם שמוציקן

פּאַרוועניו. אַלע רויזן וויאַנען אין די לאַפּעס פון די געלטדעספּאָטן און זייערע קנעכט — און קיין זאַך אין דער גאַנצער וועלט קאָן איך נישט באַשיצן פאַר זייער חוצפּה, סיידן דער טויט און די סאַטירע״.

„לאַכנדיקער קעמפער״ האָט זיך היינע אַ מאָל אַליין אָנגערופן — כאָטש זיין וויץ האָט טייל מאָל געהאַט דעם טעם פון די חכמות, וואָס קאָמי־וואָיאַזשאָרן דערציילן זיך אין די באַנען, און זיין איראָניע האָט נישט זעלטן געפלאַטערט מיט געליימטע פליגלען: „איך בין דער פרידלעכסטער מענטש אויף דער וועלט — שרייבט היינע — און איך ווינטש מיר נישט מער ווי אַ שטיבל מיט אַ שטרויענעם דאַך, מיט בלומען פאַר די פענצטער און עטלעכעביימער — און אַז גאָט וועט מיך ווען אין גאַנצן באַגליקן, וועלן אויף די ביימער הענגען אַ זעקס־זיבן שונאים מיינע. מיט אַ גוט האַרץ וועל איך זיי דערנאָך מוחל זיין, וואָס זיי האָבן קעגן מיר געזינדיקט. יאָ, אַ שונא מוז מען מוחל זיין — אָבער ערשט, ווען ער הענגט״.

רויער ציניזם? אָבער ערלעכער ווי דער ציניזם איז דער טאַלאַנט צו ווידוי. „אַ גאַנץ לעבן — שרייבט היינע — האָב איך אַרומגעטומלט אין אַלע טאַנצזאַלן פון דער מאָדערנער פילאָסאָפיע, מיטגעשיכורט אויף אַלע אָרגיעס פון גייסט, געפלירטעוועט מיט אַלע סיסטעמען און פון קיינעם נישט באַפרידיקט געוואָרן, ווי מעסאַלינאַ נאָך אַ פאַרהוליעטער נאַכט — שטיי איך איצט אַזוי ווי דער פעטער טאָם, דער נעגער, און לעבן דעם שוואַרצן דאַוונער פאַל איך אויף די קני אין תחנונים...״

וואָס זשע איז דער חידוש, וואָס זיינע מיטצייטלער האָבן זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן מיט דעם ווידעראַנאַנד פון זיין כאַראַקטער, מיט דער לויכטנדיקער וווּנדיקייט פון זיין סטיל, מיט זיין פאַרעמגלאַנץ, וואָס האָט צעדודערט באַלעבעסלעך ווי פאַרבאַטענע עראָטיק. ער האָט דאָס וואָרט געמייסטערט מיט דער ווירטואָזיטעט פון אַן אַקראָבאַט, וואָס מאַכט אין דער אַרענע לעבנס־געפערלעכע קונצן מיט זיין געליבט מיידל, בייגט און ברעכט דעם צאַרטן קערפּער, וואַרפט אים הויך צו דער סטעליע און וואַרט אונטן, אַ טויט־בלייכער, ביז ער כאַפּט אים צוריק...

דאָס איז געווען זיין וועלט. „וואָלט ער אָבער געוואָלט זיין אַ לייט — האָט געטענהט דער קלוגער פעטער סאַלאָמאָן — וואָלט ער דאָך נישט געמוזט שרייבן קיין ביכער״. דער פעטער סאַלאָמאָן — פון האַמבורג, דער גביר

און קאָפּ פֿון דער משפּחה, האָט געהאַט צרות פֿון דעם יונגן האַרי: „וואָס פֿלוצעם מוז ער דווקא זיין אַנדערש פֿון אַלע אַנדערע בעסערע יונגע־לייט! די וועלט איז שיין און מענטשן מאַכן מיליאָנען — האָבן זיך אים פֿאַרגלוסט לידער!” דער רייכער פֿעטער האָט געעפֿנט דעם יונגן־מאַן אַ שניטקראָם: „ה. היינע עט קאָמפּ.”, ניט סתם אַ שניטקראָם, כאָטש טעקסטיל איז ביי געוויסע יידישע משפּחות כמעט אַן ענין פֿון וועלט־אָנשויונג, נאָר אַ „האַנדלונג פֿון וועלוועט”, ווייכע לאַשטשעדיקע סחורה פֿאַר פֿרויען, בלוי און ראָזע; אַ מין קאָמערציעלע ראָמאַנטיק. דאָס האָט באַדאַרפֿט זיין דער המשך פֿון משפּחהס גאָלדענער קייט. אויך דעם דיכטערס פֿאָטער, שמשון, האָט געהאַנדלט מיט דעם דאָזיקן אַרטיקל. ער איז געווען אַ געפּוצטער לייִדיקגייער מיט אַ געפּודערטער שעוועליורע און פּאַרפֿומירטע פּוכקע הענט, אַן אויסגעסטראָיעט גרויס קינד: דער פֿראַנט פֿון שטעטל. און דער זיידע? „דיין זיידע — האָט דער פֿאָטער אַ מאָל געענטפֿערט דעם יונגן דיכטער — איז געווען אַ קליין יידל מיט אַ לאַנגער באָרד”. דאָס איז אַלץ, וואָס דער פֿאָטער האָט געהאַט צו דערציילן וועגן דעם יִחוס פֿון זיין משפּחה — בשעת פֿון דער מוטערס צד האָט מען דווקא געמאַכט פּאַראַד מיט איינעם אַ ראָמאַנטישן עלטער־פֿעטער שמעון דע־געלדערן: אַ וועלטוואַנדערער, וואָס איז דערגאַנגען אַזש קיין ירושלים און געהאַט געשעפֿטן מיט אַראַבישע שייכן, אַ שטיק אַוואַנטוריסט, אַ כישוף־מאַכער און אַ „נביא”, וואָס האָט דאָס גאַנצע לעבן געהאַלטן אין איין אַנטלויפֿן פֿון גרויער קליינבירגערלעכקייט. מסתמא זאָלטן פּסיכאָאַנאַליטישע ליטעראַטור־לומדים געקערט וועלטן מיט אַזאַ מין חצי־שאַרלאַטאַנישן עלטער־פֿעטער פֿון דיכטער און זיין ווייבערישן פֿאָטער, וואָס האָט זיך געצאַצקעט מיט סאָלדאַטישע מונדירן מיט סטענגעס און טראָלדן און געווען אַ מין ציוויליסטישער גאַרדע־קאַפּיטאַן פֿון דעם דייטשן קורפֿירשט.

*

ווען איך וואָלט געווען אין גאַנצן זיכער, אַז די וויסנשאַפֿט וועט זיך נישט בייזערן, וואָלט איך זיך דערוועגט און געפּרוּווט אַ זאָג טאָן אָן איבעריקע חקירות, אַז היינריך היינע איז אפֿשר אין אַ געוויסן זינען דער אַנטיציפּירטער עפּיגאָן פֿון דעם ווינער יידיש־דייטשן שריפֿטשטעלער, סאַטיריקער, ליריקער, פּאָלעמיקער און גייסט־קריטיקער קאַרל קראַוס — און אַז

דער פֿאָרגייער אין צייט איז, אין עטישן תוך און אין שלימות פֿון דער פֿאָרעם, געבליבן שטאַרק הינטערשטעליק לגבי דעם נאָכגייער פֿון מיט הונדערט יאָר שפּעטער.

אויך קאַרל קראַוס איז געווען אַ „קראַנקער ייד און גרויסער קינסטלער", רעוואָלוציאָנער אין איידלסטן באַטייט פֿון וואָרט, געלאָדן מיט לויטערערליידנשאַפֿט און וויזיאָנערן וויץ, מיט אַזאַ מין עלעמענטאַרן וויץ, וואָס פֿאַרשטייט נישט קיין חכמות, ווי די נאַטור אַליין, און וואָס איך וואָלט אים נאָר צוגעטיילט די תנכישע נביאים, ווען זיי וואָלטן מסכים געווען, צו שפּילן וועלט־גורל אויף אַזאַ אינסטרומענט, וואָס מ׳האָט אין יענע צייטן, דאַכט זיך, קנאַפּ געניצט. אויך קאַרל קראַוס, דער אָריגינעלסטער סאַטיריקער פֿון דער דייטשער ליטעראַטור אין אַלע צייטן, וואָס זיינע גייסטיקע וואָרט־וווּנדערס קוואַלן אַרויס פֿון דעם איינמאָליקן צונויפֿגאָס פֿון נאַטור און שפּראַך אין זיין פּערזענלעכקייט — אויך קאַרל קראַוס האָט מיט דער יידישער אורסוב־סטאַנץ, וואָס האָט געגליט אין אים, אין עקסטאַז און אין לעסטערונג, אַריינגעשטורעמט אין דער פֿון צו פֿיל „באַהערשונג" פֿאַרמאַטערטער דייטשער שפּראַך, וואָס האָט זיך אַוודאי נישט געריכט אויף אַזאַ פֿענאָמען, און זי האָט אים אַליין צוגעפֿירט צו אַלע טיפֿע אוצרות פֿון גלאַנץ און זיי אַנטפּלעקט פֿאַר אים און אים געלאָזט אויסשעפּן איר שפּע. דאָס איז דער סוד, וואָס מען היט אין דער נאַטור פֿון גייסט, וואָס מען איז מגלה נישט די, וואָס מאַכן קונצן מיט אים, נאָר יענע, וואָס בייגן זיך און האָרכן זיך איין אין איר טיפֿקייט, ווי דאָרשטיקעביים קוואַל.

האָט אָבער קאַרל קראַוס פֿון היינען נישט געהאַלטן — אָדער נאָר מיט גרויס באַוואָרעניש — אפֿשר ווייל יענער האָט זיך צו שטאַרק געפֿעדערט און איז אַרויס פֿאַר זיין צייטיקייט מיט גרינגער שאַרפֿקייט, מיטווירטואָזער שמועסעוודיקייט, לעבן דיכטונג פֿון גייסטיקער וואָג, מיט דעם קאַפּריזנעם כאַפּ פֿון ווונדערקינד, וואָס מאַכט אָן אַזאַ גראַציעזן גערודער מיט די חנעוודיקע פֿליגעלעך פֿון דער ליאַלקעוואַטער מוזע. אַ סך פֿון היינעס לידער האָבן זיך געזונגען און געגראַמט פֿון זיך אַליין: געשפּילטע וואָרט־ליבענישן פֿון זיסע אַמורעטקעס: צוקער־„גיפּס" אויף די פּיאַנאָס פֿון באַלעבאַטישע סאַלאָנען, וואָס זענען אים אַליין אייגנטלעך געווען פֿאַרהאַסט. דער דאָזיקער מין לידער, מיינט קאַרל קראַוס, האָט דערצויגן און צוגעצויגן

גראַפּאָמאַנישע אונטערזינגערס און צוקלינגערס פֿון אַלע ליטעראַטורן, וואָס האָבן אַרומגעגריזשעט היינעס דיכטערישע סובסטאַנץ. קראַוס מאַכט אים פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר זיינע נאָכמאַכערס. ער האָט פֿאַרגעלידלט, דערנאָך זענען זיי אַלע שוין געווען „פֿאַרליבט און באַטריבט" אין יענע באַקאַנטע אַלבומלידלעך, וואָס באַגאַבטע יונגע־לייט „שרייבן אַריין" און צו וועלכע עס האָבן זיך צוגעקלעפּט קלעפּיקע מעלאָדיעס: מאַרמעלאַדיעס.

דער דאָזיקער אַלוועלטלעכער כאָר פֿון גראַפּאָמאַנען באַלעסטיקט די נאַטור מיט פּאַטעטישער מלאָיעווקע, אַזוי ווי חברה קונדסים דערקוטשען אַ גוטמוטיקן ריז, וואָס לאָזט זיך. אַלע מאָל גייט דאָס וועגן די „אייגעלעך און חן־גריבעלעך אין די ראָזעווע בעקעלעך פֿון דעם זיסן מלאכל", וואָס פֿאַרראָט דעם פֿאַרליבטן פּאָעט און האָט חתונה מיט אַ באַנקיר, האָט זי — אוודאי, פריקרע! אָבער דעם אַקצענט און דעם טונקעלן קאַרב פֿון גורל קאָן באַקומען יעדע באַנאַליטעט פֿון לעבן ערשט אין דער איבערלעבונג פֿון דיכטער. אין איר זענען אַנגעזאַמלט אַלע לעבנס — און דער דיכטער איז אַלעמען מוציא מיט זיין געקרוינטן וואָרט, ווי דער בעל־תּפֿילה אין דער פֿרייטיק־צו־נאַכטיקער שול איז מוציא מיט דעם גאָלדענעם בעכער אויפֿן הויכן באַלעמער אַלע די יונגען אין קורטקעס, וואָס האָבן נישט קיין אייגענעם וויין.

דער תכשיט משה לייב

געלייענט משה לייבן מיט יאָרן צוריק, אין די פֿאַרמבולדיקע צייטן פֿון מילדן תוהו ובוהו, אין יענע פּרעהיסטאָרישע דרייסיקער יאָרן פֿון אָט דעם יאָרהונדערט, וואָס ס׳איז מיר אַ ווייטיק זיין נאָמען אָנצורופֿן. האָב איך איצט ווידער גענומען לייענען „אין ניו־יאָרק״, „די גאָלדענע פּאַווע״ און די צוויי בענד „משה לייב האַלפּערן״, אַרויסגעגעבן נאָך זיין טויט. ווער זשע ווייסט, וואָס פֿון דעם ווערק איז געוואָרן „מיט דער צייט״! מיר קענען זי׳ דאָך, די קטלנית: זי פֿאַרצערט אַ גאַנצן דיכטער־קאַראַוואַן צו יעדן ליטעראַטור־סעזאָן — און נאָך איידער זי איז דערגאַנגען צום ריכטיקן אומפֿאַרשטיין פֿון אַ ווערק, „זאָגט״ עס איר שוין גאָרנישט. מען „זאָגט״ היינט אין אַלע ליטעראַטורן מיט קורצע אָטעמס, אויף קורצע טערמינען.

דאָס איז דער צייטגייסט, דער פֿאַרסאָפּעטער, וואָס יאָגט פּראָגרעסיוו צו זיין אייגענעם אונטערגאַנג — כאָטש וואָס׳ט ער פֿאַרשפּעטיקן, אַז ר׳עט פֿאַרשפּעטיקן אַ ביסל? דער צייטגייסט שטייט איין ביים אינטעלעקטועלן וועלט־מנחם מענדל, דעם קאָסמישן פֿאַרזעעניש, וואָס רעדט מיט חכמהוואַטן חוזק וועגן „אייביקע ווערטן״ אין דער קונסט און פֿאַרגינט זיך נישט הנאה צו האָבן פֿון זאַכן, פֿון וועלכע ער האָט הנאה. ער האָט גוזמות דרך־ארץ פֿאַר דעם פּאָעטישן שטום־לשון פֿון דור — אַבי ס׳איז „טיף״, זאָגט ער לירישן אָך קוועץ מיט מוח־גרימעניש, קאָנסומירט מיט רציחה גרודעס שפּראַך, וואָס צעקאַליעטשען די נשמה, ווי זשע קאָן אין אַזאַ גייסטיקן שלאָ־כדרכה זיין פּלאַץ פֿאַר משה לייבס ווערק?

יאָ, ערשט נישט לאַנג האָט די יידישע ליטעראַטור געטומלט מיט סטיל־פּראָבלעמען, מיט פּלוגתות וועגן קלאַסיקער און אינזיכיסטן, מיט יונגע און ייִנגסטע. אַלץ האָט געהאַט נעמען און שאַרפֿע קאַנטן און אַ מאָל איז דער פּלאָנטער אַליין געוואָרן די טעאָריע, — סיסטעם פֿון טאַפּן אַ וואַנט — און

משה לייב איז, דוכט זיך, אין סאַמע צענטער געשטאַנען ביי דער זייט, נישט באַלאַמוטשעט מיט די פּראָקלאַמאַציעס און פּאָסטולאַטן פון דיכטער, נאָר באַלד דערלאַנגט זיינע ברויזנדיקע שורות פון דיכטערישן ברען און דערפּילונג.ביידע זאַכן אין איינעם. האָט אַ דיכטער אין יענע יאָרן נאָך געקאָנט הייסן סתם משה לייב, קאָסמיש־היימישלעך, אַ נאָמען אַריבער־גערופן פון דאַך צו דאַך, אין די פאַרנאַכטן, ערב וועלטפאַרגאַנג:

אַ גינגעלי, מיין בלוטיק האַרץ,
ווער איז דער יונג, וואָס טרוימט אין שניי
און שלעפּט די פּיס ווי קלעצער צוויי
אין מיטן גאַס ביי נאַכט?
דאָס איז דער תכשיט משה לייב,
וואָס וועט אַ מאָל דערפרירן,
בעת ער וועט פון פרילינגצוויט
און בלומען פאַנטאַזירן.
און וועט ער ליגן שוין אין שניי
און זיך שוין מער ניט רירן,
וועט ער אין טרוים נאָך דעמאָלט אויך
אין זאַנגפעלדער שפּאַצירן.

(„גינגעלי“)

האָבן אַלע געוווּסט: אָט שטייט ער, דער יונג, וואָס טרוימט אין שניי, איינער אַזאַ — און מער קיינער: נישטאָ קיין אָרט פאַר נאָך אַזעלכע. אָט איז דער וועלטס תכשיט, און אָט זי אַליין, אַ פאַרענדיקטע, אַ געמישפּטע, און ער, דער בעל־תאווהניק פון וועלטטרויער, שטייט איינער אַליין אין דער ווייסער קעלט, פּיפּקעט בלאָע הימלען צער פון דער ליולקע, דעם עדות פון זיין „איינזאַמקייט, וואָס ווייגט, מיט שטאָט אַרומגעמויערט“, שעלט די נישט־דערשאָלטענע וועלט, וואָס איז גאַרנישט אַנצוזעטיקן מיט קללות. ער צעטראָגט גרויסן באַריידעוודיקן פּאָעטישן מענה־לשון, אַנגעפּראָפּט מיט כוח־גברא פון שינאה, מיט כעס און קלאָג, מיט דעם דראַמאַטישן נאַטור־געדראַנג פון מאַן און ווייב, ייד און גוי, גלאַנץ און עלנט, מיט דער גאַנצער רוישנדיקער אָרגל־סקאַלע, וואָס שיכורט אויף דעם וויטן דיכטע־

רישן לעבנס־שטח צווישן זלאָטשעוו און ניו־יאָרק, צווישן די צעקראָכענע שטעטלדיקע פּעטערס, וואָס טראָגן אָפּגעליזעוועטע פּראָקן און היימישלעכן אומעט, באַלעבעטשען „דאַאַטש״ פֿון מענדעלסאָנס ביאור, און ווידער אירלענדישע מעסערהעלדן פֿון דער נייער וועלט און די וואָיענדיקע וועלף אַרום און אַרום, די וועלף פֿון דער וועלט:

וער האָט שוין פֿאַרנומען דאָס הונגערליד,
וואָס דער וואָלף זינגט אין וויסטן סטעפּ ביי נאַכט?
ווי אַ שטערן נאָענט פֿון דער ווייסער ערד,
וויינט אַ פֿייערל ערגעץ אין דער וויט
און אַהין מיט האַלדז און מיט אויגן ווי בלוט
זינגט דער וואָלף אין סטעפּ זיין הונגערליד.
און וויס ווי זיינע ווייסע ציין
וויינט דער אָטעם, וואָס פֿאַרעט פֿון אים אַרויס
ביי דער לבנהס בלוטיקן גאָלד.

ניין, אַזאַ תכשיט איז נישט געווען, דוכט זיך, אין דער יידישער ליריק. נישט געווען דאָס עזות און נישט די עלעמענטאַרע דיכטערישע אורקראַפֿט. וואָס הייסט, מ׳עט גאָר נעמען ריידן „אַזוי אָ״? רוי די וועלט און מיאוס? — שיין! נעמט מען און מען קלאָגט לייטיש, אָבער נישט איבערפֿאַלן דעם באַשאַף און שעלטן אויף וואָס די וועלט שטייט און אויף וואָס זי פֿאַלט, שעלטן מיט רציחה און פֿון העלער הויט, זי, אַ צעפּעסטעטע יחסנטע פֿון אייביקע לירישע מי שברכס. האָט אָבער משה לייב, ווי אַ צעדריגעטער בן־יחיד ביי דער נאַטור, וואָס האָט זיך אַ מאָל פֿאַרגנבעט און „אַרונטערגעקוקט״ און איז געווויר געוואָרן דעם טונקעלן, דושנעם סוד פֿון טאַטע־מאַמע, פּלוצעם געוומען אויסזאָגן אַלץ: דווקא וויל ער! ער קאָן זיך קיין אָרט נישט געפֿינען מיט דעם שפּיצל, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן, מיט דעם שווערן תהומיקן וויסן, וואָס האָט אים דערטשמעליעט — האָט ער גענומען באַריידן די וועלט. ער האָט איר אַקעגנגערעדט — אַקעגנגעטרויערט מיט גרויסע, בלוט־וואַרעמע שורות:

ווי אַן אונטערגעשאָסענער פֿויגל אין וואַלדגראָז
וויינט אין מיר אַלץ, וואָס איז קראַנק און שטאַרבט:

מיין לעבן איז אַ וווּנד, וואָס מען זעט ניט —
אַ וווּנד, אין דער וועלט אַריינגעקאַרבט.
(„דיכטונג״)

ס׳ווייגט זיך געשמאַק און אויף אַ סך מאָטיוון אין משה לייבס דיכ־טונג, עס וויינט זיך און שעלט זיך מיט חכמה און רוגזה:

און איבער אונדז אַלע דער צער פון דער וועלט.
דורך אַלע פענצטער וויינט ער און שעלט
דעם שטערן, אויף וועמען מען האָט געוואַרט
און וואָס האָט מיט זיין ליכט ווידער אָפּגענאַרט.
(„דער צער פון דער וועלט״)

דאָס איז שווערער, מאַנסבילשער געוויין, ווי פון טאַטעס, צעזאָגטע איבער ימים־נוראימדיקע מחזורים, וואָס שמעקן מיט פחדים פאַר אַזאַ געוואַלטיקן כביכול, וואָס איז עפּעס צו גרויס פאַר אַ קליינעם לעבן, און מיט האַרבסטיקער זשיוויצע פון נאַקעטעביימער הינטער דער קלויז. אפשר: וואָלט שעקספּיר געשריבן פיוט אויף מחזורדיקן יידיש, וואָלט דאָס אין אים אַזוי געקרישט ווי אין משה לייבס שטאָמיקע וואָרטאָפּאַליעס, וואָס האָבן צוגעגעבן אַזאַ דעמאָנישע שיינקייט דער יידישער ליטעראַטור.

דוכט זיך, די וויכטיקע קריטעריע פאַר דער אָפּשאַצונג פון אַ דיכטער אין אונדזער דור: אויף וויפל האָט ער דערפילט פון ווייטנס דעם בראַנד־געדוך פון נאָענטן אומקום, ווען ער איז נאָך נישט געמאָלט געווען און נאָך נישט געזונגען. איך מיין נישט, אַז דער דיכטער האָט באַדאַרפט „אויסכאַפּן פאַרויס״ דעם אומגליק. קאָן זיין, אַז די מענטשהייט, אַרום און אַרום, האָט צו ווינציק פאַנטאַזיע פאַר איר אייגענער ווירקלעכקייט און אַז זי איז נאָך היינט, לאחר המעשה, אויך נישט תופס, וואָס אויף איר איז אויסגעגאַנגען. אָבער עס קאָן דאָך נישט זיין, אַז דער קאַטאַקליזם, וואָס איז שוין געהאַנגען „אין דער אידעע״ איבער אונדזער לעבן, זאָל נישט האָבן פאַרגעציטערט, ווי אוראומרו, אין דעם דיכטער, וואָס איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן צו זען און צו זאָגן, נישט דינען ווי אַ רעקלאַמעשעף ביים קאָסמאָס, ערב באַנקראָט. האָט דאָך דער וועלט־פחד לאַנג באַדאַרפט זיך טרייסלען מיט יעדער וואָרט

און דורכפּינצטערן יעדע דיכטערישע שורה, נאָך איידער עס איז אויפּ־געגאַנגען דער וועלט־אונטערגאַנג:

עס הייבט זיך דאָך אויף ווי אַ באַרג די אימה,
ווען מען זעט אַזוי פּיל מענטשן אין איינעם,
מיט אָרעמס און בערד צום הימל פּאַרריסן,
וויינען איבער דער וועלט.

(„נאַכט אין מאַנהעטן")

דאָס איז דאָך געווען אין יענעם ווייטן דעמאָלט, ווען מענטשן האָבן געמיינט, אַז צום טרויער איז נאָך צייט און אַוודאי צו דער קללה. וואָס זשע איז ס׳געיעג, משה לייב? ער אָבער האָט געוויינט פֿ אַ ר דער צייט, געוויינט פֿאַר א י ר:

— זרחי, מיין ברודער, צי איז דאָס ניט אפשר
אַ קליפּה, אַ וויסטע, וואָס וויינט אין דיר?

און ווייטער אין זעלבן ליד:

— זרחי, מיין ברודער, דער הימל קאָן טרייסטן:
דעם פֿויגל פרעג און אַפֿילו דעם רויך...
— דער הימל קאָן טרייסטן,
נאָר איך קאָן ניט אַרויפּקוקן צו דער הייך —
מיר דאַכט זיך, אַז גאָט אַליין וויינט אויך — — —
איך ווייס ניט פֿאַרוואָס — — —

מיט אָט דעם וויכן גאַליציאַנער „פֿאַרוואָס — — —" הייבן זיך אָן משה לייבס טענות צום גורל. אַזוי האָט זיך אַפּנים זיין לאַנדסמאַן, דער רבי ר׳ מאירל פּרעמישלאַנער, אין צעקראַכענעם מאַלאַרוסישן גוייש, האַרט פֿונאַנדערגערעכנט מיטן רבש״ע: צוויי זקנים, וואָס האָבן בײדע קיין נחת נישט. דומעט מען לאַנגע פֿאַרנאַכטן אויף ליימענע פּריזבעס וואָס שמעקן מיט בלאָלעכער זויערמילך אין שוואַרצע מאַקערטעס, מיט חכמה און הכנעה

און מיט פּראָסטע הימלישע רייד. אויב מען וויל, זאָל דאָס זיין אַ שטיקל רמז אויף גאַליציאַנער נוסח: אַ קליין לענדל מיט אַן אינטימען אינאייגעם, מיט אַ ראָמאַנטישער האַלעבורדע פֿון מיזערנע גויעכלעך און צעווייקטע אייניקלעך, מיט הושענות און צערקוועס, מיט הילצערנע ווינטמילן און פֿאַרזעסענע מוידן, מיט פֿאַרוואַלגערטע רעשטלעך גרילפּאַרצער און מיט נאָענטן דוד המלך און פֿראַנץ יאָזעפֿן, וואָס בעט זיך חוזק מאַכן פֿון זיין „שמישנע" מאַיעסטעט — האָט מען דאָ געהאַט אַ „פּיסק אויף שרויפֿן": וואָסי?

אין אָט דער אידילישער ענגשאַפֿט האָט זיך צונויפֿגעשטופּט אַ וועלט, וואָס איר אָרגאַנישער ווידעראַנאַנד האָט זיך געקניפּט און געבונדן מיט אַלע אויסשטראַלונגען פֿון הומאָר — איראָניע, סאַטירע, סאַרקאַזם, פּאַראָדיע, גראָטעסק און יצר־הרע צום קאַפּויער, צו דער קאַריקאַטור וואָס שניידט זיך ווערן קאַרעקטור פֿון דער וועלט, — דאָס אַלץ איז אַריין, אין דער אָדער יענער מאָס, אין דער פּען פֿון יידישע שרייבערס אין גאַליציע: משה לייב און משה נאַדיר, איציק מאַנגער און א. מ. פֿוקס און אַ ריי אַנדערע אין פֿאַרשיידענע ווינקעלעך און אויך אין דער „באַבסקע" ראַפֿינירטקייט פֿון ש. י. עגנון, וואָס שרייבט יידיש אויף וווּנדערלעכן עברית. זמיעשטשען זיך אין גאַליציאַנער יידיש שפּיציקייט און ברייטלעכע בילדערישקייט, מעלאַנ־כאָלישער שמייכל און חריפֿותדיקע פּשטות און די העזה, אַ זאָג צו טאָן אַ מאָל אַ גראָב וואָרט, וואָס איז אַליין אַ רעכט אור־אייניקל פֿון די שאַרפֿע רייד פֿון פֿאַרצייטיקע נביאים — גיי, ווייס די וועגן פֿון גלגול... עס גייט וועגן אויסשעפּן דעם גאַנצן ווייטיק פֿון דער וועלט, דעם גאַנצן כעס און פֿריידיקן הפֿקר, דערזאָגן ביז צום סוף און נישט בלייבן שולדיק, כאָטש מען האַלט זיך אייביק ערשט אין סאַמע מיטן צערעכענען, ווי צעקריגטע שותּפֿים, שבת צו נאַכטס, מיט קריידלעך אויפֿן טיש, מיט באָרשט און „איש חסיד" אויף גוייש. אָט דער בונטער, בויגעוודיקער יידיש, טערפּקע און זאַפֿטיק, ווי די דריבנע כל נדרי־באַרעלעך פֿון די גאַליציאַנער סעדער, האָט באַדאַרפֿט אַריינפֿאַלן צו אַ דיכטער ווי משה לייב — שימערירט ער מיט אַלע גלאַנצן און מיט אַלע באַהעלטענישן פֿון דינע, פֿיליגראַנישע סטילקנייטשן.

אַזאַ ווּעכטער, ווייַ און ווינד,
מיט אַ שטעקן ווי פֿאַר הינט

וועקט ער אויף אין גראָז די לייט
און פאַרטרייבט זיי ערגעץ ווייט,
אַזאַ וועכטער, אַזאַ וועכטער,
וואָס ביים קאָלנער נעמט ער אָן
דעם, וואָס האָט קיין בייז געטאָן.
זאָל דאָס אונדזער וועכטער זיין,
אָט אַזאַ אין מאָרגנשיין?
אַוודאי אונדזער וועכטער. וואָס דען, ניט אונדזער וועכטער?
(„אונדזער גאָרטן")

די דאָזיקע שורות שטייען אין ערשטן ליד פֿון משה לייבס ערשטן בוך אין ניו־יאָרק. זיי שטייען דאָ, מעשה לייטמאָטיוו, שטייען קלוג און שווער־מוטיק און חידושן זיך איבער אַזוי פֿיל אויסטערלישקייט:

זאָל דאָס אונדזער גאָרטן זיין,
אָט אַזאַ אין מאָרגנשיין?
אַוודאי אונדזער גאָרטן. וואָס דען, ניט אונדזער גאָרטן?

דאָס איז דער מעלאַנכאָלישער רעפֿריין פֿון משה לייבס דיאַלאָגישן שפּיגל־שמועס מיט זיך אַליין. מיר באַגעגענען אָפֿט אין זיינע לידער דאָס מיסטישע גורל־פּאָרל: משה לייב מיט זיך אַליין און אַ מאָל מיט זרחין אָדער מיט אַן אַנדערן פֿון זיינע שאָטנס — וואָס זשע, אַליין וועט ער גיין? אין אַזאַ וועלט, אַליין? ס'איז דאָך ממש, אַ פּאָעט נישט אַרויסצולאָזן!

— אַ בעטלער, וואָס וויינט אין גאַס אויף אַ שטיין,
וויינט ניט קיין מאָל פֿאַר זיך אַליין;
ער וויינט פֿאַר פֿרעמדע מענטשן אין שטאָט,
וואָס רינגלען אים אַרום אין אַ ראָד —
און זרחי, מיין ברודער, אַלט און קאַלט,
וויינט פֿאַר דעם שאָטן פֿון זיין געשטאַלט.
(„זרחי צו זיך אַליין")

װי זשע קומט פֿאַרט אַזאַ װײנען צו אים, װאָס קאָן, דוכט זיך —
...לאַכן אַזוי, אַז סע איז אַ שרעק.
זיי שטאַרבן שיִער פֿאַר געלעכטער אַוועק,
וואָס די וועלט שטייט נאָך אַלץ אין דרויסן.
(„די מעשה מיט דער וועלט״)

סיידן לאַכן און וויינען אין איינעם. טרעפֿט אַ מאָל, אַז דער בידנער וועלט ווערט אַליין נימאס צו שטיין אַ גאַנץ לעבן פּונקט דאָרט, ווו מ׳האָט זי געהאַט אַוועקגעשטעלט, ווען מ׳האָט געמיינט אַז זי האָט אַ טאָלק — טוט דער גראַטעסק אַ דריגע קעגן דער בכבודיקער קאַוזאַליטעט, קערט וועלטן, די איבערגעקערטע, און שטעלט דאָס לעבן אויפֿן קאָפּ, וואָס איז גישטאָ. דאָס איז אַוודאי אַ קאָמפּליצירטער ענין. מיט אים וועט זיך העכסטנס אָן עצה געבן אַזאַ איינער, וואָס „מיט אים איז עפּעס נישט דאָס״ — און דאָס איז מסתמא יעדער דיכטער. יעדע אמתע דיכטונג איז גייסטיקע אַוואַנטורע און זשעניאַלער קאַפּריער, מיט אַחריות פֿאַר דער וועלט, וואָס צאַפּלט אין וואָרט:

...אַז דאָס וואָרט, מיין ציר,
גיט זיך אייביק פֿון מיר אַרויס אַ צאַפּל,
ווי ביי נאַכט אַ בוים, ווען עס טרעפֿט אים אַ בליץ,
וואָס צינדט אים, אַ צעבראָכענעם, אונטער.
(„ליכט — מיין וואָרט״)

וואָס עס טוט זיך אין אָט די לעצטע צוויי שורות! קיין מאָל האָט זיך נאָך אַ בוים ביי נאַכט נישט אַזוי געבראָכן און צעצונדן אין בליץ, ווי אָט איצט ביי משה לייבן, גלייך דער אוראייביקער ביינאַכטיקער שטורעם איז נאָר וואָס צום ערשטן מאָל געוווּיר געוואָרן וועגן זיך אַליין אין אָט דער באַשאַפֿענער שפּראַכגעשטאַלט. איצט ערשט ווייסט ער און פֿאַספּאָרירט אין וואָרט מיט אומהיימלעכן געוויטער־ליכט. אַוודאי, אָפּגעריבענע עמער־ריטירטע ווערטער, וואָס האָבן זיך שוין אַרומגעטליקעט אויף אַלע שפּראַך־יאַרידים! וועלכער פּאָעט מאַטערט נישט דעם בוים און דעם בליץ? און „ביי נאַכט״ איז דאָך זיכער אַלעמענס — האָט אָבער משה לייב די דאָזיקע

היימישע ווערטער אָנגעפּילט ביזן אויג מיט שאַפֿערישער לײַדנשאַפֿט און זיי געגעבן אויף ס'ניי די קראַפֿט פֿון בראשית. האַלטן זיך די ווערטער צונויפֿ־געפֿלאָכטן מיט אַזאַ עראָטישער לוסט, גלײַך זיי וואָלטן איינס אָן דעם אַנדערן נישט געקאָנט לעבן, גלײַך זיי וואָלטן אין אַן אַנדערן צוזאַמענבונד אין גאַנצן קיין זינען נישט געהאַט, גלײַך די געשילדערטע דעמאָנישע וועלט איז גאָר נישט געמאָלט מחוץ דעם כּישוף פֿון דיכטערס וואָרט.

איך קען פֿאָעטן, וואָס וואָלטן אין אַט אַזאַ נאַטור־דראַמע מסתמא נישט דערגאַנגען ווײַטער ווי ביז צום „צאַפּל‟, וואָס דאָס וואָרט גיט — גוט איז דאָס! מחוייב אויפֿצורייסן דעם האַלדז מיט אַזאַ פּלאַסטישן עולם הזה? פֿאָעטן־צדיקים ציטערן, מען זאָל דעם לייענער נישט מבייש זײַן מיט קלאָר־קייט: מען דאַרף אים געבן קרעדיט, אַז ער וועט שוין אַליין אונטערדיכטן, דער שותּף. משה לייב אָבער האַלט, אַז מיט פֿרעמדע הערצער איז נישט גוט צו שאַרן דאָס אייגענע פֿייער — זאָגט ער אַלץ אַליין אין יעדן פֿון זײַנע לידער, זײַן חלק און אַלעמענס, ווערט נישט מיד צו געבן זיך אין גאַנצן און די וועלט אין גאַנצן, איר גאַנצע צעבראָכנקייט, פֿון סאַמע אָנהייב. שטופּן זיך די בילדער, וואָרט בײַ וואָרט, אין זײַן פֿערז, וואַקסן אונטערוועגס אין געדראַנג צום תּוך, ביז עס האָט זיך אָנגעזאַמלט אַ צאַפּלדיק שטיק וועלט אין איין שטראַלנדיקן שפּראַך־מאָנומענט. דאָ איז נישט שייך די ברוגזע קאָרגשאַפֿט פֿון פּאָעטישן פּירוש, וואָס שעמט זיך צו קענען און איז יוצא מיט שבתדיקן שטום־לשון: נו, אָ...

משה לייב אָבער דערלאַנגט דעם גאַנצן נאַקעטן כּוח, וואָס דערהייבט זיך אין לײַכטנדיקן גלאַנץ ביז צו מיסטישער שלימות:

וויִ אַ פֿערד אין צירק, ביז די לענדן אין רויט,\
אַזוי איז אַרויס דאָס שטיק פֿייער, די מויד,\
און אַ זעץ געטאָן איבערן דיל מיט אַ פֿוס,\
אַז עס האָט זיך פֿון איטלעכנס הענט דער גערוס\
אַ וואָרף געטאָן איבער די קעפּ ביז צו איר,\
אַזוי ווי דער פּראַל פֿון אַן אײַזערנער טיר.\
ווען מען וואָלט פֿון אַ שטעטל אַ גאַנצן די וועש\
געפּראַלט מיט פּראַלניקעס, קופּער און מעש,

וואָלט זיך זיכער דער רעש אַזוי ניט צעשפּרייט,
ווי די לוסט, די צערייצטע, צו איר און די פֿרייד.
(„די באַלאַדע פון מעסערטאַנץ")

האָבן זיך אַוודאי ליטעראַטור־באַלעבעסלעך דערשראָקן פֿאַר אַזאַ נאַטור־אויפֿשריי אין וואָרט: — „גראָבע רייד". פֿאַראַנען סקאַרבאָווע סטיל־רעצעפּטן — „מען נ ע מ ט..." משה לייב אָבער ג י ט די וועלט פֿון נאַטור און גייסט אין אוראַלטער־נייער אַנטפּלעקונג. ווייס איך נישט צי האָט די וויסנשאַפֿט ביי אים געפֿונען „וועלט־אַנשויונג" און ווהין זי האָט אים בכלל אַריינגעשטעלט, צוליב זיין ווידעראַנאַנדיקער געשטאַלט, אין וועלכער עס ראַנגלען זיך דער זיידע און סער דזשאָן, דאָס שטעטל און דער ים, מישן זיך פּאַטאָס און סאַטירע, בונט און בענקשאַפֿט, סאָציאַלער פּראָטעסט און סקעפּטיציזם פֿון אַ גלייביקן, זיגזאַגישע סטילקאַפּריזן און גאָטזוכערישער ציניזם. אַוודאי איז ער אַ בן־יחיד און נעמט זיך איבער. קאָן דער ליטעראַטור־סטאַטעק נישט פֿאַרטראָגן די אַנשטעלן און מאַכט היפּשע חנדלעך דערמיט, וואָס ער אַליין איז גריילעך אַ געזעצטער און קאַפּריזעוועט דווקא נישט — אַנו, זאָל ער!

פֿון דער אַנדערער זייט, האַלט איך, אַז דאָרט, ווו ער פּעסטעט זיך מיט אָרלעקינישע חנדלעך, מיט אַ גאַסן־פּויקערישן, מעלאָ־רעציטאַטאָרישן „דזשין־בום"־שאַבלאָן פֿון טראַגישן וועלט־קאַבאַרעט אָדער מיט אַ טאַנדעט־נעם קוהלת־פּיזמון, אָן אַ פֿאַרוואָס, איז ער אַן אַנטליִענער משה לייב. נישט זיין אייגענער, נישט געוואַקסן אין „אונדזער גאָרטן".

אַז אַלצדינג איז גלייך און אַלצדינג איז קרום
און ס'דרייט זיך די וועלט אַרום אַלצדינג אַרום —

און אויך נישט דער כאַפּ פֿון אַ סטראָף שפּעטער,

אַז גאָרנישט איז גלייך און גאָרנישט איז קרום
און ס'דרייט זיך די וועלט אַרום גאָרנישט אַרום.
(„גלאַט אַזוי")

אַזאַ מין הבל־הבלים־חכמה איז נישט כדאַי צו נעמען ביי משה לייבן, אַז מען קריגט זי ביי קוהלתן עכטער און באַגלייבטער. פּונקט אַזוי, דוכט זיך, איז נישט כדאַי פאַר משה לייבן אונטערצוזינגען ווילעריש די ציגיי־נערישע גיטאַרע־ליריק און דעם סערענאַדן־טרויער, וואָס היינע האָט געהאַט אַ מאָל פאַרגעטרויערט פאַר אַלע זיינע יורשים און וואָס איז אין איר ספּעציפישער קאָנפעקציאָנירטער פאָרעם אויך דעמאָלט נישט אמת געווען:

מאַדאַם, אויב איר הייסט מיר אַוועקגיין פון אייך,
זייט זיכער, איך גיי — נאָר אין טייך אַריין גלייך.
(„מאַדאַם")

נישט סטראַשען! פונקט אַזוי וואָלט מסתמא משה לייבס פּרעכטיקע פאַן יאַבלאָווסקי־פאָעמע זיך געקאָנט באַגיין אָן דעם אַלבאָם־וויערש: „צו טרוימען איז שיין, אָבער ווי איז דעם טרוימער"... ווער ווייס, ווי אַזוי אַזעלכע מיני שורות האָבן זיך געיאָוועט אין משה לייבס ווערק, אין איינעם מיט די רעשטלעך זיסער יסורים־קאָנפיטור, גאַרנירט מיט אָפּגעליישטע פרינצן, ציגיינערס און באַלאַדעסקע גאָסנפרויען מיט אַן אויסגעטראַכטער לבנה פון אויבן. ווען ס'ימפּאָנירט מען מיט אַזעלכע אַלטע רעקוויזיטן! אַנדערש שרייט ביי משה לייב דער צער פון דער קרעאַטור.

...וואָס האָט פאַר גאָט געקלאָגט,
מיט אַ געוואַלד אַזאַ, ווי אונטערן קאַנטשיק פון אַ פּאַן —
זיין ווייב, ווען ער פאַרהייבט ביי איר דעם סטאַן,
צו שמייסן זי צוליב דער רויטקייט, וואָס אים פעלט,
אין טעג אַזוינע דאָ, וואָס גייען אָן זון פאַריבער אויף דער וועלט.
(„אַ מעשה")

דער פאַן פון דער וועלט און די געשענדטע קרעאַטור... דער גוי מיט דער האַק און דער זיידע... דער מענטש אין דער פרעמד און טעג אָן זון... ווער וועט ראַטעווען די וועלט פון דער פינצטערקייט, פון דעם „האָס אין איר, וואָס ברענט ווי פייער"?

...אָבער איצט, ווען איך זע שוין יענע זייט —
מיט אויגן — פֿון דעמאָלט דריי יאָר ווייט.
און מיט אַ בענקשאַפט אַזאַ, וואָס וויל
דערפֿאָרשן דאָס גרויסע טרויערשפּיל
פֿון לעבן אין אַלץ און אין זיך אַליין,
און אין אַלע, וואָס ווילן צו קלאָרקייט דערגיין,
הייב איך אויף מיינע הענט צו דער זון, וואָס הערט
דעם גאַנג פֿון מיין בלוט, אַזוי ווי די ערד.
און איך בענטש דאָס ליכט, וואָס ברענט און גליט —
פֿון דעמאָלט אָן אין מיין געמיט.
אַזוי ווי דאָס ליד וואָס זינגט זיך אויס
מיט מיין אָטעם, וואָס ווייַנט פֿון מיר אַרויס.
(„דער גאַנג פֿון מיין בלוט“)

דאָס איז דער לויטערער סוף פּסוק פֿון אַ גרויסן שאַפֿערישן לעבן, אין וועלכן די נאַטור האָט זיך ווידער, ווי אין זעלטענע פֿאַלן, פֿאַרמאָסטן אויף אַ וווּנדערלעכן דיכטער־עקזעמפּלאַר מיט עלעמענטאַרן פֿאָרמאַט: דער תכשיט משה לייב.

צום אָנדענק פון שמואל יעקב אימבער

יאָרן מיט שמואל יעקב אימבער, מיט זיינע אייגענע לידער און מיט יענעמס, וואָס ער האָט אַזוי קלוג געקאָנט ליב האָבן, מיט זיין עסטעטישן ענטוזיאַזם, זיינע שטימונגען און קאַפּריזן, מיט זיין אינטעלעקטועלער פֿאָלקסטימלעכקייט, זיין ברייטער באַהאַווונטקייט אין אייראָפּעישער דיכטונג, מיט זיין סאַטירישער חריפֿות, וואָס האָט זיך צעשפּילט ביי אים די לעצטע יאָרן, דער עיקר, אויף פּויליש — און טאַקע יאָרן מיט אים אַליין, אַזוי צו זאָגן, „אין ציוויל", גוטברודעריש, שמועסוודיק, אָן „מינאָריעס": ברוינע סאַמעטענע בלוזע אויף שמאָלע גימנאַזיסטישע פּלייצעס און ווייכער סאַמעט פֿון לאַשטשענדיקן בליק. אָן „שמואלן", וואָס פּאַר אַ טעם וואָלטן געהאַט יענע גרינע יאָרן פֿון אומרייפֿקייט, יוירענדיקע יאָרן, וואָס ווייסן נאָך אַליין נישט, וווהין דער כאָאָס גרייט זיך זיי פֿאַרפֿירן — גיי ווייס, וואָס פֿון יאָרן קאָן ווערן!

היינט וואָלט שמואל יעקב אימבער אַלט געוועזן פֿינף און זיבעציק יאָר — וויל דאָס האַרץ געדענקען כאָטש עפּעס פֿון זיין מעטעאָרישער געשטאַלט, וואָס איז אַזוי יונג צייטיק געוועזן און איז צעטרעטן געוואָרן אין יאָר 1943, אין איינעם מיט דעם אומקום פֿון אַלע יידן, אין דער גאַליצישער שטאָט זלאָטשעוו, צי טאַרנאָפּאָל, אין דער לאַנדשאַפֿט פֿון משה לייב האַלפּערן און משה נאַדיר, לאַנדשאַפֿט פֿון הומאָר און ראָמאַנטיק, ליריק און חכמה, ווו שמואלס יוגנט איז אויפֿגעגאַנגען.

דערמאָנען זיך שעהען מיט שמואל יעקב אימבער ביי טאַטע־מאַמע אין שטוב. אַ מאָל האָט זיך דאָ מסתמא אַ ווייז געטאָן דער באַרימטער פֿעטער נפֿתלי הערץ, דער מחבר פֿון „התקווה": ראָמאַנטישע שעוועליורע, פֿעלע־רינע און וועלט־וואָגל. די שטוב איז אָנגעזאָפּט מיט שרייבן, מיט בענקעניש צו שיינקייט, און מ׳האָט דאָ שטאַרק ליב טאַלאַנט. די עלטערן הערן זיך

אין דיסקרעט, שמייכלען, גייען פּרי שלאָפֿן — און יונגוואַרג טומלט אַ גאַנצע נאַכט: הימל און ערד און טאַלאַנט. קומען אַ מאָל אַריין ג. שאַפּמאַן און י. ח. ברענער —ביידע שוין באַרימט — שפּעטער באַווייזן זיך אורי צבי גרינבערג, א. מ. פוקס, דוד קעניגסבערג, מלך ראַוויטש און שמואל צערטלט יעדע ערשטע שורה פֿון אַן אָנפֿאַנגער, שיכור פֿון פֿרייד איבער יעדן שפּראַך שיינקייט. קיין מאַסן־אַרטיקל איז טאַלאַנט נישט געווען אין די יאָרן פֿון אָנהייב און קיין סוראָגאַטן, ווידער, וואָס זענען היינט צו מאָל „אָריגינעלער ווי דער אָריגינאַל", האָט מען דעמאָלט נאָך נישט פֿאַבריצירט; אַ נאַיווע וועלט געווען.

געדענקען זיך בלויע זומערדיקע פֿאַרנאַכטן מיט שמואל יעקב אימבער אין ווין, מיט נאָך פֿריינד, צי מיר ביידע אַליין, אין פּראַנץ יאָזעפֿס שענ־ברונער־פּאַרק, וואָס איז אַרומגעשוירן ווי די קייזער־באַרד אַליין. מיר מעסטן אויס די לאַנגע אַלייען שמועסנדיק און שווייגנדיק, מיט שובערט־לידער, מיט היינע און האָפֿמאַנסטאַל, מיט סעלמאַ לאַגערלעף און ביערנסאָן, אַ מאָל אַסקאַר ווײַלד און וויטמאַן, האַמסון און דאָסטאָיעווסקי און אַלע מאָל שטיקלעך שלום עליכם — און אַלץ מיט אַ מין פֿרייִלעכער גאַטזוכעניש, וואָס האָט קיין נאָמען נישט געהאַט און נישט געדאַרפֿט.

און אָט איז דער לעמבערגער שלאָסבאַרג: ביימער אין שניי, זיי אַליין מיט אונדז: ווי נעמען זיי אַזאַ ווייכע, פֿריש אָנגעשאָטענע שטילקייט, מיט וועלכער עס שפּילט זיך דער גרינער פֿאָספֿאָר פֿון די לאָמטערנעס! מיר גייען אויף ווייסע סטעזשקעס אין פּערלמוטערנעם אָוונט, פֿאַרשפּונענע אין חלומות, אין פֿאַנטאַזיעס פֿון „פּראַקטישע פּלענער". שמואל ברומט אונטער אַ ליד, מיט ציטערדיקער זינגעוודיקייט — און מיט אַ מאָל: דער שלאָסבאַרג איז ליידיק, אַליין מיט זיין שניי־שטילקייט. מיר זענען שוין לאַנג ווידער אין שטאָט — און עטלעכע טעג שפּעטער, צי ערשט אין עטלעכע וואָכן, באַקום איך שמואלס אַ קאַרטל פֿון פּאַריז, רוים, קאָפּענהאַגען, אַמשטערדאַם.

מיר האָבן אין יענע יאָרן נישט געפּראַוועט קיין געזעגענישן: וואָס איז דאָ צו רעדן, אַז דאָס שווייגן איז קליגער און נעמט אַרום די ווערטער אויך: מען האָט זיך שטום איבערגעוווּנקען איבער לענדער און ימים, געטיילט זיך

ערלעך מיט ראָמאַנטישע בלאָנדזשענישן, מיט אימפּרעסיעס וועגן לאַנד־שאַפֿטן, מענטשן, ביכער, מיט אייליקער חכמה, מיט שפּילעוודיקן וועלט־אומעט.

דאָס גאַנצע לעבן איז שמואל יעקב אימבער געטריבן געוואָרן פֿון אומרו, פֿון גאַרעניש צו אַלץ מער וועלט. ער האָט אַ סך געוואָגלט איבער שטעט און לענדער און אַלע מאָל מיט עלעגאַנטער אָרעמקייט, וואָס איז „שיין" פֿאַר אַ דיכטער, אָן אַ גראָשן ביי דער נשמה: זי האָט פֿאַרמאָגט אַנדערע אוצרות. ער האָט אויסגעפּרוווט אַמעריקע און מ'האָט זיך עפּעס נישט פֿאַרשטאַנען. ערבֿ מלחמה האָט ער געהאַלטן ביי עולה זיין קיין ארץ־ישראל און שטענדיק האָט ער געחלומט וועגן „אַוועקזעצן זיך" און אָנשרייבן זיין דיכטעריש קרוין־ווערק.

איך האָב זיך קיין מאָל נישט אויסגעמאָלט אַ טרעפֿעניש מיט שמואל יעקב אימבער, וואָס זאָל קאָנען זיין די לעצטע: צו דראַמאַטיש. ער איז געווען דאָס שטראָמיקע לעבן אַליין, ווי לאַנג כ'האָב אים געקענט, גייסטרייך און רייך מיט נאַטור, שווער מיט דער פֿרייד פֿון געדאַנק און איבערלעבונג: וועלטבירגער, איינגעוואָרצלט אין דער היימישער ערד פֿון סאַסאָוו, ווו ער איז געבוירן געוואָרן, געקניפּט און געבונדן מיט משפּחה, וואָס איר נאָענט־קייט האָט ער אַרומגעטראָגן מיט זיך איבער אַלע מרחקים, וואָס איז אים געווען די היים אויך אין דער פֿרעמד.

אין איינעם אַ טאָג, דאַכט זיך, מאַי 1939, האָבן מיר זיך ווידער גע־טראָפֿן. דאָס איז געווען אויפֿן לעמבערגער וואָקזאַל, אין אַן ענגשאַפֿט פֿון ייִדן, צערודערטע פֿון נאָענטע פּחדים, וואָס האָבן שוין שווער געפֿינצטערט, און פֿון פּוילישע שקצים, וואָס טשאַטעווען מיט טרפֿהנע, שטעכיקע בליקן. איך בין דעמאָלט געווען אויף אַ רייזע אין פּוילן און שמואל איז נישט לאַנג געהאַט צוריקגעקומען פֿון ארץ־ישראל, כדי זיך צוצוגרייטן צו זיין עליה. מען האָט געוואָרט אויף אים אין ארץ־ישראל. דער צוג שטייט נאָך און מירביידע גייען אַרויף און אַראָפּ אין דער לענג פֿון פּעראָן, יאָ געשוויגן, נישט געשוויגן. שווער געווען אַ וואָרט אַרויסצורעדן אין דער קלעמעניש. מסתמא האָבן מיר ביידע געפֿילט, אַז דאָס וואָרט צווישן אונדז האָט אין יענער שעה שוין באַדאַרפֿט זיין דאָס סאַמע לעצטע.

*

מיט אַ קאַרגע זעכציק יאָר צוריק, אין די ערשטע „מאַגערע״, איך וואָלט געזאָגט: שעמעוודיקע יאָרן פֿון אונדזער יאָרהונדערט, וואָס איז דעמאָלט געווען אַן אָנפֿאַנגער אין דער „עפּאָכע״ און האָט נאָך אַליין נישט גענאַנט, ווהין דער שטורעם וועט עס אַוועקשליידערן — איז אַרויס שמואל יעקב אימבערס ערשטע ביכעלע לידער: „וואָס איך זינג און זאָג״, אַ שמאָל ביכעלע, העזהדיק, שפּילעוודיק, קולטיווירט.

דער פּאָעט איז געווען יונג, נאָך קיין אַכצן יאָר נישט אַלט: פֿריע באַגעגעניש מיט דער נאַטור, מיט דער ליבע, מיט זיין פּאָעטישער פּובער־טעט־אומרו. דער דיכטער איז קוים באַקאַנט געווען פֿון עטלעכע לידער, פֿאַרעפֿנטלעכטע אין אַ צייטונג, וואָס איז אויך געווען קוים באַקאַנט — און די וועלט, דאַכט זיך, איז נאָך נישט אַזוי איבערגעפּאַקט געווען מיט גורל־דיקער גרויסקייט, ווי היינט, און קודם כל: נישט אַזוי פֿאַריאָגט. געקאָנט מיינען האָט מען אין יענע שלאַנקע יאָרן, אַז די וועלט איז אפֿשר פֿאַרט נישט אַזוי אַן אָפּקומעניש, ווי אַן אידיליע, פֿון וועלכער גאָט אַליין וואָלט אויך ווען הנאה האָבן — קומט אויס, אַז אַ ליד דאַרף באמת זיין שיין, אין טרויער און פֿרייד, אַז דאָס דאַרף צוגעבן צו דער האַרמאָניע פֿון באַשאַף. פֿון דער מאָדע־שטרעמונג פֿון מיאוסע לידער האָט מען דעמאָלט נאָך נישט געטראַכט — גיי, ווייס, אַז האָפֿערדיקע שטומפּיקייט און קאָנסטרויִרטע פֿאַרעמלאָזיקייט קאָנען זיין „חנעוודיק״!

„— — — איך שעם מיך, צו וויינען אויף ליבשאַפֿט פֿול טריבשאַפֿט,
צו ריימען דאָס האַרץ מיט דעם שמאַרץ —״

(„מיילענשטיינער״)

— אַוודאי. אָבער די צרה פֿון אַזאַ סאָרט גראַמערייי, פֿאַר וועלכער אימבער שעמט זיך אַזוי, איז נישט, וואָס „דאָס לידל איז שוין אַלט״ און „לאָזט שוין היינט קאַלט״. וואָרעם די באַנאַליטעט קלינגט אַרויס אויך פֿון געוויסע לידלעך, וואָס סקריפּען דווקא מיט נייקייט און ווו דער נאַיִווער גראַם פּרוּווט זיך פֿאַרשטעלן פֿאַר אַ ווילדן גרילץ, כדי מ׳זאָל אים נישט דער־קענען — אַזוי ווי דער בעלפֿער פֿון פּורים־שפּיל מאַכט, נעבעך, דעם אָנ־שטעל פֿון אַ בער מיט אַן אויסגעקראָכענעם רבנישן טולופּ. דער עיקר איז אַלע מאָל די פּאָעטישע סובסטאַנץ פֿון וואָרט, פֿון דעם אַלטן, פּונקט

אַזוי ווי פֿון דעם נייעם, די גייסטיקע ענערגיע, מיט וועלכער דער דיכטער האָט געלאָדן זיינע שורות.

שמואל יעקב אימבער האָט ביי זיין ערשטן אַרויספֿאָר אַ לויכט געטאָן מיט דעם גלאַנץ פֿון פּאָעטישן ווונדערקינד אין דער יידישער ליריק פֿון יענער צייט אין גאַליציע. ער האָט פֿרי אָנגעהויבן און באלד מיט דעם חן פֿון יונגער צייטיקייט. אַ באַזונדערע איבערראַשונג איז געווען זיין ראָמאַנטישע פֿאָלקס־פּאָעמע „אסתרקע״, וואָס איר לויטערער גלאַנץ איז נישט פֿאַרגאַנגען ביז היינט, נאָר האָט צובאַקומען אַ ניואַנס מתיקות פֿון דער לייכט אַנטיקווירטער בלאַסקייט פֿון סוזשעט.

אין דער ליריק פֿון זיין דור איז ש. י. אימבער געווען איינער פֿון די געציילטע פּאָעטן, וואָס זייער דיכטערישע פּרייקייט לעבט זיך אויס אין דער געבונדנקייט פֿון דער פֿאָרעם. זיין פֿערז גראַוויטירט צום גראַם, צו דער שטייגערונג פֿון דער פּאָעטישער איבערלעבונג. ער איז געווען ליריקער, מייסטער־איבערזעצער פֿון פֿרעמד־שפּראַכיקער פּאָעזיע, פּאָלעמיקער און פּאָליטישער סאַטיריקער (אין די לעצטע יאָרן: אויף פּויליש) — אָבער דער ליריקער אין אים שטעלט אַלע מאָל אַוועק זיין אייגענעם גייסטיקן איך אין סאַמע צענטער פֿון דער וועלט: איינער פֿון די עגאָצענטרישע געפֿיל־טיראַנען, אַזוי צו זאָגן דעספּאָטן, וואָס „רעקווירירן״ ביי דער נאַטור איר אייגן־לעבן און צווינגען זי, מיט קינדערישער עקשנות, זי זאָל מיט איר גאַנצן באַשאַף, מיט איר הימל און ערד, מיט איר נאַכט און זון, מיט אירע בלומען און דערנער שטענדיק נאָר אין זינען האָבן איין איינציקע „שליחות״: צו זיין דער פּאָעטישער משל פֿאַר זיין עמאָציע, פֿאַר זיין ווייטיק.

אימבערס פֿערז איז די שפּראַכלעכע פֿאַרלענגערונג פֿון זיין דיכטערישן געדאַנק — און אַזוי ווי אַ פֿרומער, געטרייער פֿאָטער האַלט די יינגלעך ביי די ימים נוראימדיקע תּפֿילות נאָענט צו זיין אייגענעם שטענדער, דעם זיכערן באָרטן פֿון זיינע טרערן, אַזוי זענען אימבערס לידער שטענדיק געבליבן אין אוממיטלבאַרער נאָענטקייט פֿון זיין פּאָעטישער נשמה. ער האָט זיי קיין מאָל נישט אַרויסגעלאָזט אויף דער הפֿקר־וועלט פֿון רשות־הרבים־געפֿילן. דערפֿאַר אָטעמען זיינע לידער מיט ציכטיקייט און היימישלעכער אָפּגעהיטנקייט.

טייל האָבן אַ מאָל פֿאַרגעוואָרפֿן ש. י. אימבערן, אַז ער, אַ סטיל־מייסטער און פֿאָרעם־קינסטלער, איז נישט תמיד געווען שטרענג צו זיך אין דעם אָפּקלייב פֿון וואָרט און אַז ביי זיין סובטילער מוזיקאַלישקייט איז ער נישט אַלע מאָל מקפּיד אויף דעם ריינעם יידישן קלאַנג פֿון זיין ליד. עס טרעפֿט, אַז עס פֿאַרבלאָנדזשעט אין אימבערס אַ פֿערז אַ געוויסער גערמאַניזם, וואָס האָט אפֿשר גערעכנט, אַז ער מעג זיך שוין האַלטן פֿאַר אַן אייגענעם, זייט אונדזערע יונגע פּעטערס האָבן געלייענט חומש מיט דעם דעסויערס „ביאור" — און ס'איז זיי, ביי דער אומבאַהאָלפֿנקייט און טריקעניש אין דער יידיש־אַנטוויקלונג פֿון יענער צייט, טאַקע אַן עבירה געווען, זיך אָפּצוזאָגן פֿון אַזעלכע מעלאָדישע ווערטער ווי „זעלע" און „ענגעל". אָבער ווי פֿרעמד דער דאָזיקער סאָרט אַנטליגענע ווערטער זאָל נישט האָבן געקלונגען — פֿון אימבערס דיכטערישן אָטעם האָבן זיי באַקומען גלאַנץ און היימישקייט.

דער גענ־יאַלער לץ

נוסח משה נאַדיר

משה נאַדיר איז אַ מסכתא פֿאַר זיך, מיט זיין גראָטעסקן הומאָר, אין וועלכן עס זענען דין איינגראַווירט לירישע קנייטשן, מיט זיין סאַטירע, פֿאָלעמיק, שאַרזש, מיט זיין אומעטיקן הפֿקר און פֿאַרליבטקייט אין זיגזאַג, מיט דעם טראַגישן ווידוי פֿון זיין שפּעטן „מודה אַני". ער איז צו קיינעם נישט געגליכן מיט זיין פֿריילעכער עזות — און אין דער יידישער ליטעראַטור איז ער אַריין מיט דער אויסטערלישער תאווה, זי זאָל זיך מיט אים קיין עצה נישט געבן. ער האָט אַלעמען אַרויסגעפֿאָדערט, מיט אַ סך „דערטשעפּעט".

ער „באַלאַנגט" נישט צו די אנשי אייביקייט, וואָס האַלטן זיך אַלע אין איינעם, כדי נישט צו האַלטן איינס פֿונס אַנדערע — און ער איז זיי מוחל די „אומשטערבלעכקייטן", וואָס מ׳גיט דאָרט אַרויס, ווי אָרעמע מיטיקן: אַ מפֿונק נעמט נישט. איז איינער מבטל: „אַ פֿרייער פֿויגל דאָרט" — זינגט און שעלט און בייזערט זיך מיט עקזאָטישן חן. ער לעבט אין זיין שרייבן אַלאַ גאַרסאָן, דאַרף נישט פֿאַרזאָרגן די ליטעראַטור — מעג ער אַקעגנרעדן אַ וועלט. דאָס איז דער נוסח פֿון ראָמאַנטישן יוצא דופֿן: מאַניער פֿון פּיקאַנטן קאַפּויער, גוזמות קאַפּריז און איבערגעהויבנקייט, איבערגעהויבן צו מאָל איבער זיך אַליין, פֿאַר וועמען ער האָט אויך קנאַפּ דרך־ארץ — דאָס איז שוין מכפּר פֿאַר דער זעלבסט־קאָקעטעריע. צעקריגט איז ער מיט זיך אויף דו: גאַנץ אינטים.

זיין שפּראַך איז אויסגעלאַסן קלוג — אמת, זי איז נישט מבייש קיין „אַפֿאָריזמען, וואָס מ׳קאָן זיי אַ מאָל נוצן אויףביידע זייטן, ווי מאָדערנע מאַנזשעטן". זי איז פֿול מיט סטיליסטישע המצאות, וואָס די נאַטור אַליין האָט אויסגעקאָמבינירט און אים דערלאַנגט אַ מתנה: דעם ליבלינג. דערביי איז ער איינזאַם אין דער קרישטאָלענער געשליפֿנקייט פֿון זיין וואָרט, וואָס

בליצט מיט בלענדיקע שפיגלען אַרום און אַרום: אומהיימלעך. אין דער מאַנצבילישׂ תּאווהדיקער באַציִונג צו דער שפּראַך, מיט וועלכער ער פֿאַר־ברענגט, פֿינקלט פֿון יעדער שורה אַ מין עראָטישער עספּרי — און ער לאָזט די שורה נישט אַרויס פֿון זיין האַנט, אַזש ער האָט אויסגעשעפּט ביזן דנאָ די פֿרייד פֿון אירע שיינקייטן.

אפֿשר האָט ער גאָר קיין מאָל נישט געטראַכט, אַז ער דאַרף „רייך מאַכן" די ליטעראַטור מיט זיינע ווונדערלעך וואָגיקע „קלייניקייטן", די אימפּרעסיאָניסטישע לאַקיטקעס, וואָס קאָנען מסתּמא נישט אָנזעטיקן דעם אַפּעטיט פֿון ליבן לעזער, מחמת עס פֿעלט אין זיי דאָס געדיכטע שריפֿט־שטעלעכץ, פֿון וועלכן מען פֿאַרקנעט אַ „ווערק" ביי לייטן. זיינע שטימונגען שוועבן צווישן הומאָר און ליריק. „אַזוי פֿלעגן די קאָלירטע שטיקלעך, פֿון וועלכע מיין מאַמעס לעבן איז געווען צונויפֿגעשטעלט, זיך פֿלינק אויפֿ־רודערן פֿון אַן איינציקן פֿונק גליק, וואָס איז אַ מאָל געפֿאַלן פֿון איר ברעם. אַז די מאַמע איז געווען טרויעריק, איז זי געווען זייער־זייער טרויעריק. פֿלעגט (זי) שטיין ביים פֿענצטער הינטערן באַטיסטענעם פֿאַרהענגל, און אַנשטאָט קוואַדראַטנע שויבן פֿלעגט זי אַריינשטעלן אין די פֿענצטער־פֿורעמס אַזוינע בלישטשענדיקע טונקעלע טאַפֿליעס פֿון געשליפֿענעם שווערן טרויער" („נאַראַיעוו").

צו מאָל דאַכט זיך, אַז משה נאַדיר האָט געשריבן זיינע זאַכן עפּעס אַזוי ווי פֿאַר אייגענעם געברויך, גלייך ער פֿאַרגינט זיי נישט דעם „פֿרעמדן רוח", דעם ליטעראַטור־נודניק — זענען זיי אַרויסגעקומען „אַנשטעלעריש" און עקסקלוסיוו, ראַפֿינירט, היפּערדיק: קיינעמס עסק נישט. און אַז ער וויל, איז דווקא פֿאַרקערט. דאָס וויל ער שטענדיק: פֿאַרנעמען זיך מיט אַן איבער־ראַשנדיקן כאַפּ „פֿון יענער זייט", אויסגלייכן די קרומקייט מיט אַ פּאַראַדאָקס.

דאָס איז די קינסטלערישע עטיק פֿון דעם „לץ". די סקאַרבאָווע לי־טעראַטוערס קאָנען נישט דערגיין צו דער טיפֿקייט פון זיין גלאַנץ און צו דער מעלאַנכאָליק פֿון זיין שרייבערישער קלוגשאַפֿט — און בשעת דער עולם האָט אים ליב על פּי טעות, טוט דער בעל־גאווה פּלוצעם אַ דריגע גלייך אין שכל הישר אַריין: זעט שוין דער ליבער לעזער, מיט וועמען ער האָט „פּיר". אַוודאי קאָן מען נישט פֿאַרלאַנגען פֿון אַ פֿאַרנומענעם מענטש, ער זאָל זיך מטריח זיין פּערזענלעך און אַליין צוגיסן זיין חלק וואַסער צו

דער שאַרפֿער משקה, וואָס נאַדירס חכמה לאָזט אים אַ מאָל טועם זיין. יענער איז געווינט צו זיסער, קאָלירטער וואָסערדיקייט מיט עמקות: אַ דיעטע אַזאַ. און פּונקט דאָרט, ווו דער לעזער וואָלט אפֿשר געוואָלט „נאָך" — פֿאַרגלוסט זיך נאַדירן דווקא ראַפּטום אויפֿצוהערן, ווי אַ שטייגער אין זיין קלוג־לירישן „ערשטן ראָמאַן" אין י״ב קאַפּיטלעך מיט אַ קיימא לן פֿון פֿיר און צוואַנציק זייטן: ער, פֿון זיין הנאה וועגן, האָט גענוג און דאַרף נישט מער.

„מיין ראָמאַן" — זאָגט משה נאַדיר אין זיין „פֿאָרוואָרט און וואָרע־נונג" — „איז געשריבן מער פֿאַר זיך אַליין, ווי פֿאַר עמעצן אַנדערש. עס איז אַזוי צו זאָגן אַ היימישער ראָמאַן, פֿאַר היימישע עטלעכע מענטשן, וואָס קענען מיך פּערזענלעך און טוען מיר די ג ע פֿ ע ל י ק י י ט, צו לעזן מיינע ווערק".

דאָס איז די עניוות פֿון אַן ערלעכן בעל־גאווה — און אין דעם ליגט אויך די האַרציקע מעלאַנכאָליע פֿון דעם שרייבערס וויסן וועגן זיך און וועגן דער וועלט. אין אָט דעם מיזערנעם קיצור־עקזיסטענצל פֿון דעם גראַנדיעזן קאַרליק, וועלט, זענען אויסגעוואַקסן משה נאַדירס שאַרפֿע, צאַרטע, קינסט־לערישע מיניאַטורן. זיין גראָטעסקער הומאָר איז מיט דער אַנטוויקלונג געוואָרן אַזוי גרויס, ווי גרויס ס'איז דער אינערלעכער מרחק צווישן נאַראַיעוו און ניו־יאָרק, צווישן דער שטעטלדיקער ריקע און דעם אַטלאַנטיק, צווישן פֿראַנץ יאָזעפֿן מיט דער קרומער טערקישער שאַבליע, וואָס זעט אויס ווי אַנטליגן אין גימפּעלס יידישן טעאַטער, און די ברייטע אַמעריקאַנער פּרע־זידענטן מיט פּלייצעס און פּלודערן, וואָס ס'שמעקט פֿון זיי מיט פּרעריעס און אומענדלעכע וויץ־פֿעלדער.

פֿאַרביי העכער צוואַנציק יאָר נאָך משה נאַדירס טויט — ווילט זיך ווידער פֿאַרווײַלן אַ רגע ביי דער דאָזיקער ווידעראַנאַנדיקער ראָמאַנטישער געשטאַלט, וואָס האָט אַזוי האָפֿערדיק געבלאָנדזשעט און אַזוי באַגליבט ווידוי געזאָגט. קאָן זיין, קיין שום ליטעראַטור האָט נישט ליב, אַז איינער נעמט און ווערט איר פּלוצעם אַ חכם, אויף איר קאָפּ, פּרינציפּיעל און טאַקע אין שרייבן ממש: אַ ביסל שמעקט דאָס מיט העזה. משה נאַדירס געשטאַלט האָט צעווירבלט אַ ווינט פֿון יאָ און ניין — דער עיקר: ניין — אין דער יידישער ליטעראַטור. ווער איז ער דאָס אַזוינס: דער קאַוואַליער מיט דער

צעפּאַכעטער ווינער פּעלערינע, וואָס האָט זיך פּאַרוואַלגערט ביי אים ערגעץ פון סוף יאָרהונדערט, וואָס איז מיד געוואָרן פון בייכיקע ראָמאַנען און האָט זיך „צעשפּילט" מיט די דריבנע, קאַפּריזנע שורהלעך פון פּעטער אַלטנ־בערג און זיינע לייט, מיט די זשעניאַלע פיגליעס און מאַניפאָרגעס פון עסטעטן, וואָס שפּעטן אָפּ פון ליטעראַרישע באַלעבאַטים מיט גרויסע תּפילינ־זעק.

אַלע יאָרן האַלט מען אין איין מאַכן „אַנאַליזן" דער ליטעראַטור און מען ווייסט אַלץ נישט, וואָס פעלט איר. מען ווייס אַלץ ווינציקער, וואָס טיפער די ליטעראַטור־וויסנשאַפט גרונטעוועט זיך אין איר אויבנאויף. ווער זשע קאָן זאָגן, אַז גראָד דער „נאַדירגאַנג" איז איר ביים וועג? דרייט זיך דער סוף יאָרהונדערט מיט זיין ציטעריקן חן, צווישן שניידיקע שיידוועגן, אין אַ וועלט פון פרעמדע רוחות, אין אַ מין פריילעכן בין הזמנים, וואָס הוליעט מיט זוניקע פריילינג־זאַווערוכעס און שיט און שיט אויף די וועגן פון נאַדירס קרוינשטאָט נאַראַיעוו איבער ווין קיין ניו־יאָרק:

„פרי פאַרנאַכט, אַז לבנהס גוידערן זיך אויס דאָרט אויבן, איבערן טורעמל פונעם פּאָסט־שטיבל, גייען נאַראַיעווקער באַלעבאַטים אַרויס פון די שטיבער אין די הוילע גאַטיעס, מיט די הענט אויף די היגטנס, ניסן זיך גוט אויס פון דער פרישער לופט, שמייכלען אַרויף צו דער לבנה, ווי צו אַ ווילער מומען, וואָס איז ערשט געקומען פון אַמעריקע, מאַלעגיירען מיט צעשפּייעכצטע מיילער עפּעס אַזוינע רייד, וואָס זענען לחלוטין גאָרנישט. שטיל שטייט אונדזער שטעטל. די מענטשן תמיד די זעלבע. הערט מען זיי אויף צו זען, הערט מען זיי אויף צו הערן — — —" („נאַראַיעוו, ז' 11).

דאָס איז דער אַנהייב — אונדזער אַלעמענס שטעטל: סורטשע און לייטשע, סאַמעטענע צעפּ און ברוינע אויגן, דערצו טאַטע־מאַמע און דער זיידע, וואָס האָט אַריינגעפירט דעם מלאך־המות אין שטוב אַריין. האָט זיך פאַר דעם יינגלס אויגן צעיאָמערט דאָס גרויסע געוויין אַרום דעם זיידנס טויטנבעט: „...ברענגען געוויין צו אַ טויטנס בעט, איז ווי ברענגען לעקאַכער צו אַ קימפּעטאָרין, וואָס גרעסער דאָס געוויין, וואָס גרעסער דער לעקאַך — אַלץ חשובער דער גאַסט..." („אונטער דער זון"). נעבנטער פון אַלעמען אָבער האָט זיך דאָס יינגל געפּילט צום פּעטער איציק, אַ שטיקל

„פֿאַרשלעפּטע קרענק" און משכּיל, וואָס דעקלאַמירט אויסנווייניק שילערס „גלאָקע", אַ יוצא דופֿן אין נאַראַיעוו.

קאָן זיין, אַז דער פֿעטער איציק, ראָמאַנטישער האַלאַדריגע אין שטעטלדיקן פֿאַרנעם, האָט געגעבן משה נאַדירן די וועלט צו זען: „לעב, מיין קינד — זאָגט צו מיר דער פֿעטער — דאָס לעבן איז נישט קיין אָפּקו־מעניש, נאָר אַ פֿרייד... פֿאַרשטייסט? אַן אָפּקומעניש איז דער טויט — דער רוח וואָל אים נעמען. דאָס מענטשלעכע לעבן איז צו קורץ פֿאַר אַזאַ לאַנגן טויט..." דאָס שמעקט שוין מיט דער לעבנס־פֿילאָסאָפֿיע פֿון אַ הומאָריסט, וואָס האָט אַ שוואַכקייט צו אַ טרער טרויער.

...„איינער גייט אַהיים מיטן גלייכן וועג, מיטן קייזערשטראָז, און איינער גייט אַהיים איבער די פֿעלדער.

איבער די פֿעלדער איז דער וועג קירצער, אָבער ש ו ו ע ר ע ר. איבער דעם שטראָז איז דער וועג לענגער, דערפֿאַר אָבער אָן שטרויכלונגען.

ביידע וועגן פֿירן צום סוף.

ביים סוף איז קיין חילוק נישט. דער וואָס איז איבער די פֿעלדער און האַרטע פּלאַנצן געגאַנגען, איבער פּלויטן געשפּרונגען, איבער וואַסערן געהיפּערט — דעם זענען די קליידער צעריסן, די הענט צעבלוטיקט, אָבער דאָס פּנים איז פֿריש מיט ווינט און מי. דאָס האַרץ קלאַפּט ווי אַ ליד".

(„טעג פֿון מיינע טעג", ז' 230)

אַהין קערט ער זיך אום, נאָך אַלעמען, פֿון דער ווייטער ווייטיק־וועלט. נאַראַיעוו און ניו־יאָרק מישן זיך אין זיין ווערק — און די מישונג איז קיין מאָל נישט פֿאַרענדיקט.

...„אַט גיי איך אַהיים צו דיר — איבער דער איינגעפֿאַלענער פּוילן אַריבער, איבער אומגעוואָרפֿענע קברים — — —

אַן אויסגעשעפּטער פֿון די אַלע וואַנדערונגען, וואָס ליגן אין מיינע ביינער, אין מיין יעדן טראָפּן בלוט. אַ פֿאַרשמאַכטער דורך די פֿילע יאָרן פֿון טרוקענער לעבנס־חכמה — פֿאַל איך איצט צום ברונעם צו — — — פֿון וועלכן מיין טאַטע האָט געטרונקען, ווען ער איז אַ ייִנגל געווען.

דאָס זעלבע לויטערע וואַסער, בלאָלעך־פֿינצטער אין בייטאָגיקן שניי, גאָלדן־פֿינצטער מיט די באַבלעטערטע פֿינטל־שטערן פֿון ביינאַכט — — —

און אַז מיין טרער פֿאַלט — פֿאַלט זי לענגלעך און צעגערדיק, פֿאַלט

אַזוי פּאַוואָליע ווי זי וואָלט געוואָרט, אַז אַלע חלומות פֿון מיין לעבן זאָלן זיך צונויפֿזאַמלען און שטומערהייט, לבנהדיקערהייט, שניידנדיקערהייט, זי יום־טובדיק אַרונטערלאָזן, ווי אַ מת פֿון אַ שיף — אין ים אַריין...״

(„מודה אני״, ז״ז 23—222)

רייד פֿון אַ הומאָריסט. טייטלט מען מיט די פֿינגער אויף משה נאַדירס קאַפּריזנעם נוסח: „דער אומרו!״ מ׳האָט אַ ליטעראַטור מיט טעמעס און טראַדיציע און גרייטן נוסח, מיט עטרות און עליות, וואָס גייען בירושה, מיט פּראָבלעמען און לייזונגען — ווי „דאָס לייזונג״ די פּולע בייטלען מינץ, וואָס פֿאַראומערטע נאַראַיעווער טאַטעס ברענגען אַהיים פֿון טומלדיקע יאַרידים מיט גויים און בזיונות און געכאַפּטן מנחה־מעריב מיט דער באַרד צום וואָגן — פֿאַרגלוסט זיך אים דווקא לעבן אין דער ליטעראַטור, דווקא מיט אַן אייגענעם חיתוך הדיבור, וואָס האָט אַ הסכם מיט דער נאַטור אויפֿן לעצטן סוד, מיט גוזמות מאַנגל אין דרך־ארץ פֿאַר דער וועלט פֿון היינט און פֿון מאָרגן; מיט אַ העזה צו באַנוצן אייגענעם הומאָר; מיט מוט צום ווערטל, פֿון וועלכן עס האָט זיך אויסגעצייטיקט זיין קינסטלעריש וואָרט; מיט מוט צום לץ, פֿון וועלכן עס איז אויסגעוואַקסן אַ וועלט־חכם אין דער יידישער ליטעראַטור.

אפֿשר איז דאָס, ווי געזאָגט, „אַ ירושה פֿון נאַדירס בונטאַרישן פֿעטער איציק, אַ פֿאַרוואַלגערט שטיק פֿעטער פֿון אונדז אַלעמען, נאַראַיעווס אַנאַרכאָ־ראָמאַנטיקער, מיט אַ רויטער באָרד, ווי פֿון געפּלאַכטענעם קופּער, און אַ דאַרן קאַפּעליוש, אַן אַפּיקורס מיט פּיאות, מיט „מורה־נבוכים״ און שילערס „גלאָקע״. דער דאָזיקער שטעטלדיקער אורציניקער, וואָס מאַטערט זיך פֿאַרשטיין די וועלט, איז געווען משה נאַדירס דרדקי־מלמד אין א״ב פֿון בונטאַרישן חוזק. ער האָט אים געלערנט אָקעגנרעדן דער לייטישקייט, דער־זען מיט אייגענע אויגן דאָס לעבן: דעם טאַטן, וואָס לערנט „דאַאַטש״ די שטעטלדיקע פּאַניענקעס, אַ בעל־תכלית, וואָס טויג נישט, און פֿאָרט קיין אַמעריקע, נישט צו טויגן דאָרט אין ברייטן פֿאַרנעם; טשימווישען דעם רבינס, אַ פֿעט ייִנגל מיט מיאוסע שטיק; דעם גוראַלניקס טעכטערל, וואָס לצעוועט פֿון דעם פֿאַרליבטן ייִנגל, און דעם קייזערשטראָז מיט ווייסן פּאָרעך, וואָס פֿירט גלייך קיין ווין — לאַנדשאַפֿט פֿון פּראַגע יאָזעף און משה לייב האַלפּערן און דעם ערשטן נאַדירישן גרונט־געזעמל, פֿון וועלכן עס צע־

צווייגט און צעשפּאָלט זיך זיין צערודערטע וועלט מיט פּריילעכע גילגולים.

און מסתמא איז דער אומרו געקומען פון דער מאַמען, אונדזער אַלעמענס מאַמען:

...ביי דער מאַמען איז ניט געווען קיין שום אָרדענונג אין טראַכטן אָדער אין טאָן, זי פּלעגט אָפט האָבן אָנפאַלן פון חדווה, פון טרויער — — —

אַוודאי איז שווין איינער מיט אַזאַ קאָמפּליצירטער טרויער־ירושה באַזאָרגט מיט הומאָר.

...„ווו בין איך געווען אַ הומאָריסט? איך בין געווען סענטימענטאַל ווי אַ גימנאַזיסטקע, ליריש ווי אַ קעלבל קעגן דער לבנה, ניט מער, איך האָב געזאָגט וועגן זיך אַלערליי ביטערע אמתן — האָבן אַלע געשמייכלט און געזאָגט: אָט דער איז אַ הומאָריסט".

(„טעג פון מיינע טעג", ז' 215)

אין זיין הומאָר קלינגט די פרייד פון דער נאַטור — און מסתמא פון צערודערטקייט האָט דער חומש פאַרגעסן אַריינצושרייבן, אין וועלכן טאָג פון די ששת ימי בראשית ס'איז באַשאַפן געוואָרן דער דאָזיקער קרישטאָלענער קוואַל, צו וועלכן ס'האָט זיך צוגעטוליעט אויך נאַדירס ליריק.

אָבער הומאָר, מיין איך, וועט אַלע מאָל בלייבן פאַרדעכטיק, אַזוי לאַנג מ'האָט פון אים הנאה — ווער ביסטו דאָס, הומאָריסט איינער, איך זאָל הנאה האָבן פון דיין טריפהנעם גייסט! ליטעראַטור קוקט מיט חשד, אַז איינער גייט זיינע אייגענע וועגן און קריכט דווקא אין די פּריילינג־בלאָטעס פון דער וועלט, וועלכע ער מוז אויסמעסטן איינער אַליין: לך איינער! איז משה נאַדיר געוואָרן איינער פון די באַליבטע האָס־אָביעקטן אין דער יידישער ליטעראַטור. מ'האָט אים שטאַרק געלייענט און פיינט געהאַט מיט חשק: פיינט אַ שמייכל, וואָס וואָיעט ווי אַ וואָלף! פיינט אַ מענטש, וואָס שטייט ביי דער זייט און לאַכט אַריין אין מיטלפּונקט — ווי לאָזט מען דאָס אַזעלכעס אַריין אין דער ליטעראַטור!

...„איך? ווער בין איך? איך ווייס דאָרטן? עפּעס אַ שטיקל ליטעראַרישער פראַנט מיט אַ צעבראָכענעם צילינדער און צעריסענע הענטשקעס, נאָר אַ שטעקעלע האָב איך אַ שיינס און די שרייב־שטוטשקעלעך קען איך

בעסער פֿון עמעצן אַנדערש און אַן עקשן בין איך, אַז ס'איז נאָך אַזוינס נישט געהערט געוואָרן".

(„טעג פֿון מיינע טעג", ז' 217)

מעג מען אפֿשר זאָגן, אַז אַן „עקשן" איז יעדער קינסטלער און יעדער אַ יוצא־דופֿן. שטייען זיי אַזוי אַלע אין איינעם אין היגטערגרונט פֿון דער וועלט, אַ כאָר פֿון צעזונגענע יוצא־דופֿנס: ברוגזע באַסן און הימלדיקע טענאָרן און קוויטשערלעך, וואָס רייסן זיך ווי יונגע הענדלעך און מען גלייבט זיי נישט דעם קריי — יעדער אַן אַנשיקעניש מיט וועלט־שליחות, יעדער רעדט אַקעגן, לעבט אַקעגן, און דאָס גרילצט אין די אויערן פֿון דער גע־זעלשאַפֿט, וואָס האַלט זיך אַ דיכטער אויף נישט צו באַדאַרפֿן: מילא, זאָל ער באַשיינען דעם וועלט־אונטערגאַנג — כאָטש אַז נישט, וועט זי נישט אונטערגיין? זי האָט עפּעס אַנדערש צו טאָן?

אַלע מאָל איז דער דיכטערישער הומאָר פּאַרמישפּט צו איינזאַמקייט — כאָטש לאַכן לאַכט מען בחברותא — און די גרויסע ווייסערס לאַכן שטענדיק על־פּי טעות און טייטשן אַ מאָל מיט שטומפּיקער עמקות, אַז נאַדיר איז בלויז „ווי", אַן אַ „וואָס". פֿון זיין הומאָר שטראַלט אַרויס געלייטערטער אומעט, וואָס טוט אַ דינעם ברי ביי דער נשמה, ווי דאָס בלאָלעכע משקה־פּלעמל פֿון היימישן שליוואָוויץ, וואָס גאַליציאַנער טאַטעס פֿלעגן ברענגען אויף פּסח אין קליינע פּעסעלעך אַזש פֿון באָסניע — בייט זיך באַלד די לאַנדשאַפֿט און עס ווערט יום־טוב מיט חריפֿות. און אַ מאָל איז דער הומאָר שאַרף און מעסערדיק און מען פֿילט כוח־גברא פֿון שינאה צו שקר און מיאוסקייט. „אַוודאי — זאָגט קאַרל קראַוס — מוז די שינאה זיין פּראָדוקטיוו. אַז נישט, איז שוין גלייכער, ליב צו האָבן". נאַדיר האָט אָנגערופֿן יעדער זאַך ביים נאָמען, גלייך ער ווייס נישט, מ'טאָר נישט — און שפּעט, צום סוף, האָט ער געפֿונען דעם מוט מודה צו זיין זיך, אַז ער איז געווען פֿאַרבלאָנדזשעט אין זיינע זיגזאַגישע וועגן.

אונדזער ליטעראַטור איז בדרך כלל אַ געזעצטע און אַז מ'האָט טרילאַ־גיעס אויסצוגעבן, פֿאַרטראַגט מען ניט „אַזעלכע רייד" — כאָטש שלום עליכם האָט איר שוין געגעבן העזה צו דעם קינסטלערישן קאַפּריער, וואָס גלייכט אויס קרומקייטן. און וואָס קאָן דען זיין אַנדערש די שליחות פֿון אַ שרייבער, אויב ער וויל נישט זיין קיין רעקלאַמעשעף ביים קאָסמאָס! נאַדירס

הומאָר איז לעגיטימירט פֿון דער נאַטור, אַוועקצושטעלן די פֿאַרדרייטקייט פֿון אונדזער לעבן אַנטקעגן דעם צלם אלהים, איידער ער איז געשענדעט געוואָרן. אין דער דאָזיקער קאָנפֿראָנטאַציע ליגט דער שאַפֿערישער ווילן צו רעהאַביליטירן די שיינקייט און דעם אמת, איבערבעטן די באַליידיקטע לעבנס־אידעע.

קומט אַריין צו משה נאַדירן איינער אַ ייִד, בערל מעקפּאַדן־פֿאַדעג־מאַכער, אויסגעוואַקסענער לייזערליע, שטעלט זיך אים אַוועק הינטער די פּלייצעס און דיקטירט גלייך אין דער ליטעראַטור אַריין גרייטע שטיקער וועלט־תהו־ובוהו פֿון ערשטן קוואַל, אַז דער דיכטער זאָל זיך נישט דאַרפֿן מטריח זיין; עכטער דעלירים צווישן הימל און ערד, דעלירים אויף צו קייכן פֿון געלעכטער — פּונקט ווי פֿאַרצייטנס מנחם־מענדל פֿלעגט זיך דורכשמועסן מיט „פֿאָני שלום־עליכם“, ברייט און באַריידעוודיק, און אַז ער האָט ניט גערעדט, איז ער געווען טרויעריק. דאָס איז געווען אַ קאָמ־פּליצירטער סיסטעם פֿון „עיקר שכחתיס“ — און אַרויסגעקומען איז די צענטראַלע געשטאַלט פֿון דער יידישער ליטעראַטור, וואָס האָט מיט הומאָר אויסגעשעפּט ביזן גרונט דעם טיף צעוואָרצלטן ווייטיק פֿון דעם יידישן קאָסמאָס קאָסרילעווקע.

צאַפּלט דער בידנע־כיטרער מעקפּאַדן־פֿאַדענמאַכער אין די אייזערנע לאַפּעס פֿון דער גולמעוואַטער תקופֿה — און האַלט אין איין פֿאַלן אויף „פּאַטענטן“. דאָס האָט זיך דער „געניאַלער אידיאָט“ אויסגעלערנט פֿון אונדזער זעלבסטמערדערישער צייט אַליין, וואָס האָט, געניאַל און אידיאָטיש, אויך אַ שלל מיט „פּאַטענטן“ און קאָן אַלץ אין דער וועלט, נאָר לעבן קאָן זי נישט. פֿילט דער ייִד, דאָס שטיקל בידנע מענטש: דאָס לעבן גייט אים אויפֿן לעבן — וועט ער שווייגן? פֿאַלט ער אויף אַ פֿאַרטל און נאָך אַ פֿאַרטל, איינס שכלדיקער פֿון אַנדערן, און עס צעשפּילן זיך ביים געניאַלן אידיאָט, אין וועטגעיעג מיטן מבול, כוחות פֿון אַבסורדאַלן שאַרפֿזין, וואָס אַפֿילו זיי זאָלן וועלן, קאָנען זיי זיך נישט ענדיקן: וואָרעם ער האָט נאָך אַ פֿאַרטל.

ער האָט פֿולמאַכטן פֿון גאַנצן וועלטכאַאָס און האַלט די הויפּט־אַגענטור פֿון סטיכישן קאַפּאַראַפּ אין אַלע „גרויסע צייטן“, וואָס ברעכן אויס פֿון צייט צו צייט: מנחם מענדל, אין מבול פֿון „אידעען“ און „מיליאָנען“, סאָלדאַט שווייק אין דער בלוטיקער פּאַנאָראַמע פֿון מלחמה־העלדן, טשאַרלי טשאַפּלין

אין קאָנפליקט מיטן לעבן און נאַדירס מעקפּאַדן־פּאָדענמאַכער אין געיעג מיט דער געניאַלער אידיאָטיע פון דער וועלט־פאַרזעעניש, וואָס דער גאון האָט באַשאַפן, כדי זי זאָל אים גוט דערהרגענען. גיט ער זיך אַ דריי, בערל מעקפּאַדן־פּאָדענמאַכער, פּאַכעט מיטן שטעקעלע און כאַפּט איבערן קאָפּ, טוט דאָס וואָנצעלע אַ האַלבן ציטער און ס'איז ווידער גאָרנישט — ביז ער פאַלט אויף אַ ספּאָסיב און נאָך אויף איינעם, סאַמע געניאַלע אויפטוען, פּאַטענטן און אַנטי־פּאַטענטן, אַלץ אין גייסט פון דער ממזרישער צייט, אַלץ צו העלפן דעם מענטש פאַרפולקומען דעם תוהו־ובוהו, מיט וועלכן די אַלטפרענקישע נאַטור קאָן נישט פאַרטיק ווערן — כאָטש ער האַלט, דער געניאַלער אידיאָט, אַז מען דאַרף זיין דער גרעסטער נאַר „אויסצוטראַכטן אַזוינע מאַשינען, וואָס זאָלן זיין מיליאָנען מאָל קליגער און שטאַרקער פון דעם אויסטראַכטער אַליין!" — — —

„אַ קלוגער מענטש וויל שטענדיק בלייבן קליגער פון דער זאַך, וואָס ער באַשאַפט.

...דערפאַר לעבן מיר היינט אין אַ צייט פון געניאַלע אידיאָטן".

(„דער געניאַלער אידיאָט", ז' 27)

דער געניאַלער אידיאָט איז די קאָלעקטיוו־מאַסקע, מיט וועלכער די עפּאָכע האָט זיך פאַרשטעלט הינטער איר אייגענעם פּנים. דאָס איז דער אַפּאָקאַליפּטישער חוזק פון דעם צייטגייסט, וואָס פירט צו דער שוואַרצער חופה זיין אייגענע געניאַליטעט, הוליעט ביים אָפּגרונט מיט אַן אויסגעגנאַרטן פאַלשן שם־המפורש און שטעלט די וועלט אויפן קאָפּ, וואָס זי האָט פאַרלוירן. דאָס איז הומאָר פון וועלט־פאַרצווייפלונג, וואָס נאָר אַ מאָל, אַ מאָל ווערט ער מיד פון דער אייגענער צעהוליעטער פאַנטאַזיע און לייטערט זיך אויס אין געקעלטערטער קוהלתדיקער לעבנס־חכמה, וואָס קנייטשט זיך מיט קלוגן יום־טובדיקן ייאוש אין די האַרבסטיקע בלעטער פון די ברייטע מחזורים פון די טאָטעס.

מיט זיין אויפטרייסלדיקן הומאָר איז דער געניאַלער אידיאָט טייל מאָל מוציא נאַדירס גאַנצן אַנסאַמבל. אַוודאי איז דאָס נישט קיין ראָמאַן: דער העלד איז דאָ דער פלאָנטער אַליין — אָבער חכמים זאָגן: בסך־הכל „וויצן און פעליעטאָנען" און מער גאָרנישט.

...„האָט מיינער אַ באַקאַנטער אויף אַ גאָלדענער פידל געשפּילט — — — —

און ער האָט געזאָגט צו זיך, דער נאַר: נישט נאָר וועל איך דער וועלט שפּילן אַ טיף שטורעמליד, וואָס וועט וועקן די מענטשן זיך צו ראַטעווען פֿון דעם גרויסן וואָלקנבראָך וואָס קומט אָן, נאָר איך וועל עס שפּילן אויף אַ גאָלדע־נער פֿידל, כדי אַז אויך טויבע, וואָס קאָנען נישט הערן, זאָלן פֿון דער ווייטן קענען זען דעם בליאַסק פֿון דער פֿידל. אַזוי איז געווען טאַקע. מיין פֿריינד האָט אויף זיין גאָלדענער פֿידל געשפּילט, אָבער... זעט נאָר, מענטשן, וואָס האָט זיך דאָ געטראָפֿן? צוליב דער גאָלדענער פּראַכט פֿון דער פֿידל הערט קיינער נישט דעם שטורעם־אָנזאָג פֿון דעם פֿידלער, מערקט קיינער נישט די וויינענדיקע האַנט וואָס דריקט די געטאָקטע פֿידל־קנעפּלעך — אַלע זעען בלויז דעם בלישטש פֿון דעם גאָלדענעם אינסטרומענט... ווער זאָל דאָס יענער פֿידלער זיין, הא?..."

(„טעג פֿון מיינע טעג", ז"ז 239—238)

ווייס איך, אַז הומאָר איז קיין מאָל נישט געווען ליטעראַטור־פֿעיִק ביי אונדז, כאָטש ער קומט אַרויס פֿון אַ גרויסן טאַטן — מסתמא איז עס דאָס רעשטל משכילישע אינטעליגענטישקייט ביי אַ סך שרייבערס: טאַקע יאָ — אָבער „עפּעס נישט". מ'האָט נישט קיין הנאה, אַז מ'האָט. קען איך שרייבערס, וואָס סטאַרען זיך מיט הצלחה צו באַהאַלטן דעם הומאָר, וואָס בעט זיך ביי זיי אין יעדער שורה: „איך האָב ב"ה קיין הומאָר נישט" — און מיט וויפֿל שלמות מען האָט אים נישט! — אַבי ס'איז „טיף" און וויט פֿון די „קליינע טעמעס". איך ווייס נישט, וועלכער חכם האָט אויסגעטראַכט די נאַרישקייט פֿון די „קליינע טעמעס", אַ מאָל ביי פּעטער אַלטענבערג און ביי משה נאַדיר, און פֿאַר וואָס נעמט זיך דער חכם נישט די מי, צו מאַכן אַ חיבור פֿון די אַלע „קליינקייטן", וואָס סומירן זיך סיי ווי אין דער ספֿערע פֿון גייסט — צעשאָטענע קרעלן, קאָלירטע צעבראָכנקייטן פֿון אונדזער „גאַנצן" לעבן, ציטעריקע טראָפּנס בלוט, וואָס אין אַ באַלעבאַטישער שיסל, צוגעפּראַוועט מיט „האַנדלונג", וואָלט דאָס געווען אַ געדיכטער „יש" פֿאַר די, וואָס האָבן ליב אין דער ליטעראַטור „אינהאַלט".

וויל איך אַוודאי נישט זאָגן, אַז אַלץ, וואָס איז אַריין אין נאַדירס גע־זאַמלטע שריפֿטן, איז כדאי געווען ס'זאָל געזאַמלט ווערן. מיר דאַכט זיך, אַז נישט נאָר נאַדיר אַליין, נאָר אַ היפּש ביסל חשובע שרייבערס ביי אונדז זינדיקן אונטער מיט צו גיך געזאַמלטע אַנשטאָט פֿאַמעלעך געקליבענע

ווערק. און אַוודאי וואָלט געמעגט אַרויספאַלן פון נאַדירס געזאַמלטע שריפטן די בלעכענע טרומייטער־פּאָעזיע, וואָס דרינזשעט צווישן „פּויסטן און פּאַנען״, צעפּאַכטעטע כלים פון יענער מיזערנער „פרייהייט״, ווען נאַדיר האָט אין טראַגישן פלאָנטער זיך פאַרלוירן און פאַרפּעלשט, פאַרראַטן זיך אַליין, פאַרראַטן זיינע גרויסע „קליינע טעמעס״.

און וואָס האָט באַדיר געמאַכט פון די „קליינע טעמעס״, וואָס אין זייערע געשליפענע שפּיגלדיקע ברעכונגען פינקלט די גרויסע פינצטערקייט פון דער וועלט? און וואָס איז מיט די „קליינע״ שטיקער צירונג פון זיין יידיש, ווו יעדער איינציק וואָרט גייט אויף פון ס׳ניי און וויל זיך גאַרנישט אָנקערן מיטן זעלבן וואָרט וואָס איז שוין גרייט? קומט אַרויס נאַדירס וואָרט, רייך מיט ניואַנסן און צוזאַגענישן, שטעלט זיך אַריין ווי אַ דימענט אין די שורות און שטראַלט דאָרט מיט דעם זעלטענעם גלאַנץ פון צעשמייכלטן וועלטטרויער, אייגענעם טרויער, נישט קיין אַנטליענעם.

נאַדיר איז כולו שפּראַך — און אין עקסטאַז פון שאַפערישער באַהעפ־טונג גיט זי אים, מיט עראָטישער גלוסטעניש, יעדן צאַפּלדיקן בייג און אינטימסטן קנייטש פון געדאַנק און געפיל. נאַדירס שפּראַך — נאַראַיעוו, וואָס האָט זיך אויך אין ניו־יאָרק נישט פאַרלוירן — איז קרישטאָל מיט קלוגע פיליגראַנען, וואָס ציטערט פאַר נישט־דערזאָגטקייטן: „שרייבן — זאָגט טאָמאַס מאַן — הייסט: דערהייבן דעם זשאַרגאָן פון די זיידעס״.

„פונקט ווי אַ געיאָגטע חיה שפּרינגט נישט איבערן פּלויט צוליבן שפּרינגען, נאָר כדי צו זיין אויף יענער זייט, אַזוי נוץ איך ווערטער, בלויז כדי זיי איבערצוקומען וואָס שנעלער, כדי צו זיין אויף דער **אַנדערער זייט** פון די ווערטער״.

(„טעג פון מיינע טעג״, ז׳ 237)

די „אַנדערע זייט״ האָט משה נאַדיר אויסגעטרויערט עטלעכע טעג פאַר זיין טויט מיט ציטערדיקן אויטאָ־איראָנישן פּחד־געַנוס פאַר דער באַ־געגעניש מיט גאָט, אויף וועלכער יענער אין הימל האָט זיך מסתמא שוין נישט גערעכנט, נאָך אַזאַ לאַנגער צעשיידונג:

איך וואַרט און וואַרט אַליין, אַליין...
צי וועט מיר גאָט אַנטקעגן גיין?

אַ צוויי־דריי טריט כאָטש ביז צום שוועל —
איך טראָג אים שנייבלימלעך אין זעל.
שמע ישׂראל — דער סוף פֿון ליד,
אַזוי מוז שטאַרבן יעדער ייד.

(„מודה אני״, ז׳ 214)

דער טויט פֿון אַ הומאָריסט.

מזמור לאיציק

איציק מאַנגערס ניגון

אַוודאי איז פֿאַרביי די ראָמאַנטישע צייט — יענע, ווייסן מיר, איז עפּעס אַלע מאָל „פֿאַרביי", בטבע „פֿאַרביי" — ווען אין דער מזרח־וואַנט פֿון דער דיכטונג, אין אַלע ליטעראַטורן, פֿלעגט זיך אַ יאַווע טאָן אַן אויסטערלישע געשטאַלט, וואָס איר שטייגער און איר הילוך זענען ווידעראַנאַנד און זיגזאַג, סאַמע שטראַלנדיקע רוגזה, סאַמע טרויער און חן: דער „משוגענער פּאָעט" — ווי עס פֿלעגן זאָגן די באַלעבעסלעך מיט אומזיכערן דרך־ארץ. ער האָט געהאַט נאָך אַנדערע נעמען, אָבער דאָס איז געווען דער יום־טובדיקער. ער איז געקומען מיט זיין זינגעוודיקן מרוק מפּייס זיין די שיינקייט פֿאַר דער צוואַנג־נאָרמע, וואָס ס׳האָט איר אָנגעטאָן דער שאַבלאָן. צו מאָל איז זיין נוסח געווען אַ מין היעראָגליפֿישער פּידרעך פֿון אַ לירישן כּישוף־מאַכער. ער האָט געהאַט געגנוג צרות, דער „משוגענער פּאָעט", פֿון דער וועלט און פֿון זיך אַליין, פֿון זיין „בלאָער" אויסגעטראַכטקייט, נישט־דאָיִקייט, צרות פֿון די אוצרות אומעט און חכמה, מיט וועלכע דער גורל האָט אים גע־שטראָפֿט, צרות פֿון זיין באַזונדערקייט־אָפּגעזונדערטקייט: אַ יוצא דופֿן. ער האָט געהאַט דעם טאַלאַנט, נישט צו האַלטן זיך אין דער מעלה: אָקעגנ־גערעדט־אָקעגנגעטרוימט דער מענטשהייט, באַגליקט די „אָרדענונג" מיט אַ שפּע כאַאָס פֿון זיינע וועלט־חלומות, וואָס האָבן אויפֿגערודערט דעם גליוועד.

היינט איז אַרויס פֿון געברויך דער „משוגענער פּאָעט" — און די זעלטענע עקזעמפּלאַרן, וואָס זענען נאָך פֿאַרבליבן פֿון דער ראַסע, נוצן אַ סימבאָלישן כּזית משוגעת ווי אַן אָרנאַמענט פֿאַר זייער קלאָרקייט. אַלע זענען ניכטער, אַלע זענען מיט אַלעמען, דינען דעם מולך „טעמפּאָ", וואָס פֿאַרצערט די צייט — אָבער דער אָפּגאָט אַליין סאָפּעט אָן אָטעם און בלייבט

הינטערשטעליק אין פֿאַרמעסט מיט דער בלאַנדזשעדינאַמיק פֿון די פֿאַרהאַ־וועטע ליטעראַטן: מען קאָן דען דעריאָגן די נאָכלויפֿערס?

איציק מאַנגער בלאַנדזשעט נישט — ער טרעפֿט. זיין שפּראַך איז כולו צוויבערשפּרוך און שעמעוודיקער פּאַטאָס, וואָס איראַניזירט זיך אַליין פֿאַר בושה — און זיין שאַפֿן איז קפֿיצת הדרך פֿון אַ דיכטער, וואָס האָט מוט צו זיין אַליינקייט. קפֿיצת הדרך האָט ער געהאַט באַלד אין אָנהייב, ווען ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן איבער זיין פּאָעטישער וואַנדער־ווונדער־וועלט אין אַ מין גילגול פֿון זיידן מענדעלעס מחשבותדיקן וועגעלע, אין דער אָנגע־שטאָפּטער בויד, ווו עס האָבן זיך געשלעפּט די „נאָענטע געשטאַלטן“ פֿון פֿאָלקס־בדחנים, באַרדן און פֿריילעכע לאַ־יוצלחס, צי אין אַן אַנדער „גע־לעגנהייט“ פֿון דער קאָנטעמפּלאַטיווער יידישלעכער קאָמוניקאַציע:

כ׳בין אויפגעשפּרונגען אויפֿן וואָגן פֿון די „בראָדער זינגער“
און בין מיט זיי אַ מהלך וועגס אָפּגעפֿאָרן,
דורך שטעט און שטעטלעך, דורך זינגענדיקע יאָרן,
דורך וואָגל, דורך הפֿקר און דורך הונגער.
דעם אמת געזאָגט, ס׳איז געווען גרינגער
מיט אָט די ערשטע פֿריילעכע יידישע אַקטיאָרן,
פֿאַר די פֿעלדער זינגען פֿייגל, די גרילן — פֿאַרן קאָרן,
און פֿאַר די יידן זינגען מיר — די „בראָדער זינגער“...

האָבן יידן דערפֿילט אין דעם זינגען ערלעכע מתיקות, ווי טרויער און טרייסט פֿון אַ וואָכעדיק קאַפּיטל תהלים: מזמור לאיציק. זיין שטעל, זיין שטייגער און די טרובאַדורישע מינאָריעס, דער וואָגן און די קרעטשמע און די הילצערנע טישן — דאָס אַלץ איז פֿון די בראָדער זינגער. אָבער דער יחוס עצמו פֿון זיין ראַפֿינירטן ליד, וואָס איז אין תוך פֿאָלקסליד פֿאַר יחידי סגולה, ציט זיך פֿון דער ווייטער וועלט־פּאָעזיע, וואָס האָט זיך דערזונגען אַזש ביז סטאַפּטשעט און קאָלאָמיי.

אַ מאָל דאַכט זיך, זיין פּאָפּולאַריטעט ביים עולם, צו וועלכער קיין שום אַנדערער פּאָעט ביי יידן האָט קיין מאָל נישט דערגרייכט, מוז זיין אַ טעות: ווי קומט דאָס, יידן זאָלן הנאה האָבן פֿון זאַכן, פֿון וועלכע זיי האָבן הנאה?

איז מאַנגער געבליבן פּאָפּולער און איינזאַם. זיין איינזאַמקייט ציט זיך איבער דעם גאַנצן גרויסן שטח פון זיין באַליבטקייט, פון זיין געלייטערטן פּאָרעם־גלאַנץ און זיין טרויער:

האָסטו דערקענט דעם בוים אין טרויער,
האָסטו מיין נאָמען אויך דערקענט.
דער בוים, וואָס שווייגט ביים זונפאַרגאַנג
אויף מיינע וויט־געקרייצטע הענט.

שענק מיר דיין שמייכל פאַר מיין טרויער
און ווייטער גיי אַוועק אין רוים.
איעדעס גרעזל האָט זיין טרויער,
אַ צלם שלאָפט אין יעדן בוים.

(„כ׳בין דער אָוונט״)

און אויף אַן אַנדער אָרט —

דאָס דאָזיקע ליד פון שפּעטן האַרבסט
דאַרף מען זינגען מיט טרויעריקע אויגן,
דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן,
ווייל אַנדערש, וועט עס נישט טויגן — — — —

לויט דעם אייגענעם זעלבסט־איראָנישן רעצעפּט, דאַכט זיך, דאַרף מען לייענען אַ סך לידער פון איציק מאַנגער — אויך יענע פון זיין מעלאַנכאָלי־שער פאַרשייטקייט, פון זיין האָפערדיקער פאַרצווייפלונג. דער טרויער פון זיין דיכטערישער וועלט איז דעסטילירט אויף העכסטע גראַדן פון שאַרפער באַלאַדישער מתיקות — איז זיין ליריק בגילופין מיט דעם שוועבנדיקן באַטור־שפּיל פון האַרבסטיקע שקיעהס, מיטן טראָפּ פון זיין ליצנותדיקן וועלט־צער, מיט גלאַנץ און ריטעם פון זיין שפּראַך־מוזיק, מיט ווערבעס און ווינטמילן אין שיין פון „סעפּטעמבער־גאָלד״, מיט בעל־שמסקע ניגון און ציגיינערישער דאַינע, מיט פאַנטאַסטיק און גראָטעסק, פאָלקלאָר און מיטאָס, מיט „עליענאָווי״ און איוואַן דעם שיכור, וואָס דאַרפן אַלע צווישן זיך „אַדורכקומען״ אין דעם קאָליריקן כאָר פון דעם גרויסן פּאָעטישן

סאָלאָ־געזאַנג. צו קינסטלערישן סאָלאָ בעטן זיך קאַפּריזן — איז מאַנגער ווידער נישט דער דיכטער, וואָס זאָל זאָגן נייַן. אַ מאָל געפֿעלט דאָס דווקא זייַן קאַפּריז — גיט זיך אַ ריס אַרויס אַ שטיק רויער היפּער־נאַטוראַליזם און טוט אַ גרילץ אין דער לויטערער בלויקייט פֿון זייַן ניגון.

זייַן געשטאַלט אין דער יידישער ליטעראַטור איז אינטים און פֿרעמד־לעך, אַוודאי אַ ביסל צעפּיעשטשעט פֿון זייַן געררייצטן איך — „איך בין דער האַרבסט... איך בין דער וועג... איך דער טרובאַדור...״ — אָבער אַלע ווייסן, פונקט אַזוי האָט אים די איינזאַמקייט געפֿורעמט: „פּרינץ מיט דער טאָרבע״, בלייך, דין, שאַרף, אַ ביסל באַלכסון, אומזיכערקייט מיט זייַן העזה, בונט, צעבראָכנקייט, מיט „אויסגעקרימטע שיך״, דער קאַפּעליוש צעדרייט, מיט צעצוויגענע שפּיצן, אַפֿילו ער טראָגט אים נישט, אַן עקזאָטישער פֿויגל אויפֿן קאָפּ — מונדיר פֿון אַ הימלישן האַלאַדריגע, אַ מושלם, וואָס איז מקפּיד אויף שטרענגן פּראָטאָקאָל.

ווי ראַפֿינירט עס זאָלן נישט זייַן מאַנגערס ליד און באַלאַדע — צו מאָל באַקומט זיך דער איינדרוק, אַז ער אימפּראָוויזירט אַלץ, מעשה פֿאַרשפּעטיקטער וואָגלערישער זינג־שפּילער, אפֿשר צימבלט ער זיך אַליין צו אויף דער מאַנדאָלינע אָדער אויף עפּעס אַ ציגיינערישער „כלי״. וואָלט דער „משוגענער פּאָעט״ געשפּילט פֿידל, וואָלט זי אין זיינע הענט אַוודאי געוואָרן אַ סטראַדיוואַריאַס. צו זיינע וויברירנדיקע שורות לאַשטשעט זיך די מעלאָדיע און עס וואָלט איר געפּאַסט, דער פּאָעט זאָל זי אַליין צו־טראַכטן — ווי עס האָבן זיך נוהג געווען גאָלדפֿאַדען און בערל בראָדער, בירך שאַפּיר, זבאַראַזשער און „ליאָקים״ צונזער און אַנדערע האַרציקע „לײדאָקעס״ פֿון מאַנגערס זינג־שפּילערישע אָבות, מיט חוזק און נגינה, וואָס האָבן מיט זייערס אַ „מאַראַלישע זאַך״ געגלעט צעבראָכענע הערצער ביי אַ גלעזל ווייַן אין שענק. ווער ווייס, אפֿשר וואָלט זיך אויך געפּאַסט צו דער ביזאַרער אויסטערלישקייט פֿון מאַנגערס געשטאַלט אַ צעפֿליגלטער האַוועלאָק מיט אַ ביינערן שטעקעלע, אַ „שוואַרצער פֿראַק מיט אַ ציגייער״ און אַ הויכער צילינדער מיט זיבן גלאַנצן פֿון סוף ניינצנטן יאָרהונדערט. פֿון אָט יענער תקופֿה, ווייסן מיר, איז מאַנגער אַוועק אַ נישט געזעגנטער. זייט דעמאָלט וואָגלט ער אַן איינזאַמער, מיט אַ בינטל בלויע חלומות צווישן שאָטנס, מאַשינען און מאָנסטערס.

ער האַלט זיך אַ היפּש ביסל בן־יחידיש אין דער יידישער ליטעראַטור, ברוגז און שטאָלץ, אַ ראָמאַנטיקער מיט מאַנקאָליעס: נישט פון הי, נישט פון היינט. ערגעץ ווו זאָגט מאַנגער: „איך ווייס נאָר, אַז ס'איז מיר נישט אָנגעקומען גרינג" — דער ליטעראַטור אַוודאי אויך נישט. עפּעס האָט זי נישט געקאָנט ווערן מיט אים אויף „איציק". אַזוי שווער ווי מיט מאַנגערן איז איר מסתמא געווען בלויז מיט דעם „תכשיט משה לייב", וואָס קער זיך אָן מיט יענעם אַ לייבלעכער גייסטיקער ברודער — די אייגענע „גאָל־דענע פּאַווע", דער אייגענער ברוטאַלער אומעט, וואָס גייט אום נאַקעט. משה לייב איז אַוודאי אויך אויסגעגאַנגען נאָך אַ „שמייכל פאַר זיין טרויער" — פונקט ווי אַנדערע געציילטע קאָנגעניאַלע פּאָעטישע בונטאַרן, וואָס זענען אַלע געהויבענע פרעמדע אין זייערע אייגענע ליטעראַטורן. מיר דאַכט זיך, די יידישע ליטעראַטור שלאָגט זיך נאָך אַלץ מיט דער דעה, ווי אַזוי זאָל זי מאַנגערן „אַריינגעמען". ער זינגט איר אַריין „פון דרויסן": אַ פאַרלוירע־נער זון, וואָס דראַלעט אַרום, אין בילדערישן הפקר, אויף יענער זייט פון די אָוונטלעכע פענצטער, קוקט אַריין זשעדנע פון זיין פאַרהוילנקייט, טוט תפילה און לעסטערט:

> און דאָס איז דאָס ליד פון שפּעטן האַרבסט,
> געזונגען פאַרן פענצטער —
> און אַז דער ניגון וועט דערגיין
> צו די וואָס האָבן געחלומט שיין,
> וועט ער ווערן דער שענסטער...
>
> („האַרבסט")

נישט אַלע מאָל איז ער דערגאַנגען און נישט אַלע מאָל האָט די ליטע־ראַטור־קריטיק געקאָנט פאַרשטיין זיין פּראָוואָקאַטיווע פאַרשטענדלעכקייט, נישט אַלע מאָל איז איר קלאָר געוואָרן זיין לירישע לויטערקייט — באַ־וווּנדערט אים די ליטעראַטור מיט אַ קליין ביסל באַהאַלטענעם חשד און קאָן זיך קוים פונאַנדערקלייבן אין די ספּערן־טענער פון זיין דיסהאַר־מאָניע, אין דעם חן פון זיין עזות און אין זיינע פאַרשייטע גאָט־באַצײונגען.

> כ'וועל אויסטאָן די שיך און דעם טרויער
> און קומען צו דיר צוריק —

אָט אַזוי ווי איך בין, אַ פֿאַרשפּילטער,
און שטעלן זיך פֿאַר דיין בליק.
מיין גאָט, מיין האַר, מיין באַשאַפֿער,
לייטער מיך אויס אין דיין שיין —
אָט ליג איך פֿאַר דיר אויף אַ וואָלקן,
פֿאַרוויג מיך און שלעפֿער מיך איין — — — —
און רעד צו מיר גוטע ווערטער,
און זאָג מיר, אַז איך בין דיין „קינד".
און קוש מיר אַראָפּ פונעם שטערן
די צייכנס פֿון מיינע זינד.
— — —

(„כ'וועל אויסטאָן די שיך...")

וואָלט דאָך געווען ביי אַ וועג — איז אָבער איוואַן דער שיכור אויך אַ מחותן מיט גאָט און ער האָט זיך זיין נוסח התפילה:

דער שיכור איוואַן שטייט יעדן פֿאַרטאָג,
דעם דאַשעק פֿאַרדרייט, ווי זיין זיידע לוט,
און יעדער איבר פֿון זיין גוף
פֿירט אַ שטילן דיאַלאָג מיט גאָט —
שטיל, אָבער שיין.
„העי, באַטיושקאַ גאָט! אויף דיין הייליקן גוף
קריכט די זון ווי אַ געלע לויז.
נאָר דו ביסט גוט, ווייל דו ביסט גאָט,
און וואַרפֿסט זי נישט פֿונעם העמד אַרויס —
כאַראַשאָ! כאַראַשאָ!
און איך, וואָס בין אָרעם, ווי די נאַכט,
און שפּל, ווי אַ גראָז אין פֿעלד,
פֿיר דיין שמייכל שפּאַצירן מיט מיר
מיט גאָלדענע שפּאָרן איבער דער וועלט —
זיי גוט צו מיר!
— — —

זיי גוט צו מיר! און איך וועל פֿאַר דיר
זאַמלען די תּפֿילות אין אַ זאַק
און איך וועל אים שלעפּן הינטער זיך,
גליַיך ס׳וואָלט געווען מיַין אייגענער פּאַק —
זיי גוט צו מיר!״

(„די תּפֿילה פֿון איוואַן דעם שיכּור״)

דאָס איז אַלעמענס אויסגעוויינטע, נישט דערהערטע תּפֿילה פֿון עלנט. פֿון וואַנען נעמט זיך דאָס ביַי אַלע קרעאַטורן אַזאַ ברענענדיקער הונגער צו גאָטס גוטסקייט? און מאַנגער אַליין?

— כ׳האָב אָנגעבונדן מיַין אַלטע שנאה אויף אַ קייט.
זי ברומט, נאָר איך געניס די שטילע פֿרייד
פֿון פֿאַלנדקיע שטערן איבער יעדנס דאַך.
איך ווייס, ווו ס׳וויגט אַ וויג זיך אין דער וועלט,
האָט גאָט ברוך הוא אָוועקגעשטעלט
אַ טרויעריקן מלאך אויף דער וואַך.

(„גוטסקייט״)

ווי זשע נעמט מען אַ פּאָעט ווי איציק מאַנגער און שטעלט אים אָוועק אויף „אַנאַליזעס״? „גאָט״ — צעזינגט זיך זיַין אומעט אין אַ שפּיל־הפּסקה פֿון דעם געשווירענעם באַלאַדישן מאָטיוון־פּאָרל ליבע און טויט — איז דאָס מסתּמא דער אויסגעבענקטער גאָט פֿון זיַין צוויַיפֿל, פֿון זיַין פֿאַרצוויַיפֿלונג, פֿון זיַין פֿאַרליבטער איראָניע, אפֿשר: גאָט פֿון די טרויעריקע האַרלעקינס, וואָס קאָנען אויך נישט זיַין אַליין — זיי אָוודאי נישט. איציק מאַנגער איז מחויב צו זיַין אַ מין „געזעלן״ ביַי גאָט, אָנגעדונגען ביים „מיַינסטער״ אויפֿן „זמן״, וואָס דויערט אייביק. אַ „יונג״, אַ מזיק, מיט גאָלדענע הענט, איז שטענדיק אָנגעדרודלט, מאַכט עזותדיקע מאַניפֿאָרגעס צום מיַינסטערס וויַיב, פּראָוועט קידער־ווידער און טוט אָן שאָדנס ווי אַ „בכור״ — אַלץ וויַיל ער ווייסט, אַז ער מעג זיך פּאַזוואָליען זיַינע ווילערישע שטיק: אָן אים שטייט דער וואָרשטאָט.

ער קומט אַרויס פֿון דעם דריַי־לענדער־ווינקל גאַליציע־רומעניע־

אונגאַרן, ווו פּאָעטן און, להבדיל, צדיקים, צווישן פּאַסטעכער, ציגיינער און לויטערע גאָטזוכנגען, האָבן אין געבערג און שנייען, צווישן טייכן און זון־פּעלדער, אין דעם אומענדלעכן אומעט פון דעם באַשאַפס קוואַלנדיקער שיינקייט, צעטראָגן איבער דער וועלט רוח הקודש און חריפות. מאַנגער טראָגט בעל־שמסקע לאַנדשאַפטן און ניגון אין זיין בלוט, ס'איז ער נישט געזאָגט: אין זיין פּאָעטישן ציגיינער־בלוט.

זיצט דער דער בעל שם קעגן מיטן־נאַכט
אין זיין חדר מיוחד און ער טראַכט:
די נאַכט איז הייליק, טיף און שיין,
אַז אַפילו דער מענטש, וואָס גייט אַליין
באַרוועס איבער אַ פרעמדן לאַנד,
פילט איבער זיך גאָטס בלאָע האַנט.

(„סאָנעט בעש״ט״)

ווי ווייט זענען די בעל־שמסקע קאַרפּאַטן פון חומשדיקן באר שבע און חברון, פון אַחשורושס הודו און כוש און פון שמואל אַבאַ אַבערוואָס לאַנדשאַפט פון גן־עדן? האָט איציק מאַנגער מיט גרינגע, זינגעווודיקע פינגער צע־נומען דעם פלויט צווישן וועלטן און יאָרטויזנטער — איז געבליבן אַן אָפענער צווישן־דורותדיקער „שאַלאַש״ אין די „חומש־לידער״, אַ שאַלאַש מיט אַ ברייטן, טונקעלן אַלקיר, וואָס שמעקט מיט הכנסת־אורחים און בראַ־שיתדיקער רויקייט, מיט געבראָטן קעלבערנס און מיט זויערטייג פון די קעפּסווייבער, און ווו די אָבות אַליין, שווערע יידן אין באַרכעטענע גאַליציאַ־נער וועסטלשפּענצערס, כאַפּן אין האַרמידער אַ גיכן דאַוון „פון פאַרנט״ און אַ שמועס מיט אַ מלאך, וואָס איז דאָ אַן איינגייער פון שכנות, און דינגען זיך מיט כביכול, ווי מען לאָדט זיך, להבדיל, אַ גאַנץ לעבן מיט אַ מעכטיקן פּריץ, אַז עס בלייבן אַזש איבער דין־תורהס פאַר די יורשים אויך.

מאַנגער האָט אָנגעטאָן כישוף דעם חומש און האָט אַרויסגעצויבערט פון זיינע אַלטע פאַרהייליקטע פאַרמעטן שפּרודלדיקע קוואַלן לעבנס־וואָרע־מע פאַלקס־פרייד — ווי איינער אַ לץ פון לעמבערג האָט געמאַכט „האָקוס־פּאָקוס״ מיטן שטעקעלע און דאָס גאַנצע שטעטל בערדיקע טאַטעס האָט געגאַפט און פאַרגעסן די קראָמען און דעם מנחה־מעריב:

לוט, איך מוז דיר זאָגן, ס׳איז — פּע!
דו שיכורסט אַ יעדע נאַכט,
ערשט נעכטן האָסטו אין „גאָלדענעם הערש״
אַזאַ וויסטן סקאַנדאַל געמאַכט.

דאָס פּאַסט פֿאַר אַ מאַנגער, דעם שניידערוק,
אָבער אַסור נישט פֿאַר דיר.
האָסט צוויי טעכטער מגדל צו זיין
און ביסט קיינעהאָרע אַ ייִד, אַ גביר — — — —
(„אַברהם אָבינו מוסרט לוטן״)

און ווו איז אסתר „אין סאַמעטענעם קלייד״ און מרדכי, נעבעך, מיטן הויקער, ווו זענען ושתי און איר מאַנסביל, דער קעניגלעכער שיכור, ווו זענען די מגילהדיקע שניידערוקעס פֿאַסטריגתא און זיין מייסטער פֿאַנפּתא, און ווו דער גאַנצער פּאַראַדיסטישער שפּיל־געזעמל, וואָס מאַכט אַזעלכע נאַיִוו־חריפֿותדיקע סטיל־קונצן אין דער צעיאַכמעטער פּורים־מאַסקעראַדע פֿון מאַנגערס מגילה־לידער, ווו דער פֿאָלקלאָר אַליין האָט זיך פֿאַרשטעלט און דער נוסח מאַכט קאָזשאַלקעס און לאַכט דאָס גרעסטע געלעכטער פֿון דער איבערגעקערטער פֿאָלקישער מעלאָדראַמאַטיק, פֿון דעם פֿריילעכן פּלאָנטער פֿון פּסוקים און שטייגער, וואָס האָבן זיך אַליין פֿאַרדרייט די יוצרות און וואָס האָבן פֿריי געמאַכט אוצרות המצאות פֿון אַנאַכראָניסטישן האַצמאַך אויף פֿאַר מאַנגערס פֿאַנטאַסטיש צעהוליעטן „בוך פֿון גן־עדן״.

דאָרט, אין גן־עדן, פֿאַרן געבוירן ווערן, האָט ער אָפּגעטאָן אַ שפּיצל דעם מלאך, דעם קאָמיסאַר פֿון שכחה. יענער טוט דעם באַרימטן שנעל אין נאָז יעדן נפֿש, וואָס דאַרף געבוירן ווערן, אַז ס׳זאָל מיט איין מאָל פֿאַרגעסן אַלץ, וואָס מ׳האָט אין הימל געלערנט. האָט אים איינער אַ קונדייסישער גאָרנישט, וואָס האָט ביי איציק מאַנגער דעם צו־פּאָפּולערן חדר־נאָמען פּישערל, אויסגעלערנט אַ שפּיצל אָפּצונאַרן דעם מלאך. דאָס לאָבוזל האָט אַנגעקלעפּט דעם פּאָעט אַ ליימענע נאָז — אַזוי אַז דער גורלדיקער שנעל האָט קיין קיום נישט געהאַט און דער נאַר וואָס געבוירענער דיכטער האָט ביים אַראָפּגיין אויף דעם עולם דורכגעשמוגלט איבער דער גרענעץ אַלע הימלישע סודות, וועלכע ער האָט דערנאָך אַריינגענומען אין די לידער.

אַ סך צעשפּילטער פֿאָלקס־חן באַשטראַלט די דיכטער־געשטאַלט איציק

מאַנגער: אַ פֿריערדיקער יאָרהונדערט, וואָס האָט זיך אַריינגעוואַלגערט אין אונדזער צייט. אפֿשר איז איציק מאַנגער אַליין דער רעפֿריין פֿון זיינע באַלאַדן, כלות הנפֿש פֿון אַ וועלט מיט טרויער, וואָס האָט זיך אַריינגעזונגען אין זיין ליד:

שטילער אָוונט. טונקלגאָלד.
אַ זומערפֿויגל פֿליט.
די פֿליגל זיינע — גראָ און גאָלד
אַוועק אין „גאָט באַהיט".
זאָל כאָטש אַ ציטער פֿון זיין פֿלי
אַריין צו מיר אין ליד.

שטילער אָוונט. טונקלגאָלד.
ווינט און וועג און ווייך.
וואָס איז געוואָרן פֿון מיין טאָג?
אַ שאָטן און אַ שיין.
זאָל כאָטש אַ רעגע טונקלגאָלד
אין ליד צו מיר אַריין.

לייוויקס קול

„ניט קיין נביא, נאָר אַ ייִד־פּאָעט“

ה. לייוויק

אַוודאי איז ה. לייוויק געווען איינער אַ זעלטענער — מורא, צו זאָגן: דער לעצטער — צווישן מאָדערנע דיכטער אויף ייִדיש, וואָס האָט דערוועקט די אילוזיע, אַז אָט דאָ, אַרום דעם אימאַזשינירטן באַרג, ציט זיך „דאָס פֿאָלק“ צום דיכטערס קול, האָרכן זיך איין אין דיכטערס וואָרט אָנגעסמאַליעטע רעשטלעך פֿון דער ייִדישער מענטשהייט מיט דעם אייביקן אויפֿפֿלאַקער פֿון אור־ייִדישער האָרך־דאָרשטיקייט: ...ונשמע. לייוויק אַליין האָט פֿרי דערקענט די חשיבות פֿון זיין אייגענעם קול, פֿון קאַרצערס ממעמקים: אַ צוואַנציקיאָריקער, אין דער „קברדיקער פֿאַרשטיקטקייט פֿון שטיינערנעם קאַזעמאַט. דער קאַרצער איז טיף אין דער ערד, עטלעכע שטאָק אַרונטער, טרעפּ אַרונטער צו די קעלערן, פֿינצטערניש אונטער פֿינצטערניש, ביז מען קומט צו דער סאַמע סקלעפּישער פֿינצטערניש, פֿאַר וועלכער ס'איז נישטאָ קיין נאָמען... איך זאָג צו זיך, ווי אויפֿן קול: דו מוזסט זיך אויפֿשטעלן... מיין קול איז, ווי פֿאַרשטאָפּטערהייט, קוים צוריק דערגאַנגען צו מיינע אויערן. אָבער איך האָב פֿאָרט געהערט מיין אייגן קול און דאָס האָט מיך געשטאַרקט. עמעצער, הייסט עס, איז דאָ — דו אַליין, דו ביסט, הייסט עס, דאָ מיט זיך...“

אין אָט דער שטומקייט בקול דיאַלאָגיזירט דער צוואַנציקיאָריקער שפּעטער, ביים סוף, מיט זיך אַליין און מיט דעם נאָענטן גאָט פֿון אויסגעהויכטע שעהען, אין אַ מין בלענדיק־ווייסער פֿינצטערניש פֿון קראַנקנבעט: ממעמקים — אין וואָרטיקן באַטייט, נישט מעטאַפֿאָריש, ווי מען גאָרגלט זיך פּאָעטיש אויף דער אויבערפֿלאַך. „ממעמקים“ האָט זיך אַריינ־

געניגונט אין אַלע תּפילות פֿון לייוויקס דיכטערישן ווערק — און עס טרעפֿט, אַז אויך דאָס אָפּגעדאַוונטע וואָרט באַקומט נייעם מאַגישן כוח השבֿעה, ביים אָנריר פֿון זיינע ליפּן. לייוויקס דיכטער־שפּראַך איז אָפֿט טרוקענע, שעמעוו־דיקע וואָרט־קאַרגשאַפֿט, וואָס מאָלט אינעווייניקסטן טונקל — וואָרט־צימצום מיט טיף אַריינגעקניטשטן עקסטאַז, מיט אַ ווינציקן מינימום חנדלעך, קנאַפּ ווי דער לחם עוני פֿון טאַטנס מאָגערן טיש, דעם מזבח. אַ סך שורות זענען שאַרף קאַנטורירט, געשלאָסן מיט שטרענגער מאָס, ווי אַלטע דיברות, אַרומגעבויט מיט שוויגן: ציטערט די שטילקייט מיט.

אַז מיר טראַכטן זיך אַריין אין דער יחידישקייט פֿון לייוויקס דיכטערי־שער געשטאַלט און פֿון זיין גורל, רעכענען מיר צו, אונטערבאַוווסט, אויך דעם גזר פֿון זיין טראַגישן פֿינאַל צו דער אינטעגראַלער מסכתא פֿון זיין לעבן און ווירקן — גלייך מיר נעמען זיך „אָפּשאַצן" ווי דעם דיכטערס אַ גאַנג אויך זיין אָפּגאַנג: דעם טויט און זיין באַטייט. אַלע ווייסן, דער טויט איז געווען אַרום לייוויקן, נאָך איידער ס'איז באַזיגלט געוואָרן זיין סוף. אין אַ ריי לידער — איך וואָלט זיי אָנגערופֿן: וויגלידער פֿון טויטנבעט — פֿילן מיר, ווי העלהעריק דער דיכטער האָרכט זיך איין אין די טריט פֿון יענעם מלאך, און עס דאַכט זיך, זיי האָבן זיך שוין לאַנג אינטים צונויפֿגערעדט:

— — צי כ'ריכט זיך אויף ווערן דאָ?
אַוודאי, איך ריכט זיך שטענדיק,
דערפֿאַר איז דער קלונג פֿון אַ שעה
אַפֿילו פֿאַר דער וואַנט פֿאַרשטענדיק — —
(„לידער צום אייביקן", 132)

אין דעם ליד איז „פֿיר פֿאַר טאָג" און עס שלאָגט דער זייגער „אַזוי ווי עס איז זיין שטייגער" — לייכטע פֿערזן פֿון אַ שווער האַרץ: גורל, וואָס מאַכט דעם אָנשטעל פֿון שפּיל.

לאַנג האָט זיך לייוויק געראַנגלט מיט יסורים, איידער די נאַטור האָט אים באַשערט דעם אויסגעבעטענעם סוף. זאָל איך זאָגן, זי האָט געוואָלט אָפּהיטן דעם גייסטיקן מפּונק פֿון דעם אַלטעגלעכן שטאַרב־שאַבלאָן? און אפֿשר מעג מען אַ רגע גענעראַליזירן, אַז דאָס איז דער נאַטורס צולהכעיס קעגן דעם גייסט: אייביקער ווידעראַנאַנד צווישן די ספֿערן. גייסט איז

אַרויספֿאָדערונג. זיין אינסוף צערודערט דער נאַטורס באַלעבאַטישקייט. דווקא ביי ה. לייוויקן, דעם שאַרפֿסטן זאָגער, רעזאָנירער און דעמאַנישן שטאַמלער, דעם טיפֿן פֿרעגער און יאושדיקן אָפּפֿרעגער, האָט די נאַטור מיט אַ מאָל אָפּגענומען דאָס לשון: נישט אָן סאַרקאַזם. זי האָט איבערגע־שלאָגן די וואָרט־לײדנשאַפֿט פֿון זיין דיאַלאָג מיט זיך אַליין, מיט זיין וועלט, וואָס ציט זיך דורך די זיגזאַגישע גענג פֿון זיינע וויזיעס און מיס־טישע אַוואַנטורעס, פֿון זיינע גלייביקע געזאַנג־ספֿקות און היעראָגליפֿישע ליד־ציטערנישן. „דיאַלאָג" הייסט ביי לייוויקן איינע אַ שווייגנדיקע השתפּ־כות, וואָס ענדיקט זיך מיט טרוקענע טונקעלע רמזים:

— — איך בין ווי ערשט באַשאַפֿן,
ווי ערשט געשטאַלט באַקומען
און ניגון אויף מיין גומען,
און דאָך בין איך, ווי כ'וואָלט געווען
פֿאַרמישפּט שוין פֿון וועלטן צען —
— אויף וואָס ?
— צו שטומען.

(„לידער צום אייביקן", 65)

דאָכט זיך, דער טראַגישער פֿינאַל, וואָס די נאַטור האָט גוזר געווען אויף לייוויקס לעבן, האָט זיך אריינגעצייכנט מיט בלאַסע סימנים אין זיין דיכטערישן כאַראַקטער, באַלד אין אָנהייב פֿון זיין וועג — און ווער ווייסט, צי האָט ער נישט אַליין דערמוטיקט די נאַטור צו איר האַרבן גזר קעגן זיך. ערגעץ ווו זאָגט לייוויק, אַז ער האָט אין יונגע יאָרן געפֿילט אין זיך דעם „באַגער, מקיים צו זיין אין מיין אייגן לייב און לעבן דאָס, וואָס מענטשן בכלל ליידן אויף דער וועלט, און בפֿרט דאָס ליידן, וואָס אַ ייד ליידט": מיסטישע גלוסטעניש צו יסורים. ער האָט פֿאַרהייליקט אין זיך אַ מין קולט צו פּיין. מסתמא ליגט אין דעם אַ שמיץ פֿאַרהוילענער יידישער יצר־הרע צום קרייץ: שטוב־רעקוויזיט פֿון געשטייגערטער קרבן־ און טויט־תאווה.

לייוויק האָט אין זיין גייסטיקער אַנטוויקלונג דוחק געווען דעם קץ. ער האָט זיך פֿרי געשטעלט צום גורל, איידער זיין צייט איז צייטיק גע־וואָרן. ער האָט זיך געריסן צו דער קרוין פֿון אָפּקומעניש פֿאַר אַ צעווייטיקטן

דור, וואָס איז נאָך נישט פֿאַרטיק געוואָרן מיט זיין בראָך. מיט העלזעערישקייט, וואָס טוט ווי דעם בליק, האָט לייוויק וויזיאָנירט „לידער פֿון אומקום״, לאַנג פֿאַר דעם יידישן וועלט־אומגליק. ס׳איז געווען מיט העכער פֿופֿציק יאָר צוריק, ווען דער דיכטער האָט אַנטפּלעקט דעם קאָנטינענט סיביר פֿאַר דער יידישער פּאָעזיע. אין דעם שאַרפֿן תכריכים־ווייס פֿון דער סיבירער לאַנדשאַפֿט האָט אויפֿגעבליט צום ערשטן מאָל אין לייוויקס פֿערזן דער טרויער פֿון לירישער שיינקייט אויף יידיש. דעמאָלט האָט זיך דער דאָזיקער לאַנדשאַפֿט נאָך אַפֿילו נישט געחלומט, אַז זי האָט שוין אַנגעגרייט אוצרות האָפֿענונגלאָזיקייט אויף פֿאַר דער „וועלט פֿון מאָרגן״. דערווייל האָלט מען ביי דער תקופֿה פֿון דער געשמיסענער מענטשהייט — נאָך נישט פֿאַרגאַזטער — תקופֿה פֿון פּרימיטיווער מענטשהייט־צעטיילונג אין זשאַנדאַרן און קרבנות. צאַפּלען די לעצטע צום „מאָרגנשטערן״, וואָס האָט אַלץ פֿאַרשפּעטיקט „אויפֿצוגיין״, מיט ראָמאַנטישער אומרעגלמעסיקייט, וואָס האָט אָבער זייט דעמאָלט שוין באַוויזן צו פּערפֿעקציאָנירן זיין טעכניק פֿון פֿאַרשפּעטיקן פּונקט צו דער צייט.

אין די דאַנטישע טויט־לאַגערן איז לייוויק אַליין נישט געווען — אָבער זייער „אידיי״ איז מרומז אין די גיהנום־שילדערונגען פֿון זיין אָפּגרונטיקער פֿינצטערניש: אין ברענפּונקט פֿון חושך בתוך חושך. דער וועלט־צער פֿון אונדזער יאָרהונדערט האָט געפֿורעמט לייוויקס דיכטערישע פּערזענלעכקייט — פּונקט ווי מען קאָן זאָגן, אַז אין איוב האָט ער געזען פּרע־פֿאָרמירט די אורגעשטאַלט פֿון מענטשלעכע יסורים, נאָך איידער זי האָט אַנגעקלאַפּט גלייך אין זיין טיר. דער ריטעם פֿון זיינע ערשטע לידער איז געווען באַשטימט דורך דעם שווערן געשלעפּ פֿון בראַזגענדיקע קייטן, וואָס אַקערן די סיבירער שניי־מדבריות, און דורך דעם געפּייף פֿון קנוטעס, וואָס שניידן פּאַסעס פֿון געקאָטעוועטער מענטשהייט. מיט איר האָט ער זיך פּרי אידענטיפֿיצירט: לייוויקס קפֿיצת־הדרך. דער גרונט־קאָלאָריט פֿון זיינע ערשטע לידער: בלוטפּלעקן פֿון וווּנדיקע געקאָוועטע פּיס, וואָס שניידן דעם ווייסן אין־סוף פֿון פֿאַרקלעמטן שוויגן, אונטער קאַלטע הימלען.

און אפֿשר איז דאָס דער חסד, אויף וועלכן לייוויק האָט מתפּלל געווען „נאָכן אָפּגאַנג פֿון די יאָרן״, פֿאַרמאַטערט פֿון דעם גליק פֿון שליחות, אויפֿגעצערט פֿון דער לייטערונג אויף די שייטערס, געבראָכן פֿון די שוועלן, אויף

וועלכע ער פֿאַלט, כדי זיך אויפֿצוהייבן ווידער, ביז ער פֿאַלט אַוועק ווייטער:

— — איך שטיי ביי דער טיר און איך בעט —
וואָס בעט איך? און וואָס דאַרף איך בעטן?
כ׳בין קראַנק פֿון צו זיין אַ פּאָעט,
באַפֿריי מיך פֿונעם שר פֿון פּאָעטן — — —
(„לידער צום אייביקן״, 41)

זעלטן אַ דיכטער, ביי וועמען דאָס שטיין ביי דער טיר, אַ קעניגלעך־בעטלערישע הכנעה־פּאָזיציע, אַן קאָסטיומירונג, אַן קאָקעטעריע, איז אַזוי טיף באַגלויבט ווי ביי ה. לייוויקן. אָבער נישט „באַווייליקט״, האָב איך מורא, איז זיין געשטאַמלטע תּפֿילה וועגן שר פֿון די פּאָעטן. מיר קענען דעם שר פֿון לייוויקס ליד: „אַ שטרענגער שר, אַזוי ווי מיין טאַטע און אפֿשר נאָך שטרענגער״. און פּונקט ווי דער טאַטע, איז מסתּמא אויך דער שר אַ טאָפּלגעשטאַלטיקער: לאַשטשענדיקע שטומקייט פֿון אַ ייד אַ כעסן מיט אַ וואַרעמען מרוק — רוגזה מיט רחמים. ביי די ראַסאָווע טאַטעס איז די רוגזה נישט איין מאָל פֿאַרשטעלטע שעמעוודיקייט און די ליבשאַפֿט שטאַמלט מיט אַנטליגענע האַרבע אַקצענטן: דו, נאַר איינער, וואָס דו ביסט... דאָס איז ביי זיי געבייזערט מיט אַ גלעט — אַז נישט, האָבן זיי פֿון דער אַהבת־נפֿש קיין הנאה נישט. דער טאַטע אין ה. לייוויקס שאַפֿן — פֿאַרבילד אין הינטערגרונט — איז אין דער בחינה פֿון „צח ואדום״, נישט שטאַרק ווייט פֿון כביכולס אור־בילד: אַנלען און שרעק. מסתּמא האָט אין זיך די שטרענגע שיינקייט פֿון לייוויקס שאַפֿונג אויך עפּעס פֿון דער סובלימירטער געשטאַלט פֿון טאַטן, ווען עס רוט אויף אים און אויף אַלץ דער שטראַלנדיקער חסד:

דער טאַטע פֿירט מיך פֿאַר אַ האַנט אין שול.
דער טאָג איז פֿרימאָרגנדיק זוניק,
דער טאָג איז — יום טוב.
מיין האַנט — אין דער רעכטער האַנט פֿונעם טאַטן,
מיין האַנט — אַ הענטל,
און דעם טאַטנס — אַ גרויסע, אַ וואַרעמע.

אַ זיכערע אין הייליקייט פֿון רו,
באַשיצט און באַהיט פֿון גאָט ברוך הוא.
דער טאָג איז — פּסח.

מיר שפּאַנען איבערן פֿרייען אָפּגעליידיקטן מאַרק.
דער טאַטע גייט און איך שפּרינג אונטער,
זיינע שמאָלע אַקסלען הייבן זיך צום הימל,
זיין רויטע באָרד שמייכלט צו דער זון.
— — — —
דער טאַטע גייט, און איך טאַנץ אונטער,
מיין קליינער שאָטן טאַנצט אַריין אין זיינעם.
מיין קליינער שאָטן דערגרייכט קוים זיינע קני.
דער טאַטע איז היינט מילד ווי יום־טוב.
— — — —
כ׳בין אַלט געווען פֿינף יאָר,
און דער טאַטע איז אַלט געווען — — אייביק״.
(„אַ בלאַט אויף אַן עפּלבוים״, 93)

אַזאַ אַ טאַטע, אַ מיידלשער מלמד, וואָס זיין דערשלאָגנקייט איז גע־טובלט אין יום־טוב, קער זיך אַן נאָענט מיט לייוויקס „גוטן, נישט צעכעסטן אליהו״ — אַ נביא פֿאַר די מאַמעס, איינער אַ ייד מיט אַ טאָרבע, אָנגעפּאַקט מיט חסדים, וואָס גראַמען זיך תחינהדיק, אויף „געגאַדים״: שוין, דאַכט זיך, גאָר קיין ליטעראַטור נישט. איז קיין חידוש נישט, וואָס דער דיכטער בעט זיך היימישלעך ביים באַשעפֿער:

— — — געטרוי אים — דעם פּאָעט
מיט דער צוגעמאַכטער ברעם
אויפֿן גורלדיקן בעט.
קום צו צו אים און נעם
פֿון זיינע פֿינגער אַרויס
דאָס נאָך וואַרעמע פּאַפּיר
מיט פֿאַרשריבענע צייכנס צו דיר — — —
(„לידער צום אייביקן״, 87)

איז אַוודאי דעם שר אַליין אויך נישט לייכט מיט אַזאַ פּאָעט, וואָס רעדט מיט אוניווערסאַלער אינטימיטעט צום בורא עולם און דערלאַנגט אים דאָס „באַך וואָרעמע פּאַפּיר" מיט אַ „וואָרט — נישט דערזאָגט, נישט דערערעדט": נסתר בתור נגלה. דער „שר" איז צוגעווינט צו פּאָעטישע סטאַנדאַרטן פון גרויסקייט און אמת — ביי לייוויקן אָבער דאַכט זיך טייל מאָל, אַז זיין שאַפּעריש לעבן איז איין לאַנג צעצויגענע „לעצטע מינוט" און אַז זיין איך שוועבט פריי און אויפגעלייזט אין אַ דינעם, ספּעריש ציטער־געוועב פון פיבער־שפּירונגען און וייטע ווונקען, כולו יצר־הרע צו כלות הנפש, אין גאַנצן אויג, וואָס דאַרף זיך אַליין נישט:

— אַלץ אין מיר איז וואַך
און כ'דאַרף ניט קיין אויגן צו קוקן,
כ'נעם דורך איעדע זאַך,
ווי כ'וואָלט זען אַפילו מיטן רוקן — — —

(„לידער צום אייביקן", 132)

און אין אַן אַנדער ליד:

— און אַט —
גאָר איך אַליין ווער קול און בעט:
געטרייער גאָט,
דערבאַרעמדיקער, קום אַרונטער, קום אַראָפּ
און ריר נאָר אָן מיין אַלטן קאָפּ,
קוים־קוים ריר אָן,
ריר אָן און גאָרניט מער,
און טאַקע גאָרניט מער — — —

(„אויפן כרמל")

דאָס וואָרט ביי לייוויקן לייטערט זיך פון ליד צו ליד, שוועבט קוים־קוים, ווערטערס אָטעם, וועלטס אויסגייענדיקע ציטערניש, וואָס די כמעט אומהעריקע וויבראַציע פון דער פאַרהוילנקייט דערמאָנט צו מאָל אין דעם ווינטס פאַרטאָגיקן תפילה־שפּיל פון דוד המלכס פידעלע אויף דער וואַנט.

ביים לייענען די דאָזיקע שורות ווערן מיר איינגעשפּונען אין טיפֿער אַרומי־קער איינהאָרכעניש, וואָס טראָגט זיך שטיל דורכן באַשאַף. לעשן זיך לעצטע אויסקלאַנגען און די שטילקייטן, וואָס האַלטן זיך אין איינעם, גיבן איבער איינע דער אַנדערער דעם טעם און דעם ניגון:

כ'האָב אָנגערירט מיט מיינע ליפּן די ערד
און דער טעם איז געווען האָניק־זיס.
מיט יעדער רגע האָט די זיסקייט זיך געמערט
און דורכגענומען מיין גוף ביז צו די נעגל פֿון די פֿיס.
דערנאָך האָב איך צוגעלייגט די ליפּן צו אַ בוים
און איבערגעגעבן צום בוים דעם זיסן טעם,
און דער בוים האָט עס איבערגעגעבן צום גאַנצן רוים,
ווען דער טאָג האָט געברענט אין זיין שקיעה־פֿלאַם.
— — — —

(„אַ בלאַט אויף אַן עפּלבוים", 121)

די דאָזיקע קאָמוניקאַציע צווישן די סודות אין וועלטרוים גייט אָן אויך אין גאַנג פֿון די שטערן:

איך הייב מיינע אויגן צום הימל מיט שטערן
און כ'זע, ווי עס סודען זיך שטערן מיט שטערן
און כ'זע, ווי אַ שטערן פֿאַלט צו צו אַ שטערן.
— — —
געזאָגט האָט מיין טאַטע: ס'האָט יעדער אַ שטערן
אין הימל, אַ שר, און אויך דו האָסט אַ שטערן.
— — —
איך ליג אַ פֿאַרדעקטער און כ'הער, ווי מיין שטערן
גיט איבער מיין נאָמען צום האַר פֿון די שטערן.

(„לידער צום אייביקן", 13)

26 שורות פֿייט האָט דאָס ליד „שטערן", דאָס ערשטע אין לייוויקס בוך „לידער צום אייביקן", און אַלע שורות ענדיקן זיך מיט דעם וואָרט: שטערן.

אָבער ביים לייענען האָבן מיר דאָס געפֿיל, אַז יעדעס מאָל האָט דער שטערן פֿון סוף שורה עפּעס ווי אַן אַנדערע צורה, אַן אַנדער בויג און אַן אַנדער טראָפּ, אַן אַנדער מתיקות און אַן אַנדער אומעט. אַנדערש איז אין אָנהייב פֿון אָוונט דער שטערן, אַנדערש „אין דער חצות־שעה, ביים טרויער פֿון שטערן", אַנדערש „פֿאַר באַגינען, ביים אָפּשייד פֿון שטערן", אַנדערש, ווען עס „בעט חסד פֿאַר דיר דיין שטערן". זיי גראַמען זיך אַלע, איבערראַשנדיק, שטערן מיט שטערן, גלייך מ'האָט זיך פֿריער קיין מאָל גאָרנישט געזען איינס דאָס אַנדערע און פּלוצעם האָט מען זיך דערבליקט און מען נעמט זיך אַרום מיט ערשטמאָליקער גלוסטעניש. אַ מאָל דערמאָנט מיך דער קאָסמישער שטערן־גערודער אין לייוויקס ליד — אין דעם חומשדיקן מָן, וואָס איז געפֿאַלן אין מידבר. האָבן יידן געפֿילט אין אים יעדן פּרימאָרגן אַ פֿרישן טעם: שפּאָגלנייער גענוס פֿון גאָט. אַלץ באַהעפֿט זיך אין אײן צונויפֿגעזונגענעם פֿאַנטעזיסטישן באַשאַף, וואָס וויל זיך ראַטעווען פֿון פּחד און פֿאַרלענד און פֿאַרגייט זיך אין תהילימדיקער השתּפּכות פֿון אַלץ מיט אַלעמען: אין דעם „אָפּשלוס פֿון קרייז".

אַוודאי געדענק איך, אַז איך האָב אין דעם קנאַפּן באַטראַכט מיינעם נישט „אַרומגענומען" דעם גאַנצן לייוויק, נישט אָפּגעשטעלט זיך אויף זיין דראַמאַטישער דיכטונג, נאָר קוים אָנגערירט דאָ און דאָרט אַ „תנועה" פֿון זיין לירישן ניגון. אַ מאָל טוט אַ ציטער לייוויקס אַ וואָרט, בייגט זיך דין אַ שורה, וואָס פֿרעגט ביי זיך אַליין, ווער האָט זי גערופֿן אַהער — און דאָס דערשטאַמלט זיך צו שלימות פֿון אַ תּפֿילה זכה מיט דעם כוח פֿון פּשוטע רייד, וואָס דער דיכטער האָט דערהויבן צו זייער אייגענעם באַהאַלטענעם ליכט. אַ סך איז געזאָגט געוואָרן וועגן לייוויקס יחידישער פּערזענלעכקייט, וועגן זיין גורל און וועגן זיין ווערק און עס איז נישט לייכט זיך אויסצוהיטן פֿון איבערחזרונגען. אָבער אַוודאי דאַרף מען געוואָרנט זיין פֿאַר נאָכזאָגן פֿרום באַליבטע אומפֿאַרשטייענישן, וואָס האָבן פֿון לייוויקן לומדיש אויסגעפּילפּולט אַ „נביא... אַ משיח" — גלייך אַ דיכטער אַליין איז ווייניק.

און איך מיין נאָך אַלץ, אַ קליין ביסל אַפּיקורסיש, אַז חשובער ווי „אַנאַ־ליזירן" איז הנאה האָבן פֿון דער התגלות אין דיכטערישן וואָרט: ווייניקער חקירה און מער שיינקייט. און אין זינען האָבן דאַרף מען, אַז דער שווערפּונקט פֿון דעם דיכטערישן ווערק זאָל זיך נישט אַ רוק טאָן, ווו מ'דאַרף נישט.

לייוויקס ליכטפּונקט איז דאָס ליד; שטיל, ביז — „קוים־קוים”. אַ סך זענען באַצויבערט געוואָרן פֿון דעם מיטלעלטערלעכן טונקל פֿון לייוויקס פּיעסע: טעקסט מיט סימבאָליק און פּובליציסטיק, טעאַטער־שטימונג, וואָס הייבט זיך אָן ביי די „געפּאַקטע זאַלן”, קאָסטיומירטע אַנסאַמבלען, וואָס דע־קלאַמירן לעגענדעס און גזירות, רעיונות מיט קוליסן און סטאַניסלאַווסקיס אָטעם־טעכניק. שאַטנט אויס די רעזשי פֿאַרהוילענע געשטאַלטן פֿון מיטאָס, משיח, פֿון וועמען מען זעט בלויז די וווּנדן: מער טעמעס ווי דיכטונג. אַנדערע זענען פֿאַרפֿירט געוואָרן פֿון לייוויקס אַסקעטישן קידוש השם־קאַפּ — איז אויסגעוואַקסן אַרום זיין טעאַטער־שאַפֿונג אַ סיסטעם פֿון טיפּזיניקע טעותים, וואָס האָבן דעם דיכטערישן געדאַנק געמאַכט מיטינגפּעיִק. אַ סך אַקאַדעמישע חיבורים און יום־טובדיקע דרשות האָבן באַצירט זייער ערלעכע פּוסטקייט מיט גאולה־רמזים, סתרי־דרוש און מיסטישער משיח־דיאַלעקטיק. מ׳האָט דאָס אַריינגעטייטשט אין אַלץ, וואָס מ׳האָט חריפֿותדיק נישט פֿאַרשטאַנען אין די בלאָנדזשענישן פֿון לייוויקס דיכטערישן שאַפֿן.

פון סיביר ביז סיני

אַברהם סוצקעווערס פּאָעטישער גאַנג

צו מאָל כאַפּ איך אַ קוק אויף אַברהם סוצקעווערן, ווען ער שטייט אויף דער טריבונע און רעדט ווען פּאָעזיע אָדער לייענט לידער, אייגענע צי פּרעמדע — גיט ער אַ סעקונדע אַ וויג זיין סטרונעדיקע געשפּאַנטקייט, ביז ער שטעלט זיך אָפּ, אויסבאַלאַנסירט, מיט אַ לייכטן נויג פון קאָפּ, האַנט איבער די אויגן, וואָס קוקן פּאַרמאַכט „און ווען איך שליס די אויגן, צו דער־גרונטעווען די תהומען"... קוקן יענע אין איינעם מיט דעם פּאַרקוועטשטן שטערן און העלפּן אים טראָגן דעם געדראַנג פון זיינע דענק־זעונגען. שטענדיק, דאַכט זיך, פּרעדאָמינירט דער שטערן, וואָס פון אים רינגלען זיך אַרויף, הויך און דין, ווי בלויע רויכרעדלעך, ביזאַרע שפּראַכפיגורן און מאַגישע היעראָגליפן, ראַפינירטע ציטער־פּאַרמען פון בילדער, אַ וואָרט־אויפּטו און אַ חריפותדיקער פּלי: קאַפּריזנע כלים פון סוצקעווערס קלאַנגען־קאַפּעליע, וואָס שפּילט בגילופין לידער ביים תהום, מיסטעריע־שפּיל פון פּחדים און וווּנדער פון זיין ווונדיקער וועלט — יעדער ווונד אַ חותם. אַוודאי טרעפט אויך, אַז ער נעמט אויף זיכער דעם כאַאָס און גראַמט אים אַ מאָל מיט געוואַלד — וועט דאָך יענער נישט זאָגן ניין, אַז מ'הייסט אים. „די נאַטור — זאָגט געטהע — איז אַ וווּנדערלעכער אָרגל, וואָס אויף אים שפּילט גאָט, בעת דער תוהו־ובוהו טרעט אויפן פּעדאַל".

אַברהם סוצקעווערס ווערק וואָגלט אַלע זיינע שאַפערישע יאָרן דעם ווייטן אַנטוויקלונגס־וועג פון די סיבירער פּראַסטדזשונגלען, וואָס אין זייערע דימענטענע פייערן איז נתגלה געוואָרן דער פּאָעט, איבער די מעמקים פון ווילנע־של־מטה, ווו ער איז געוואָרן דער מקונן פון דער „געהיימשטאָט", איבער די שווערע, שוואַרצע בילדבראָקאָטן פון די אַפריקאַנער העלפאַנט־וועלדער, ביז צום מיטישן משל־נמשל־שפּיל, וואָס בילדערט זיך מיט אומ־

באַרירטן בלוי און גאָלד פֿון זיין „גייסטיקע ערד": קורצער ש׳י־עולמות־שפּאַן פֿון דיכטער צו זיך אַליין. מען קען גאָרנישט בלאָנדזשען אויף אַזאַ גלייכן וועג, געפּלאַסטערט מיט מכשולים.

דאָס זענען דעם דיכטערס פּופּציק יונגע אינטענסיווע יאָרן, געבענטשט־געפּייניקט מיט שאַרפֿער זעעוודיקייט: „גייען יאָרן, יאָרן, יאָרן", אויפֿגע־סיליעט ווי „פֿאַרברענטע פּערל", סוצקעווערס „איידלשטיינער פֿון משפּחה טרויער", יידישע צירונג. מיר ווייסן, קוים דערשמעקט דער טרויער אַ פּאָעט, לאָזט ער אים נישט אָפּ, ביז יענער האָט אויסגעזונגען אַלע „פֿאַלן" פֿון זיין ניגון און אַלע זיינע ספּערישע שטילקייטן:

שטייט פֿאַרכישופֿט אַ הינד
לעבן ימיקער קילקייט,
אַזוי לויטער און לינד
ווי אַ זילב פֿון דער שטילקייט.

(פֿון ליד „שטילקייטן")

העכער אַ פֿערטל יאָרהונדערט צוריק, ערב ליקוי־וועלט, האָט אַברהם סוצקעווער דערפֿרייט מיט זינגעוודיקן אויפֿברויז די יידישע דיכטונג, וואָס איז סיי ווי געווען יונג און יינגער אין פֿאַרמעסט און דערגרייך, און דער גאַנ־צער אין־סוף פֿון אַנטוויקלונג איז געשטאַנען פֿאַר איר אָפֿן. איך בין נישט אין גאַנצן זיכער מיט דער גרייטקייט פֿון „יונגע לעמפּערטן", וואָס מוזן אַלע מאָל דינען ווי אַ משל צום נמשל פֿון אַן אַרויסטרעטנדיקער נייער ליריקער־חברותא — אָבער עפּעס פֿון אַנימאַלישער שפּאַנקראַפֿט האָבן געהאַט אין זיך דער אַרויסרופֿערישער בויגשפּרונג פֿון דעם „יונג־ווילנער" און דער העלער וואָלד־קול, וואָס האָט אַ שאָל געטאָן אין אַברהם סוצקעווערס פֿרישע פֿערזן. דער טרעמאָלאָ פֿון זיין איבעררא־שנדיקער מעלאָדיק גיט זיך עלאַס־טיש אַ הייב און בלייבט פֿעסט שוועבן אין דער הייך. עס איז געווען אין זיין ערשטן פּאָעטישן אַרויספֿאָר פֿריע ציטערפֿרייד פֿון נאָענטער מייסטערשאַפֿט.

זינט דעמאָלט זינגען זיינע הימנען — „און ס׳איז יעדע רגע אַן אַ הימען / מיר אַ שאָד". דאָס איז אַ סימפֿאָנישע ווימלעניש פֿון בילדערישע ניגונים, אימאַזשן, סימבאָלן און לויטערע לירישע זאָגענישן, פּרעסקאָס פֿון סיבירס ברוטאַלער פּראַכט, איכה־תּפֿילות פֿון געטאָ, טרוים־טראַכטענישן און תּהילימדיקע פֿידל־זעונגען, וואָס טוליען זיך אַלע צום ווערק:

אויפֿן וועג צום כותל־מערבֿי,
אין אַ ליימיק־ליגנדיקן ברונעם,
זיצט אַ ייד, באַוואַקסן ווי אַ סאַווע,
און ער קריצט אַ בעכער.
די ניגונים
פֿון די שטומע ליפּן טוען פֿרעגן
ביי דעם וואַלקן, וואָס באַשיצט די דעכער,
ווען זשע ער וועט אָנקומען אַנטקעגן?
און דעם ענטפֿער קריצט ער אויפֿן בעכער.
אַט אַזוי איז ער מסתּם געזעסן
אויפֿן וועג צום כותל־מערבֿי,
דעמאָלט, אין תּנכישע מעת־לעתן,
ווען דער נביא
ירמיהו מיטן יאָכשטאַנג אויפֿן האַלדז
אויסגעהאַמערט האָט פֿון זיך אַ דענקמאָל.
אַט אַזוי איז ער מסתּם געזעסן,
ווען קיין מוטערמענטש איז ניט געבליבן נאָך דער שלאַכט.
(„אויפֿן וועג צום כותל־מערבֿי“)

דאָס איז דעם דיכטערס שטומער דיאַלאָג מיט דעם גורל: ער מיט אים אין איין קול. זיין אָפּקלאַנג ציטערט־אויס אין אַ רינג פֿון געפּרעסטן שווייגן, וואָס דאָס פֿולע וואָרט שאַפֿט אַרום זיך, און אין דער שטילקייט וואָס בלייבט, זינגט אויס סוצקעווערס דיכטערישע וועלט. נישטאָ אַזאַ זקן אין דער ליריק, און בוודאי נישט אין דער יידישער, ער זאָל נישט זיין אַ משל צום דיכטער — בפֿרט, אַז דער זקן גראַווירט זעונגען אויף אַ בעכער, דעם אַלט־יידישן אויסדרוק־מעטאַל, געהייליקט פֿון קידוש, און ער טוט זיין עבֿודה אין פֿאָס־פֿאָרישן טונקל, וואָס הענגט ווי שווערע דיוואַנעס אין אַזאַ מין סוכהדיקן „ברונעם“, וואָס איז דאָך אַוודאי די געבוירענע גלייכעניש פֿון טיפֿקייט.

אפֿשר איז נישט פֿאַראַנען אויך קיין מער באַרופֿענער הינטערגרונט פֿאַר דעם דיכטערס עדות־זאָגן אין דער צייט, ווו ער איז געבליבן אַליין נאָך דער שלאַכט, ווי דאָס געסלדיקע געדריי אַרום כותל־מערבֿי מיט זיין שורשנדיקער שטילקייט. פֿאַרזונקענע יידישע דורות, וואָס אומרוען מיט

אונדז אין איינעם, האָבן דאָ אויסגעטרויערט זייער מאַט־ווייכן פּאַטינאַ־גלאַנץ און פאַרשפּרייט אַרום זיך שאַרפן, אַלט־וויניקן אַראָמאַט פון סודות־דיקע זאַגונגען: צוגעדעקטע העלקייט.

שטעלן זיך אַלע עלעמענטן פון אַברהם סוצקעווערס רעאַלער טרוים־וועלט מיט אויסבאַלאַנסירטער זיכערקייט אין זיין דיכטערישער בילד־אידעע, יעדער מיט זיין קלאָרקייט און ריטעם, מיט זיין כוונה, קאַפּריז און זינגעוודיקן פּאַטאָס — גלייך זיי האָבן אייביק געוואָרט איינס אויף ס׳אַנדערע און קענען קיין תיקון נישט האָבן אָן דער באַהעפטונג. דאָס איז די מיסטעריע פון דיכ־טערישן שאַפן. מיט דער קילער פאַרעם־ליידנשאַפט טורעמט זיך אויף דער לויכטנדיקער דענקמאָל פון אויסגעוויינטע פידל־ניגונים, פון ווי און וונדער — און אין די פאַרבאָרגענע פיליגראַן־קנייטשן פון זיין מייסטע־רישער דיכטער־שפּראַך, וואָס איז פאַר זיך אַליין אַ שטיק נאַטור, טונקעלער וועלטטייל, נאָך אַלץ נישט אַנטפּלעקטער, ציטערן „דין־דין־דין" פאַרבאָר־גענע שוועבונגען פון זיינע געדאַנקען־בילדער, אַלע קלאַנגען און שטילקייטן פון זיין אומרו.

זיי אַלע, דינסטע ניואַנסן פון שוועביקער ווייכקייט און ראַפינירטער שאַרפקייט, ווילנער חומרות, חידושים און צעזונגענע שפּילעוודיקייט — ווערן אמת אין ווייסגלי פון זיין פאָרעם־עקסטאַז, פּרעסן זיך אַלע אַריין אין זיין ליד: אַ מורא צו בלייבן אין דרויסן. אַוודאי וועלן אַ מאָל די ווערטער און די גראַמען, נישט צוגעוווינט צו אַזאַ וועלט־געברויז און צום געזאַנג פון אומרו, זיך מוזן אַ בייג טאָן דאָ און דאָרט, אויסקלינגען מיט טענער באַ־האַלטענע, פאַרשאָטענע, וואָס מ׳האָט ביז איצט נישט געהערט, און זיך מטריח זיין צו באַדייטן דאָס, וואָס דער דיכטער מיינט. דאָ, איצט, אין געציטער פון רגע, אַ מאָל מער און אַוודאי אַנדערש ווי די אָנגענומענע כוונות און ווערטבאַטרעפן — וואָס זשע, זיי וועלן זיך בונטעווען? די ווערטער ווערן דאָך אויך געטריבן און געוויטיקט אין איינעם מיט אַלעמען, ווען מען טרייבט דאָס גאַנצע לעבן אין געטאָ און „עס גייען די גאַסן" און מסתמא גייט דאָך גאָט אויך — גייען דאָך אַוודאי די ווערטער, פאַלן, ברעכן זיך און הייבן זיך „אַזוי ביז די האַק האָט צעשפּאַלטן דעם זינען".

מיט לאַטעס אויף לייבער, צעשניטן אין פּאַסן,
מע טרייבט אונדז אין געטאָ, עס גייען די גאַסן.

די הייזער באַגלייטן, אויף אייביק געזעגנט
און שטיינערדיק ווערט יעדער גזירה באַגעגנט.

אין תּפֿילין ווי קרוינען מאַרשירן די זקנים,
אַ קעלבעלע גייט מיט אַ דאַרפֿסייד אין איינעם.
אַ פֿרוי שלעפּט אַ גוסס פֿאַרקלעמט אין די נעגל,
אַ צווייטער — אַ בינטעלע האָלץ אויף אַ וועגל.

און צווישן זיי אַלע — די לערערין מירע.
אַ קינד אויף איר אָרעם — אַ גילדענע לירע.
אַ קינד אויף איר אָרעם, ביים הענטל — אַ צווייטן,
אַרום די תּלמידים באַגלייטן, באַגלייטן.

(„די לערערין מירע")

די דאָזיקע לירע פֿון געטאָ איז אַ גלגול פֿון אַן אַנדער היימישן אינ־סטרומענט, וואָס שפּילט געלייטערטע טרויער־קריסטאַלן אין דער סימפֿאָניע פֿון סוצקעווערס ליריק:

מיין טאַטן האָט צו דרייסיק יאָר געפּלאַצט דאָס האַרץ
ביים שפּילן
ר' לוי יצחקס ניגון אויף אַ פֿידעלע, פֿאַר נאַכט.
די פֿידל האָט געצאַפּלט אויף זיין אַקסל ווי אַ קינד,
און איר שפּראַך —
אַ ליכטיקער מאַגנעט —
האָט צוגעצויגן
די ווייטע וועלט אין שאָטנדיקן כוטער,
ווו איך, אַ זיבניעריקער בעל־חלום,
האָב אַרום די פֿאָטערלעכע קני:ען
זיך געוויקלט.

(„צו דרייסיק יאָר")

מען דאַרף שוין זיין אַ הויפּט־עקשן, כּדי צו פּועלן ביי זיך, ג י ש ט

צו זיין אַ דיכטער, אויב מען טראָגט אין זיך אַזאַ אויפֿטרייסלענדיקן שלל פֿון קלעמענדיקן אומעט, וואָס זינגט אין געוויין פֿון די שורות. און ווייטער גייט דעם דיכטערס ביאָגראַפֿיע:

אַ מאָל, ווען איך בין אין אַ קעלער געלעגן,
ביינאַנד מיט אַ מת ווי אַ בויגן פּאַפּיר,
באַלויכטן מיט פֿאָספֿאָרנעם שניי פֿונעם באַלקן —
פֿאַרשריבן האָב איך מיט אַ שטיקעלע קויל
אַ ליד אויף פֿאַפּירענעם לייב פֿון מיין שכן.
(„אויטאָפּאָרטרעט")

דאָס איז דער פּאַטאָס פֿון פּשוטע ווערטער, יעדעס באַזונדער שוין גענוצט, אָבער אַלע אין איינעם: באַלאָדן מיט דער זעונג פֿון אַזאַ ווירקלעכקייט, צו וועלכער עס דערלאַנגט ניט די פֿאַנטאַזיע פֿון אַ וועלט מיט ליטעראַטורן. דאָס זענען סאַמע אַלטע, היימישע ווערטער, וואָס האָבן אַזאַ טויט נאָך קיין מאָל נישט באַטייט. יעדער דיכטער הייבט אָן די גאַנצע אומענדלעכקייט פֿון דער וועלט מיט זיין אייגענעם ווערק — זעונג פֿון בראשית — און יעדער שאַפֿט זיינע אייגענע שפּראַך־כלים, כדי זיך צו דערגרונטעווען צום פֿענאָמען פֿון דעם לעבנס טרויער. אַזוי איז יעדעס קונסטווערק פֿאַר זיך אַ צויבערדיקע איבעררעשונג: געציילטע ווערטער, אַ מאָל שעמעוודיקע, נאָך נישט אויסגעפּרוווטע — און אַזאַ שפּע מיט אויפֿלויכטנדיקן גלאַנץ פֿון אמת, ווי עס צעהעלט זיך אַ מאָל אַ בליץ אין אַ חורבה:

איך האָב געזען אַ זקן. אויף זיין שטערן —
אַ שיכעלע אַ קליינס אַנשטאָט אַ תּפֿיל.
אין דעם האָט ער געדאַוונט מיט געפֿיל
אין גאונס קלויז — די דערנער זאָלן הערן.
דורך מיינע פּלאָנטער־וועגן נע־ונדע,
איך זע אים ווי ער דאַוונט אויף אַצינד:
און אַנשטאָט אויפֿן תּפֿיל זאָל גלי'ען ש ד י
איז דאָרט אויף יידיש אויסגעקריצט מ י י ן ק י נ ד.
(פֿון ציקל „עפּיטאַפֿן")

גייט די הייליקייט פֿון די תּפֿילין, פֿון וועלכע ס'איז געבליבן איינער אַליין אַ „תּפֿיל״, אַן איינזאַמער, אַריבער אויף דעם שיכעלע, וואָס איז אויך גע־בליבן פֿאַריתומט, און שדי טרעט־אָפּ פֿאַר דעם אומגעקומענעם יידישן קינד. דאָס איז אַ העזהדיקער זאָג, אָבער אָן ציינקריצעניש און ביטערניש פֿון כּפֿירה, דערביי טיף באַגלויבט. דאָ איז אין קנאַפּע שטילע שורות צו־נויפֿגעפּרעסט די הימל־און ערד־שרייענדיקע קינה פֿון אונדזער לעבנס־פֿאַרוויסטונג, וואָס גייט פֿון שדי ביז צו די דערנער, וואָס טריקענען אין דער וועלט. דאָס זענען דעם „געוויינס ניגונים״, וואָס זינגען אין סוצקעווערס לידער מיט אַזאַ צימצום פֿון שפּראַך, כּמעט ניגונים אָן ווערטער: צוליב יראת־הכּבוד פֿאַר דעם טרויער.

אַזוי דערזינגט זיך אַברהם סוצקעווער צו דער מדרגה פֿון נאַציאָנאַלן מקונן ביי יידן — נישט צוליב דעם שטאָף, וואָס איז געפֿורעמט אין זיין ווערק, נאָר צוליב דער תּהלימדיקער לויטערקייט, וואָס קלאָגט אין זיינע געזאַנגען, און צוליב דעם באַגלויבטן לירישן עדות־זאָגן פֿון „אני הגבר״. ס'איז נישט שייך צו מאַכן, וואָס מען רופֿט אָן „אונטערצי״ פֿון אַ דיכטערישן ווערק, וואָס איז אַלט אין גאַנצן קרוב דרייסיק יאָר און האַלט אין מיטן קרעפֿטיקן זיך מיט העזה און כּוח און מיט בליציקער שאַרפֿונג פֿון די חושים, צו דערזען דאָס אוממעגלעכע:

אין איין אויג — אַ וואָלף,
אינעם צווייטן — דיין מאַמע.
ווּעסט זיי שויןביידן
ניט קאָנען צעשיידן.

(„ביסט געקומען אַ נאַקעטער״)

וואָלט איך נישט געציטערט פֿאַר דעם שטרענגן חשבון פֿון מוקדם ומאוחר, וואָלט איך מיך איינגעשטעלט צו זאָגן, אַז דער איינגעהאַלטענער סיני־פֿלאַקער, וואָס גליט אין סוצקעווערס לידער פֿון זיין לעצטן שאַפֿונג־פּעריאָד, זינגט־אַריין, אויף צוריקוועגס, מיט רעטראַאַקטיוון כּוח, אין דער צעפֿינקלטער פּראַכט פֿון זיין געפֿרוירענער סיבירער צויבערוועלט, מיט דעם טאַטנס צאַפּלדיקן רויטן פֿידעלע אין מיטן פֿון דער שניידיקער ווייסקייט, און מיט דעם וואָלף, אין שניי „אַ געשליפֿענער, אַ בלאַנקער פּירפּיסיקער

מעסער", וואָס וואָיעט אין דער וועלט דורך אַלע אייביקייטן. דאָס איז די אייגענע ליידנשאַפֿט פֿון קינסטלערישן אויסדרוק, דער אייגענער טרויער־גלאַנץ, וואָס באַקראַנצט יעדער שלמות:

מעסער. טאַטע. רויכיקע לוטשינע.
קינדהייט. קינד. אַ שאָטן נעמט אַראָפּ
ס׳פֿידעלע פֿון וואַנט, און דין־דין־דינע
שנייענקלאַנגען פֿאַלן אויף מיין קאָפּ.
שטיל. דאָס שפּילט דער טאַטע. און די קלאַנגען —
אויסגראַווירט אין לופֿטן, ווי אין פֿראָסט
זילבערלעך פֿון אָטעם בלאָ צעהאַנגען
אָבער שניי לבנהדיק באַגלאָזט.
דורך אַן אייזיק אָנגעפּעלצטן שייבל
שמעקט אַ וואָלף צום פֿלייש פֿון דער מוזיק.
(„אין כוטער", פֿון דער פּאָעמע „סיביר")

דאָס איז דער פּנים־אל־פּנים מיט דעם פֿענאָמען פֿון דער נאַטור — פֿאַר יעדן שטיק וועלט אַ האַלבע שורה פֿון צונויפֿגעפּרעסטן גלאַנץ: לאַנדשאַפֿט, מוזיק און קלינגענדיקע שטילקייט, וואָלף ביים שייבל און מענטש אין מיטן. דאָס איז צעזונגענער מאָלערישער פּאַטאָס, וואָס גיסט אויס זיין וועלטטרויער אין דיכטערישער אורשפּראַך. נישט ווער ס׳האָט צו ערשט באַזונגען די נאַטור, נאָר ווער ס׳האָט זי אויסגעזונגען ביז צום לעצטן צאַפּל פֿון גלאַנץ, נאָך וועלכן עס בלייבט שוין גאָרנישט — דערווייל גאָרנישט — ביז צו אַ נייעם אויפֿגאַנג פֿון אָנהייב. זינט יענעם אָנהייב מיט זיינע סיבירער לידער פֿאַרצוקט סוצקעווערס פֿאַרבקלאַנגדאָרשטיקער דיכטערבליק שטיקער וועלט און איז אַלץ נישט געזעטיקט.

עס טרעפֿט, אַז די נאַטור אַליין באַהאַלט אויס מיט חשד איר גלאַנץ, דעקט אים צו מיט פֿאַרהוילנקייט, אַזוי ווי אַ קאַפּריזנער אַנטיקוואַר, אַ קפּדן, וואָס האָט אין טוכלע קאַמערן סודותדיקע אוצרות. יאָגט פֿון זיך אַלוועלט־לעכע קאָלעקציאָנערן, די נייגעריקע נודניקעס, באַהאַלט פֿון זיי דעם אמתן שטיין אין טונקלענישן פֿון קאַבינעט, ביז עס וועט קומען דער רעכטער בעלן: נישט פֿאַר „יענע דאָרט". צעבליט זיך מיט פּלוצעמדיקן שטילן אויפֿ־

לויכט אין אַ טוץ דינע שורות אַ וועלט מיט שיינקייט, וואָס שטראַלט אָן אַ פּגם:

דער זונפאַרגאַנג האָט זיך פֿאַרעקשנט מיט העזה
צו בלייבן אין ים־סוף ביי נאַכט, ווען עס קומען
צום פּאַלאַץ פֿון וואַסער — די אומשולדיק ראָזע,
די איידעלע הירשן צו שטילן דעם גומען.

זיי לאָזן די זיידענע שאָטנס ביים באָרטן
און לעקן אין ים־סוף די רינגען פֿון קילקייט
מיט פֿידלענע פנימער לאַנגע. און דאָרטן
געשעט די פֿאַרקנסונג ביי זיי מיט דער שטילקייט.

געענדיקט — אַנטלויפֿן זיי. רויזיקע פֿלעקן
באַלעבן דעם זאַמד. נאָר עס בלייבן פֿול יאָמער
די זונפאַרגאַנג־הירשן אין וואַסער און לעקן
די שטילקייט פֿון יענע, וואָס זענען ניטאָ מער.
(„הירשן ביים ים־סוף")

איך האָב שוין לאַנג נישט באַגעגנט אויף יידיש אַזאַ באַרוישנדיק־שטילן ציטער־שפּיל פֿון שוועבנדיקע זיידענע שאָטנס און פֿידלענע פנימער, וואָס זינגען אָוונטלעכע קילקייט, אַזאַ פֿולן אויסגאָס פֿון געלייטערטער דיכטערישער שיינקייט, וואָס לאַשטשעט זיך, פֿאַרחידושט־הכנעהדיק, צום וווּנדער, ווי אין די דאָזיקע ברכי־נפשי־שורות פֿון אַברהם סוצקעווער. האָבן די הירשן, פֿאַרטאָן אין טרוים, געוואָרט מיט שמייכלדיקן אומעט: צי וועלן חברה פּאָעטן כאָטש דערגיין...

פֿאַראַנען אויף דער וועלט דיכטער ביישנים, וואָס זשאַלעווען זייער שפּע און שעמען זיך אַרויסצוזאָגן ביזן גרונט, אַזוי ווי שיינע, קאַפּריזנע פֿרויען פֿאַרגינען נישט זייער פֿולע אַנטבלויזטקייט — אָבער אַרויסגעזאָגטערהייט איז דאָס אַלץ ערשט אַ רמז אויף דעם, איך וואָלט געזאָגט: מיסטישן זמר צו דער וועלט, וואָס שאַלט אין טרויער און טרייסט אין סוצקעווערס דיכטונג, דאַכט זיך, די נאַטור אַליין איז פֿאַרחידושט און האָט הנאה פֿון איר

שטראַלנדיקן גלאַנץ: זי האָט זיך גאָרנישט געריכט, אַז דאָס אַלץ איז טאַקע זי. אַזאַ נאַטור־געזאַנג, וואָס האָט גאָרנישט צו טאָן מיט צודרינגלעכער „שילדעריי״, וואָס מאַכט „רעקלאַמע״ פֿאַרן קאָסמאָס, איז נאָר געמאָלט אין פֿולער האַרמאָניע פֿון דיכטער מיט דעם באַשאַף, אין וועלכער נאַטור און שפּראַך קאָרעספּאָנדירן אויפֿן ווונק און זענען זיך קעגנזייטיק מגלה נאָר צו דער צניעות. צו אַזעלכע סודות קען קיין מאָל נישט דערגיין דער ליטעראַט, וואָס שפּילט מיט דער נאַטור וווילזונגערישע ליבעס און נאָשט יצר־הרעדיק פֿון אירע שלייערן — כאָטש ער באַנוצט מסתמא די אייגענע ווערטער, אויב נישט נאָך פֿויגלדיקער — עס פֿעלט בלויז די שאַפֿערישע באַגלויבטקייט, אין וועלכער עס טובלט זיך דאָס דיכטערישע וואָרט.

קען זיין, אַז די נאַטור אַליין האָט צונויפֿגערופֿן די גאַנצע פּמליא צו דער שמחה פֿון „פֿאַרקנסונג״ אין אומבאַרירטן בראשית. און אין תוך איז פֿאַר דעם זעערישן בליק פֿון דיכטער די גאַנצע וועלט — ראַיאָן פֿון בראשית, וואָס פֿאַרשלייערט זיך מיט יעדער אַנטפּלעקונג. ווייס איך נישט, צי איז דאָס קבלה — נאָר אויב יאָ, מיין איך טאַקע זי:

אויסגעקוואָלן האָט אַ כמאַרע,
אויסגעמאָלן מיר אַ מראה:
נישט געביטן האָט זיך צפֿת,
ווי עס בייט זיך ניט קיין עפּל.
אַ גאַס.
אַ טרעפּל.
דאָ לעבט נאַדזשאַראַ.

אין צימערל איז אויגיק בלאָ,
אַ נעסט פֿאַר דער מוזיק פֿון דורות.
דאָ,
דאָ,
דאָ,
ציען זיך צו אים ציגורות
פֿון די שטערן און צוריק.
אַ ספֿרל אויף זיינע קני,

(ביים טרעפּל — וואַנדערער ווי לעמער)
און אַנטקעגן דער אַר״י
בעט אים: זינג אַ נייעם זמר.
(„נאַדזשאַראַ אין צפת״)

אפשר מעג מען זאָגן, אַז סוצקעווערס דיכטערישע באַגעגעניש מיט דער לאַנדשאַפט פון לויכטנדיקן אור הגנוז האָט נאָך מער אויסגעשאַרפט די דינקייט פון זיין חוש פאַר דער שיינקייט, וואָס האַלט זיך פאַרהוילן זינט די געזאַנגען פון שיר השירים און די כלות־הנפש־זמירות פון מקובלים, וואַרטנדיק ווי יין־המשומר, דאָ אין דער וועלט פון דער יצירה:

ווי פּשוט, קיין ווונדער ניט אויף אַ רפואה,
דערזעסט דעם באַשעפער דורך זאַמדענע גלאָזן.
אין שטעט אינדערלופטיקע ווײנט די נבואה,
ניט עלטער, ניט יינגער — ווי האָסט זי געלאָזן.
(„מעלה עקרבים״)

וואָלט איך נישט געציטערט פאַר שיכרות, ווייל זי האָט אַ טבע, אַז זי צעטרייסלט די מאָסן, וואָלט איך דאָ ווי אונטער אַ סך אַנדערע פון סוצקעווערס לידער, אַװעקגעשטעלט דאָס שעמעוודיקע וואָרט: האַרצרייסנדיקע שיינקייט. און וואָלט איך געקענט פועלן ביי דער נאַטור, וואָס האָט דאָך ליב צו מאָל אַ קאַפּריזנעם שפרונג, זי זאָל זיך אַ ווײלע אָפּזאָגן פון שאַבלאָן און אויסקאָמבינירן אַ מין דריי־איינציקע קינסטלער־געשטאַלט פון דיכטער־מאָלער־מוזיקער, וואָלט איך אין אַ היפּשן טייל פון סוצקעווערס שאַפן געזען דאָס ווערק פון אַזאַ קאָמפּליצירטער קינסטלער־פּערזענלעכקייט. וואָרעם אין דער אמתן: ווי קאָן מען טאַקע אויסקומען מיט איין־איינציקער קונסט־פאָרעם ביי אַזאַ פלייציקער שפע פון טרויער!

אַוודאי קען מען געפינען אין סוצקעווערס ווערק דאָ און דאָרט אויך לידער, וואָס מאַכן־נאָך זיין אייגענע מאַניער, און גראַמען, וואָס זענען נישט מער ווי „מאָדערניסטיש״. אַ מאָל ווערט אַ רגע פאַרטונקלט דער צוטרוי פון אַ דיכטער צו זיין אייגענעם וואָרט — נעמט ער דאָס פוצן מיט גוזמות הנדלעך, אַזש פון זיין וואַרעמער דינער בויגעוודיקייט ווערט קאַלטע איבער־

געשפּיצטקייט. מיין איך, אַז אַזעלכע ציטאַטן קאָן איך מיר גלאַט איינשפּאָרן, כאָטש זיי דערוועקן די אילוזיע פון „סאָלידער וויסנשאַפט" מיט זייער ליכט־ און שאָטן־סטאַטיסטיק. אין איצטיקן צוזאַמענהאַנג זע איך זיי ווי ליטעראַ־ רישע צופעליקייטן, וואָס כאַראַקטעריזירן נישט דעם הויכן באַרג אַרויף פון סוצקעווערס שאַפערישן וועג און זיין כוח צום קינסטלערישן שם המפורש, וואָס לעגיטימירט ערשט דעם דיכטער בכלל און באַרעכטיקט זיין אויסטער־ לישקייט. עס גייט דאָך וועגן דעם דיכטערישן וואָרט, אין וועלכן עס ציטערט דאָס דעלירים פון קאָסמאָס — נישט ווינציקער! — וואָרט פון זינגעוודיקער שאַרפקייט, פון גלאַנץ און חריפות און צאַפּל צום סוד, וואָרט פון קוהלת און פון איוב, נישט אויסגעטראַכט, נישט קאָנסטרויִרט אין דער ליטעראַרניע, געזאַנג, ווו אַלע ווערטער האַלטן זיך אין איינעם ווי קינדער, וואָס גייען ביי נאַכט:

אַזאַ געזאַנג נעמט זינגען אין די גלידער,
ווי בליצן וואָלטן עס אין מיר געזונגען!
גאָר הויך — די זון. אַ נאַכט איז אין דער נידער.
און רויטע הירשן זענען אויס די יונגען.
(„אין מידבר סיני")

דאָס זענען שוין ווידער אַנדערע הירשן, נישט די ציידענע מיט די פידלענע פנימער, וואָס זענען יעדן אָוונט מקדש דעם ים־סוף — קען זיין, די הידשן ביים ים־סוף, די מיט די „פידלענע פנימער", זענען אַ מין מיטאָ־זאָאָלאָגישער גילגול פון סוצקעווערס סיבירער וואָלף, וואָס האָט „דורך אַן אייזיק אָנגעפעלצטן שייבל" געשמעקט צום „פליש פון דער מוזיק" — אַ וואָלף אַ נאַשער. מיט דער דאָזיקער משפחה קערן זיך אויך אָן די אָדלערס פון דיכטערס „גייסטיקע ערד":

און ערגעץ פון אַ באַרג, ווי אַ משפחה
געקניפּטע אָדלערס, דורך מעת־לעתן לויערט
אַ רעגן. צווייגן פילן שוין זיין פּאַכע.
ביים אַקערן — אַן אַנדער גלאַנץ די רויערד.

דאָס איז געפּרעסטע נאַטור־שפּאַנונג פֿון יענעם ווייטן בראשיתדיקן ערב־רעגן אין מידבר. סוצקעווערס מאַגישע פֿאָרמולעס האָבן באַשווירן די נאַטור — האָט זי נישט געקענט אָפּזאָגן דעם סוד פֿון די געקניפּטע אָדלערס דאָרט אויבן. און מסתמא האָט אויך דער היישעריק, פֿון וועמען מיר זענען געווען אָפּגעפֿרעמדט זײַט דעם חומש, נישט געריכט זיך, אַז ער „זעגט אַראָפּ פֿון שאָטן ס׳ביסל קאָרע״ — בעת דאָס פֿייגעלע האָט, היימישער־הייט, „גראַווירט מיט רויטע טרעלן דעם האָריזאָנט״. דאָס איז סוצקעווערס לירישע מיסטעריע־שפּיל.

זינט מיר קענען אונדזער אַלטע ערד, האַלט זי אינטימע באַציונגען מיט דעם גייסט: אַוואַנטורע פֿון באַהעפֿט און צעשייד, וואָס טוען ביידע ווי. מיר דאַכט זיך, די „גייסטיקע ערד״ האָט געגנאַשט נייע וווּנדערס פֿון אַברהם סוצקעווערס בילדערישן עקסטאַז, פֿון זיינע פּאָעטישע זעונגען און זיין זינ־געווידיקער העלהעריקייט.

יוסף אָפּאַטאָשו

ווי אַ יידיש־שרייבער, מיין איך, איז יוסף אָפּאַטאָשו געווען דער ייִנגערער ברודער פֿון שלום אַש — כאָטש ביידע גרויסע פּראָזאַיקער האָבן אַרויסגעוויזן קנאָפּ נטיה, צו זיין גערעכט איינער אין אַנדערן. אין די יאָרן פֿון שטאַרק איבערגעשפּילטן פֿאַרמעסט צווישן „יונג און אַלט" אין דער ליטעראַטור האָט אָפּאַטאָשו אַ מאָל געשטעלט די רעטאָרישע פֿראַגע: „...ווער זענען די כהנים פֿון אונדזער ליטעראַטור, צי רייזען מיט זיין גרויער טאָגטעגלעכקייט, צי די, וואָס מיינען מיט שאַפֿן דאָס אייביקע ראַנגלען זיך, דאָס שלאָגן קאָפּ אין וואַנט, דאָס שטענדיקע ווערן זיך פֿאַרמעסטן מיטן אינסוף?"... דאָס איז געווען אין די ערשטע יאָרן נאָך דער באָלשעוויקישער רעוואָלוציע, ווען די ליטעראַטור האָט אויך געפּראַוועט יום־טובדיקן „איבערבראָך" אין די תקופֿות און יעדער געשריי האָט זיך פּראָקלאַמירט פֿאַר „עפּאָכאַל", יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק אַן עפּאָכע, און יעדע אַ בת־יחידה אין דער אייביקייט — און דעמאָלט, אַז דער „אויפֿברויז" האָט דערמאָנט דעם נאָמען אַברהם רייזען, האָט ער שוין, אין איין בכבודיקן ביטול, אין זינען געהאַט שלום אַש אויך.

אַוודאי דאַרף מען זאָגן, פֿאַר נעכטן און פֿאַר היינט, אַז וויכטיקער פֿאַר יעדער ליטעראַטור, און אויך פֿאַר דער יידישער, איז צו האָבן שאַפֿערישע קינסטלער, איידער „כהנים" — און אַז דער „גאָט אין האַרצן", וואָס אָפּאַטאָשו מאָנט ביים שרייבער אויף אַן אַנדער אָרט, איז אין תוך נישט מער ווי אַ מין פּאַטעטישע פֿאַרמולירונג פֿון דעם, וואָס מיר אַלע מיינען: קינסטלערישער שאַפֿונגס־כוח. נאָך אַלעמען ליגט דאָך דער באַטייט פֿון י. אָפּאַטאָשו פֿאַר דער יידישער ליטעראַטור נישט אין דעם מליצהדיקן „שלאָגן קאָפּ אין וואַנט" פֿון פֿאַלעמישע יאָרן ווי אין דעם ווערק, וואָס ער האָט געשאַפֿן, וואָרעם „ווערן פֿאַרמעסטן זיך מיטן אינסוף" קאָנען אַנדערע אויך. דערצו מוז מען

אַפּילו קיין דיכטער נישט זיין. „ראַנגלען זיך" איז אַן ענין פֿון בצינעה, יעדער פֿאַר זיך, ווען קיינער זעט נישט — ווייזן אָבער ווייזט מען דעם נצחון: דאָס ווערק.

אָבער צוריק צום אָנהייב. יוסף אָפּאַטאָשו, ווי זיין עלטערער ברודער אין דער יידישער ליטעראַטור, שלום אַש, זענען ביידע אויסגעוואַקסן אין דער ראָמאַנטיק פֿון פּויליש־יידישן שטעטל — וואָס פֿאַר איינעם קוטנע, איז פֿאַרן אַנדערן מלאווע. אמת, די שטוב איז אַנדערש און ממילא אויך דאָס „שטיבל", דאָ און דאָרט אַ באַזונדער ניואַנס אין סביבה, חינוך, משפּחה, השפּעות. די לאַנדשאַפֿט האָט דעם אייגענעם ווייכן קאָלאָריט פֿון שבת־פֿאַר־נאַכטיקע הימלען, וואָס זינגען זיך אויס אין די לירישע נאַטור־שילדערונגען ביי ביידע מחברים. צווישן די „גאָט פֿון אַברהם"־סענטימענטן, וואָס זענען כאַראַקטעריסטיש פֿאַר ביידע שריפֿטשטעלער, טוט מיט אַ מאָל אַ פּילדער דער בעלעטריסטישער נאַטוראַליזם פֿון די „יונגען", וואָס מיר באַגעגענען אין אַשס „קוילער־געסל" ווי אין אָפּאַטאָשוס שטייגער־שילדערונגען אַרום דעם „פֿערד־גנבֿ". פֿאַר ביידע פּראָזאַיקער איז דאָס שטעטל דער שאַפֿערישער אויסגאַנג־פּונקט, כאָטש אין אָפּאַטאָשוס נוסח ווערט באַלד בולט רעאַליס־טישע שפּיציקייט מיט אַ מין יצר־הרע פֿון לומדישער חריפֿות אין דער קינסטלערישער כאַראַקטעריזירונג פֿון זיינע געשטאַלטן.

אויך די אַנטיטעטיק פֿון די סוזשעטן שטרייכט זיך אַליין אונטער אין די ווערק פֿון שלום אַש און יוסף אָפּאַטאָשו: יחוס און אונטערוועלט, לומדים, חסידים און פּראָסטאַקעס. ביידע מחברים האָבן זיך אין אָרגאַנישער אַנט־וויקלונג אויפֿגעהויבן פֿון דער ענגער שטעטלדיקער טעמאַטיק צו דער רייכער געשטאַלטן־און אידעען־וועלט, וואָס מיר באַגעגענען אין דער געזעלשאַפֿט־מאָלעריי און אין די משיח־שטימונגען פֿון אָפּאַטאָשוס טרילאָגיע „אין פּוילישע וועלדער" ווי פֿון אַשס ברייט פֿאַרמאָסטענעם עפּישן ווערק „וואַרשע, פּעטערבורג, מאָסקווע". סיי שלום אַש, סיי יוסף אָפּאַטאָשו שפּירן נאָך מיט קינסטלערישער נייגער די באַהאַלטענע גורל־צוזאַמענהאַנגען אין דער יידישער לעבנס־פּראָבלעמאַטיק פֿון דורות. ביידע וויקלען פֿונאַנדער מיט עקספּאַנסיווער העזה גרויסע קאָנפֿליקטיקע היסטאָרישע פֿרעסקאָס: רבי עקיבא ביי אָפּאַטאָשו און ישו ביי שלום אַש, העלדישער אויפֿשטאַנד פֿון בר־כוכבא און טראַגישער איבערשניט פֿון יידישן וועלט־גאַנג ביים

אויפֿקום פֿון קריסטנטום.ביידע עפּיקער זענען טיף איינגעהאָרכט אין האַרצקלאַפּ פֿון יידישער געשיכטע,ביידע שילדערן מיט הייסער פֿאַרביקייט צאַפּלדיקע שטיקער יידישע מענטשהייט ביים דראַמאַטישן ווענדפּונקט פֿון תקופֿות.

אָבער עס גייט נישט וועגן דערפֿירן ביז אַ סוף דעם פּאַראַלעל צווישן שלום אַש און יוסף אָפּאַטאָשו — בפֿרט אַז יעדער קינסטלער האָט מסתמא געננוג צרות פֿון זיין אייגענעם טאַלאַנט; איז נישט קיין תכלית צו קאָמפּלי־צירן דעם פּענאָמען מיט פֿאַרגלייכענישן. אַודאי קאָן מען זאָגן, אַז שלום אַש איז עלעמענטאַרער, שטורעמדיקער אין זיין בעלעטריסטישער לייַדנשאַפֿט — אָבער יוסף אָפּאַטאָשו איז אין דער ספֿערע פֿון ר׳ עקיבא מער אויטענטיש און לעגיטים, אַן אייגענער אין דער וועלט פֿון די מקורות, צווישן תנאים און עמי ארצים, צווישן פּרושים, בונטאַרן און משיח־טרוימער, צווישן העלע־ניזירטע סאַלאָן־יהודים און רוימישע מיליטערלייט און אין זיין ווערק קניפּט זיך אַ בונטער דערציילערישער דיוואַן פֿון יידישער גורל־גאַנצקייט דורך דורות.

*

יוסף אָפּאַטאָשוס געשטאַלטן און בילדערישע מחשבות, זיין אידעען־וועלט און זיין פּאַטאָס, זיין הומאָר און זיינע דינע גראַווירונגען, די ספּע־רישע שטימונג־מאָלעריי פֿון טונקעלע דורות און די כאַראַקטעריזיר־לוסט פֿון זיין רעאַליזם זענען אַן אינטעגראַלער טייל פֿון אונדזער אַלעמענס ליטע־ראַטור־באַוווסטזיין. שווער צו טראַכטן וועגן מאָדערנער יידישער ליטע־ראַטור אָן אָפּאַטאָשוס פּלאַסטישן כוח, אָן זיין לעבעדיקן גייסט פֿון אומרו, וואָס זוכט דעם סוד פֿון פֿאָלקס־קיום אין פֿאַרזונקענע דורות, זוכט דעם איינזאַמען יידישן מענטש אין טונקלען תוהו ובוהו, פֿון היינט און פֿון נעכטן, דעם „לשם יחוד“ פֿון זיין גורל, זיין גדלות, די ליידנשאַפֿט פֿון זיין אמונה, זיין לעבנס־עקשנות, זיין טראַגישע שיינקייט.

די יידישע שרייבערס פֿון אָפּאַטאָשוס דור האָבן נאָך, הייסט עס, געהאַט גענוג צייט זיך צו צייטיקן קינסטלעריש, זיך אָנזעטיקן מיט שאַפֿערישן לעבנס־כוח — האָט מען קיינעם נישט געיאָגט. אָט איז אַ וועלט מיט יידן, נאָך יידן, של מעלה און של מטה, מיט שטייגער פֿון דורות, מיט אויסטער־לישן גורל, מיט אַן אייגענעם גאָט, וואָס וואָלט־מיט אונטער פֿרעמדע הימלען,

גאָלדענע קייט פֿון משפּחות און דינאַסטיעס, וואָס פֿלעכט זיך און ברעכט זיך אין אַלערליי לענדער, אין שטעט און שטעטלעך, אין פּוילישע וועלדער און אויף גוייִשע יאַרידים, אין רבישע הויפֿן און לומדישע קלויזן, צווישן באַריקאַדן, משכּילישע שטיבער און סוחרישע קאַנטאָרן, ווו מען צערעכנט זיך און קריגט זיך, טוט שידוכים און מ׳איז מגדל דורות, צווישן מילן, בית־דין־שטיבער, קרעטשמעס און דאַנציגער מסחרים.

מיר קענען די יידן פֿון אַשס דערציילערישער וועלט, פּונקט אַזוי ווי פֿון יוסף אָפּאַטאָשוס „פּוילישע וועלדער״, פֿון י. י. זינגער, יצחק באַשעוויס א. אַ. מיר קענען די יידישע לאַנדשאַפֿט צווישן גוייִשע קלויסטערס און צערק־וועס, וואָס צעשטעכן מיט שווערע צלמים דעם שבתדיקן שקיעה־הימל פֿון חסידישן „שעת רחמים״. מיר געדענקען די גערעטענע איידעמלעך אין הסידישע סאַליעס, וואָס לערנען זוהר מיט גראַף פּינינסקי און האָבן צו טאָן מיט האַרבע רמב״מס און מיט די איינגעלייגטע נדבים ביי אָנזעצערישע שווערס. ס׳אַ וועלט פֿון וואַלד־יידן, מקובלים און חסידישע בונטאַרן, מיט צעכראַסטעטן אַטלאַס אויף די לייבער, מיט פֿלעשער 96־ער אין הייסע פּאַזוכעס, מיט ספֿרי־תורה און רוגזה אויף כּביכול — און אַנדערע בונטאַרן, ווידער, אין קייטן און תּפֿיסות, וואָס האָבן זיך זייער רוגזה און ווילן אויף זייער שטייגער פֿאַרריכטן די וועלט.

טרעפֿן מיר יידן אויפֿן פֿערד און אונטער די רעדער, סוחרים, מעק־לערס, בוררים און קרומע קעפּ מיט שכל הישר, יורדים, וואָס אין גוטע צייטן האָבן זיי נישט געהאַט קיין פּרנסה, למד־וואָווניקעס, וואָס סודן זיך מיט דער שכינה, און בעטלערס, וואָס רייסן ביי די פּאָלעס, אָרעמע לייט פֿון אַלע גילדעס און מחנות, קאַליקעס, געבוירענע און געענדיקטע, מיט וועלכע מען קאָן באַטיילן גאַנצע יאָרהונדערטער — דאָס אַלץ און נאָך אַ סך, אַ סך מער איז דיינס, יידישער שרייבער: נעם און באַשאַף אַ וועלט! דאָס איז די פּאַנאָראַמע פֿון גדלות און עלנט, וואָס בליצט און פֿינצטערט אויך אין דער שרייבערישער וועלט פֿון יוסף אָפּאַטאָשו.

זיין אויסדרוק־גליק פֿאַרגינט אויך דעם לעזער די פֿולע פֿרייד פֿון איבעררעאַשונג, וואָס שטראַלט אַרויס פֿון דער איבערלעבונג פֿון שיינקייט. אָפּאַטאָשו איז דער מייסטער פֿון דער בעלעטריסטישער מיניאַטור אויך אין די אַזוי גערופֿענע „גרויסע לייוונטן״, וואָס גרויס ווערן זיי ערשט אין דער

שלמות און אין דעם קינסטלערישן אמת פֿון יעדער „קלייניקייט" באַזונדער. לייגט ער אַריין אין ציזעלירטע גאָלדשמיד־גראַוויורן דעם גאַנצן בילדערישן יצר־הרע, די תאווה פֿון זען ביזן גרונט, אָנשיכורן די חושים מיט קאָלאָריט און ריטעם, מיט חן פֿון עלאַסטישן בויג. אַ מאָל דערמאָנט מיך אַפּאַטאָשוס געשטאַלטן־וועלט דעם אַטעליע פֿון אַ סקולפּטאָר: ליכט און טונקל און קאַל־טער שטויב אויף טאַרזאָס און האַלבע פֿיגורן, וואָס זענען נאָך נישט זיכער מיט זייער שם־המפֿורש און צאַפּלען צום גליק פֿון פֿאַרענדיקונג: צו זייער תיקון. אָבער דער אומרו טרייבט און עס וואַקסן אונטער אַנדערע שטיקער געשטאַלטן־בראָכוואַרג, אָפֿט מיט ברוטאַלער נאַקעטקייט — און כמעט אַלע מאָל איז די האַלבע פּלייצע, וואָס פֿעלט דעם טאַרזאָ, רירעוודיקער, אַרויס־זאָגערישער פֿון אַ גאַנצן קאָמפּלעט פֿון רמ"ח אברים. אין דעם זין איז מסתמא יעדער קינסטלער אַ מיסטיקער און מקובל.

קוקט מען זיך איין אין אַפּאַטאָשוס פּנים: אַלטיידישער פּנים, געצייכנט אויף די פֿאַרגעלטע שער־בלעטער פֿון פֿאַרצייטיקע ספֿרים, וואָס זענען אַרויס אין אַמשטערדאַם צי אין וויניציאַ, ציטעריקע בינטלעך פֿיליגראַן־קנייטשן אונטער טרויריק קלוגע אויגן פֿון אַ תלמיד־חכם, וואָס ווייסט מער, ווי ער גלייבט אַליין — און גלייבט נאָך טיפֿער — און דער קאָפּ לויכט מיט מאַטן שיין אויף דער שמאָלער פּליצע, לייכט איבערגעבויגן. זיין געשטאַלט דער־מאָנט אַ שטיק לעבעדיקן פֿאַרצייטנס, וואָס איז פֿאַרבלאָנדזשעט געוואָרן אין אונדזער דור: אַ וועלט מיט זיידעס, אייגענע, אַלעמענס, גרויע יאָר־הונדערטער און נאָך פֿריערדיקערע, שימערירנדיקער פּאַרמעט און ווייכער פּערלמוטער, חריפֿות און וואַרעמע לויטערקייט — זיידעס אין טוכלע האַנדל־שטיבער און טונקעלע בתי־מדרשים הינטער פּוילישע קלויסטערס און דייטשישע געטאָ־מויערן, זיידעס מיט שפּיציקע שפּאָט־מיצלעך און גדלות אין דער שפֿלות, זיידעס, וואָס זענען אַזוי אַלט געוואָרן, ווייל מ'האָט זיי נישט געלאָזט לעבן אויף דער וועלט, גרייז און גרוי געוואָרן אין אַ מין קעניגלעכן פּורפּור־שוואַרץ פֿון אונדזער געשיכטע.

אַפּאַטאָשוס זיכערער גאַנג צום נאָענטן און ווייטן פֿאַרצייטנס האָט נישט אָפּגעשוואַכט אין אים דעם בעלעטריסט, וואָס קוקט מיט קינסטלערישער פֿרייהייט אויף דעם מיטלאַלטערלעכן רעגנסבורג, ווי אויף מלאווע פֿון היינ־טיקן נעכטן, אויף טאַנהויזן און פּראָג, ווי אויף דער ניו־יאָרקער איסט־סייד,

ווי אויף אַלט־ירושלים פֿון ר׳ עקיבא און אויף רוים פֿון די קאָנסולן און גלאַדיאַטאָרן. ער פֿאַרלירט זיך נישט אין היסטאָרישע קאָסטיומען און עקזאָטישע כלים און אין טאַנדעט פֿון קאָלאָרירטע מוזעאַלע לאַכעס מיט שפּאָגלנייעם אַרכעאָלאָגישן שימל, וואָס ווערט פּראָדוצירט אין האָליווּד און וואָס האָט זיך פֿון דאָרט אַריינגעכאַפּט אויך אין אַ געווויסן סאָרט היסטאָרישע בעלעטריסטיק.

יעדעס ווערק פון אַ דיכטער און אַלע שאַפֿונגען אין איינעם זענען איין ברייט פֿאַרמאָסטענע קאָלעקטיווע אויטאָביאָגראַפֿיע פֿון אים אַליין און פֿון אַלע אַרום אים און פֿאַר אים, ביז העט ווייט צוריק צו די סאַמע קדמונים, וואָס טליען נאָך אין זיין נשמה און קוקן אים אַריבער איבער דער פּלייצע, טיף אין זיינע היינטיקע שורות. אַ מאָל איז אָפּאַטאָשו אַזש איבערשאַרף אין זיין אָבסערוואַציע, אין זיין בעלעטריסטישער מעטאָדיק און דאָס חסידות גייט ביי אים אָן „פּינטעלעך״. ער האַלט זיך אידעיש פֿאַר אַ תּלמיד פֿון י. ל. פּרץ — אָבער קינסטלעריש, דאַכט זיך, איז ער אַוועק ווייטער פֿון זיין מייסטער, פּונקט ווי פּרץ אַליין איז אין אַ טייל פֿון זיינע פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן איבערגעוואַקסן העכער איבער זיך.

איך ווייס נישט, צי איז אָפּאַטאָשו געווען אַ קינסטלערישער גאָט־זוכער, ווי די מליצה וויל האָבן, און דער עיקר ווייס איך נישט, וואָס איז דער מענטש, אַז ער איז אַ גאָט־זוכער, און ווער איז דאָס נישט: ווער ווייסט דען בכלל דעם וועג פֿון נישט זוכן? אָבער איך בין כמעט ווי זיכער, אַז „זוכן גאָט״ הייסט ביי אַ שריפֿטשטעלער: געפֿינען דעם מענטש. דאָס איז אונטערבאַוווסטער הומאַניזם, וועגן וועלכן מען דאַרף נישט רעדן: אַטמאָספֿערע. אין אָפּאַטאָשוס ווערק איז אַזאַ געשמאַקער גערודער פֿון לעבעדיקע געשטאַלטן, פֿולבלוטיקע, כוח גבראַניקעס פֿון קיום, פֿון ליבע, האַס, טרויער, פֿרייד — אַז ס׳ווערט פּשוט היימלעכער אין זייער געזעלשאַפֿט.

מיר קענען דעם פֿאַרביקן געזעמל פֿון מענטשן און חיות אין אָפּאַטאָשוס ווערק, הינטשלעגערס און טאַקע די הינט אַליין, ראַסאָווע, קיילערישע הינט, וואָס פילדערן מיט אַנימאַלישער אור־פּאַרע און בעטן זיך, האָווקעדיק, אַ תּיקון אין זייער געביל: הייליקער א״ב, אַנגעגאָסן מיט הינטישער יוכע. דאָס איז הייסער געדראַנג פֿון קדושה און סיטרא אַחרא, געהויבענע און געפֿאַלענע און טונקעלע גילגולים פֿון אונטערוועלט של מעלה. דאָס איז בונטער בראַב־

וואָרג פֿון אַ וועלט, וואָס האַלט זיך פֿאַר אַ מושלם, צעקרישלטע שטיקער האַרץ פֿון דער וועלט — נישט פֿאַראַנען, זאָגן חסידים, קיין מער שלמותדיקע זאַך, ווי אַ צעבראָכן האַרץ.

און איך בין נאָך אַלץ נישט זיכער, צי מיינט נישט ליטעראַטור קודם כל: פֿאַרמערן מיט יעדן שאַפֿערישן וואָרט, מיט יעדן ליד און יעדן בילד דעם פֿאַרמעג פֿון שיינקייט אויף דער וועלט, פֿאַרריכטן איר צעריסנקייט, וואָס ווייטיקט אין אונדז אַלעמען, רעהאַביליטירן דעם געשענדעטן צלם אלהים אין דעם צעיושעטן תוהו ובוהו, וואָס וואָלט זיך מסתמא סיי ווי געווען גע־כאַפּט אויף די פּגימות אין דער יצירה, ווען דער וועלטבאַשאַף וואָלט נישט אַזוי געיאָגט יענעם פֿרייטיק פֿאַרנאַכט פֿון די ששת ימי בראשית, פֿאַרטיק צו מאַכן אין איילעניש דעם מענטש, די קרוין, פֿאַרטיק מאַכן פֿאַר דעם „ויכולו״ — כדי צו קאָנען צושטעלן וואָס גרעסערע קאָדרעס באַשעפֿענישן צו דעם געפּלאַנטן וועלט־אומקום.

און אפֿשר זענען גערעכט די מקובלים, אַז די וועלט איז מיט אַ כיוון באַשאַפֿן געוואָרן מיט אַזאַ פֿאַרפֿונדעוועטער צעבראָכנקייט, כדי דער גייס־טיקער מענטש — און דאָס הייסט: יעדער אויף זיין אָרט — זאָל נישט אַרומגיין ליידיק אויף דעם עולם. זאָל ער העלפֿן פֿאַרענדיקן די מעשי בראַ־שית מיט זיין אייגענער יצירה. זאָל ער אַריינדיכטן־אַריינטראַכטן אין דער וועלט אַלץ, וואָס זי האָט נישט, און דערפֿירן זי צו שלמות און צו שלום מיט זיך אַליין. דאָס איז דער דרך פֿון דיכטער אין פּאָעזיע און פּראָזע, אין אַלטן און אין נייעם סטיל, אין דעם איינציק גילטיקן סטיל, וואָס איז לעגיטימירט דורך דעם שאַפֿערישן אמת. דאָס איז אויך דער קינסטלערישער דרך פֿון יוסף אָפּאַטאָשו.

שווער, צו שרייבן שווער

וועגן א. מ. פוקס

ס׳איז אַלע מאָל ווינטער אין א. מ. פוקס אַנגעלאָדענע, אָפּט מייסטע־רישע שילדערונגען פון פאַרמבולדיקער אומקומעניש. אפשר האָט זיך די נאַטור, ערב תוהו־ובוהו, אַרומגעזען, אַז ס׳איז צייט צו טאָן אַ דראַסטישן שניט אין דער אַלטפּרענקישער חומשדיקער אָרדענונג פון „קיץ וחורף״, איידער דער באַשאַף ציט זיך אין גאַנצן צוריק פון דער אַוואַנטורע — מסתמא, נימאס. ביז דעמאָלט וועט זיין געַנוג אין איינציקע תקופה פאַרן גאַנצן יאָר: ווינטער. זיין שאַרפּע פּראַסטיקייט האָט זיך טיף איינגעגראַווירט אין דער לאַנדשאַפט, און גליוער איז דער נאַטירלעכער הינטערגרונט פאַר אַלע גרוילן — אַז עס לוינט זיך איר אַפילו נישט צו ניואַנסירן די אימה. פונקט אַזוי קאַרגט דער באַשאַף צו נעמען דיפערענצירן די אָרעמקייט, וואָס האָט אויף זיך אַזוי שווער געהאַרעוועט אין פוקס דערציילערישער וועלט, צוטיילן יעדן איינעם פון פוקס מענטשן אַ באַזונדער פנים, אפשר נאָך מיט „שטריכן״, ווי ביי לייטן: נישטאָ פון וואַנען.

זיינע יידן זענען כמעט אַלע „צעקנאָדערט און געדראָלן״, געקאָוועט, גבורהדיק, סאַמע איבערדימענסיאָנירטע דעמבענע פאַרשוינען מיט פּעל־דזיקע נאַקנס און אייזערנע קולאַקעס, אַ שבט אַזאַ, וואָס קאַטעוועט זיך מיט שקצים, שטויסט זיך מיט די קעפּ ווי די ביקעס — און די נאַטור, מוז מען זאָגן, האָט דאָ אויך נישט קיין לייכט לעבן: „דאָס איז געווען די לאַסט פון אַ ווינטערדיק געטונקלטן, ווי געגעפּלטן טאָגבאַגינען, וואָס איז פּראַסטיק קאַלט, שווער און אייז־אַנגעפרוירן, אַזוי ווי אין אייזן געפּאַנצערט און ליידיק געשפּרייט אין גאָרער פאַרשיטונג פון נאַכטיק פאַרהוילענע מר־הקים — —״ („אַ שליטן אין מאַרק״).

אַ שווערע לאַסט: אויך דער זאַץ. ער איז אָנגעפּראַפּט מיט געשטאַל־

טערישער כוונה — אָבער אויפֿן וועג צו איר קינסטלערישער רעאַליזירונג דרייט זיך די כוונה אָפּט צוריק אַריין אין זיך, צוריק אַריין אין מקור, און הייבט ווידער אָן מאָלן דאָס אייגענע פֿון דאָס ניי. אַן אַפּגעהיטער ייד ביים דאַווענען, וואָס ס׳איז אים אָן עבירה צו ענדיקן אַ תּפֿילה, קערט זיך אום צום פּסוק, חזרט די ווערטער און ציילט זיי, צי האָט ער זיך נישט טועה געווען.

„טויב און שווער באַלאָדן״ — הייסט עס אויף אַן אַנדער אָרט ביי פֿוקסן — „מיט זיינע גרימיק געטונקלטע לאַסט־סודות האָט דער כמאַרע־אָנגעדראָלענער ווינטער־הימל ווי אַן אייזערנע דעק געהויערט אימהדיק־נידעריק איבער דעם תּהומיק־געטיפֿטן שווייגן פֿון נאַכטיק פֿאַרזונקענעם וועלטגליוווער״.

אונטער אַזאַ ווינטער־הימל, וואָס זיין וועלט־גליוווער וואָלט איך אים געגלייבט אויפֿן בלויזן שווייגן, אויף דער נאַטורס אַנגעכמורעטן שווייגן, אָן דער באַלאָדעניש מיט בעלעטריסטיק — איז קיין חידוש נישט, וואָס אין שטוב זיצט לייזער אין אַ גרוב און פֿאַרריכט אַ טאַרבע. די גרוב פֿון אונטן איז די האַרמאָנישע ספֿערן־דערגאַנצונג צו דער הימלדיקער גרוב פֿון אויבן, און אויסגעגראָבן איז די גרוב, מסתמא, צוליב דעם תּהילימדיקן ממעמקים פֿון לייזערס דאַליע — כאָטש, לויט מיין געפֿיל, איז גענוג דאָס שטיבל, וואָס איז פֿאַר זיך אַליין אַ גרוב, און מ׳דאַרף זיך נישט נאָכגעבן קיין אַר־כיטעקטאָנישן שווילטאָג. פֿון אָט דער גרוב לאָזן זיך אַרויס צוויי יידן איבער די דערפֿער, האַנדלען. נעמט זיך אַ ייד פֿאַר טאָג זוכן פּרנסה, איז דאָס כמעט עבודת־הבורא פֿון דעם אביונס השכמה. די יידן שפּרייזן מיט פּחדים איבערן דאָרף, וואָס איז אָנגעשטאָפּט מיט גויישער זעט. „די ליימענע כאַטעס זענען וואַרעם איינגעפּעקלט אין שטרוי, אָנגעפּלייצט אינעווייניק מיט זאַט צעפּאַרעטע ריחות פֿון היימישע געקעכצן — און איבער דער צעגאָסענער שפּע געוועלטיקט די ברייט צעוויגטע גויע אין לייוונטענעם סטאַן, פֿאַר־הויבן איבער די שטיוול״.

ער שענקט נישט גאָרנישט, אַ. מ. פֿוקס, אין זיין בעלעטריסטישער זשעד־נעקייט, זי גאָרט נאָך יעדער זערנע רעאַליטעט, נאָך יעדן קנייטש און יעדן סענק אין דער נאַטור, וואָס העלפֿט אים דערגרונטעווען זיך צו זיין שרייבע־רישער וועלט. ווי זאָל ער „שענקען״, אַז שרייבן קומט אָן אַזוי שווער יעדן עכטן, באַרופֿענעם שרייבער, אַפֿילו עס דאַכט זיך אים, ער שרייבט לייכט —

און אפֿשר מעג מען זאָגן, אַז א. מ. פֿוקס איז אַ מייסטער אין שווער מאַכן זיך זיין שרייבן.

אַוודאי, אָפֿט זענען זיינע זאַצן איבערגעפּאַקט מיט יאָדרעס, וואָס שטויסן זיך, דראַפּען זיך איינע אויף דער אַנדערער, באַשווערן דעם ריטעם, אַ מאָל דעם טייטש — און טייל מאָל קומט אויס, אַז זיי ווילן זיך אַליין אָפּטאָן אַ שפּיצל. זיין פֿאַרליבטקייט אין בילדערישן וואָרט איז נישט פֿריי פֿון באַהאַלטענעם אומצוטרוי צו זיך אַליין. ער ציטערט פֿאַר געגנאַרעניש און שטענדיק האָט ער מורא, טאָמער איז ער אַלץ נישט יוצא פֿאַר זיין סטיליסטישן געוויסן — לייגט ער צו נאָך ליכט און נאָך שאָטן, דער עיקר שאָטן, נאָך פּלייצעס און קאַרעניעס, נאָך נאַטורשטימונג פֿון ברכי־נפֿשי־מיסטיק, אַז די קאָמפּאָזיציע זיפּצט היפּש אונטער. ער קאָנדענסירט דאָס וואָרטבילד, פֿוגעוועט דעם זאַץ־בנין, רונדיקט די פֿיגור פֿון אַלע זייטן, אַז זי ווערט אַזש אָנגעדראָלן מיט כּוחות.

איך זע, מיין מעטאַפֿאָריק האָט דערוויל געכאַפּט הלוואות ביי פּלאַסטיק, מאָלעריי, אַרכיטעקטור — איז שוין נישט וויט צו דער וואָרעמער וואָרצלדיקייט פֿון פֿאַרצייטיקער מייסטערישער האָלצשניצעריי, נאָענט צו נאַטור און צו פֿאָלק: אַ שלל מיט קאַנטן, וואָס צווישן די סענקעס און אָדערן איז איינגעפּרעסט אויסדרוק פֿון שטומער בולטקייט.

„דאָס ווייס געפּרעסטע שנייפֿעלד האָט געבלענדט די וועלט מיט אַזאַ וווּנדיק־שאַרפֿער פֿראָסטיק־צעבליצטער לויטערקייט, אַז ס'האָט זיך געדאַכט, אַז אין דער זילבעריק געבלויערטער טיפֿעניש פֿון דעם שטראַליקגעליכטיקטן ווינטערטאָג איז ווי אויפֿן גרונט פֿון אַ קלאָרן טייך פֿאַרהוילן עפּעס אַ שווערער שאָטן־גליווער, וואָס פֿאַרצערט דעם אָטעם מיט טונקעלער אימה" („דער לאַנדשטורמאַן").

דער זאַץ איז אָנגעפּאַקט מיט אַ שפּע צימצום — און די „אימה", האָב איך מורא, פֿרעגט זיך אַליין אָפּ אין דער געדיכטער פּלייצעניש פֿון גליווער. ראַטעוועט אַ ייד ביי נאַכט די שטוב פֿון אַ שריפֿה, כאַפּט ער אין דער שרעק און יאָגעניש, ביי דער שיין פֿון די פֿלאַמען, אַלץ וואָס קומט אונטער דער האַנט, שטופּט אַלץ אַריין אין דעם שווערן קופֿערט אויף רעדער און קוקט גאָרנישט, וואָס די זאַכן צעקנאָדערן זיך אין דער אָנגעשטאָפּטקייט: אַלץ וועט מען דאַרפֿן, אַלץ. קערט מען זיך אום צוריק און מען ראַטעוועט נאָך.

דאָס איז בהלה־באַלעבאַטישקייט. די צרה פֿון דער וועלט איז די גייסטיקע נישט־דערזאָגטקייט, די לויזע, כאַפּעדיקע אָפּגעריסנקייט, די אָפּגעריסנקייט און די רוגזה — קומען אַרויס אָנגעיאָגטע רוחות, וואָס האָבן נישט דער־לעבט צו ווערן געשטאַלטן, צו פֿאַרריכטן מיט זייער קיום די פּגימות פֿון באַשאַף.

עס געדענקען זיך א. מ. פֿוקס כתב־ידן פֿון אַמאָליקע יאָרן: גרויסע שורות, וואָס די גלייכע צווישן זיי זענען אויך באַלכסון. זיי שטופּן זיך איינע אין דער אַנדערער, אַלע אויף אַלעמען, שורות געמעקטע, געקלעקטע, מער געמעקטע ווי געשריבענע: באַלד לכתחילה געמעקט נאָך נישט־געשריבענע זאַצן — סיי ווי: זיי וועלן דען טויגן? דערצו זענען די ראַנדן פֿון די בלעטער אויף אַלע זייטן באַהאָנגען מיט גרויסע און קליינע וואָרטטאָרבעס, אָנגע־שפּיגעוועט מיט פּרטים, מיט ברעקלעך בילדער, מיט פֿאַרבפֿלעקן, ניואַנסן, רעטושן, אַריינפֿלעכטונגען, וואָס האָבן אַלע איין ציל: אַוועקשטעלן די זאַכן אויף זייער אָרט, דערגיין צו גלייכוואָג און פֿאַרפֿונדעוועטקייט אין דער געשילדערטער וועלט. ווי זשע קאָן מען זוכה זיין דערצו, אַז ס'איז גאָרנישט פֿאַראַנען קיין געגנוג ביי דעם בעלעטריסטישן יצר־הרע פֿון שרייבערישער אחריות, וואָס וויל אויסשעפּן מיטן וואָרט דעם גאַנצן עלנט פֿון מענטשן, וואָס דער באַשאַף האָט זיי עפּעס ווי געלאָזט אויף הפֿקר אין מיטן פֿעלד, אַלע קרומקייטן און גרויזאַמקייטן פֿון לעבן, אַלע ברונעמער טרויער, אַלע וועלטן מיט שיינקייט — כאָטש מיר איז קלאָר, אַז אין תוך דאַרף זיין אַ סך שווערער אָנצושרייבן אַזאַ מין „פּשוטן“, אָבער לויכטנדיקן זאַץ, ווי אַ שטייגער: „דאָס שנייפֿעלד האָט געבלענדט די וועלט מיט לויטערקייט“, איידער צו באַשווערן זיין אָטעם און זיין נשמה מיט אָרנאַמענטיק, וואָס שוואַכט אָפּ זיין בילדקראַפֿט. „שטראַליק־געליכטיקטער ווינטערטאָג“ זאָגט מסתמא וויב־ציקער, איידער דער ווינטערטאָג אַליין, אין זיין נאַקעטן עצם — מען דאַרף בלויז אַריינלייגן אין אים שאַפֿערישן מיין און אַרויסווייזן צוטרוי צו אים: ער וועט שוין שטראַלן אָן רייד.

אין אָט אַזאַ ווינטערטאָג, אַ גליווערדיק־טונקעלן, צי אַ שטראַליק־געליכטיקטן, גייט אַרויס אַ ייד איבער די דערפֿער און עס קומט אים אַנטקעגן אַ גוי מיט אַ שליטן: דער גוי פֿון גורל. אָבער דער שליטן איז איבערגעדעקט און דער גוי וויל היינט נישט ווייזן, וואָס ער האָט דאָרט

אונטער דער פּלאַכטע. דערווייל קלייבן זיך אַן נאָך יידן אין מאַרק און דער גוי וויל אַלץ נישט וויזן: „...קודם געלט... זילבערגעלט...״ קיין פּאַפּיר נעמט ער נישט. גיט סענדער, דער ווילער יונג, אַ שלעפּ אַראָפּ פון שליטן די זעק מיט שטרוי: „אַ הרוג... אַ טויטער ייד...״

און אויף אַן אַנדער אָרט האַלט אָפּ אַ גוי צווײ דאָרפסגייערס מיט אַן אַנגעצילעוועטער ביקס אין האַנט: „...אַ כאָליערע אויף אייך, זשידקעס. פאַר יידן איז גאָרנישט... אונדזער מלוכה... צונעמען דאָס געלט... אויסקוילן אַלע יידן...״ ס׳איז נאָך פאַרן אומקום אין די גאַזקאַמערן, נוצט מען דערווייל אויף פּראָבע רעגיאָנאַלן וועלט־אונטערגאַנג אין שטעטל: דאָרפישע היידאַ־מאַקעס, וואָס פאַרנעמען זיך, אַזוי צו זאָגן, מיט באַבסקע רציחות, איידער עס ברעכט אויס דער נייער אַשמדאי מיט טאָטאַלער פאַרטיליקונג.

מיינט דער ייד, אַז ער מעג נאָך ריידן מיטן היידאַמאַק אויף זיין אַלטן גוטן גאַליציאַנער לשון: „עך גיב דיר אַ זעץ אויס די ציין, דו חזירישער ווײַדל...״ אָבער אַנטקעגן אים שטייט שוין דער נייער גוי — און „לייזערס פאַרשפּיצטע באַקנביינער האָבן אַ פּלאַקער געטאָן מיטן האַרבן גרימצאָרן פון פאַרשוועכטן גערעכט״, ביז דער ייד און דער שייגעץ האָבן זיך פאַר־פלאָכטן מיט צעקייכטע אָטעמס...

דאָס וואָלט געקאָנט זיין אַ לייטמאָטיווישער אַריינפיר צו די געזאַמלטע שריפטן פון א. מ. פוקס: די נאַכט און דער טאָג, וואָס זענען נישט לאַנג אַרויס אין אַ פּראַכטבאַנד אין פאַרלאַג דער קוואַל, ניו־יאָרק. אמת, די דערציילונג „אַ שליטן אין מאַרק״ ענדיקט זיך מיט אַ רוי־גראָטעסקן „העפּי־ענד״, וואָס וויל זיין פּריילעך און קאָן נישט — כאַטש דער הרוג אַליין, סראָל עלי, וואָס די היידאַמאַקעס האָבן אים „צעקלאַפּט ווי אַ וויניקן עפּל״, שטייט אויף פון דער הינערפּלעט און מאַכט ווידער שטעטלדיקע ליצנות פון אַ נישט־דערגאַנגענעם בר־מינן.

אָבער באַלד, אין דערציילונג ווייטער, ברענגען צווײ יידן אַ שווערן, שוואַרצן זאַק אויף די פּלייצעס: „...נאַ דיר... אָט האָסטו אַ קדוש: דער אָרענדאַר פון קרילעוויץ״. דאָס איז די קראַנקע צייט: קדושים און היידאַ־מאַקעס. און ווידער איז ווינטער אין פוקס דערציילונג.

אַ מאָל האָט די נאַטור נישט אַזוי געגרוזעוועט אַרום פוקס דערציילונגען. „אויפן בערגל״ איז געווען זומערלעב אויך און די אָרעמקייט האָט נישט

אַזוי בייז געקלעמט. די מויד זיצט אין געסל און „היט דעם מולטער מיט די קליינע האַרטע אַלטגעבאַקענע זעמל ווי די שטיינדלעך, צונויפֿגעוואַקסענע צו פֿיר. מ׳לייזט נישט אַ גרייצער. ס׳גייט נישט דורך קיין הונט אין דער געדיכטער גרינער לײדיקייט. אַ מאָל דרייט זיך דורך אַ תמעוואַטער צעפֿליקטער באָרוועסער שייגעץ מיט אַ לײדיג־ווייס־פֿלאַקסן קעפּל, זיינע ווייסע אויגן שלינגען די זעמל אין דער מולטער. ער דרייט זיך פֿאַרביי איין מאָל און נאָך אַ מאָל, מיט דער כוונה צו לקחנען פֿון דעם מולטער. אָבער ברײנדלס בליק שפּיזט אים דורך נאָך פֿון דער ווייטנס, פֿון אַלע זייטן:

„— גיי... גיי... אין דער ערד אַריין מיטן קאָפּ, — זאָגט זי שטיל צו זיך אַליין און זי מיינט דעם שייגעץ״.

קומט די צייט, קומט אַ קאַזלעוועער יונג, זי „אַנקוקן״ — און עס שמעקט „מיט גאַסט און ערב שמחה״...

איז פֿונעם גויישן פֿורל אַראָפּגעשפּרונגען אַ פֿרעמדער פּאַרשוין אין אַ קורץ רעקל, דאָס האַרטע געלע קאַפּעליושל אַנגערוקט אויף איין זייט און די מאָרדע זיינע האָט האַרט געגלאַנצט אין דער זון, פֿריש געגאָלט, בלאָלעך, ווי בלאַנק אייזן. דער פּאַרשוין האָט זיך יום־טובדיק אַרומגעקוקט מיט זיין איינציק אויג אין דער נייער פֿרעמדקייט און דאָס אַנדערע אויג זיינס, דאָס בלינדע איז פֿאַרזונקען אין לאָך, האָט מיטן דינעם הייטל האָפּערדיק אַ פּינטל געטאָן״.

דאָס איז דער חתן. „ער האָט שוין געכאַפּט אַ קוק אויף דער כלה און געזען, אַז זי איז הינטן־אַרום אַ גבורהדיקע ברייטע מויד און ער האָט מיט הנאה אַ פּינטל געטאָן מיטן הויטל פֿון זיין בלינד אייגל; דער שידוך איז אים געפֿעלן געוואָרן, די שטוב, די מענטשן און די גרויסע, ברייטע משפּחה זיינע... מען וועט אים גלייך אַריינגעמען אַהער אין מיטן אַריין און ער וועט ווערן אַ לייט, וועט זיך נישט וואַלגערן מער אויף פֿרעמדע פּעקאַליקעס... ער וועט ווערן אַ באַלעבאָס... אַ בעקער מיט אַן אייגענעם אויוון...״

דעמאָלט איז דער דלות געווען אונטערנעמעריש: טאָן אַ שידוך... פֿאַרלייגן אַן אייגענעם אויוון. די הייזער, איבער וועלכע יידן זענען געגאַנגען, אויב זיי האָבן נישט גראָד געהאַנדלט, האָבן געהאַט מילדע פּריזבעס מיט מעשיות און אָפֿענע טירן מיט מזוזות און נדבות. אַסיענצייט „צווישן ביימער״ האָבן די סעדער, וואָס יידן האָבן געהאַלטן, געשמעקט מיט ווייניקע עפּל און מיט שווערע שטויביקע בייטלען מינץ. דרימלט דאָס שטעטל, פֿרום און

פֿאַרדאַרט, פֿאַרשפּונען מיט פֿאַוועטינע פֿון אומעט, מיט מורא פֿאַר דער תורה און, להבדיל, פֿאַר גויים: נישט מסוכן.

דאָס איז די לאַנדשאַפֿט, ווו פֿוקס איז אין דער היים, אַ צוגעלאָזטע לאַנדשאַפֿט און אַן אָרעמע, אפֿשר אַ שטיקלביישנטע אויך, וואָס מאַכט מיט זיך ווינציק מחזקות: בלאָטעס און קראַפּעווע, שטיבלעך און טיזליקעס, ביידע געלאָטעט, האַרעוואַניע און געשלעג, בולבעס און קללות. גיין איבער די הייזער איז כמעט ווי גיין איבער די דערפֿער: איין עקאָנאָמיק. זי איז מפֿרנס דעם זיידן און די אַנגעפּעלצטע פּעטערס, די פֿאַראומערטע מומעס, טאַטע־מאַמע מיט די בנים, מיט די צעוואַקסענע מיידן — ווייזט זיך אַרויס, אַז אָרעמע־לייט האָבן אויך דורות: גאָלדענע קייט פֿון גרויען עלנט.

„ערגעץ הינטן“ איז דער גוי מיט די פֿעלדער — אמת, על־פּי־רוב זענען די פֿעלדער געווען אַ בידנע שטיקל ערד מיט אַ מאָגער בהמהלע און דער גוי ניט מער ווי אַ מיזערנע גויעכל, מער אויף גאַליציאַנער ליצנות, איידער אויף פּחד: לאַפּטשעס, טראַנטעס, שיפֿלות. דער גען ווידער, וואָס באַלעבאַטעוועט אין צערקווע מיט די ציבעלעס אויפֿן דאַך, האָט אַזאַ פּנים ווי דאָס גויעכל אַליין: גאָרנישט. אין תוך איז דאָס גויעכל נישט אַזוי אַ גוי ווי אַן אָרעמאַן, סאַמע נענדזע — אָבער אַן קבצנישן פּערספּעקטיוו, אַן בטחון אין אַזאַ יידישן רבוש״ע: אַ בעטלער, אַ פֿאַרטאַטש. אַוודאי איז ער אַ רשע אויך — אָבער דאָס ערשט שפּעטער.

דערווייל קומט ער נאָך אין שטעטל איינקויפֿן אויף חגאות, טוען אים אָן די יונגען „שמישנע“ זביטקעס און מאַכן ליצנות פֿון זיין גאָט דעם „יעגמאַר“. מען קלאַפּט דעם מענטשל גוטברודעריש אין פּלייצע, מען גיט־אים אינטים אַ צי ביי דער וואַנצע און מ׳שלעפּט ביי אים אַרויס כלאַחר יד אַ גנבהלע פֿון אונטער דער פּאַכווע, אַלץ נאָך היפּש אידיליש. מען נאַרט אים אָפּ אין משא־מתן און מ׳ווינשעוועט אים אויף לשון־קודשדיקן גוייש אַ מיתה־משונה, פֿאַר אים מיטן ווייב מיט די קינדער — איז ער זיכער, מ׳זאָגט אים גוט יום־טוב.

דאָס אַלץ האָט זיך געביטן מיט דעם נייעם „גייסט פֿון דער צייט“. דער גוי בעבעט היינט פֿרעמדע בייזע רייד, וואָס ער האָט געהערט פֿון גלח פּרעפּלען אין טומאה. איבערן האַריזאָנט ציען געלע שוועבלדיקע כמאַרעס פֿון אַ יענעוועלטיקער שריפֿה און ביים היידאַמאַק אין האַנט האָט פּלוצעם

גענומען אַ פּינקל טאָן די שאַרפע האַק, וואָס איז ערשט נישט לאַנג געווען ביי אים אַ שטובזאַך, פאַרשטעקט אין רימען פון פויערישן סטאַן.

אין איינעם מיטן גוי האָט זיך אויך געביטן די לאַנדשאַפט פון פוקס דערציילונגען. זי האָט באַקומען אַ מין אַפּאָקאַליפּטישן ריח פון קץ כל בשר. ס'איז די צייט פון די פויליש־יידאַמאַקישע גרענעצקאַמפּן, אין מיזרח־גאַליציע, באַלד נאָך דער ערשטער־וועלט־מלחמה. די פעלדער ראַיען מיט באַוואָפנטע באַנדעס און צווישן פייפנדיקע קוילן גנבעט זיך דורך אַ ייד, אַ דאָרפסגייער, „מיט בהלהדיקע שפּאַן פון דער איבערקערעניש פון סדום״. די לאַנדשאַפט ווערט איצט פאַטעטיש און באַקומט די העזה פון זאָגעריש־קייט — פונקט אַזוי ווי די ליידיקע טאָרבע פון דאָרפסגייער איז געוואָרן אַ סימבאָלישע זאַך: „שווער אַנגעבלאָזן מיט ווינט, גלייך דער ייד וואָלט אין איר געטראָגן די לאַסט פון דער וועלט״. פון אַזאַ מיסטישער סימבאָליק האָט פריער קיין מאָל נישט געחלומט ביי פוקסן אַ פשוטע טאָרבע. זי איז געווען אַ שטובזאַך פון דלות — מ'האָט זי גענוצט, אָבער נישט באַזונגען.

היינט איז אַלץ אַנדערש געוואָרן. די ערד איז צעריסן פון שיסגריבער און די שטעטלעך אַנגעלייגט מיט פגרים פון פערד און האַרמאַטן. געבליבן זענען חורבות און קאַליקעס, קאַלטע רויכן, הונגער און — וועלף. יענע האָבן דערניוכעט, אַז די מענטשן האָבן איצט מיט זיך צו טאָן און אַז די צייט געהערט צו דער חיה — זענען זיי אַרויס פון וואַלד. איצט זענען די האַרט־געפרוירענע, בלוילעכע שניישליאַכן, וואָס שפּרייטן זיך מיט ביינאַכטיקער שרעק צווישן יידישע שטיבער, קאַלאַרירט מיט גרינע אויגנלעמפּלעך. קודם האָט דער אַלטער וואָלף צעביסן דעם פאָטערס אַקסל, דערנאָך האָט ער מכבד געווען דעם ווילערישן זון, ביז יענער האָט דערוואָרגן די חיה מיט בלויזע הענט... וואָלט ער זיך נאָר, דער יונג, נישט אַזוי לויז צעפּלוידערט, איידער ער דערוואָרגט דעם אַלטן וואָלף: „ווייסעך דאָרט וואָס, מיט מיר וועט ער זיך נישט שפּילן אין קוצעניו־מוצעניו...״ דעם וואָלף מיינט ער.

אַזוי זענען זיי ביי פוקסן. אויפן שייגעץ איז קיין חידוש נישט. יענער האָט אַ „רוצחיש געריטלטן פרצוף מיט אַ בלוטדאָרשטיק פאַרקרימטער מאָרדע ווי ביי אַ וואָלף״ — אָבער מיטן ייד איז זיך אויך נישטאָ וואָס צו שעמען. ער האָט אַ „הייב געטאָן ביידע צעעפנטע הענט צום גויס האַלדז און אַזאַ סכנותדיקן ברען געטאָן מיט זיין שוואַרצן בליק יענעם גלייך

אין די בלאָע, בייז פֿאַרגליווערטע אויגן, ווי פֿאַרשטאָכענע בלאָטערס, אַז דעם גויס האַנט מיט דער אונטערגעהויבענער האַק האָט זיך פּאַוואָליע אַראָפּגעלאָזט".

דער ייד איז דער שוואַרצער לייבע, אָבער ער קאָן אויך זיין שייקע, אפשר לייזער, צי אייגער פֿון די אַנדערע. זיי אַלע אין איינעם זענען איין געדראָלענער מין מענטש, זיי טוען און טראַכטן אין איינעם, לויט דעם גרופּן־אינסטינקט פֿון שבט. זיי זענען פֿרום און פֿאַרגרעבט — און אַז עס טוט אין זיי אַ פֿלאַקער דער „האַרבער גרימצאָרן פֿון פֿאַרשוועכטן גערעכט", כאַפּן זיי זיך צו דער האַק, וואָס איז אויך ביי יידן, אין דער ווערגנדיקער לעבנסנויט, געוואָרן אַ כלי פֿון דער באַלעבאַטישקייט. אַלץ איז געשטעלט אויף מעסערס און אַפֿילו די נאַטור קאָן נישט בלייבן הינטערשטעליק: „...דער שניי אין פֿאַרטייעטן אָוונט־טונקל האָט געבלאָט מיט עפּעס אַ פֿאַרזינקענדיקן גלאַנצל ווי די שאַרף פֿון אַ מעסער" — דער שניי אויך. דאָס איז דער טאָטאַליזם פֿון דער פֿאַרלענדונג.

מאָדנע איז בלויז, וואָס די דאָזיקע יידן ווערן צו מאָל געפּייניקט ביי פּוקסן מיט אַ מין עברי פֿון סוואַרבעלע, אַז עס „ברומט ביי זיי דער גרימצאָרן אין די גערערעם". דאָס „ברומט" ער אַזוי מעטאַפֿאָריש זינט דער יידישער אורבאַגעגעניש מיט עשיו־גוי אין דער ווינטערדיקער סדרה מיט די זאַווערוכעס. לייגט זיך אויפֿן שכל, אַז דער שוואַרצער לייבע האָט אויפֿן האַלדז און נאַקן אָנגעטאָן דאָס קעלבל, וואָס ער האָט נאָר וואָס געקויפֿט אין דאָרף און האָט עס געטראָגן איבער די שנייפֿעלדער. דאָס קעלבל אויף דער יידישער פּלייצע איז די נאַטירלעכע וואַרעמע נאָענטקייט פֿון די קרעאַטורן — און עס פֿאָדערט זיך דערצו אַפֿילו נישט קיין „פֿרום געלייטערט האַרץ". אָבער אויסטערליש איז מיר דער חילול־הפּלייצע, ווען דער ייד נעמט דערנאָך אַראָפּ דאָס קעלבל און לאָדט זיך אַרויף אויפֿן נאַקן, אויף דעם ערלעך פֿאַרהאָרעוועטן יידישן נאַקן, דעם גסיסה־פּגר פֿון אַ שייגעץ, וואָס איז פֿאַרווונדיקט געוואָרן אין פֿעלד. דער דאָזיקער שייגעץ האָט ערשט אַנומלט „אויפֿגעבראָכן די טיר אין לייבעס טונקעלן פּירהייזל און אַ זעץ געטאָן מיט דער אייזערנער ביקסקאָלבע אויף דעם יידס קאָפּ, אַז לייבע איז ווי אַ קלאָץ אַוועקגעפֿאַלן צו דער ערד, פֿאַרחלשט און פֿאַרגאָסן מיט בלוט". וואָס זשע דאַרף אַזאַ געזונטער פּראָסטאַק, וואָס קודם האָט ער ערלעך אַ שפּיי געטאָן צו דעם שייגעץ: „זאָל ער פּגרן ווי אַ הונט" — פּלוצעם ווערן

אַ „צעריסענער״ מיט אַ ליטעראַטור־געשפּאַן פֿון די סקאַרבאַווע „צוויי נשמות״, וואָס איינע פֿון זיי פֿלאָנטערט מיט אַ מין וואַנגעלישן עברי־טייטש? דאָס איז אַוודאי אַן אויסברענגעריי פֿאַר אַ ייד אַן אָרעמאַן, וואָס וואָלט געקאָנט לעבן בשלום און בשלמות מיט זיין נקמה־אינסטינקט.

דערביי זענען מיר מיט לייבעס פּלייצעס נאָך נישט פֿאַרטיק. מיר טרעפֿן דעם ייד ווידער, ווען ער רייסט זיך אַריין ביי נאַכט דורכן קוימען צום עלטסטן פֿון די היידאַמאַקעס, וואָס האָט געשענדעט זיין טאָכטער, דערווערגט אים אין בעט, רוקט אים אַריין אין זאַק, טראָגט אים אויף די פּלייצעס צום שטיינבאַרג, וואַרפֿט אים אַראָפּ אין אַ גרוב, ווו פֿויערים באַגראָבן פֿערד און הינט: „נו... אַן עק, אַ סוף... די נאַכט שטייט נישט... דו וועסט שוין מער נישט הרגענען קיין יידן און נישט פֿאַראומגליקלעכן קיין מענטשן...״

איז דער שוואַרצער לייבע אַ ייד, אַ גבר, אַ שטיק סאַדזשעדיקער אומעט מיט האַריקע לעפֿצן — כאַטש, דעם אמת געזאָגט: „לעפֿצן״ האָבן ביי פֿוקסן אַ סך פֿון זיינע פֿאַרשוינען, אַפֿילו יענע, וואָס האָבן מענטשלעכע ליפּן. זיי האָבן כמעט אַלע איין פּנים: קלאָציק, דער עיקר פֿאַרשוואַרצט — און אַז לייבע לאָזט שוין אַ מאָל אַרויס אַ „האַלבן קרומען שמייכל״, — האָט דער שמייכל אַ פֿלי געטאָן איבער דער „שוואַרצער האַריקייט פֿון זיין פּנים ווי אַ פֿייערפֿונק פֿון אַ קוימען״.

דאָס בילד איז באַגלייבט און פּאַסט זיך גוט אַריין אין קאָלאָריט פֿון גאַליציאַנער גרוי. האָט איינער געגעסן פֿון אַן ערדענעם טאָפּ, וואָס איז ענלעך געווען צו זיין פּנים, הויערט ווידער ביי אַן אַנדערן דער גרויסער של־ראש, ווי אַן אייזערנער טאָפּ אויפֿן קורצן פֿאַרגרעבטן שטערן. ביי אַזאַ אויספֿעל אין שטובזאַכן, איז קיין חידוש נישט, וואָס דער איינציקער טאָפּ פֿון דער באַלעבאַטישקייט מוז דינען פֿאַר אַ משל סיי צו אַ פּנים, סיי צו תּפֿילין.

אין דער צונויפֿגעקוועטשטער נאָענטקייט ווערט אַלץ גלייך איינס מיטן אַנדערן: מענטש און בהמה, שטיבל און שטעלעכל, דער פֿאַרקאַרטשעטער בוים און דאָס בערגל ביים אָפּגרונט. דאָס איז אַן אַפּאָקאַליפּטישער געדראַנג פֿון פֿיגורן און כלים, פֿאַרזעענישן און וויזיעס, צונויפֿגעשטופּטע אין האַלבטונקל פֿון אַן אַלטמייסטערישן וואַרשטאַט, ווו עס פֿורעמט די פֿעסטע האַנט פֿון אַ פּלאַסטיקער.

מען האָט טענות צו אַ. מ. פֿוקסן, אַז זיינע דערציילונגען זענען סטאַטיש, אַז זיי נוצן קנאַפּ „לייוונט" און פֿאַרמאָגן ווינציק „האָריזאָנט". די דורות אין זיין דערציילערישער וועלט זענען אַלע גלייך איינער מיטן אַנדערן; דער זיידע מיטן אייניקל טאָפּטשען זיך אויף דעם זעלבן אָרט אין שטעטל. פֿוקס בילדערישע איינגעשפּאַרטקייט טיפּט זיך זשעדנע. איך וואָלט געזאָגט: מאָנאָמאַניאַקיש, אין דער שטאָפּלעכער ענגשאַפֿט פֿון דעם קאַרגן לעבן, וואָס ער שילדערט און על־פּי־רוב גייט דאָס צו כמעט אָן אַנטוויקלונג. דער אומגליק איז שוין דאָ — באַלד אין די פּחדים פֿון די ערשטע שורות — פּונקט ווי דער אויפֿגייענדיקער טאָג אין דער לעצטער דערציילונג פֿון דער זאַמלונג אַנטפּלעקט דעם סוד פֿון דער בריאה באַלד מיט דעם ערשטן „בלייך געבלויטן שפּראָץ".

צענדליקער יאָרן בלייבט א. מ. פֿוקס צוגעבונדן צו דער נאַטוראַליס־טיש געפֿורעמטער מיסטעריע: ייד צווישן גויים. ער בייט זעלטן די סצענע. אָבער זיין שרייבערישער נוסח איז מיט די יאָרן געוואָרן נאָך מער קרעפּקע און אפֿשר קאָן מען זאָגן: אויסברענגעריש אין דער קאַרגשאַפֿט. זיין שטיי־גערישער הומאָר כמורעט זיך אַזוי טיף אַריין אין שטאָף, אַז מען הערט אים קוים־קוים אַרויס. דער סיפּור־המעשה איז פּשוט, אַפֿילו ווען ער איז דאָ און דאָרט „אָנגעדראָלן" מיט שטאַרקע דראַמאַטישע עלעמענטן — און ריידן רעדט מען קנאַפּ אין פֿוקס דערציילונגען, כאָטש דער שוואַרצער לייבע גיט זיך אַ מאָל אַ צעלאָז מיט „מחשבותן" וועגן בורא־עולם, וואָס „פֿאַר־אומווערדיקט" דאָס שלעכטס אויף דער וועלט, און ער פֿאַרגעסט, אַז ער דאַרף זיין אַ „פֿינצטערער שווייגער". בכלל אָבער קומען אויס פֿוקס דער־ציילונגען מיט ווינציק „ראָמאַן" און מיט ווינציק רייד — און אַפֿילו ער און זי האָבן שוין אויך אַלץ אָפּגערעדט. צו מאָל דאַכט זיך, דער מין ער און זי קומט אַרויס היפּש געקריוודעט ביי פֿוקסן און קאָן זיין, אַז קינדער האָט מען דאָ אויך מיט רוגזה: „האָ, נו, ווע..."

באַריידעוודיק איז דווקא די שטומע בהמה בילמע, אַן עלנט פֿערדל, האַלב בלינד, אָפּגעשונדן, אַרויסגעטריבן פֿון שטאַל אויף הפֿקר, אויף הונגער. מיר קענען אַנדערע באַריידעוודיקע בהמות אין דער יידישער ליטעראַטור, ביי מענדעלע און ביי שלום עליכם, וואָס זייער קיום איז שטאַרק דורכזיכטיקע אַלעגאָריע און שטענדיק זענען זיי עפּעס אויסן. יידן האָבן שטאַרק הנאה

געהאַט פֿון זייער אייגענער חריפֿות, מיט וועלכער זיי האָבן געטראָפֿן, אַז דאָס געשלאָגענע פֿערדל איז אייגנטלעך געגליכן צום גערודפֿטן ייד. האָב איך געמיינט, אַז פּוקס׳ בילמע וועט זיך פֿאָרט איינהאַלטן, נישט אַרויס־לאָזן אַזאַ מאַנאָלאָגן־פּראָזע, ווי דער אומגליקלעכער קעניג ליר פֿון יידישן טעאַטער. מילא, אַז דער בלינדער בילמע האָט אַ מאָל שפּיזלדיק אַ קוק געטאָן מיט זיין איינציקן זעעוודיקן גרויסן אויג אויף די שיינע זאַט אויסגעפּאַ־שעטע פּריצישע פֿערד — פֿאַרשטייט מען. אַנדערש ווי „שפּיזלדיק קוקן״, קאָן מען נישט דערוואַרטן. אָבער דאָס „מאָראַלישע״, וואָס דאָס פֿערדל לאָזט אונדז הערן, קעגן די „זינדיקע פּוסט־און־פּאַסניקעס״, און די וויזיע פֿון בעסערן מאָרגן, ווען מען וועט די „אומזיסטיקע פֿרעסערס איינשפּאַנען אין יאָך, צו שלעפּן די משא פֿון די וואָגנס, גלייך מיט אונדז אַרבעטס־פֿערד, כאַ־כאַ״ — דאָס שמעקט מיט אַ מין גילגול פֿון „סאָצבאַשטעלונג״, וואָס איז נישט אין פּוקס גאָרטן געוואַקסן: טעלטשיקער רעטעך צווישן ווייניקע עפּל.

פּוקס געווינט צוריק זיין שרייבערישע עכטקייט און זיין עלעמענטאַרן בילדערישן כוח, ווען בילמע לאָזט אָפּ די מוסר־דידאַקטיק פֿון אַ מגיד און ווערט ווידער גאָטס אַן עלנטע בהמה, אויף וועלכער עס לאָקערט דער וואָלף — ס׳ווייניק ?

„דריי זענען זיי געווען, מיט זילבערנע נאָדל־שטעכערס אויף די שפּיציקע מאָרדעס, קליינע און גיך־לויפֿנדיקע, פֿליִענדיקע, אַרום און אַרום אין רעדל, ווי וויכערס. די גרינע אויגפֿייערן האָבן געגליט, ווי פֿליִענדיקע פֿונקען — — — פֿון די צעקרימטע שאַרפֿע מאָרדעס האָט זיך געשטויסן הייזעריק־בייזער הונגער־יאָמער. — — — אין פֿלאַמיקן וואָלקן פֿון ווייסער שרעק, וואָס האָט אַצינד פֿאַרהילט בילמעס איינציק זעעוודיק אויג, זענען געלאָפֿן די וועלף מיט געשטרעקטע לאַפּעס, גלייך זיי וואָלטן געשווומען אין אַ ווייסן טייך. — — — פּלוצעם האָט ער דערפֿילט אויף זיין האַלדז דינע, שאַרפֿע שטעך. אַ צונויפֿגעדרייטער וואָלף, ווי אַ פּיִאַווקע, איז שוין געזעסן אויף זיין נאַקן, מיט איינגעגראָבענע ציין און נעגל. — — — מיט דערוואַכטן כוח [האָט בילמע] אַ שליידער געטאָן דעם קאָפּ צו אַ בוימ־שטאָם. דער וואָלף איז אַראָפּגעפֿאַלן, געקאָרטשעט זיך אַ רגע אין שניי. — — — ס׳איז געווען דער לעבנסווילן, וואָס האָט מלחמה געהאַלטן מיטן מלאך־המוות. — — — די וועלף זענען אַ ביסל אָפּגעטראָטן, געווינט

אַ רגע מיט דין־געצויגענעם יאָמער, ווי קליינע קינדער, און אומגערעכט ווידער אַ שפּרונג געטאָן אין דער לופטן מיט בליציקער גיכקייט. — — — אין בילמעס אויג האָט געהיפּט אַ פייער־וואָלקן מיט געשפּיצטע ציין און שאַרף געקרעלטע נעגל. זיין האַלדז איז שוין געווען בלוטיק צעריסן. — — — דער פאַרגליווערטער שרעקבליק אין זיין גרויס שוואַרץ אויג האָט זיך זייטיק איינגעגעסן אין אַן אַנדער אויג, אַ שמאָלס און גרין בליצנ־דיקס — — — ס'איז געווען דאָס אויג פונעם וואָלף... בילמע ליגט מיט שוואַך־זיך־הייבנדיקע זייטן. זיין רחמים־בליק ווערט פאַרלאָשן פונעם לעצטן טויטציטער, בעת די וועלפישע ציין רייסן שוין שטיקער הייס פלייש פון זיין לייב — — —"

("דער לעצטער וועג").

ווער וויסט, צי האָט אַ. מ. פוקס נאָך דער דערציילונג "דער לעצטער וועג", וואָס פאַרמאָגט קלאַסישע שלימות, צו וואָס זיך אומצוקערן צוריק צום מענטש, אַז דער גאַנצער "הייזעריק־בייזער הונגער־יאָמער" טראָגט זיך פון אַ וועלט מיט וועלף, וועלף ממש, וואָס מ'דאַרף זיי נישט פאַרגלייכן מיט גאָרנישט, כדי בולט צו מאַכן זייער נאַטור. זיי זענען משל און נימשל אין איינעם: אַ גרויסער איינשפּאַר אין באַלעבאַטישקייט פון באַשאַף. צום גורל, הייסט דאָס, קאָן מען קיין טענות נישט האָבן: אין דער פאַרעם האָט ער איבערגענומען פון באַשאַפער דעם לעבעדיקן אינווענטאַר.

חיים גראַדע

ווען נישט דער פּחד פאַר דעם יצר־הרע פון ליטעראַרישע אַנאַלאָגיעס, וואָס זענען אַלע מאָל נישט ווייניק ריזיקאַליש, וואָלט איך געפּרוווט אַ זאָג טאָן, אַז חיים גראַדע, לויט זיין דיכטערישן טעמפּעראַמענט און זיין עקספּרע־סיוון חיתוך הדיבור, אין ליריק און עפּיק, קער זיך אָן מיט דער שרייבערי־שער ראַסע זלמן שניאור — אָבער איך האַלט איצט נישט דערביי, צו נעמען אַט דעם „כאַפּ" און אים אַנאַליזירן און נאָכגיין ביז צום סאַמע סוף מיט גלייכענישן און אָפּנויגן. גענוג, אַז דער שפּראַך־אימפּעט און די העזהדיקע בילדערישקייט, דער ברען פון קאָלירן און די זאַגערישע חריפות, מיט וועלכע חיים גראַדע וואַרפט זיך, קינסטלעריש־כוח גבראַדיק, אויף דער צערייצטער וועלט, דערמאָנען מיך נישט איין מאָל אין דער געשטאַלטערישער ליידנשאַפט פון זיין מייסטערישן פאָרגייער, זלמן שניאור.

חיים גראַדע איז אַ דיכטער אַ כעסן — גלייך כביכול האָט אים אונ־טערגעוואָרפן דאָס וועלטל, נאַקעט און באָרוועס און פאַרוויינט — ווי מען וואַרפט אונטער אין אַ נאַכט פון פינצטערער זאַווערוכע אַ הפקר באַשעפעניש ביי אַ גבירישער טיר: נאַ, ברעך דו דיר דעם קאָפּ...

אַ מענטש פון פייער אין מיין פירהויז שטייט הויל־נאַקעט,
און דורך דער טיר דער גלעזערנער ער קוקט אויף מיר.
מיין האַרץ, דער זייגער דער גזלנישער, טיקטאַקעט:
אַ, ווער איז דער, וואָס שטייט אויף יענער זייט פון טיר? — — —

(„דער מענטש פון פייער")

דאָס איז חיים גראַדעס ייִנגסטע זאַמלונג לידער און פּאָעמעס. „דער מענטש פון פייער" גייט אים נאָך אין אַלע געשטאַלטן אויף אַלע וועגן פון טרויער אין דער אויסגעליידיקטער וועלט און זיין קלעמענדיקע שטומקייט

גליוווערט אַריין אין די קוואַדראַטישע בלאָקן פֿון זיינע ברויזנדיקע געזאַנגען, נאַטור־לידער און קינות, פּאַטאָס פֿון פּראָטעסט און געוויין פֿון דורות, וואָגל און וועלט־חשבון — ליריק, געלאָדן מיט דראַמאַטיק. דער שרעקיקער שאָטן פֿון דעם „מענטש פֿון פייער", שפּרייט זיך אויך מיט מאַנעריש־מאָלערישער עפּישער ברייטקייט איבער דעם געצאַפּל פֿון יידן פֿון שול און שענק, מאַרק און הקדש, ווילנע של מעלה און של מטה, יידן צדיקים און יידן רשעים, גנבים און שלעגערס, נגידים, מגידים, מוסרניקעס, באָסיאַקעס, לומדים, שלעפּערס, נקבות, גאַטזוכערישע בעל־עבירהניקעס און נישט דערגאַנגענע מאַזאָכיסטן, וואָס ווייסן אַליין נישט, וואָס זיי זיינען, זיי האָבן הנאה פֿון זייערע אייגענע יסורים: האָבן זיי אָבער יסורים פֿון דער הנאה.

חיים גראַדעס דיכטערישער גאַנג הילעכט אין חושך פֿון דער צייט, ווי עס פֿלעכטן זיך וועכטערס טריט מיט די פּחדים פֿון דער נאַכט. אין זיין ווערק, אין ליריק און אין פּראָזע, זינגען „פֿאַרלאָשענע שטערן" אין איינעם מיט דעם פֿאַרשעמטן לעבן פֿון „שולהויף" און פֿון „דער מאַמעס שבתים", וואָס זענען צונויפֿגעקלעמט אין די מגילות פֿון ערב־ מבולדיקער וועלט.

מיט העכער דרייסיק יאָר צוריק האָט דער יונגער דיכטער אַ זאָג געטאָן „יאָ" צו אַ וועלט, וואָס האָט קוים געפֿילט, אַז זי גייט אונטערגיין — און איצט האַלט חיים גראַדע אין מיטן וועג. זיין פּאָעטישע וועלט וואַרט אַלץ אויף דעם געשטאַלטיקער: טיפֿער ברונעם פֿון ווילנע און טראַגישער געוואָגל פֿון דור. זי איז נאָך לאַנג נישט אויסגעשעפּט, די וועלט, נישט איר ברייט און קיין מאָל נישט איר טיף. דעם דיכטערס ברויזיקער ניגון, וואָס קלאָגט אין בילדער און געשטאַלטן, אין זאָגערישן חשבון און אין פּלאַסטישער מחשבה, ציט זיך פֿון אוראַלטן „געוויין פֿון דורות", ווו די „געפּייניקטע הכּ־נעהדיקע עדה" גייט „צו דער עקידה" — כאָטש לויט פֿאַר דער עקידה, איז דאָס, דאַכט זיך, אַ צו גיכער גראַם. גיסט זיך דאָס געוויין פֿון דורות האַרמאָניש צונויף מיט דעם הימלגעשריי פֿון היינט, גלייך זיי וואָלטן אין די ספֿירות לאַנג געוואַרט איינס אויף ס'אַנדערע. קייטן דורות, געפֿלאָכטן פֿון פּחד און טרויער פֿון די עלטער־זיידעס, פֿלאָנטערן זיך מיט קאָנטינענטן, וואָגל און פֿאַרשניטנקייט, וואָס שלעפּן זיך אויף די שליאַכן פֿון יידישער וועלט־פּורעניות. אַלץ שטופּט זיך צונויף אין אַ בינטל ציטעריקע יאָרן.

איך גיי אין דער מיט פֿון די פּליטים. מײַן אָרעם
שטויסט אָן ווי אַ מילשטיין אין אָרעם פֿון צווייטן.
ס'איז גוט מיט דער מחנה, פֿאַרוואַגלט און אָרעם,
צו שפּאַנען און שלעפּן די וויאָרסטן ווי קייטן — —
(„דער מאַמעס צוואה", ז' 39)

דאָס איז די קינה פֿון ייִדישן וואָגל, וואָס קלאָגט אין חיים גראַדעס דיכטונג, אין לידער און דערציילונגען. אַוודאי קאָן מען מחדש זיין מיט גרינגער חריפֿות, אַז אין דער פּאַטעטישער דראַמאַטיק, אַ מאָל מעלאָדראַמאַטיק, פֿון זיין שרייבן, בריִען פֿאַרדושעטע פֿונקען פֿון דיאַלעקטישן פֿלאַקער פֿונעם אַמאָליקן מוסרניק, וואָס איז געוואָרן אַ דיכטער „אין נאַוואָרעדקער ישיבה, שנת תר"ץ". דאָס איז אַ האַרבער פּלאַנעט, וואָס בראָט זיך אין דער נשמה. מסתמא האָט זיך ערגעץ פֿאַרקליבן אין גראַדעס גייסטיקער פּערזענלעכקייט און אין איר טראַפּישער בילד־עלאָקווענץ פֿון זיין סטיל עפּעס פֿון דעם נאַוואָרעדקער עקידה־ייִד, ר' אבא, דעם שאַרפֿן מאַגער און פֿלאַמיקן מאַמין, וואָס האָט מורא פֿאַרן מענטש און איז פֿאַרליבט אין גאָט ביז צו פֿאַרצווייפֿלונג — פּונקט ווי עס האָט זיך איינגעקאַרבט אין זיין נוסח די בייסיקייט פֿון ספֿקות און כּפֿירה, מיט וועלכער עס פֿאַרצערט זיך דער באָרוועסער לעסטערער צווישן די מוסרניקעס, וואָס הייסט מיט איראָנישער האַרציקייט: ליבער. ר' אבא, דערציילט גראַדע, איז געווען אַ „ווילדע בוידעמקאַץ", וואָס האָט אַ גאַנצן זומער געפּראַוועט התבודדות, געגרייט זיך אין אָנגעהיצטן שטויב פֿון בוידעם. איידער ער קומט „אלול דעם בית־מדרש אָפּגעבן זיין כּוח". זיין כּוח איז די אויפֿגעזאָטענע זאָגעוודיקייט, וואָס „פֿאַרגייט זיך הספּדיק" אין שטורעם פֿון די רייד.

אַ מאָל דאַכט זיך, אָט צעשפּילט זיך אַ רגע דיכטערישע „פֿרייד אין איינזאַמקייט" פֿון זומערדיקן דאָרף, וואָס וויל גאָרנישט, אַחוץ אויסזינגען זיך אין אַ מין צעגאָסענער נאַטור־אַוואַנטורע, וואָס הוליעט אין רעגן:

— — — האַלב נאַקעט מיט אַ גרויסער באָרד,
ליג איך אויף מיין בעט און קוועל פֿון תּענוג,
פֿאַרכלינע זיך מיט מילך פֿון קוואָרט
און קוק, ווי ס'וויקט דער רעגן מיין צעפּוילטן גאַניק.

דער רעגן פֿאַלט ווי מעסערס קרומע,
און שניידט די פֿעלדער, שניידט די אָפּגעוועלקטע בלעטער,
די וועלדער סטאַרטשען פֿינצטערע און שטומע,
איך ליג ווי אין אַ שווימקאַסטן פֿון קלעצער און פֿון ברעטער,
דעם שטורעם האָב איך פֿון די קייטן אָפּגעלאָזן:
שפּיל אויף, מיין שטורעמווינט, דיין אומעטיקן אימפּעטיקן ניגון,
אַז אַלע ביימער זאָלן מיט געיאָמער זיך צעוויגן
און וויינען זאָלן אַלע גראָזן — — —

(„פֿאַרוואָקסענע וועגן", ז' 125)

וועט שוין, האָב איך מורא, די נאַטור פֿון אַזאַ שטורעם קיין הנאה נישט האָבן. די פֿרייד איז גיך אויסגעוועפּט און עס בלייבט דיכטערישער מאי־קאַ־משמע־לן, וואָס אַפּאָסטראָפֿירט דעם שטורעמווינט פּערזענלעך: „אָ, שטורעמ־ווינט...!" איך בין זיכער, יענע דאָרט ענטפֿערן בכלל נישט, אויב אַ דיכטער נעמט דעם פֿענאָמען אויף זיכער: „דו, זון־אונטערגאַנג" ...„דו שטורעמדיקער ים — — — איך וויל, עס זאָלן מיינע סטראָפֿעס ווערן פֿריי ווי דיינע כוואַליעס" ...מילא, פֿאַר די כוואַליעס זאָל דער ים זאָרגן — אָבער פֿאַר די סטראָפֿעס איז אַוודאי קיין תכלית נישט, זיי זאָלן ווערן צו פֿריי. מער געבונדנקייט, מער תפֿילהדיקע הכנעה און פֿאַרעם־עבודה פּאַסן זיך בעסער פֿאַר דער דיכטונג פֿון חיים גראַדע, וואָס פֿאַרמאָגט אַזאַ שטאַרקע טיף־אייגענע יצירה־קראַפֿט און קאָן אויסקומען אָן רעטאָרישע אַרויספֿאָדערונגען, וואָס בלייבן הענגען אָן אַן אָפּקלאַנג.

פונקט אַזוי איז מיר ניט צום האַרצן דער געזונטער „פֿאַר וואָס?" מיט וועלכן דער דיכטער שטעלט אָפּ די איבערגעשראָקענע „יידישע שטעטלעך אין פוילן" אויף זיין צוריקוואָגל „אין שיין פֿון פֿאַרלאָשענע שטערן" — וואָס זאָלן זיי ענטפֿערן אין זייער פֿאַרשטומטקייט?

פֿאַר וואָס האָט איר, ברידער, דעם פּרדס פֿון חכמה געפֿלאַנצט
אין חלל, אויף גרינע געהויקערטע דעכער פֿון קלויזן?
פֿאַר וואָס האָט איר, חסידים, אויף גויישע לאָנקעס פֿאַרדבקהט
געטאַנצט
און געבעטן די שכינה דאָ הויזן?

(„שיין פֿון פֿאַרלאָשענע שטערן", ז' 16)

אַז דער ענטפֿער טרויערט סיי ווי מיט אַזאַ קנאַפּן צימצום רייד אין גראַדעס עכטע דיכטערישע שורות פֿון דעם ציקל „יידישע שטעטלעך אין פוילן”, פֿאַרעפֿנטלעכט אין דערמאָנטן בוך:

געווען איז דער הימל אַ טלית פֿון אייערע תּפֿילות געוועבט,
נאָר ס'האָט אייער קרעכץ אַ געוואַלדריס געמאַכט אין געוועב
פֿון די שטילע ניגונים.
איר האָט מיט אַן אָפּגלאַנץ פֿון ניט אויסדערציילטע חלומות געלעבט,
אַזוי ווי דער אָפּשיין פֿון טאָג אין אַ נאַכטיקן ברונעם.

נעמט דער דיכטער פֿאַר לעבעדיקע עדות די אורזיידעס פֿון לובלין און פֿון קראָקע, וואָס קומען זיך בילדעריש צונויף אין זיינע פֿערזן, לומדים און הענדלערס פֿון אַלטוואַרג, שניידערס, טרעגערס, באַלעגאָלעס, יידענעס מיט אָפּגעפּרוּוירענע הענט ביי די קאָשיקעס און „שבת־פֿאַרנאַכטיקע ווייבער מיט גלאַטע פֿאַרקעמטע פּאַרוקן”, וואָס קוקן אויס, צי קומט נישט מיטן וועג אליהו הנביא — און ווידער:

יידן סאַדאָווניקעס מיט אַ צעווירעוועם ריח פֿון ערד,
מיט האַריקע פּנימער, בלאַטיקע שטיוול און פֿוטערנע היטלעך,
געשמעקט האָט מיט וויניקע עפּל פֿון אייערע מאַכיקע בערד,
ריין איז געווען אייער האַרץ ווי יום־כּיפּור די קיטלעך.

און פּונקט אַזוי ריין איז דאָ די דיכטערישע לופֿט אַרום יעדער שורה, דער אַראָמאַט פֿון יעדן וואָרט און דער לעגיטימער גראַם, וואָס האָט זיך אויסגעצייטיקט אין דער פֿאַרגעוגלעכקייט פֿון יענעם בלויען האַרבסט, וואָס האָט שוין גורלדיק געטונקלט, זייענדיק פֿריילינג. קומט מיר אויס, אַז די דאָזיקע וואַרעמע ערדישקייט איז הייליקער און דיכטעריש שלמותדיקער, איידער דער „דו”־פּזמון פֿון ר' לוי־יצחק, וואָס בעט זיך רעציטאַציע, יענער האַלב־דיאַלאָג אַן אַן ענטפֿער וואָס איז דערגאַנגען ביז צו אויטאָ־פּאַראָדיע אין דער יידישער ליטעראַטור און האָט — האָב איך מורא — פֿאַרפּייניקט אויך די פּמליא של מעלה: „דו, דו...”

רבונו דעלמא כולא,
איז דיר אונדזער מאַטערניש נייטיק?
טאָ זענען מיר דורכצוגיין גרייט אין איין טאָג
דעם מהלך, וואָס דורות לאַנג דאַרף עס געדויערן,
נאָר פֿול זאָל שוין ווערן די מאָס און די וואָג —
און עפֿן די טויערן.

(„דער טאַנץ פֿון גאולה")

ווער ווייס, צי איז דאָס נישט אַ גילגול פֿון יענעם צדיקס האָפּערדיקער קדושה, וואָס האָט געהאַט געסטראַשעט אין איינעם אַ שבת־צונאַכטס פֿון די גוטע שטילע צייטן, אַז ער וועט קיין הבדלה נישט מאַכן: וועט לאָזט זיך איבערשרעקן? אַוודאי איז חיים גראַדע פֿול מיט שבת, ווי די מאַמע זיינע, וואָס האָט אַ גאַנץ לעבן געלעבט מיט שבת און יום־כיפּור — איז אָבער זיין שבת געהייליקט דורך דער מאַמעס אָרעמקייט, נישט פֿאַרבליאַסקעט דורך דעם אַטלאַסגלאַנץ פֿון גרייטע פּסוקים, וואָס זאָגן זיך אַליין, און מלכותדיקע טעאַטער־קאַפּאָטעס — אַלץ פֿון דער גאַרדעראָב. ער איז טיף באַגלייבט אין זיין דיכטערישער וועלט: אַזאַ דאַרע סקאָרינקע לעבן, אין וועלכן עס האָט אויפֿגעבליט אַ שלל מיט דיכטערישער שיינקייט. דאָס איז די לאַנדשאַפֿט פֿון ישיבה־שטענדערס, ווו עס טרוימען און טריקענען מוסרניקעס, די פּאָעטן פֿון מאָרגן, צווישן „טעג" ביי יענעם און תעניתים „פֿאַר זיך" — דאָס איז דער אומעטיקער רעגן־בויגן פֿון גרוי, צווישן געלע גמרות און בלויע חלומות, צווישן הייסע פּרושים און קויטיקע קלויזן און סטראַגאַנעס אויפֿן שולהויף, ווו מענטשן קאָרטשען זיך אין טרויער און האַנדלען מיט גאָרנישט, צווישן קונים, וואָס זענען נישטאָ. דאָ איז די אָרעמע שלווה פֿון דער מאַמעס שבתים און דער קלעמענדיקער בטחון פֿון אירע וואָכעדיקע טעג — אַזאַ שטומע הכנעה פֿון וועלכער עס זינגט אַרויס דיכטערישער וידוי:

אַ קאַמער אָן פֿענצטער. אין רויכן פֿאַרוואָרגן,
בין איך צוואַנציק יאָר אָפּגעזעסן געבויגן.
און האָב אויסגעפּיבערט אַ וועלט אין פֿאַרבאָרגן,
איז וויפֿל עס זאָלן ניט פֿלאַטערן טויבן
אין הימל אין בלויען — מיין שטיבל אָן שויבן

באַשטענדיק מיר קוקט פֿון די אויגן.

— — — — — — — — — — — — — — — —

פֿון ביכער אַ שטויס ווי פֿון שאַרבנס — אין קאַמער,
די פֿינצטערניש איז נאָך געוואָרן געדיכטער,
ביז איך האָב צעבראָכן דעם שטיינערנעם קלאַמער,
מיט נאַכט אין די אויגן און פֿראָסט אין די גלידער,
בין איך אין פֿרימאָרגן אַרויס זינגען לידער,
אַרויס פֿון דער פֿינצטער — אַ דיכטער.

(„פּליטים״, ז״ז 75—76)

און אויף אַן אַנדער אָרט:

„...דער טאַטע — — איז געלעגן אַ קראַנקער אין דער פֿינצ־טערניש און זיך געשטיקט מיטן רויך פֿון בלאָזזאַק, מיטן אייזן־זשאַווער. — — ער האָט גאָרנישט געגעסן און אין גאַנצן אויפֿגעהערט צו ריידן. נאָר פֿאַרן טויט, ס'איז געווען דאָנערשטיק, האָט ער אויסגעדרייט דעם קאָפּ און אַ זאָג געטאָן צו דער מאַמען: דו זאָלסט מיך ברענגען צו דער קבורה מאָרגן, פֿרייטיק, דו זאָלסט רו האָבן דעם שבתדיקן טאָג״.

(„דער מאַמעס שבתים״, ז׳ 56)

דאָס איז געווען דער עונג פֿון אירע שבתים אין דעם אָנגעסאָזשעטן פֿינצטערן שטיבל הינטער דער קוזניע, ווו דער טאַטע האָט געשוויגן באַזונדער און די מאַמע באַזונדער — ביז זי האָט נאָך אַ מאָל חתונה געהאַט: איז דאָס ווידער אַ קעלער און ווידער אַ ייד אַ שווייגער, וואָס שטייט אויסגע־דרייט מיט דער פּלייצע צום ווייב און קוקט ארויס דורכן פֿענצטער. ערשט אַז ס'האָט אויסגעבראָכן די מלחמה מיטן דייטש, האָט דער ייד אַרויסגענומען די הענט פֿון אַרבל און שווער אַרויסגעבורטשעט: מלחמה...

אַ סך איינזאַמע, פֿאַרשעמטע שטייען ביי גראַדען אויסגעדרייט מיט די פּלייצעס צו עמעצן, צו עפּעס, און קוקן אַרויס צום שרעק פֿון דרויסן, קאָנען זיך נישט אָפּרייסן. אַפֿילו אין דער ברייטער, זאַטער מאַלערישקייט פֿון דער ווילנער אספֿת־רבנים אין געדונגענעם טעאַטער, וואָס חיים גראַדע

האָט מיט עפּישער קלאָריט־פּאָרליבטקייט אויסגעגאָסן אין זיין שולהויף און וואָס שמעקט מיט אַ קאַלטער שמינקע און תּפילת מנחה צווישן קוליסן, מיט קאָלעקטיוון הדרת־פּנים פון מאה רבנים, וואָס זענען מבטל איינער דעם אַנדערן, האָבן אָפּשיי פאַרן וואָיעוואָדע און מורא פאַר דער גזירה, אַז זיי וועלן מוזן קענען פּויליש — אַפילו אין דער דאָזיקער אידיליש־דראַמאַטישער צערודערטקייט פון פונאַנדערגעשפּרייטע מאַסן־סצענעס, פון צונויפגעפּאָרענע מחותנים, אין סאַמע מיטן הרחבת הדעת פון לומדים, שטעטלדיקע רביס און מאַכערס, מיט היימישע בערד, פּוטערס און חידושי־תּורה, בלייבן פּלוצעם זיצן „צוויי יידן אויסגעדרייט מיט די פּלייצעס צום גאַנצן עולם און אויך איינער צום אַנדערן". אָבער אויסגעדרייטערהייט טרעפט, אַז עס דערמאָנט זיך איינער אַן אַלמן, ר' אַביגדור, אַ ייד אַ גביר — „זעמלמעל, קמח סולת" — און חתנט זיך, גאַנץ געניט, מיט דער רביצין באַדאַנע, אַן אַלמנה מיט שעמעוודיקן יצר־הרע, וואָס קומט אין קראָם קויפן מעל אויף חלות לכבוד שבת.

> באַדאַנע שטעלט זיך אָפּ דאָ ביי איין פּאָליצע, דאָ ביי אַ צווייטער פּאָליצע און האַלט אין איין אויספרעגן: וואָס ליגט דאָ און וואָס ליגט דאָרטן? ר' אַביגדור שמייעט אַרום איר אַרום אַ דערפרייטער, דערקלערט איר אַלץ מיט שטאָלץ און געניטשאַפט, ווי ער וואָלט זי אַרומגעפירט אויף אַ ווייסטאַוועס, און חשבונט בשעת־מעשה ווי אַלט די רביצין איז: זי מוז אַלט זיין אַ יאָר פינף און פערציק. ער וועט שווערן, אַז זי איז מיט קיין איין טאָג נישט עלטער.
>
> („דער שולהויף", ז' 103)

ר' אַביגדור איז אַ בעל־תּפילה, וואָס איז אין זיין לאַנגיאָריקער אַלמנשאַפט אָפּט ניכשל געוואָרן אין הרהור עבירה. דאָס גיט צו מתיקות זיין דאַוונען — און דער בעלעטריסט חיים גראַדע פאַרגעסט נישט, אין מיטן די דאגות פון שולהויף, אַ ווונק צו טאָן אויף דער דאָזיקער מתיקות. פון דעם זעלבן שניט איז דער אייזן־קרעמער ר' בערל, אויך אַן אַלמן, אויך אַ גביר — מען זעט עפּעס נישט אין שולהויף, אַ קבצן זאָל זיין אַן אַלמן. באַלד ביי דער לוויה פון ראש־ישיבה ר' אהרן מאַליאַטער, בעת ווילנער רבנים

זענען מספיד דעם גאון אויפֿן בית־עלמין, שאַרט זיך דער ייד, גאַנץ פֿרום, צו דער יונגער אַלמנה — נאָך נישט, אָבער באַלד. דער מאַליאַטער, וואָס איז געשטאָרבן אָן קינדער, האָט פֿאַר דער פּטירה געגעבן גט דעם יונגן ווייבל, כדי זי זאָל נישט בלייבן קיין עגונה — שטייט ר׳ בערל ביים אָפֿענעם קבר פֿון גדול הדור און מאַכט חשבון:

דער ייד טרייסלט אָפּ דעם פֿאַרשניי פֿון זיין באָרד
און קוקט אויף דער גרושה. ס׳איז צייט פֿאַר אַן אַלמן
ווי ער צו אַ טראַכט טאָן. ס׳איז גלאַט ניט דאָס אָרט
צו קלערן פֿון דעם אויפֿן ווילנער בית־עלמין.
און פֿון דער מחשבה אין קאָפּ גיט אַ רויש אים.
ער האָט דער פֿרוי נאָכגעקוקט אויף דער לוויה,
זעט אויס אַ פֿאַרשעמטע איז זי און אַ טרייע, —
באַדאַרף מען געדולדיק זיין איבער די שלושים.
(„שיין פֿון פֿאַרלאָשענע שטערן״, ז׳ 148)

חלומען די יידן פֿון „הויכע בעטן מיט שווערע קישנס״, וואָס פּוסטעווען ביי די יונגע אַלמנות, און די ווייבלעך, ווידער, גייען אויס, צו הערן פּרייטיק צו נאַכטס קידוש אין די אייגענע פֿיר ווענט. דאָס איז שטייגער, פֿאָלקלאָר מיט ווייכע, קלוגע קנייטשן. צו מאָל דאַכט זיך, גוזמות פֿאָלקלאָר פֿאַרשטעלן אפֿשר דעם מענטש: איז ווידער מענדע, דער וואַסער־טרעגער אין שול־הויף, פֿון דער דינאַסטיע וואַסער־טרעגערס מיט נשמה, וואָס זענען שטענדיקע איינגייערס אין דער יידישער ליטעראַטור, ווידער דער אַלטער ר׳ בונימל, דער פּרוש פֿון שולהויף, וואָס אין דער מאָמעס שבתים ווערט פֿון אים ר׳ ברוכל — און עס האָט זיך גאָרנישט געענדערט. טומלט אַ גאַלעריע פֿון קרעמערס און זיצערקעס, גבאים און מאַכליאַרקעס, פֿאַרביסענע לומדים און יידן רשעים, פֿרומאַקעס, למד־וואָווניקעס און חוזק־מאַכערקעס. אָט איז ירוחמקע, דער חקרן, און סערעלע, די אָפּשפּרעכערקע, און די טשאָטע בעט־לערס מיט זייער עלטסטן: דער בלינדער מוראַוויאָוו, אַ מקלל, אַ ברען. ער האָט צוויי דינע אויגן־שפּעלטלעך, פֿאַרטריפֿטע מיט טראַכאָמע, און ער האָט הנאה, וואָס גבירים האָבן אים פֿיינט און שרעקן זיך פֿאַר אים. סיי ווי האָט ער מיט זיי אַ האַרטן חשבון, מחמת זיי שטאָפּן זיך אָן מיט „זיינע״ מיצוות, צוליב די קבצנישע נדבות, וואָס ער רייסט אַרויס פֿון זיי.

מיר קענען דעם יאַריד און מיר האָבן אים שוין באַגעגנט אין דער יידישער ליטעראַטור כּמעט אין קלאַסישער שלמות. מיר געדענקען די צעטראַטענע שטיקער מענטשן־בראַכוואַרג, וואָס דושען זיך אין דער ענגשאַפט און האָבן אַפילו קיין כּוח נישט צו יאוש — ביי חיים גראַדען האָבן זיי דעם כּוח באַקומען. ביי מענדעלען זענען די „קליינע מענטשעלעך" געווען בלאַסע נעפּל־געמעלן, וואָס פלאַדזשען זיך ערגעץ ווייט אין הינטער־גרונט פון ראָמאַנטיש־אידילישע צייטן, משכּילישע גרימעניש מיט סאָציאַלן רחמנות: צום לעבן גופא האָט דאָס נישט. אין גראַדעס ווערק איז דער עלנט היינטיקער: געפּרעסטע האַרבקייט, אָן אַ שטיקל שפּאַרע, וואָס זאָל דורכלאָזן אַ ברעקל טרייסט. דער בילדערישער טומל פון ערב־אומקום האָט שוין לאַנג אויפגעהערט צו זיין „אידיליע". ער איז פּרעלוד פון חורבן, אָנגעזאַפּט מיט וועלט־פּחד, ווי דער מאַמעס פינצטער שטיבל איז אָנגעזעטיקט מיט רויך און זשאַווער און מיט די הילכיקע קלעפּ פון דער קוזניע.

פון גאַנץ פוילן ציִען זיך יאַטן מיט יאַטעכעס קיין ווילנע.
פון ווילנע פאָרט מען צו דער סאָוועטישער גרענעץ און מען גנבעט זיך אַריבער אין רויטן ווייס־רוסלאַנד — — די סאָוועטן אויף יענער זייט לאָזן אַריין, אָבער אויף דער זייט שטייען די פּאָליאַקן און די שפּיקעס פון דער פוילישער דעפענסיווע כאַפּן די איבערוואַנדערער, שלאָגן זיי און שרייען: אייך ציט, הינטישע זין, קיין באָלשעוויע? איר וועט נאָך אין רויטן גן־עדן קראַפּירן פון בענקשאַפט נאָך די פוילישע תּפיסות...

(„דער מאַמעס שבתים", ז׳ 70)

דער קול איז אויטענטיש — און דאָס איז די פּערספּעקטיוו, וואָס די שפּיקעס פון דער גאַנצער וועלט האָבן געעפנט פאַר דער מענטשהייט: אין דער תּפיסה פון מאָרגן קראַפּירן נאָך יענע פון נעכטן. די מענטשהייט ראַ־טעוועט זיך פון איין תּפיסה אין דער אַנדערער אַריין, שטענדיק אונטערוועגס, נישטאָ נאָך די תּפיסה ביי היינטיקן טאָג, וואָס זאָל קאָנען אויסהאַלטן קאָנ־קורענץ מיט דער תּפיסה פון „פרייהייט". אַלץ שטרעבט צו שלמות — ווען די תּפיסות נישט בלייבן הינטערשטעליק. די וועלט פאַרקאָוועט זיך פון אַלע זייטן און די סכּנה פון אויסוועג איז שאַרף אויסגעמיטן.

איך האָב שטענדיק געזען פאַר די אויגן דעם דורכגאַנגס־הויף, ווו די מאַמע האָט געוווינט מיט ר׳ רפאל ראָזענטאַל. ס׳איז מיט אַ טאָג שפּעטער נאָך מיין אַנטלויפן פון דער היים, אָדער מיט אַ יאָר שפּעטער און אפשר איצט, אין אָט דער מינוט... אין הויף איז אַ בהלה, יידן לויפן צום טויער, וואָס פירט אַרויס אויף דער ברייטער גאַס, נאָר ער איז פאַרצאַמט. לויפן זיי צום טויער אויף יאַטקעווער גאַס, איז ער אויך אָפּגעצאַמט פון וועכטער, וואָס איך זע נישט, נאָר איך הער זייערע קולות און שווערע טריט. די באַלאַגערער אין דרויסן שרייען און די יידן אינעווייניק אין הויף לויפן אַהין און צוריק אַזוי פאַרטייעט שטיל, ווי שאָטנס איבער אַ וואַסער. בלויז די מאַמע שטייט מיט אַ פאַרשטאַרט פנים, זעט נישט און הערט נישט די אַרומיקע מהומה, קוקט מיט פאַרגלעזערטע אויגן ערגעץ וויט אין די מרחקים... דאָס בילד האָט זיך איינגעקריצט אין מיין מאַרך, געברענט אין מיינע אויגן, און איך האָב בלויז באַדאַרפט אַרונטערלאָזן דעם קאָפּ, האָב איך גלייך דערהערט די קלעפּ אין דער מאַמעס טויער און דערזען זי שטיין אין מיטן הויף. („דער מאַמעס שבתים״, ז״ז 370—371)

נישט בלויז אין מיטן הויף — זי שטייט אין מיטן וועלט. די מאַמע איז די צענטראַלע געשטאַלט אין גראַדעס ווערק: די מאַמע אין שולהויף. זי איז אַ מאַמע פון די מאַמעס, געווייקט אין טרערן. אומעטום „זילבערט אומעטיק איר קאָפּ״ און זי וויקלט זיך אַרום דעם דיכטערס לעבן ווי זיין „קאָפּ איז אַרומגעוויקלט מיט האָריזאָנטן״. טייל מאָל קומט אויס, אַז די מאַמע, אין איר אַבלות און הכנעה, באַשטימט מיט דעספּאָטישער ליבשאַפט זיין דיכטערישן סטיל. איר שוויגן טרעט אַרויס צו פראָנטיק — א י ר ע שבתים, א י ר יום־כיפור, א י ר צוואה — שווער זיך אויסצוהיטן פון סענטימענטאַלן בייקלאַנג, כאָטש זי אַליין וואָרנט:

ניט קלאָמער, מיין קינד, אין מיין שאָטן זיך מער,
פאַרגעס, וויפל איך האָב געליטן ביים שטאַרבן,
און אויב מיט מיין אָנדענק איז לעבן דיר שווער —
פאַרגעס אויך מיין פנים, די אויגן, די קאַרבן.

(„דער מאַמעס צוואה״, ז׳ 62)

אָבער די קאַרבן האָט ער געירשנט און די צייט האָט אים צוגעגעבן נאָך: „מיין פּנים איז געשאַרפּט און האַרט ווי ביי אַ שפּאַרבער, וואָס לעבט אין סטעפּעס און זיין גורל איז אַ האַרבער". אַוודאי איז פאַראַנען אין גראַדעס שאַפונגען אַ סך אויסגעשריי, הייס און שוימיק, וואָס קאָן נישט וואַרטן אויף קילער אויספורעמונג און האָט זיך אַ גאַס געטאָן מיט מן־המיצר־נוסח, מיט תפילה־פּראָטעסט וואָס לאָדט זיך און „באַרעדט" די יצירה און לייגט אַוועק טענות צום גורל, וואָס יענער קאָן נישט אָפּווענדן — אָבער צום גרויסן חשבון קומט אים פאַרט אַקעגן דאָס פּורעניות נישט מיט געךעכטע רייד, נאָר מיט פולע דיכטערישע געשטאַלטן, פּונקט ווי עס וואַכן אויף אין זיין וואָרט די וועלטן פון זיין ליבשאַפט און בענקעניש. נישט די האַרבע סאַר־קאַסטישע שטראָפּרייד, וואָס דערמאָנען טייל מאָל אין ביאַליקס צער־און צאָרן־געזאַנגען, מאַכן אויפשווידערן אונדזער געמיט, און נישט דער אויפּטו, אַז דער גוישער גאָט אַליין איז מגולגל געוואָרן קיין קעלץ נאָכן פּאָגראָם און שטייט דאָ אַ פאַרשעמטער, „צווישן אונדז אַבלים", נאָר גיכער די שטומע שאָטן־געשטאַלט פון אַ יידישן שוסטער אויפן מאַרק, וואָס שוועבט פאַרביי פאַר דעם דיכטערס גרויל־וויזיע:

> אַ יידישער שוסטער, און ווי מיט אַ טויט־שוואַרצער פאָן,
> אַ פאָך טאָן וועט ער מיט אַ שטיוול, וואָס איז אויף זיין האַנט אָנגעטאָן,
> און מיט אַ צעצויגענעם ביטערן ניגון אַ זונג טאָן:
> „קויפט ביי מיר שטיוול!" אַרויס וועלן מיט אַ געלעכטער די פּריצים;
> „ער וויס נאָך ניט, יאַנקל, אַז ער איז שוין טויט".
> די בלאַטע פון אונטער די רעדער וועט טאָן אַ באַשפּריץ אים,
> ווי ער וואָלט געווען ביי דער זייט פון דעם וועג אַ צעבראָכענער פּלויט.
> („יידישע שטעטלעך אין פוילן")

דער דאָזיקער „צעבראָכענער פּלויט" איז טיפסטער דיכטערישער איכה־פּאַטאָס: די טרערן באַהאַלטן זיך פון בושה. דאָס איז וועלטטרויער, אַרויס־געזונגען אונטער דעם פאָך פון אַ שוואַרצן שטיוול — און עס דאַכט זיך: אַ שוואַרצער פויגל איז פאַרבייגעפלויגן און האָט צוגעלייגט טיפעניש צו דער ליידיקייט פון דער וועלט.

ש. י. עגנון

זיין ווערק איז אַ וועלט מיט קינסטלערישע לעבנס, אימפּרעסיאָניסטישע געשטאַלטן, סוזשעטן, צייט־שטימונגען, אַלעגאָריעס, סימבאָלן, בעלעטריסטישע רעטענישן, וואָס חברן זיך עניוותדיק מיט דעם געשעפּטשעטן פאָלקס־נוסח פון מעשה־ביכלדיקע יידן, פאַרצייטיקע און היינטיקע, פשוטע, וואָס „זאָגן" זיך אַליין, און אַנדערע, וואָס זענען דיר „מוחל" פּסיכאָאַנאַליזע, און וואָס זייער תמימות איז חריפות. דאָס איז אַ וועלט מיט „עולמות", היימישע און פאַרהוילענע. טייל מאָל דאַכט זיך, אַז עגנונס ווערק צוימען זיך אין זייער עפּישן פאַרנעם, האַלטן זיך ווי ספּרימלעך, ווייל זיי שעמען זיך, צו זיין ליטעראַטור: ס'איז נישט פאַר זיי. רינגלען זיך אין זיין דערציילערישער וועלט חידושים ונפלאות פון דעם אַזוי גערופענעם קליינעם לעבן, וואָס איז נאָך אַלץ העכער — און דער שטאָף, וואָס צעוויקלט זיך, שפּרינגט נישט אין די אויגן. אַלץ ווערט נתגלה פון אינעווייניק: די תקופה, דער מענטש, זיינע חלומות און דער גרויסער אומעט פון לעבן. עגנונס מענטשן זענען אַלע גייערס און זייער רעאַליטעט איז דער דינער שטח צווישן חלום און וואָר: אויסגעטראַכט אויף אַן אמת. און אפשר איז עגנונס ווערק איין גרויסער מילדער מוסר־ספר אין פאָלקסטימלעך־באַטראַכטערישן באַטייט: ווייכע, צעבלעטערטע בילדער־בויגנס פון שטייגער און סימבאָליק, וואָס וויקלען זיך אַרום מענטשלעכער התנהגות און איר גורל — אַ שטייגער, ווי באַלזאַקס ווערק איז דאָס בוך פון דער „מענטשלעכער קאָמעדיע".

גייט אויף עגנונס איינגעהאָרכטע „הסתכלות"־וועלט מיט אוצרות קאָלירן־פרייד, מיט אַ „צוגעלאָזטער" לעבנס־פריינדלעכער געשטאַלטן־טומלעניש און מיט קינסטלערישן כלות־הנפש, וואָס איז פאַרליבט אין יעדן ווינציקסטן פּרט פון לעבן: „...איך ליג אין וואַלד, אויסגעצויגן אויף די ווייכע

גראָזן און טראַכט ביי מיר: ווויל, גאָט איינער... קומען אָן אין דער רגע טשאַטעס מערעשקעס און ווילן אויך האָרכן. מחמת אָבער זיי זענען נידעריק, הייב איך זיי אויף מיט דער האַנט, שמועס זיך שטיל דורך מיט זיי, גלייך אויף גלייך, און חזר איבער: איי, ווויל, גאָט איינער..." (ש. י. עגנון: אלו ואלו, רס"ט). דאָס איז אַ בעל־שמסקע נאַטור־דבקות און דער דיאַלאָג פֿירט זיך כמעט אָן ווערטער, דורכגעשמועסט מיט דעם סוד פֿערזענלעך. און אויף אַן אַנדער אָרט: „...איך שטיי צווישן די ביימער און מיינע בליקן זענען דערפֿרייט. טראַכט איך מיר: ‚שיין, שיין׳. שטראַלט דער הימל צו זיך: ‚איר קוקט אָן דעם מענטש — ער ווייס, וואָס שיין איז. מען דאַרף אים ווייזן נאָך". מער זאָגן זיי ביידע גאָרנישט, נישט די נאַטור און נישט דער דיכטער. זיי האָבן אַ הסכם און קאָנען אויסשווייגן אַ וועלט מיט שיינקייט.

דאָס איז ציטעריקער פֿאַנטאַסטישער שטימונגשפּיל מיט אַ בלייכן אויפֿ־בליץ פֿון איראָניע, וואָס קנייטשט זיך אַריין פֿיליגראַניש אין נוסח עגנון. די דאָזיקע נישט־דערשמועסטע האַלב־דיאַלאָגן מיט דער נאַטור און מיט זיך אַליין זענען די מוזיקאַלישע אינטראָדוקציע צו עגנונס ווערק — און עס דאַכט זיך: די נאַטור אַליין גייט אויך איין אויף דעם קאַפּריזנע־געפֿינקלטן עגנון־סטיל, אויף וועלכן זי האָט זיך מסתמא צונויפֿגעלייגט אין איינעם מיטן גייסט. יעדער זיין חלק האַרמאָניע. צעשפּילט זיך עגנונס דערציילערישע וועלט מיט די ווייכע גלאַנצן פֿון דער צניעותדיקער גאַליציאַנער לאַנדשאַפֿט אַרום בוטשאַטש. דאָס איז אַ לאַנדשאַפֿט, וואָס שטופּט זיך נישט, קאָן באַ־שטיין, אַז מען „באַשרייבט" זי נישט — מ׳ווייסט דען נישט? דאָס איז עניוות מיט אַ שמץ גדלות, אַ גאָרנישט.

שמעקט די לאַנדשאַפֿט פֿון עגנונס ביטשאָטש מיט אַ מין סינטעטישן ריח פֿון יראת־שמים און געקאָכטע גרייפּלעך מיט האָניק — אַ מאַכל מיט הכנעה, צוגעפּראָוועט פֿאַר למד־וואָווניקעס — נישט צו פֿאַרגלייכן מיט די פֿאַנטאַסטישע אַכלענישן פֿון חמדת, דעם חזן פֿון יאַס, וואָס ערב יום־כיפּור פֿאַרן פֿאַרפֿאַסטן גייט ער אַרום איבער דער שטאָט, פֿון גביר צו גביר און פֿון שענק צו שענק, און האַלט אין איין טועם זיין און „איבערכאַפּן", מיט דער הייסער צעפֿלאַכטנקייט פֿון אַ בעל־תאווה צו מצוות, גאַנצע בערג מיט כל־טוב. „דער ריח שטייט אין שטאָט פֿון איסרו חג פּסח ביז חודש מרחשון, ווען עס פֿאַלט אַ שניי און דעקט איין גאַנץ שיבוש". און אַז עגנון זאָגט „שיבוש",

מיינט ער אויך איר סביבה: די גאַנצע וועלט, מעג שיבוש אַ מאָל זיין ירושלים, צי, להבדיל, לייפּציג, יפו, לעמבערג, פתח־תקוה, ווו זיינע מענטשן שטייען אַלץ איין אונטערוועגס: אין דער היים צי אין דרויסן. ביטשאָטש איז דער שורש פון אַלץ, וואָס וואַקסט אין עגנונס דערציילערישער וועגעטאַציע. „דו האָסט ליב שיבוש" — זאָגט אַהרן שיצלינג צו זיין אַמאָליקן חבר — „האָסטו ליב ירושלים".

און ווען מען וואָלט געמעגט, וואָלט איך געפּרוווט אַ זאָג טאָן, אַז ביי־טשאָטש איז אַ מין געאָגראַפישער קדמון אין עגנונס ווערק — אַן אַבותדיקע שטאָט, אין וועלכער אַלע שפּעטערדיקע יידנשטעט זענען מרומז פון בראשית, פונקט ווי די סטריפּאַ, ביי וועלכער די שטאָט ליגט, איז נישט אַזוי אַ טייך — דאָס אויך — ווי אַ סימן פון שולחן־ערוך, אַז אין אָט דער „מתא דיתבא על נהר", אין דער שטאָט ביים טייך, מעג מען מסדר זיין אַ גט. אַגב, האָבן גטין צוגעגעבן דער שטאָט אַ באַזונדערס שאַרף אַקצענ־טירטעווירקלעכקייט, ווייל זיי זענען געווען דער אויסגעווייינטער חלום פון אַ וועלט מיט נישט־דערגאַנגענע גרושות און אַ פולער שטאָט עגונות, וואָס צאַפּלען, געפּענטעטע צווישן תלמיד־חכמדיקע דרייקעפּ. טייל מאָל קומט אויס: גרושות, עקרות, עגונות האָבן זיך אַלע קאָנצענטרירט אין ביטשאָטש, קלאָגן דאָרט אָפּ זייערע יאָרן אונטער לומדישע הימלען, וואָס מאַכן אַוועק: „נו־נו, יידענע", ווי אָפּגעהאַרטעוועטע רחמנים אין קלויז שטופּן אַוועק פון אָרון קודש צעשריגענע ווייבער, וואָס „רייסן איין", פאַר אַ חולה מסוכן — „מנע..." די מאַנסבילן פון שיבוש, מדרגה־יידן מיט „כוח המדמה", און אַנדערע, ווילן נישט וויסן פון גאָרנישט. זיי קאָנען זיך נישט אָפּגעבן מיט משפחה־גליק — זענען זיי „אַוועק" און קיינער ווייסט נישט, ווו זייער געביין איז אַהינגעקומען.

דאָס איז ביטשאָטש, אַ שטאָט אויף אַ באַרג, וואָס אירע אַוונטלעכע דעכער זענען באַקראַנצט מיט שטערן. אין תוך, אַ שטאָט ווי אַנדערע יידישע שטעט: קראָמען און קלויזן, ש"ס און וועקסלען, שידוכים און מחלוקת, דאגות און דמיונות — און פאָרט אַ ביסל אַנדערש. שטייט אין מדינת קיר"ה אַן אויסטערלישער נעבנאַנאַנד פון אליהו הנביא און קייזער פראַנץ יאָזעף, ביידע נאָענט און פאַרהוילן: דער מיט דער גילדענער קרוין אויפן קאָפּ און יענער מיט דעם גייערישן זעקל אויף דער פּלייצע — און ביידע, נישט

קיין קרוין און נישט קיין זעקל: גאָר עפּעס אַנדערש. ביידע האָבן זיך אַריינ־געמישט אין ענין שיבוש, מיטגעפֿורעמט פֿון ביידע זייטן איר גראָטעסקן מעשה־ביכלדיקן נוסח פֿון דלות און מלכות, מיטגעשפּונען איר פֿאַרטראַכט־קייט, איר שמייכל און עגמת־נפֿש, איר געצוימטע בית־מדרשדיקע פֿאַר־שייטקייט, וואָס קאָן באַשטיין, אין לייכטן לומדישן פֿון־אויבן־אַראָפּ, צו פֿאַרקלענערן אַ ביסל דעם דרך־ארץ פֿאַר זיך אַליין. שיבוש, צוגעווינט צו גדולים, צערייסט זיך נישט, אַז ס׳קומט צו נאָך אַ גדול: מילא!

אין קיין אַנדער לאַנדשאַפֿט, דאַכט זיך, זענען נישט געמאָלט עגנונס מענטשן: נישט דער זיידע פֿון דער דינאַסטיע, ר׳ יודיל חסיד פֿון בראָד, אַ האַרציקער אָרעמאַן מיט פֿאַרנעם, אַ מין חסידישער גילגול פֿון די ווייטע „קאָמעדיאַ דעל אַרטע״־געשטאַלטן, אַ ייד, וואָס לאָזט זיך איבער דער מדינה אויף הכנסת כלה, אָנגעגורט מיט בטחון און אַ כתב פֿון אַפּטער רבֿ, און לעבט איבער אונטערוועגס, אין קרעטשמעס, אַכסניות און וועלדער, אויסטערלישע אַוואַנטורעס מיטן רבש״ע און, להבדיל, מיט פֿאַרשטעלטע, לײַדאַקעס און כאַפּערס, וואָס נאַרן ביי אים אויס דעם כתב — און נישט דער אייניקל, יצחק קומער פֿון דער דערציילונג תמול שלשום, וואָס איז דאָ נעכטן־אייערנעכטן אַוועק מיט דער צווייטער עליה פֿון ביטשאַטש קיין ארץ־ישראל — צי „איינער אַ מענטש״, וואָס איז שוין אויסגעוואָקסן אַ וועלט און קומט פּלוצעם, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, אָן אַ פֿאַרוואָס, צוריק קיין שיבוש, כדי „איבערצונעכטיקן״ אין דער אויסגעליידיקטער שטאָט, צווישן חורבות און קאַליקעס און נאָך־מלחמהדיקע וועלט־ און מענטש־סימבאָלן, וואָס לאָזן נישט אַ טריט מאַכן אין דער געדיכטעניש פֿון רמזים: אורח נטה ללון.

אַזוי זענען די אייניקלעך: די הערצער צערודערט, די וועגן פֿאַרהוילן און נאָך אַלץ ווייס מען נישט, ווו איבערצונעכטיקן. אַן אַנדער אייניקל פֿון ר׳ יודיל חסיד איז דער יונגער פֿאָרשער יעקב רעכניץ, לערער אין דער יפֿו־גימנאַזיע, אַנטפּלעקער פֿון אַ באַזונדער מין געוויקסן אין ים. אַ מאָל, אין קינדערישע יאָרן אין דער אַלטער היים, האָט ער זיך געשפּילט מיט דער קליינער אָפּגעציטערטער שושנה, דעם קאָנסולס טעכטערל, אין גאָרטן פֿון דער איינזאַמער פּריצישער ווילע, און שפּילנדיק צוגעשווירן דעם קינד „אייביקע ליבשאַפֿט״. איצט, אויף אַ וועלטרייזע מיט איר פֿאָטער, דעם

פֿאַראַלמנטן קאָנסול, איז די „קליינע" געקומען קיין יפֿו, צו איר אַמאָליקן שפּיל־חבר, יעקב, איינמאָנען געטריישאַפֿט. זי מאָנט שווייגנדיק און דער גורל טונקלט און הענגט איבער איר קאָפּ. די טעמע איז אַנטיקווירט, אָבער זי האָט אין עגנונס מייסטערישער האַנט באַקומען דעם געשליפֿענעם גלאַנץ פֿון אַ זעלטענער גאָלדשמידישער מיניאַטור־אַרבעט.

פֿאַראַנען אין עגנונס ווערק נאָך איניקלעך פֿון ר׳ יודיל חסיד, וואָס האָבן זיך אָפּגעברעקלט פֿון זיידן און חלומען פֿאַר זיך: צווישן זיי חמדת, דער פּאָעט פֿון „גבעת חול" אין יפֿו. פּלאָנטערט זיך דער יונגער דיכטער צווישן זיגזאַגישע האַמסון־שטימונגען אַרום דער גרינאויגיקער יעל — און עס לייגט זיך אויפֿן שכל, אַז ער פֿאַרנעמט זיך מיט דער איבערזעצונג פֿון דין־געוועבטע סקאַנדינאַווישע דערציילונגען.

דער דאָזיקער חמדת איז אַ „נסמך", נישט בלויז אין דקדוק. ער לענט זיך אָן אויף עפּעס, וואָס איז פֿאַרהוילן. „ער האָט געוואָלט" — זאָגט עגנון — „בלייבן שוועבנדיק, צווישן האָפֿענונג און יִיאוש. פּלוצעם איז ער אויפֿגעריכט געוואָרן מיט אַ פֿול האַרץ שלווה, ווי אַ קינד אין דער סעקונדע צווישן וויינען און פֿאַלן" (גבעת חול). אויף אָט דעם שמאָלן לעבן, צווישן איין אָטעם און דעם אַנדערן, וויברירט אויס אַ היפּשער טייל פֿון עגנונס עולם זיינע טעג און נעכט. אַלע זוכן דעם פֿאַרלוירענעם וועג, אַזוי ווי דער „אורח" זוכט דעם שליסל צום אַלטן בית־מדרש, וואָס ער האָט פֿאַרלוירן באַלד ביי זיין אָנקום אין שטאָט. געמאַכט אַ נייעם שליסל, אַ פֿאַרטאַטשנעם אַ ביסל, הייבט זיך ווידער אָן אַ צרה ביים אַוועקפֿאָרן, ווען מען לאָזט מען איבער דעם נאָכגעמאַכטן שליסל. די סימבאָליק האָט דעם פּירוש אין זיך — פּונקט ווי דער באַנמייסטער מיט דער גומענער האַנט, וואָס וואַרט אָפּ די אָנקומענדיקע צוגן און רופֿט אויס „שיבוש" איבער פֿאַרשנייטע רויִנען, מאַכט נישט קיין שווערקייטן און הייסט באַלד: גומיעוויטש. דאָס זענען קענטיק די לעצטע רעשטלעך „לעבנס־האַרמאָניע", וואָס האָבן זיך פֿאַרוואַלגערט פֿון פֿאַרצייטנס.

דרייט זיך חמדת אויפֿן זאַמדבערגל, וואָס ראָמאַנטיקער פֿון יפֿו רופֿן „ליבע־בערגל", צווישן נישט־דערטראַכטע געדאַנקען, טרעפֿט זיך מיט מענטשן, וואָס ער וויל נישט זען, צווישן זיי מיט איינעם אַ פּאָעט, וואָס מאַכט שירים צום ריטעם פֿון קעמלטריט אין מידבר, און איינעם אַ טומלע־

רישן טרוימער, וואָס שטופּט זיך צווישן ליטעראַטן און ווען ער וואָלט צייט געהאַט צו שרייבן, וואָלט ער געווען אַ גראַפאָמאַן. אַזוי אָבער זיצט ער סתם צווישן שרייבער און קאָן זיך נישט איינהאַלטן דרייען די וואָנצעס אַרויף, נאָך העכער. דערמאָנט זיך אין מיטן די האַנט, אַז ס׳איז „פע״, פאַר־קערעוועט זי זיך אַרויף צום שטערן און בלייבט שוין דאָרט אויבן מיט דער מינע פון אַ דענקער.

אין דער מיטן, צווישן דעם זיידן ר׳ יודיל און די אייניקלעך, שטייט דער דור פון די טאַטעס: לומדים און גבירים און געהויבענע געפאַלענע, אַנזעצערס, למד־וואָווניקעס און „געמיינע יידן״, זקנים, וואָס שווייגן, אָבער ס׳איז „קלוג״, חוקרים, וואָס זענען „מעיין״ און ראַנגלען זיך מיט דינגע געוועבן פון אמונה און ספקות, מענטשן, וואָס טוען קרומע שידוכים און פלאַטערן אַ גאַנץ לעבן מיט איינגעבראָכענע פליגלען, ירידניקעס און דאָרפ־גייער און סתם יידן, וואָס דאַרפן געהאָלפן ווערן. זיי אַלע שטופּן זיך צונויף, באַלאַדענע מיטן גורל, וואָס דעקלאַמירט נישט, נאָר שעפּטשעט קוים אויס אַ הויך, אין עגנונס דערציילערישער וועלט. זי איז היימישלעך און ענג און אירע האָריזאָנטן גייען אין דער טיף. די מענטשן זענען כמעט אַלע גלייך איינער צום אַנדערן און פאָרט איז יעדער אַנדערש. „יעדער אין ארץ־ישראל״ — זאָגט איינער פון עגנונס מענטשן — „איז אַנדערש ווי דער אַנדערער, און טאָמער טרעפט אַ מאָל, אַז איינער איז נישט אַנדערש, איז ער שוין אַנדערש דער־מיט, וואָס ער איז נישט אַנדערש ווי דער אַנדערער״. און דאָס איז אַוודאי חל אויך אויף גאַנץ שיבוש.

די אַנשי שיבוש קומען אַלע פאַרחידושטע אויף עגנונס וועלט. זיי שפּראַצן אַרויס פון נוסח עגנון, אין וועלכן עס מישן זיך אמונה און איראָניע, רעאַליסטישער נגלה, דורכגעטונקלט מיט רמזי רמזים פון נסתר. הינטער יעדן זאַץ עגנונס שטייט דאָס פאַרטראַכטע שווייגן פון זאַכן, וואָס זענען אויך דאָ, אָבער זיי טרעטן נישט אַרויס. קייטלען זיך אין דער דערציילונג שטייגער, הומאָר, קאַפּריזנער גראַטעסק און מדרשדיקע באַרעדעוודיקייט, וואָס האַלט שטרענגע קינסטלערישע וואָג. דאָס איז אַ וועלט, איינגעבעט אין באַשעפערישער ליבשאַפט — קיין חידוש נישט, וואָס זי שטייט אייביק אַ ביסל צעפּעסטעט, אין מילדן ליכט, און האָט הנאה פון זיך. זי קאָן זיך נישט צעשיידן מיט איר שורש, און עגנון אַליין קערט זיך אַלע מאָל אום

צו זײַנע געשטאַלטן אין פֿאַרשײדענע לבושים, פּונקט װי זײ קערן זיך אום פֿון װײַטע מרחקים צוריק צום באַרג הינטערן בית־מדרש, פֿאַר־בענקטע נאָך דער גאַנצקײט, װאָס איז צעבראָכן געװאָרן. װאָגלט מען און מ׳קאָן זיך קײן אָרט נישט געפֿינען און דער נישט־געשריבענער רעפֿרײן: „געגאַן און געגאַן״. דאָס איז ביטשאָטשער לשון. פֿאַרנאַכטיק װײך און נאָגנ־דיק: ניגון פֿון נע־ונדקײט.

זײ גײען דורך דער װעלט מיט שטילע טריט, עגנונס מענטשן. זײ טרעטן נישט אַרויס, װי „העלדן״ פֿון די ביכער: זײ זענען פּשוט דאָ, אײַנ־געשפּונען אין שמועסװדיקע מעשים. זײ זענען זײערע אײגענע „נעבן־פֿיגורן״, װאָס דאַרפֿן אין דער עקספּאָזיציע אַרויספֿירן די צענטראַלע גע־שטאַלטן, און די פּעריפֿעריע אַלײן איז באַלד דאָ אין דער מיטן. זײ לערנען, האַנדלען, װאָגלען, פּלאָנטערן זיך מיט חלומות, פֿרומע און אַנדערע, און װערן צו מאָל געשטרויכלט אויף גלײַכע װעגן. זײערע זקנים זענען מאַריך ימים, פּאַמעלעך און בנעימות, נישט געכאַפּט, װי מען פֿאַרזוכט אתרוג־אײַנגעמאַכטס נאָך שימחת־תורה. דערנאָך װערן זײ נפֿטר, אַזױ צו זאָגן גוט־װיליק, נישט דערקוטשען דער השגחה, דאָס אַלץ איז אויפֿגענומען מיט אײגענע חושים, נישט פֿאַרלאָזן זיך אויף גרײטע בילדער און מחשבות. יעדער דינסטער בײַג פֿון אַ קנײטש גײט אַרײַן אין קינסטלערישן תמצית שבתמצית פֿון נוסח עגנון. אפֿשר מעג מען רײדן װעגן עגנונס פּערזענלעכן נוסח התּפֿילה בײַם דערצײלן פּשוטע זאַכן אויף חידושים. יחידי סגולה, זאָגט מען, פֿון אונדזערע זײדעס פֿלעגן דאַװענען פֿון אַ סידור, װאָס זײ האָבן אַלײן, מיטן אײגענעם סודותדיקן כתב, װאָס נאָר זײ אַלײן האָבן געקאָנט לײענען, איבערגעשריבן פֿון אוראַלטע סידורים, װאָס װערן נישט מער גענוצט. האָבן די פֿאַרצײַטיקע יידן מיט זײערע פֿאַרדרײדלטע אותיות, װי געריסעװעטע כרובים, אויפֿגעװעקט אין די תּפֿילות אײַנגעדרימלטע כּװנות, װאָס די װעלט האָט געהאַט פֿאַרגעסן.

אַלץ קומט אַרויס בײַ עגנונען שמועסנדיק און „צוריקגעשמועסט״ און צו מאָל מיט דער אַלטפֿרענקישער מעשה בתוך מעשה, װאָס איז „נישט אויסן״ גאָרנישט, אָבער ס׳איז אים פֿאָרט אַן עבירה אָפּצולאָזן אַ דבר יקר, װאָס האָט זיך גראָד געמאַכט אין װעג. דאָס איז, װי מיר װײסן, מענדעלעס דרך, אָבער עגנון איז װײַט פֿון מענדעלעס משכּיליש־סאַטירישער מעסער־שאַרפֿ־

קייט פֿון כירורג, וואָס וויל דערהאַלטן דעם חולה ביים לעבן: וואָס פֿאַר אַ חולה און ווער איז דאָ, מישטיינס געזאָגט, דער רופֿא! „איך האָב אַלץ בודק געווען" — הייסט עס אין ספר המעשים — „און אָפּגעוויגן, ווי אַן אַפּטייקער וועגט אויס מיט ציטעריקער וואָג רפֿואות פֿאַר אַ חולה און מיט אַ מאָל דערוויסט ער זיך, אַז דער חולה איז געשטאָרבן.

אָפּט באַגעגענען מיר די בעל־מחברישע פֿאָרמול „נחזור לעניננו". „טויזנט מאָל — זאָגט דער אורח — האָבן מיר שוין געזאָגט ,נחזור לעניננו' און זיך אַלץ נישט אומגעקערט. דערווייל האָבן מיר זיך פֿאַרטראַכט און איצט ווייסן מיר נישט אַקוראַט, וואָס איז דער ענין". אַלץ די הכנעהדיקע זעלבסט־איראָניע, וואָס גיט דאָ און דאָרט אַ לומדישן שמייכל אין עגנונס סטיל. מסתמא געהערט דאָס צו זיין דערציילערישער טעכניק — אויב מען מעג אַרויס־זאָגן אַזאַ האַרט און פֿרעמד וואָרט אין שכנות פֿון אַן אויסגעאיידלטן קונסט־ווערק, וואָס איז כולו היימישקייט און שטרענגע אָפּגעהיטנקייט, ווי די געכתיבהטע שורות פֿון אַ רייניקייט אויף סאַמעטן־אָנגעהויכטע פּאַרמעטענע יריעות — אַפֿילו ווען דער דיכטער פֿאַרבלאָנדזשעט אַ מאָל, ווי אין זיינע שפּעטערדיקע דערציילונגען, אויף טונקעלע סטעזשקעס פֿון פּסיכאָאַנאַליטישן מדרש. שטעלט זיך דעמאָלט אָפּ אַ רגע דער „לויף פֿון דער האַנדלונג" און וואָרט איבער — ווי מען וואָרט אין קלויז, ביז דער גאון פֿון שטאָט לאָזט אויס דעם אָפּגעציטערטן „אמת" ביי „קריאת שמע": איז דער עולם, חלילה, געשטאַנען ליידיק? פֿאַרקערט.

און נאָך אַלץ איז נישט קלאָר דער סוד פֿון נוסח עגנון אין דער העב־רעישער ליטעראַטור — און וואָס איז דער אויפֿטו, אַז איך וועל שוין זאָגן „סימבאָליסט"! מען גייט אַרום אים בלחש, ווי מען היט זיך מיט די טריט אין אַ גבירישן פּאַלאַץ, ווו עס שטייט איין דער רבי. און זאָלן געוואָרנט זיין די עפּיגאָנען, נישט דערוועגן זיך למה"ש נאָכגיין אויף דעם יחידישן דרך, וואָס מאַכט געגנוג קאָפּדאַרעניש אַ סך ליטעראַטור־למדנים, וועלכע פּראָוון וויסנשאַפֿט פֿון אַ פּענאָמען. מסתמא איז נישט ווייט דער אמת, אַז נוסח עגנון איז אַ מין בעלעטריסטישער „מסיני", וואָס האָט זיך אָנגעקליבן פֿון דורות: „זאָגעכץ", וואָס איז סאַמע מתיקות, אָפּט אַן אַ ניגון. דער דאָ־זיקער עגנונישער „מסיני" וואָלט אפֿשר געוואָרן דער ניגון, ווען פֿריערדיקע דורות וואָלטן געווען געזונגען ליטעראַטור. אַזוי אָבער האָט זיך דער נוסח

אויפֿגעהיטן אין זיין סטיליסטישער ריינקייט און האָט געוואָרט, אַ נישט־אויס־געזונגענער, אויף דעם ערשטן און איינציקן „זאָגער" פֿון דעם שטייגער. דער דאָזיקער נוסח פֿליסט מיט ווייכער גלאַטיקייט, ווי אַ טייכל, וואָס חנדלט זיך צווישן פֿאַרפֿלאָכטענע סענקעוואַטע וואָרצלען, דורכגעווייקט מיט אַלטקייט און פֿאַספֿאָרירנדיקער שיין פֿון דער טיף. זיי שפּיגלען זיך, די וואָרצלען, אין זיין שפּילעוודיקן ווידעראַנאַנד פֿון עמקות און פֿאַלקלאָר, הומאָר און ליריק, אין זיינע דינסטע אָנצוהערענישן וועגן דער קדושה פֿון דער וועלט, וואָס אַנטפּלעקט זיך עגנונען אין „וואַלד און אין שטאָט", אין בית־מדרש און אויפֿן ים, אין תמימות און אין חלום, אין יעדן זאָג און אין יעדן בילד פֿון זיינע ברייט פֿאַרמאָסטענע דערציילונגען, וואָס זענען אַריכות בצמצום, און פֿון געוויסע קליינע זאַכן, ווי אַ שטייגער „די פּריצטע און דער פּעדלער", וואָס דערגייט צו באַלאַדעסקער שאַרפֿקייט.

עגנונס ווערק איז די ראַפֿינירטע קינסטלערישע צושפּיצונג פֿון דער כלומרשט „פּשוטער מעשה", וואָס איז אָפּט פֿאַר זיך אַליין גאַנץ עגנון. יעדע פֿון זיינע געשטאַלטן טראָגט אין זיך עלעמענטן פֿון שלימות: אינטעגראַלע וועלט אָן מחיצות, צונויפֿגעגאָסן פֿון חכמה און וואַלד, שניי און מדרש, זוהר און רעגן, וואָס דערגאַנצן און קרעפֿטיקן זיך איינס דאָס אַנדערע מיט שאַ־פֿערישן גלאַנץ. זיין קינסטלערישער בליק פֿאַרבינדערט „אַלץ מיט אַלעמען", עס זאָל קיין ריס נישט זיין צווישן די דורות און די ספֿערן, וואָס קאָנען איינע אָן דער אַנדערער קיין קיום נישט האָבן. צו מאָל טוט די האַרמאָניע אַ צאַפּל אונטער איר אייגענער אויסבאַלאַנסירטער משא שוועבנדיקייט — גיט זי זיך גיך אַזוי אַ נאָמען, כדי נישט אַריינצופֿאַלן אין גדלות: „אַ פּשוטע מעשה". זי צעצווייגט זיך מיט דינע ליניעס דורך אַלע זיינע שאַפֿונגען, פֿון אָנהייב ביזן היינטיקן טאָג. זיי האַלטן זיך טעמאַטיש אַרומגענומען, ווינקען זיך איבער מיט מאָטיוון און שטימונגען, וואָס שוועבן פֿון איין זאַך צו דער אַנדערער, לויכטן אויף אין אַ דערציילונג, ווערן נעלם און באַווייזן זיך ווידער אין אַן אַנדערער, זינגען זיך אויס כמעט אימפּראָוויזאַטאָריש, מיט אַ דיס־קרעטן ליריש־עפּישן גרונטטאָן — אַלע אין איינעם איין גרויסע „פּשוטע מעשה". זי קומט אויס על־פּי־רוב מיט ווינציק „אַקציע" און אַ מאָל וואַקסט אויס ביי עגנונען אַ וועלט מיט שיינקייט, אין וועלכער עס טוט זיך גאָרנישט: „ברויט און תפֿילין ווערן נישט נמאס" — און אַרום זיי דער ווונדער פֿון

לעבן. מסתמא וועלן אַנטוישט זיין יענע, וואָס זענען אַבאָנירט ביי דער ליטעראַטור אויף גרויסע „שטיקער תקופה״ — כאָטש עגנונס „אורח״ איז אין אייגנטלעכן זין אַ צייטראָמאַן, וואָס גיט שטיקער מענטשן־בראָכוואַרג פֿון נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, דעם ריח פֿון דור, זיין ציניזם און צעפֿאַלנקייט.

פונקט אַזוי קאָן מען זאָגן, אַז דער ראָמאַן תמול שלשום גיט די אידעען און די שטימונגען פֿון דער תקופֿה פֿון דער צווייטער עליה: „ראָמאַן״ אָן אַ „העלד״. דאַרויף האָט יצחק קומער קיין כוח נישט. ער איז געקומען קיין ארץ־ישראל פֿון שיבוש, פֿון אַ באַלעבאַטישער סביבה: אַ ווילער גאַרנישט — און נישט קיין סך מער. אַזוי וואָלט ער געוואָרן אין אַ שטעטל אַ קרעמער מיט רעיונות און וואָלט געשפּילט שאָך אין ציון־פֿאַראיין. האָט אים „גע־טראָפֿן״ דער גייסט פֿון דער תקופֿה, אַנגעלאָדן מיט דראַמאַטיק, און עגנון האָט אים אַוועקגעשטעלט אויף איר הינטערגרונט. אָבער ווייל דער יונגער־מאַן האָט נישט קיין אַקטיוויסטישן כאַראַקטער און איז צו שוואַך מיטצופֿור־רעמען די צייט, קנעט זי אים. מיר אָטעמען די צווייטע עליה אויף דעם בלייכן פּאָן פֿון יצחק קומערס לעבן, וואָס זיין „אַקציע״ דערוועקט קנאַפּ אינטערעס ביים לייענער, נאָך וויניקער ביי דער קאַפּריזנער באַרישניע מיט די יינגליש פֿאַרשוירענע האָר, וואָס האָט אַ שטאַרקע שוואַכקייט צו בחורים אין רו־באַשקעס, וועלכע זינגען וואָלגאַ־ראָמאַנסן אין די לבנה־נעכט ביים ים און דערציילן זכרונות פֿון סיבירער טורמעס.

אַלע בחורים גיבן צו פֿילן דעם לעבן, אַז די „תקופֿה״ זענען זיי — וואָלט יצחק פֿון שיבוש אויך געוואָלט עפּעס זיין, עפּעס זאָגן און דערציילן, אָבער ער ווייס קיין מאָל נישט, ווו אָנצוהייבן, ווי אַזוי ווייטער צו גיין. אַוודאי איז דאָס געווען עגנונס כוונה: אָנוואָרפֿן בילדער, געשטאַלטן, שטימונגען פֿון דער צייט אויף דעם „אומבאַשריבענעם בלאַט״ פֿון יצחק קומערס בלייכער פּערזענלעכקייט, וואָס וואַקלט זיך אויפֿן שייד־וועג פֿון די דורות. דאָ, צווישן יאַגעדיקע צוגווינטן פֿון די צייטן, נאָך נישט אויסגעגאַנגענע, קוים אָנגעַ־הויבענע, בעט זיך בלאָנדזשען: אַלט־ און יונג־ירושלים, כותל און קאָלאָניעס, ברען און אָרעמקייט, כינין און ליבע, רבנים, שומרים, פּקידים, לערערס, רעוואָלוציאָנערן און עקסטערניקעס פֿון לעבן, אויסגעטריקנטע ברונעמער און פֿלאַמיקע פֿאַנאַטיקער, לא יוצלחדיקע שטרייקן און שיף־סירענעס, וואָס

גרילצן גוזמאדיק אין יפֿוער פֿאַרט — און דערצו בלק, דער משוגענער הונט, נישט אַזוי משוגע ווי הונגעריק, פּראָוועט אין די אָנגעהיצטע ירושלימער גאַסן טונקעלע משוגעת, וואָס איז אָנגעשמעקט מיט סיטרא אחרא. אַלע אַנטלויפֿן פֿאַר אים און ער אַליין האָט מורא פֿאַר אַלעמען, זינט איינער אַ צערודערטער האָט אים מיט פֿרישער פֿאַרב אויסגעמאָלט אויף זיין פּלייצע די ווערטער „משוגענער הונט" און אַרויפֿגעלייגט אויף אים דעם עול פֿון „סימבאָל" — כאָטש ער וואָלט זיך מסתמא געקאָנט אָפּלעבן זיינע יאָרן און זיין „אַזוי" אַ הונט אין גאַס.

אַוודאי איז עגנון אַ קאַטעגאָריע פֿאַר זיך מיט אַן אייגענער וועלט פֿון סימבאָליק און מיט אַ לומדישן יצר־הרע צו דער פֿאַרהוילנקייט: נסתר בתוך נגלה — און עס מעג אָנשטיין דער ליטעראַטור ביי יידן, אַוועקצושטעלן אַ באַזונדערן שטול פֿאַר ש. י. ע.: „בכאן", דאָ זאָגט זיך נוסח עגנון — און זאָלן זיך היטן ליטעראַטן, וואָס האָבן פֿיינט, אַז מען מאַטערט מיט שווערע געגנג, זענען ברוגז אויף אַ קינסטלער, אויב ער דערוועגט זיך צו זיין איינזאַם און איז ניט יוצא קעגן דער בעלעטריסטיק — זענען אָבער עגנונען קענטיק בילכער די מידות און די מאָסן, מיט וועלכע ער מעסט די וועלט און דאָס ווערק. און אַזוי ווי זיין דערציילערישע וועלט בילדערט זיך פֿונאַנדער צווישן משל און נמשל, איז דער ענין ממילא אויך געגליכן צו אַ „מלך, וואָס האָט פֿאַרשפּרייט אַ פֿירהאַנג איבערן טויער פֿון פּאַלאַץ. נעמט דער חכם, פֿאַרהייבט דעם פֿירהאַנג און גייט אַריין". אויך דאָס — נוסח עגנון.

האָט מען שוין אַ מאָל ווערטלדיק געזאָגט, אַז ש. י. עגנון שרייבט יידיש אויף לשון־קודש — אפֿשר אַ שטיק אמת. אַ סך זאַכן ווערן אמת אויף זייער שטייגער אין עגנונס אויסטערלישער מעשה־וועלט. האָט זיך דער ברייטלעכער ביטשאַטשער יידיש „פֿון זיך" אַריינגעזונגען, באַהאַלטענער־הייט, אין דער טונקעלער טיף פֿון עגנונס לשון־קודש: לומדישער יידיש פֿון בוררות און האַרבע מסכתות און „אַזוי זיך" יידיש, אָפּגעריסענער יידיש פֿון בעלי־בתים און גבירנטעס און צוגעלאָזטער יידיש פֿון „מענטשן ביי יענעם", יידיש, וואָס וויל פֿאַררעדן די דין תורה און, להבדיל, ס׳גאַיעס אין מאַרק, יידיש פֿון דאָנערשטיק ביינאַכטיקן „אור החיים" אין קלויז, וואָס גרייט אָן שיינקייט אויף שבת, יידיש פֿון דער באָבעס עברי־טייטש

און פֿון חסידישן ליצנות און דערצו חקירה־יידיש פֿון ביטשאָטשער בית־מדרשדיקן „דאַאַטש“, וואָס קוקט אַריין אין „ביאור“ פֿון מאָזעס מענדעלסאָן — דער דאָזיקער רעגן־בויגן פֿון ווייכע יידיש־ניואַנסן האָט זיך אַוודאי בסוד סודות אַרייגעגלעט אין דעם האַרבן צמצום און אין דער נצחיות פֿון לשון־קודש, האָט מתיר געווען דאָ און דאָרט, אויפֿצורירן אַ ביסל אירע שאַרפֿע פֿאָרעמקאַנטן — אַזוי ווי די דברי חול פֿון שטיקער „אבן עזר“ האָבן מילדער געמאַכט חומרהדיקע חלקים שולחן ערוך, ווו עס גייט וועגן „גטין“ און „מדינת הים“ און וועגן לויז מאַכן דעם גורל פֿון געפּענטעטע מענטשן.

די לעגענדע נח גרין

יעקב פֿרידמאַנס שירה

נישט שווער זיך אָנצושטויסן, אַז דער גרין־גרויער אַנאָנים, וואָס מאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער מיינט גאָרנישט, אַזוי זיך גאָטס אַ „שעדעווער״ — איז מסתמא אַ גילגול פֿון דיכטער אַליין, איינער פֿון די גילגולים: יונהלע, פּנחסל, יונתן, פּראָפֿעסאָר טשאַרניקוס, וואָס באַווייזן זיך אין יעקב פֿריד־מאַנס בוך. „באַווייזן זיך״? אין תוך באַהאַלטן זיי זיך: זיי באַהאַלטן זיך אין תוך — התגלות אין פֿאַרהוילנקייט. זיי קאָרטשען זיך איין צווישן דינגע, פֿיליגראַנישע ציטערקנייטשן און אויסגעצוונגענע זיפֿץ־טענער און שעפּטשען אַרויס צניעותדיקע חכמה פֿון זיינע שורות. וואָס זשע טויג די באַהעלטעניש?

און ווידער ווערט שטיל אין ליד
ווי אין בערג ביי נאַכט אין ווייסן שנייִקן בלענד.
לבנה־שיין גייט אום אין זאַקן פֿון זייד.
ביים פֿאַרפֿרוירענעם טייך
שטייט אַ דרימלענדיקער הירש
און לאָזט די שטערן אויף זיך רעגענען.

(„ליד״)

דעם הירש איז גוט אין דער מעלאַנכאָליע פֿון וועלטשטילקייט. מסתמא געהערט ער צום אַנסאַמבל פֿון חיות הקודש, וואָס טרעטן אַרויס צווישן די סימבאָלן פֿון ראָמאַנטיק און קבלה — אָבער יעקב פֿרידמאַנס ראָמאַנטיק איז נישט צו פֿאַרזינגען מיט „בלענדיקע ביינאַכטן״ און מיט „פֿידלען, פֿאַרפֿרוירענע אין שניי״ — איך הער אין איר דעם נאָגנדיקן ניגון פֿון דעם דיכטערס באַנייטן מאַי־קאַ־משמע־לן צום באַשאַף. אויך דער אומעט, וואָס חזרט זיך איבער ווי אַ רעפֿריין אין אַ סך פֿון זיינע שורות — „אוי, ברודערל,

טרויעריקער ברודער!" — האָט ביי אים נישט קיין לייכט לעבן. דער דיכטער קען אים ביי אַלע זיינע נעמען. גייט דער אומעט אין איינעם מיט דער בענק־שאַפט — דאָס קומט אים — גייט אין איינעם מיט דער חכמה, אין איינעם מיט קאַפּריזנע זיגזאַגן פון שפּיל און חשבון, אין איינעם מיט קינסטלערישער פּשטות פאַר יחידי־סגולה. זיינע לידער זענען יום־טובדיק בגילופין, אָנגעטרונקען מיט רעגן־בויגנס, וואָס שווימען אין נעפּל — גייט די ליריק אַ מאָל אַרויס פון די כלים, גיט זיך אַ חנדל מיט אויסטערלישן סטראַי, ווי אַ חסיד, אַ מדרגה־מענטש, וואָס האָט זיך שמחת־תורה פאַרהוליעט מיט כביכול און דער ספּאָדעק האָט זיך אים ווילעריש פאַרשאַרט באַלכסון. שטאַמלט דער ייד רמזים פון פּידרעך, וואָס שמעקט מיט שאַרפער קונדסישער קדושה, און צעפּיעשטשעט זיך, מעשה בן־יחיד: „נו, און גאָט אַליין — גאָט קאָן דען יאָ העלפן?"

דער דאָזיקער פּסוק, גערעדט און געשוויגן, חזרט זיך איבער לייט־מאָטיוויש אין חסידישן עקסטאַז פון פאַרדבקהטע ספקות אין יעקב פרידמאַנס בוך.

אַ מאָל טרעף איך יעקב פרידמאַנען אין גאַס — פאַרשוועבט אַ שאָטן, ער אַליין אָדער זיינס אַ רעיון, איינער פון די ספקות, מיט וועלכן זיין אמונה איז זיך מזדווג, אַ ציטער פון זיין אומרו: נישט־הי. חוץ „איך" בין איך נאָך אַ קאַפּל „נישט איך" — חקרנט זיך אויפן אַלטן שטייגער נח גרין, ביידע, איך און נישט־איך, אַמפּערן זיך איבער זייער חלק וועלט־טרויער — און שוין איז ער נעלם געוואָרן, יעקב פרידמאַן, שמאָל, שווייגנדיק, פאַרחידושט. ער האָט אַ כוח אין נעלם ווערן — גלייך עס וואַרטן אויף אים אַלע ש"י עולמות אויף יענער זייט. ער פאַרלירט זיך צווישן גבורהדיקע בלאָקן דינאַמישן טראַסק, וואָס צערייסן די שטאָט, גלייך דאָ וואָלט ער שוין זיכער געווען — אַזוי ווי אַ צעוואַיעוועטער שאַלטיק, וואָס אַנטלויפט פון לערנען און וואַקסט אַלע מאָל אויס צווישן די קראָקוועס פון בית־מדרש־דאַך. דער דאַך איז קיין מאָל נישט פאַרענדיקט — שלינגט דער קונדס בלויע וועלטן חלום און פּחדים דורך די אויפגעריסענע שפּאַרעס, אָבער אים אַליין זעט מען נישט. „עך ווייסט" — זאָגט יונהלע, אויך אַ גילגול, צו איינעם אַ מענטש, וואָס איז כמעט ער אַליין — „עך ווייסט, ווען נישט דאָס קאַפּל חלום..." — דאָס איז סלענג פון פאַרהוילענע.

טענהן ליטעראַטור־לומדים: עסקייפּיזם — און די וויסנשאַפֿט האָט דאָס איריקע שוין אָפּגעטאָן, אָבי טערמינאָלאָגיע. נישט אין ליטעראַטור־וועכטער, וואָס שטייט ביים טויער און האַלט אין האַנט אַ פֿעסטן פּרינציפּ, ווי אַן עסטעטישע פּאַלקע, האָט שוין געכאַפּט אַ מאָל „אין פּלאַגראַנטי" יעקב פֿרידמאַנס ליריק, ווען זי האָט נאָר וואָס פֿאַרראַטן דאָס לעבעדיקע לעבן און איז אַנטלאָפֿן מיט דעם סוד פֿון איר האַרץ — אַפּנים, ס'איז נישטאָ פֿון וואָס צו אַנטלויפֿן? טייל מאָל דאַכט זיך, זיין ליד אַנטוויקלט זיך צוריק פֿון דער פּיין פֿון פּתרון ביז צום חלום, וואָס לייכט אים אָקעגן פֿון אור־ווייטנס, ווו עס רינט מליאָווע לבנה־מילך: „מיין חלום געדענקט נאָך גאָטס אָטעם אין לעבעדיקן האַרץ פֿון די דורות".

קאָן זיין, אַז יעקב פֿרידמאַן איז איינער פֿון אַן אינטימער קאַפּעליע לירישע יוצא־דופֿנס, וואָס שפּילן שטילקייט. זינגען אויס די „זינגערלעך", יעדער פֿאַר זיך, „בלויע לאָגלען יידישן געזאַנג". די לאָגלען דערמאָנען אין די אויסטערלישע כלים, אויף וועלכע זיינע פֿעטערס, קלעזמאָרים ביי כביכול, פֿלעגן אויסשפּילן אין ריזשינער מלכות אַ דאַינע צו גאָט. די דאַינע איז אַ מין טיש־ניגון פֿון קלוגן אומעט, וואָס צעגיסט זיך אין תּפֿילהדיקע פֿערזן, פֿאַרדבקהטע, אָפּגעריסענע, פֿאַרצויגענע: ליריק, געדאַוונט פֿאַרן אומעט. די דאַינע איז פֿון לאַנגע דורות היימיש אין יעקב פֿרידמאַנס קאַנטן, ווו עס באַגעגענען זיך אידילישער דלות און „מלכות" פֿון קאַרפּאַטיש גאַליציע מיט מעשה־ביכלדיקן חן פֿון וואַלאַכיע. דאָס איז בעל־שמסקע לאַנדשאַפֿט: זי האָט אַ פֿאַרטל צו התגלות. די ערד איז פֿול מיט הימל, פֿול מיט ניגון, פֿול מיט וווּנדיירים, און אַלץ בעט זיך אַ יידישן פּאָעט.

די נאַטור אין יענע מקומות איז צוגעלאָזט און די בערג זענען צוגעוווינט צו כביכול, ווי צו אַ פֿאַרהוילענעם גייער, עלעהיי: אליהו הנביא. ריידן מענ־טשן מיט אים גאַליציאַניש־גוטברודעריש, ווייכלעך און לאַגאָדנע, אַ מאָל מיט אַ ווערטלדיקן קנייטש אין סאַמע מיטן עקסטאַז, כולו הכנעה, אַ ביסל תּר־עומות: ...אָבער לאָז דיך דינען, רבוש"ע... אויך ביי יעקב פֿרידמאַנען אין די לידער רעדט מען וועגן גאָט היימישלעך.

יונתן, מיט דער באָרד פֿון פֿאַרגליווערטע פֿלאַמען.\
אין די גוטע גערטנער וווינט ער מיט גאָט צוזאַמען,\
ווי אַ שכן מיט אַ שכן.

(„יונתן")

אויף דער אָוונטלעכער פּריזבע פאַר דער טיר באַלאַקעט די מאַמע מיטן אייבערשטן,ביידע פון טיפן טייטש־חומש, ביידע נאָך אַ טאָג האָרע־וואַניע, ביידע מיט שווערע הערצער, פול מיט נחת, וואָס מ׳האָט נישט — און אין דער לופט פּלייטלען אויף זייערע כּלים היימישע אורחים פון אַלע דורות, הימלישע איינגייערס, וואָס טרעטן־אָפּ ביים שליאַך, פאַרשטעלטע לצים און למד־וואָווניקעס, טרייסט־ברענגערס און פּאַסטעכער מיט פּאַנ־טעזיזם: סאַמע שמעלקעס מיטן רבוש״ע.

קומט צו גיין טאַקע אליהו הנביא, דער פון די שבת־צו־נאַכטסן, פון געזונגענעם „איש חסיד״ און פון די געכאַפּטע הבדלה־פלעמלעך, פון אָנגע־צונדענעם בראָנפן, מיט וועלכע מען באַהאַלט אין די קעשענעס אויף אַ פולער וואָך שפע. אַ מאָל יאַוועט זיך דאָבאַש דער בעל־שמסקע גזלן און אַוודאי טרעפט מען ר׳ לייב שרהס, צי ר׳ מאירל פּרעמישלאַנער, נאָך וועלכע עס שלעפּט זיך נאָך פּראָיעם גריידינגער צי הערשל אָסטראָפּאָליער: דאָס איז זיך איין פאָלקס־פּמליא. אָבער אַ היפש ביסל שפּעטער, און אַ סך טיפער, באַווייזן זיך אין דער אייגענער לאַנדשאַפט, מיט אַ נייעם נוסח, כאָטש נישט אין גאַנצן אַזוי ניי, מיט בונטאַרישער עזות און מיט שיינער חריפות, מיט געהויבענער ליצנות און לעסטערדיקן שפּיל, וואָס קאָלאָרירן אַלע אין איינעם דעם אייגנאַרטיקן פּאָעטישן סטיל: משה לייב האַלפּערן און איציק מאַנגער, ווילע שכנים פון יעקב פרידמאַן — איין חברותא, דאַכט זיך, פריילעך, אָבער מיט אומעט.

יעקב פרידמאַן איז אין אַ גלייכער מאָס פאָלקסטימלעך און אומפּאָפּולער, ביידע ערלעך פאַרדינט. די עלעמענטן פון זיין דיכטונג זענען וועלטשטימונג און פאָלקס־שטייגער, אפשר גאָטשמערץ ווי אַ גילגול פון אַמאָליקן ראָ־מאַנטישן וועלטשמערץ, מידע איראָניע מיט אַ שמיץ גראָטעסק, וואַרעמע מעלאָדיק און פאַנטאַסטיק פון טראַפּישע שניי־פעלדער, וויכע פליסנדיקע בילדערישקייט, וואָס צעזאָגט אַ מאָל איר אייגענע פאָרעם. ער איז אַ גרויסער דיכטערישער שמועסער — פּערל און באַרליאַנטן — דיאַלאָגעוועט מיטן גורל אין מאַנאָלאָג־פאָרעם, זאָגט זיינס און יענעמס, כאַפּט אויס ביי כביכול זיין רעפּליק, — און מער ווי פון „אַראָפּציִען דעם שלייער פון זאַכן״ האָט ער הנאה פון דער וויזיע פון אוראייביקער געשטאַלטלאָזיקייט, ווען „אַלץ שווימט צוריק אין די פידלען אַריין, ווי עס וואָלט נאָך אַלץ קיין וועלט נישט געוועזן״.

קומט אויס, הייסט עס, אַז די פֿידלען זענען די סאַמע אור־כלים פֿון בראשית: גאָטס פֿידעלעך? נישטאָ דער דיכטער, וואָס זינגט אויס זיין לעבן, ער זאָל זיך נישט אונטערוועגס קודם אָפּרעכענען מיט גאָט — און ביי יעקב פֿרידמאַנען קומט דאָס אַרויס אינטים און מיט רחמים: „טאַטע, גאָט, האָסט אָנגעפֿאַנגען — לאָז, איך וועל פֿאַרענדיקן פֿאַר דיר". דאָס איז פֿאַמיליאַרע געטריישאַפֿט פֿון גאָטס אַ „לערניינגל", וואָס איז ביים מייסטער אויף קעסט, טראָגט אים נאָך ליים און שטיין, אַלע זעקס זינגעוודיקע טעג פֿון דער וואָך — ווען ער וואָלט נאָר נישט אָקעגנגערעדט אַ מאָל מיט אַ שלאָבעריקן זאָג פֿון אַנטלי׳ענעם כמו־ציניזם: „גאָט, גיב מיר אַ גאָט...!" דאָס איז יענער סאָרט „טריפֿהנע חכמה", וואָס ער אַליין בעט זיך ביי גאָט, ער זאָל זי צונעמען ביי אים — כאַפּט זי זיך אַרויס ביי אים פּונקט ווו מען ריכט זיך נישט, נאָך אַזאַ לויטערער תהילימדיקער השתפכות, פֿון וועלכער דוד המלך אַליין וואָלט הנאה געהאַט:

פֿאַרלאָז מיך ניט, גאָט.
זע, אייזבערג רינגלען אַרום מיינע מויערן.
די פֿאַסטעכער, וואָס פֿלעגן פּאַשען דאָס גוטע פֿי
ביי מיינע גוטע טויערן
(די הייליקע פּאַסטעכער מיט די שירהדיקע פֿלויערן)
הויערן איצט אַרום די פֿאַרפֿרוירענע שאָף אין אַ קרייז
און זעען אויס ווי געצן געשניצטע פֿון אייז,
וואָס קוקן אויף טויטע שטעט אַרונטער.

(„פֿאַרלאָז מיך ניט, גאָט")

קלאָגט די „מוראדיקע, טרויעריקע אַליינקייט" אין די טויטע שטעט פֿון אונדזער לעבן, ווי אַ קינד, וואָס האָט פֿאַרלוירן די מאַמען אין אַ קאַלטן וואָקזאַל מיט ווינטן — און דאָ הילעכט דער שווערער גלאָק און אַלע צער־פֿאָרן זיך. פֿאַרציט דאָס קינד אַ געוויין, וואָס זינגט זיך אַריין אין דרימל מיט זיסער כליפּעריי, שטיל און נאָך שטילער, האַלט די פֿאַרלוירענע מאַמע ביי אַ צאַפּלדיקער פֿאַלע חלום און האָט מורא, אויפֿצוהערן וויינען — וואָס׳ט זיין דערנאָך? „...גאָט איז ניטאָ, נאָר איך צערייס מיין לייב פֿאַר בענקשאַפֿט צו אים".

אַ מאָל צעפּיעשטשעט דער דיכטער דעם גרויסן נאָמען און עס

ווערט דאָס „טאַטעלע אין הימל״. יעקב פֿרידמאַן האָט ליב זיך אַ שפּיל טאָן מיט דעם פֿרומען חסידישן דימינוטיוו — קנייטשט ער און לייגט צונויף פּיצלעך „מאָנטיקלעך און מיטוואָכלעך״, גאַנצע „וועלטעלעך״, זיי זאָלן נישט פֿאַרנעמען צו פֿיל אָרט אין דער ענגשאַפֿט פֿון באַשאַף, זאָלן אַדורכלאָזן דאָס „דראָבנע פֿעטערל״, וואָס אײלט זיך מיט זיין פֿאַרהוילענער שליחות, און די למד־וואָווניקלעך ווידער, מיט בלעכענע לאַמטערנעס און שאָפּענע פּעלצלעך, וואָס „טראָגן אין פֿראָסטיקע ווינטערדיקע חצותן בעכערלעך טרייסט, אָנצוטרינקען די פֿאַרפֿרוירענע גראָזן״.

וועגן אַזאַ אויסטערלישער טועכץ פֿון דער אַגראָמיסטיק טראַכט מסתמא קיינער נישט אין די לידער פֿון אונדזער פֿאַרלוירענעם דור, נישט ביי אונדז און נישט ביי אַנדערע — כאָטש אומעטום גייט אויס דער פֿאַריתומטער דור נאָך אַ טראָפּן טרייסט און וועלטגלויבן. ווער זשע קאָן פֿאַרלאַנגען פֿון הייגטיקע לידער, אַז „רעפּטלעך ברויט״ זאָלן פּלוצעם נעמען אַ פּנים האָבן ווי פֿאַרגעסענע „משניותלעך״?ביידע זענען הייליקע זאַכן פֿון פֿאַרצייטנס, אויסגעדינטע רעקוויזיטן — וואָס זשע האָבן זיי צו טאָן אין מאָדערנער דיכטונג? סיידן זיי באַקומען זייער תיקון און זייער פֿאַרהוילענעם נאַטור־יחוס אין דעם ווייכן שטראַלנדיקן יידיש פֿון פֿרידמאַנס פּערזן — כאָטש צו מאָל, מעשה דווקא, טוט אַ גרילץ אַ ווילערישער פּסוק עברי־טייטשמע־ריש, דער האַר זאָל „טון טאָן לייטזעליקן״ אאַז״וו. וואָס טויג די „חכמה״ ביי אַזאַ ערלעכער דיכטערישער קלוגשאַפֿט, וואָס זאָגט וועגן זיך אַליין, אַז זי איז „גענוג קלוג, נישט צו זיין קליגער״ — און דאָס איז דורכויס באַ־גלייבט. אַז נישט, גלייבט מען נישט דעם דיכטערישן אַלכימיקער זיין מייס־טערישע אויפֿטוערישקייט אין דער ראַפֿינירטער ניואַנסירונג פֿון תמימות און חריפֿות אין זיין פּאָעטישער שפּראַכוועלט! וואָס דאַרף יעקב פֿרידמאַן „טון טאָן״ דערקוטשען דעם טייטש־חומש פֿון דער מאַמען?

יעקב פֿרידמאַנס מאַמע און גאָט זענען קוואַלן פֿון טרויער און טרייסט אין דער לעגענדע פֿון נח גרין:

וואָרהאַפֿטיק, מאַמע, ס׳איז צייט אַהיים צו גיין,
ס׳איז צייט און איבערצייט, צו גאָט אַהיים צו גיין.
וויפֿל איז דער שיעור, צו שפּילן דעם לץ אין אַ נאַרישער דראַמע?
פֿיר מיך, מאַמע.

(„אַהיים״)

צוויי קרוינען

וועגן יעקב גלאַטשטיין

אַוודאי איז יעקב גלאַטשטיין אַ צענטראַלע פֿיגור אין דער שרײַבער־משפּחה, וואָס איז אונדז פֿאַרבליבן: באַקרוינט מיט אַחריות, וואָס ער נעמט אויף זיך, אַרומגענומען מיט דרך־ארץ און מיט טענות, וואָס מען טראָגט אים אַקעגן. זײַן וואָרט איז אָנגענומען און באַגלייבט אין וואָג און אין קלאַנג, לייענט זיך אַ מאָל מיט פֿאַרהוילענעם טראָפּ — און זײַנע שאַפֿערישע יאָרן, די „פֿערציק דערנער פֿון מײַן יאָרהונדערט", ציען זיך אַ מהלך רב פֿון דעם ווײַטן „אין זיך", וואָס פֿון זײַנע רויע פּירות איז הײַליק געוואָרן די נשמה, אַז מ׳האָט באַקומען וויזיאָנערע מוח־גרימעניש, ביז צו דעם געזונטן מיט־אַלעמען פֿון זײַן צײַטיקייט, ווו „ס׳יידישע וואָרט בליט אויף אַ מאַנדלשטעקן". דער „אין זיך" האָט מיט פֿערציק יאָר צוריק „געמאַכט טומל פֿאַר אַ גאַנצן דזשאַז־אָרקעסטער" — און יעקב גלאַטשטיין, אין נאָסטאַלגיע נאָך דעם אַמאָליקן קונדייסישן גערודער, וויל עד היום נישט מוותר זײַן אויף דער אייגנרעדעניש, אַז ער האָט דעמאָלט פֿון דעם טומל הנאה געהאַט — כאָטש דאָס דיכטערישע וואָרט האָט אין יענער צײַט געהאַט בײַ אים אַ שווער לעבן. לייטערט זיך אין גלאַטשטיינען דער „ווײַן פֿון צײַטן" און דעם בראַצלאַווערס „שטילקייטן ריידן אַ זיידן גערייד" אין דעם דיכטערס שורות. איז גוט, וואָס „זיי דאָרט" האָבן מתקן געווען דעם מוקדם ומאוחר — וואָס וואָלט איך געטאָן, ווען דער פּאָעט, וואָס איז דאָך סײַ ווי אַ קאַפּריז פֿון דער נאַטור, הייבט אָן זײַן וועלט־גאַנג מיט פֿולער האַרמאָניע פֿון די ספֿערן און יענע קריגן דעם ריס ערשט שפּעטער און ווערן אַ גרילץ נאָך דער אַנטוויקלונג, אין די צײַטיקע יאָרן. אָבער דאָס בלויז דרך אַגב.

ווייס איך נישט, צי איז דאָס נישט אַ זביטקע פֿון דעם שר, וואָס איז ממונה אויף די הימלישע חסדים פֿאַר יידישע שרײַבער: פּאַקט ער אַרײַן

צוויי בולטע טאַלאַנטן אין איין אייגציקן קרבן, מאַכט פֿון אים אַ פּאָעט און אַ קריטיקער, בײדע אין איין געשטאַלט — בשעת עס זענען פֿאַראַנען געגוג שרייבערס, וואָס מוזן אָפּבידעווען זייער „שאַפֿן״ אויף איין אייגציקן שטח מיט דעם שטיקל טאַלאַנט, וואָס איז דאָרט באַגרענעצט. דאָס איז די אומגערעכטע פֿאַרטיילונג פֿון די אוצרות אויף דער וועלט — און קיין תר־עומת העלפֿט נישט. ווי אַזוי ס'העלפֿט אַלץ נישט, ווייסן מיר פֿון אַנאַלאָגיעס מיט אַנדערע געביטן.

ביי יעקב גלאַטשטיינען, דעם דיכטער און עסייאיסט, איז נישט לייכט צו באַשטימען, וועלכע פֿונקציע איז עיקרדיק — דאַכט זיך, ביידע. ער איז כולו ליטעראַטור, אויך אין די הפּסקות צווישן ליד און עסיי, כולו „פֿרייד פֿון יידישן וואָרט״, אין געזאַנג און אַנאַליז, אין בילד און געדאַנק: איך זע נישט קיין שאַרפֿע מחיצה. זיין שרייבערישע וועלט האָט אַ טאָפּלטן מיטל־פּונקט — בנין מיט צוויי פֿליגלען — און די ספּערעס קומען אַדורך צווישן זיך, ווערן איינס אין גלאַטשטיינס שאַפֿן. ווער ווייסט, צי וואָלט ער נישט געווען אַ פּלג גופֿא, ווען עס באַווייזט זיך בלויז איין העלפֿט פֿון זיין שריי־בערישער געשטאַלט. ער זינגט און דערציילט, קריגט זיך, שאַפֿט און „בעמט שטעלונג״, באַוווּנדערט און רעדט אָקעגן — און דאַכט זיך, ס'איז אַלץ נאָך צו ווייניק פֿאַר זיין פֿלוראַלער פּערזענלעכקייט, וואָס פֿאַרמאָגט גענוג קאָנ־טעמפּלאַטיווע אומרו, צו „דעקן״ די גאַנצע גייסטיקע לאַנדשאַפֿט פֿון אַרום, אַריינגערעכנט די „האָריזאָנטן״.

עס טרעפֿט זעלטן, אַז אַ פּאָעט מיט דער נאַטירלעכער פּריווילעגיע אויף זעלבסט־באַוווּנדערונג, וואָס גייט איבער בירושה פֿון דור צו דור, זאָל האָבן כוח, הנאה צו האָבן אַ מאָל פֿון יענעמס שאַפֿן. יעקב גלאַטשטיין באַגלייט מיט ליבשאַפֿט דעם דיכטערישן ווערט און זוכט דעם פּאַסיקן פּלאַץ פֿאַר יעדן שאַפֿערישן מענטש אין בנין פֿון דער ליטעראַטור — ווי אַ קולטי־ווירטער מכניס אורח געפֿינט פֿאַר יעדן איינעם פֿון זיינע געסט דאָס וואָרט, וואָס וואָרט אויף אים, פֿירט יעדן פּערזענלעך אויף זיין אָרט, האָט אין זינען אַטמאָספֿערע, איז מקפּיד אויף געמיטלעכקייט. טרעפֿט אַ מאָל, אַז אין איינעם מיט גלאַטשטיינס נאַטירלעכן ליטעראַטור־קריטישן טאַלאַנט, צו פֿאַרהעלפֿן דער שיינקייט צו איר פֿולער התגלות, טוט ביי אים פּלוצעם אַ דריגע אַ מין עילויִשער קאַפּריז פֿון אַ געכאַפּטער זאָגעניש־אַריינזאָגעניש, פּאָזיטיוו

אָדער נעגאַטיוו, וואָס בעט זיך: פֿאַרגעסן ווערן — נאָך גיכער. אפֿשר דער־קלערט זיך דאָס אַ מאָל מיט אַן אונטערבאַוווסטן „מאי נפֿקא מינה?" פֿון אַ געוויסער אָפּהענטיקייט־שטימונג, וואָס אומערט אין דער היינטיקער שאַפֿונג אויף יידיש.

יעקב גלאַטשטיינס עסייאיסטיק צייכנט זיך אויס מיט אינטעלעקטועלער צוגעלאָזטקייט — נוצן דאָס אויס די טעמעס און לאַשטשען זיך צו זיין ברייט פֿאַרמאָסטענעם גייסטיקן אינטערעסן־קרייז. זיין שאַפֿן שפרודלט מיט אַ שפֿע געדאַנקלעכן גלאַנץ און שפּראַכלעכע חידושים אין ליריק, פּאָלעמיק, קרי־טיק, אין צייט־פּראָבלעמאַטיק, רעפֿלעקסיעס און ווערטלדיקער עמקות, אין אַפֿאָריסטישע „דרך אַגבֿס" און קאַפּריזנע „עיקר שכחתיס", וואָס טוען אַ שפּיל מיט עלעגאַנטער איראָניע און שעמען זיך נישט צו נוצן עספּרי אַנשטאָט „טערמינאָלאָגיע" און פּסיכאָ־פּילפּול מיט מאָדערניסטישן אָן קוצן, וואָס גרויסט זיך מיט טיפֿזיניקער „אומפֿאַרשטענדלעכקייט". ערגער איז, אַז מען פֿאַרשטייט יאָ — איז שוין די סאַמע לעצטע האָפֿענונג פֿאַרלוירן.

אַוודאי איז נישט שווער אַ זאָג צו טאָן, אַז „אין תוך גענומען" זינגט די „פֿרייד פֿון יידישן וואָרט" אין גלאַטשטיינס „גאַנצער מי". זיינע שריפֿטן אין ליריק און אין פּראָזע דערגאַנצן זיך צום פֿולן אויסדרוק פֿון זיין פּערזענלעכקייט, פֿון זיין אינטעלעקטועלער חריפֿות, פֿון זיין אמונה, פֿאַר־דבקהט מיט סקעפּטיק, פֿון זיין ווייכער שפּילעוודיקער פּיקחות: „מחשבות באַזוימט מיט שמחה". שווער, צו האַלטן אַזאַ סטאַנדאַרט. אין זיין נוסח, אַנגעטרונקען מיט וועלט, פּערלט אַריין אַ טרער טרויער, אָפּגעציטערט מיט אַלט־לובלינער יחוס: פּאַטינע פֿון דלות און חכמה, וואָס ליגט אויף זיין פּאַעטישן לשון, לשון פֿון הימנען און פּובליציסטיק, וועלט־ירידים און חלומות, וואָלט וווהיטמאַן און דער בראַצלאַווער, בלענדיקער אורבאַניזם און טונקעלער קלויז־קאַפּריציאַ פֿון שבת פֿאַרנאַכטיקן „בני היכלא", טאַטעס מיט שווערע בערד טרויער און „דער רבוש"ע נעבעך", ווי עס פֿלעגט זאָגן די מאַמע מיינע. זי האָט געפֿילט זיין האַרץ: איינער אַליין אין די יאָרן...

אַן יידן וועט נישט זיין קיין יידישער גאָט.\
גייען מיר, חלילה, אַוועק פֿון דער וועלט,\
פֿאַרלעשט זיך דאָס ליכט פֿון דיין אָרעם געצעלט.

זינט אַברהם האָט דיך אין וואָלקן דערקענט,
האָסטו אויף אַלע יידישע פּנימער געברענט,
פֿון אַלע יידישע אויגן געשטראַלט,
און מיר האָבן דיך געפֿורעמט אין אונדזער געשטאַלט.
(„אָן יידן")

דאָס איז מעלאַנכאָליק פֿון חסידישן שטייגער, העזה מיט פּחדים, תמצית און פּאַראַדאָקס און „מיראַזשן פֿון אמת", אַ מאָל אַן אַנטיטעטישער כאַפּ פֿון „מאַנאָטאָנער פֿאַרשיידנאַרטיקייט", אַ מאָל „איינהערעווודיקע זע־עוודיקייט" — אַלץ אַרויסגעזאָגט מיט אַ ראַפֿינירטן „פּראָסטע זמאָסטע" פֿון אַ וואָכעדיקן „גוט מאָרגן צום רבונו דעלמא", מיט „ליבהאַרציקע אָרע־מאַנסקע רייד" אָדער מיט אַ מין חצי־דאַוונערישן יידיש פֿון מנחה־מעריב־דיקע בעלי־בתים: דאָס פּשוטע ברונעמדיקע וואָרט פֿון דער יידישער טרויער־באַלעבאַטישקייט. מיר קענען די וואָרט־און גורל־מישונג אין אַלערליי התגלותן. דאָס איז גלאַטשטיינס קינסטלער־וואָרט. איכל נישט זאָגן, אַז יעקב גלאַטשטיין איז סאַמע יום־טוב — אָבער אַוודאי איז ער יומא דפּגרא: הלל מיט דאגות. אפֿשר איז דאָס דער אַלטער יצר־הרע פֿון גרויסע שרייבערס אין אַלע ליטעראַטורן, וואָס בויען וואָרט־וועלטן אין פֿאַרשידענע פֿאָרמען, קאָלירן, ריטמען — חרוב ווערן זיי שוין אַליין. מסתמא מאַני־פֿעסטירט זיך אין דעם דאָזיקן שטייגער דאָס סינטעזן־שפּיל פֿון נאַטור און גייסט אין דיכטערישן שאַפֿן — און איך האָב נישט קיין מורא צו זאָגן: אין עסייאיסטישן אויך. דער גייסט אַליין האָט אַ מאָל אַ טבע צו בלענדן פֿאַרפֿירעריש — איז ער אַוודאי אַ קנאַפּער בר סמכא, צו ווייזן אַ וועג דעם דור אין אַזאַ פֿינצטערניש. נאָר אַז ביידע זענען זיך מזדווג, נאַטור און גייסט, ווערט געבענטשט מיט שלימות די קינסטלערישע נשמה. זי איז אַזוי אויסגעהונגערט נאָך שלימות, די נשמה, אַז ס'איז איר אַן עבירה די צעריסנקייט אויך. אַזוי פֿורעמט זיך דער עקספּרעסיווער כוח אין ליטעראַרישן שאַפֿן.

ערגעץ ציטירט יעקב גלאַטשטיין דעם פֿראַנצויזישן קאָמפּאָזיטאָר ראַוועל: „...פֿאַר מיר" — זאָגט ראַוועל — „זענען נישטאָ קיין פֿאַרשידענע קונסטן, נאָר אַן אײן איינציקע. מוזיק, מאָלעריי און ליטעראַטור אונטער־

שיידן זיך בלויז מיט זייערע פֿאַרשידענע אויסדרוק־מיטלען״. וואַריאירט, קאָן מען אפֿשר זאָגן, אַז דער עסיי, אין וועלכן עס דריקט זיך אויס אַ שרייבערישע פּערזענלעכקייט, פֿאַרמאָגט די זעלבע ספּעציפֿישע וואָג און כוח פֿון התגלות ווי אַ ליד, וואָס זיין שאַפֿערישער געדאַנק איז צו־נויפֿגעפּרעסט אין ציטעריקע שורהלעך מיט שטימונג. עס גייט נישט וועגן די עסייען, וואָס מאַכן פּירושים אויף דיכטונג. די מיסטעריע פֿון דער דיכטונג ווערט לחלוטין נישט העלער, ווען מען צינדט אָן דעם לומדישן לאָמפּ, וואָס קאָפּטשעט מער ווי ער באַלייכט.

יעקב גלאַטשטיין איז נישט דער דיכטער, וואָס שרייבט קריטיק „אויך״. דאַכט זיך, דער דאָזיקער „מאָדערניסט״ געהערט צו יענעם אַלט־פֿרענקישן דור, וואָס האָט אַ מאָל געהאַלטן, אַז שרייבן איז אַזאַ בכבודיקע זאַך, וואָס פֿאַרפֿליכטעט צו מער ווי בלויז: שרייבן. ער געהערט אויך צו יענע, וואָס זייער שרייבן האָט נישט קיין מורא פֿאַר דער „לייכטזיניקייט״, צו דערוועקן גייסטיקע הנאה. אויך אין דער קריטיק, עס גייט נישט בלויז וועגן אַרויסזאָגן אָן אמת, נאָר אויך וועגן העלפֿן דעם אמת, הנאה האָבן פֿון זיין שיינקייט. דאָס איז דער חילוק צווישן גלאַטשטיינען און, למשל, ש. ניגער, וואָס זיין ברייטע בקיאות, זיין געטריישאַפֿט און ליטעראַטור־לומדות האָבן כמעט ווי נישט געהאַט קיין שרייבערישן יצר־הרע. גלאַט־שטיין איז נישט סתם אַ מסביר, וואָס „זיי דאַרט״ זאָגן — ער איז אַליין פֿון די זאָגערס, און אַז ער רעדט שוין גאָר וועגן אַנדערע, איז דער מאָטיוו אַלץ: יעקב גלאַטשטיין. ווען איך נעם אַראָפּ פֿון זיינע קריטישע באַטראַכטונגען יענע צופֿעליקע כלאחר־ידן, וואָס האָבן זיך דאָ און דאָרט אַריינגעכאַפּט פֿון דער צייטונג צווישן די טעוועלעך פֿון זיינע ביכער, מישן זיך אין זיינע עסייען השתּפּכות פֿון געדאַנק מיט שאַרפֿער אָבסערוואַציע, רייכע באַ־האַוונטקייט מיט שפּילערישער כאַראַקטעריזיר־לוסט, וואָס שטעלן מיט זיך פֿאַר אַ באַוועגלעכן סיסטעם פֿון חן און חריפֿות. אַז דער זיידע האָט גענומען אין האַנט דעם אתרוג און געשפּיגלט זיך אין קאָליר און ריח פֿון דעם „הידור״, איז זיין איידעלע האַנט געוועזן אַ המשך פֿון דער הייליקער פּרי. יעקב גלאַטשטיין האָט דעם טאַלאַנט, געברויך צו מאַכן פֿון זיין שרייבערישער קלוגשאַפֿט, און אַ שוואַכקייט, צו טרעפֿן אין פּינטל — כאָטש אַ מאָל דאַכט זיך, דאָס אַלץ „זאָגט זיך״, מעשה אימפּראָוויזאַציע, און אַז זיין „אין תּוך גענומען״ באַהאַלט אין זיך אַ גאַנץ דינעם, אומהערעוו־

דיקן קנייטש פֿון לומדישן „אַדרבא — לאָמיר נאָר אפֿשר אַ קלער טאָן צוריק...״

„גאָר נישטאָ קיין שענערס און בעסערס״ ווי אַ מאָדערנער פּאָעט און עסייאיסט, וואָס שרייבט ווי אַ „פּשוטער ווילער ייד״, דאַוונט מנחה מיט אַ ניגון פֿון „לויטער פּראָסטקייט״. הערן מבֿינים אַפֿילו די „טעמי הנגינה פֿון שווייגן״. אמת, גלאַטשטיינס פּשוטקייט איז חריפֿות און זיין פֿאָלקס־טימלעכער שטייגער האָט נישט קיין מורא צו זיין גייסטרייך — אַפֿילו אַז פֿון ביידן קאָן געניזוקט ווערן דער אַקאַדעמישער פּרעסטיזש. טענהן קעגנער: גלאַטשטיין איז גרינג אויף דער פּען און זיינע „באַמערקונגען״ וועגן מענטשן און ווערק זענען על פּי רוב פֿאָרמולירט אָן אַ צו שווערן טעאָרעטישן לשם יחוד. טאָמער האָלט עמעצער ביי נישט מסכים זיין — איז באַלד פֿון פֿאָרנט: נישט באַלאַמוטשען! אפֿשר האָט גלאַטשטיין גע־לערנט „גלייכן צוגאַנג״ בעת זיין אַרבעט אין דער טעגלעכער פּרעסע. אַ מאָל האָב איך אים געזען אַ קורצע רגע אין אַ צייטונג־דרוקעריי אין ניו־יאָרק, אין דער פּאַרע פֿון גרוי און בלוי, בהלה און געשמאָלצענער בליי: הייסער טשאַד פֿון גיכער „עפֿנטלעכער מיינונג״. איך האָב מיך אָנגע־שטויסן, אַז די נעפּלדיקע בלאָנדקייט, וואָס שימערירט אויפֿן הינטערגרונט פֿון דרוקער־שוואַרץ, איז מחויבֿ צו זיין יעקבֿ גלאַטשטיין — און פֿון די צוויי אומזיכערע „שלום־עליכמס״, וואָס האָבן זיך אַ לאָז געטאָן איינער צום אַנדערן אין געפּילדער פֿון די מאַשינען, איז באַלד נישט געבליבן מער ווי אַ דערדושעטער שמאָלער שמייכל, וואָס איז צעריבן געוואָרן אין רעש.

ווי אַ סך פּאָעטן פֿון אונדזער דור, וואָס לעבט אין מאָנומענטאַלע רויִנעס פֿון אַ וועלט, וואָס אירע וועגט „טריפֿן פֿון שטות״, איז אויך יעקבֿ גלאַטשטיין פֿול מיט גאָט, וואָס האָט זיך פֿון אים אָפּגעטאָן — און מיט וועמען ער האָלט אַן אומענדלעכן דיאַלאָג, געזאָגט און געזונגען. דער רעפֿריין פֿון זיינס אַ תּפֿילה הייסט:

— — כ'דאַוון צו דיר פֿון אַ שטומען סידור,
מיין טרויעריקער גאָט.

(„תּפֿילה״)

און אויף אַן אַנדער אָרט:

כ׳האָב ליב מיין טרויעריקן גאָט,
מיין וואָגל־ברודער.
כ׳האָב ליב, זיך צוצוזעצן מיט אים אויף אַ שטיין
און אויסשטומען פון זיך אַלע רייד.

ווייל אַז מיר זיצן אַזוי ביידע געפּלעפּט,
ווערן אונדזערע מחשבות באַהעפּט —
אין שווייגן.
ס׳צינדט זיך אַ שטערן, אַ פייערדיק אות.
זיינע גלידער בענקען נאָך שלאָף,
די נאַכט ליגט אונדז צופוסנס ווי אַ שאָף — — — —
(„מיין וואָגל־ברודער")

מער, דאַכט זיך, דאַרף מען נישט, ווי די שטומקייט פון שטיין אין דער נאַכט און גאָטס מידע גלידער. די רעזאָניר־טענות פון חשבון און מחשבה, וואָס קומען שפּעטער, אַ מאָל נוסח ר׳ נחמן, אַ מאָל ר׳ לוי יצחק, גיבן שוין ווינציק צו צו דעם דאַזיקן עקספּרעסיוון שווייגן, צו דער עלאָקווענץ פון שותק אויף ביידע זייטן הימל: מען דאַרף קאָנען שווייגן. פאַראַנען אַ קעגנזייטיקע ווייכע איראָניע אין זייער ביידנס שווייג־דיאַלאָג — און אין אָט דער האַרמאָניע פון שטומקייט דאַוונט כביכול אַליין אויך: וואָרעם אויך אים איז טרויעריק. אַנדערע רעדן מיט גאָט הויכע, געהויבענע רייד, הימנישע רייד אויף שטאָלצן, אַ מאָל הילצערנע אָדער בלעכענע, מיט ווייִרעך און אָרגל־געריִמפּל — גלייבט כביכול ערשט נישט: אַן ענין פון צוטרוי. נישט יעדן פּאָעט לאָזט ער צוזעצן צו זיך, אינטים, אויף דעם שטיין אין דער נאַכט: דעם טראָן. מ׳קען דאָרט אויבן די שיינע ריידעלעך פון די פּאָעטן: מינע־זינגער פון זיין ליבן נאָמען. נאָר אָט זענען גלאָטשטיינס אַכט שמאָלע ציטעריקע שורות פון לויטערער קינה — שטייט איבער די שורות דאָס איינציקע וואָרט: „רויך" — און ס׳איז גענוג פאַר אַ גאַנצן דור.

דורכן קרעמאַטאָריע־קוימען
קרויזט אַרויף אַ ייד צום עתיק יומין.

און ווי נאָר דער ייד פֿאַרשווינדט,
קנוילן אַרויף זיין ווייב און קינד.

און אויבן אין די הימלישע הויכן
וויינען, בענקען הייליקע רויכן.
גאָט, דאָרט ווו דו ביסט דאָ,
דאָרטן זענען מיר אַלע אויך נישטאָ.

(„שטראַלנדיקע יידן“)

„...זיינע טיף־יידישע רייד, זיין אָרקעסטראַלע פֿאַרשטייגערונג פֿון יידישן נוסח, איז גרויסוועלטיש. די שיינקייט זיינע, וואָס איר אורגעבורט איז אין די צוזאַמענגעפֿלויגענע פֿאָלקס־פֿייגל, די יידישע פֿאָלקסלידער, און אין דעם תחינה־ניגון פֿון שמ״רס פֿאַרגעלייענטע מעשהלעך פֿאַר ווייבער, האָט אַריבער־געקלעטערט אַלע אָפּגעטיילטע (מסתמא: אָפּטיילנדיקע) ווענט און זיך צו־זאַמענגעזונגען מיט דער שיינקייט פֿון דער גאַנצער וועלט...“ אַזוי שרייבט יעקב גלאַטשטיין אין זיין אַרומנעמענדיקן תּפֿילה־עסיי וועגן דעם אַרומגע־נומענעם י. י. סיגאַל, זיין ברודער אין נוסח — און איך זע נישט, פֿאַר וואָס אַזעלכע ווערטער זאָלן נישט קאָנען געזאָגט ווערן וועגן גלאַטשטיינס שריי־בערישער וועלט אַליין. אמת, זיין גאָט־פֿאַרליבטקייט איז צו מאָל אַ פֿאַר־מוחטע און זי פֿאַרמאָגט נישט שטענדיק די פֿרומע פֿרייד פֿון י. י. סיגאַלס תהילימדיקע געזאַנגען. יעקב גלאַטשטיין, לעבעדיקער גילגול פֿון אַ כיטרע חסיד מיט ברען, וויל זיך אַריינכאַפּן אויף „אַ פּיצל אָרט אין מחזור“, ווו עמעצער האָט אים „באַראַיעט“ אַריינצונעמען זיינע צוויי „שורות פּאָיעט“ — עלעהיי דער זיידע אונדזערער, אַז ר׳איז שמחת תורה געוועזן בגילופֿין, האָט ער, מעשה הייליקער באָסיאַק, אַרויסגעכאַפּט דעם גבירישן טשאָלנט פֿון אויוון און אים געבראַכט אין קלויז אַריין: כמעט אַ דבר שבקדושה.

יעקב גלאַטשטיין איז אַן עולם הזהניק פֿון וואָרט, אַ געניסער פֿון זיין פֿרייד — כאָטש איך פּערזענלעך האָב קנאַפּ „פֿאַרגענאַכעס“ פֿון אַזאַ סאָרט קונץ, וואָס שמעקט אַ ביסל מיט קאַלאַמבורישער אַקראָבטלנות. גלאַטשטיין קאָן זיך באַגיין אָן אַזעלכע אויפֿטוען, ווייל ער פֿאַרמאָגט גענוג קינסטלערישן כוח גברא צום „כדרכה“. איך האָב דאָס געפֿיל, אַז זיין שפּראַך אַליין איז ביי אים אַ קלוגע, אַזוי צו זאָגן פֿון נאַטור אויס: אַ געוועב פֿון טרויער און מוזיק. זי איז צעשמייכלט, זיין שפּראַך, מיט דינע שטראַלנדיקע קנייטשעלעך,

וואָס לויכטן ווי שפּילעוודיקע פּיצלעך לאַמטערנדלעך דורכן סכך. אין זיין שפּראַך איז אָנגעברייט די שאַפּערישע וועלט און זיינע נאָוואַטאָרישע דער־פינדונגען זענען אייגנטלעך אַנטפּלעקונגען. דאָס איז דער שרייבערישער סוד פון לעבעדיק מאַכן דאָס אַלטע וואָרט. קומען צו אים „אַלטע ווערטער", ווי ליבע אורחים — בלייבן זיי שוין: ווו וועט מען גיין, ווו? אַ מאָל ווערטלט זיך דאָס וואָרט אָדער שפּילט זיך מיט זיך אַליין, ווי אַ קעצל מיט זיין שאָטן — און כמעט שטענדיק איז דאָס וואָרט אָקעגן גערעדט: ווידערשפּעניקייט פון אַ מאַמין, וואָס שפּילט אַן אומגליקלעכע ליבע מיט דעם „גאָט פון זיין אומ־גלויבן". אָט קערט ער זיך אום צוריק פון וועלט־יאַריד פון די ווערטער און ווידער נעמט אים אַרום דער אומעט פון דער אומה:

...כ׳שטיי אין טויער, פאַרקויף מיט אַ ניגון
יידישן האָניקלעקעך
מיט ראָזשינקעס — — —

(„כ׳שטיי אין טויער")

דעם ניגון קענען מיר. ער ציטערט אין אַ סך פון גלאַטשטיינס לידער און אַ מאָל ברומט ער אונטער אויך אין די צעשפּריצטע ליכטער פון זיינע עסייען: ברילִיאַנץ און ערודיציע, און דין איינגערונצלטע גלאַנצן פון באַ־טעמטע רייד, וואָס האָבן אין זיך דעם חן פון אור־היינטיקע אמרי חכמים.

צו וועמען רעדט מען? צו וועמען רעדן אַלע? צו וועמען די געזאַנגען פון דער ערשטער ביז צו דער לעצטער שורה? אַ מאָל האָב איך געזען, ווי איינער אַ הייסער אָרעמאַן, אַ חסיד, האָט זיך צעזאָגט מיט זיין „אנעים זמירות" באַלד נאָכן דאַווענען און ער האָט גאָרנישט געפּילט, אַז די בעלי־בתים האָבן שוין אַלע צונויפגעלייגט די טליתים און זענען זיך צעגאַנגען, נאָר ער איז געבליבן אַליין אין דער אויסגעליידיקטער קלויז און קיינער האָט אים נישט גענומען אויף שבת. אַזוי פיל מתיקות איז געווען אין זיין לעצטער תפילה.

די שטילע נגידיתטע

רחל קאָרנס געשטאַלט

אַלע מאָל, ווען איך לייען די שטימונג־ווייכע און בילד־קרעפּטיקע שורות פֿון רחל קאָרנס ליריק און פּראָזע, פֿיל איך די האַרבע פֿרייד פֿון זאַטן סטיל, וואָס האָט צוטרוי צו זיך און צו זיינע ספּקות, פֿיל דעם אַראָ־מאַט פֿון קינסטלערישער חכמה. יענע שפּילט דיסקרעט אין ליד און דער־ציילונג, גיט אַ ליכטיקן שוועב און ווערט נעלם, דערקוטשעט נישט צו פֿיל די דיכטערישע רייד: סיי ווי וויסן זיי. דאָס ליד איז אינטים און שטרענג אין תמצית פֿון זאַגערישער שיינקייט און די דערציילונג: בילדערישער רעאַליזם, וואָס האָט אין זינען דער וועלטס עלנטע און פֿאַרשעמטע. ער קערט זיך אַלע מאָל אום צו זיי — נישט אָן אַ שמיץ ראָמאַנטישער איראָניע. דער טרויער אין רחל קאָרנס דיכטערישן וואָרט, טרויער פֿון אַלעמענס נאָך אַלעמען, איז לויטער און איינגעהאַלטן — געפּרעסטע השתפּכות — און איר שמייכל שווער אויף דער וואָג. זי פֿאַרמאָגט בעלעטריסטישן סבר־פּנים־יפֿות און די געשטאַלטן און לאַנדשאַפֿטן לאַשטשען זיך צו איר וואַרעמער געשטאַלטונג־קראַפֿט.

דער יסוד פֿון איר פּאָעטישער באַלעבאַטישקייט איז די אָרגאַנישע נאַ־טור־חברשאַפֿט, אַ טיף באַגלייבטע, נישט קיין אָנטליגענע פֿון מעטאַפֿאָר. אין רחל קאָרנס דיכטונג איז נאַטור אין דער היים — קיין חידוש נישט, אַז מען איז אויפֿגעוואַקסן אין איינעם מיטן וואַלד און מיטן סאַד, יונג געווען און געוואָיעוועט אין איינעם מיט די לאָנקעס און מיטן פֿרילינג, געחלומט אין איינעם מיטן ניגון פֿון דער אָוונטלעכער שטילקייט און מיט אירע זעונגען, אין איינעם מיטן רויטן זומערדיקן קלעע און מיטן הייזעריקן געשריי פֿון די האַרבסטיקע וואַראָנעס, אין איינעם מיט די שוואַרצע האָגל־כמאַרעס,

וואָס האָבן זיך פֿון אונטערן וואַלד אַרויפֿגערוקט אויף די זומערדיקע טעג „ווי צערייצטע, שווער־לייביקע קי", אין איינעם מיט די פּניאַקעס און וואָרצלען, וואָס האָבן צעדראַפּעט די מיידלשע פֿיס און דאָס פּנים מיט די פּאַרשייטע צעפּ און „ביר־ברוינע אויגן". „גליק — זאָגט טאָלסטאָי — הייסט: לעבן מיט דער נאַטור, זען זי פֿון דער נאָענט, שמועסן מיט איר".

לייענענדיק געוויסע שאַפֿונגען פֿון רחל קאָרן, ווי אַלע מאָל ביים לייענען אמתע דיכטונג, דערוועקט זיך די אילוזיע פֿון באַנייטער ערשטמאָליקייט — אַלע מאָל דאָס ערשטע מאָל, ווען דער באַשעפֿערישער גייסט פּראָוועט הזדווגות מיט דער נאַטור — און ווער ווייסט, צי איז נישט דער באַגליקטער באַריר פֿון נאַטור און גייסט אַ מין מיסטישע עראָטיק פֿון לעבן און טויט.

רחל קאָרנס שרייבערישע וועלט איז באַלד אין איר פּאָעטישן אָנהייב פֿאַרשמעקט געוואָרן מיט דעם שאַרפֿן געשמאַק פֿון צייטיקייט. אַ מאָל פֿלעגט זיך יונגע ליטעראַטור פּיעשטשען מיט איר חנעוודיקן „יוירן". מען האָט געיוירט בציבור און פֿאַרזויערט אַ גאַנצע תקופֿה. ביי טייל איז דאָס חריפֿות פֿון נישט קאָנען געוואָרן אַן עפּאַכאַלע מיסיע און אַנדערע האָבן זיך פֿאַרכלינעט מיט סטיליסטישער „יונגשאַפֿט" ביז אויף די עלטערע יאָרן. אין רחל קאָרנס שאַפֿן האָט מען דאָס געפֿיל: דאָ האָט מען אָפּגעיוירעט פֿריער, הינטער דער סצענע — און אַז דאָס וואָרט טרעט שוין אַרויס אין פֿולער פֿאָרעם, איז די ראַנגלעניש געענדיקט. ס'פּשוט נישט שיין פֿאַר לייטן, צו קוועטשן זיך עפֿנטלעך. אמת, ס'איז טאָקע אַ „חתונה" אין קאָסמאָס — און איידער זי קוקט זיך אום, איז די וועלט אויף דער „צייט" און זי שרייט. אָבער די קינסטלערישע עטיק, וואָס איז, אַגב, איר אייגענע עקאָנאָמיק, ווייסט איין זאַך: דו, שטיל איין די קלעזמערישע כלים, וואָס גייען אַרויס פֿון זיך אַליין — וווהין גייט מען? ס'איז אויס חגא — וויקל איין די פֿענער און די פּראָזעס: דער גורל וואָרט.

אַ שטילע נגידיתטע איז רחל קאָרן אין דער יידישער ליטעראַטור. אַ מאָל באַקומט זיך דער איינדרוק, אַז איר שאַפֿן שפּילט זיך אָפּ ערגעץ אָפּגעזונדערט פֿון טראַקט, אַ ביסל ווייט פֿון דער שפּע, אפֿשר אין אַן אַלטן פּריצישן הויף צווישן ביימער און מעשיות, צווישן שאָטנס פֿון אָוועקגעגאַנגענע, צווישן חלומות און טויבן, וואָס וואָרקען אַרום אַ טונקעלן ברונעם מיט גליטשיקן מאָך אויף דער וויאַדרע. די „פּאָסעסיע" האַלטן די שוואַ־

גערס — מאַכן זיי שוין דעם טומל. איר אָבער שטייט נישט אָן צו „זשוויפּען״. עפּעס פּירט זי אַזאַ מין פּינקס און זי פאַרשרייבט. קאָן זיין, מ׳דאַרף דאָ אויסבאַהאַלטן אַ משפחה־סוד, צי אַזוי מחשבות: מיסטישע טראַכטענישן און סאָציאַלע אידעען. אַלץ איז אַרומגעשפּונען מיט איינזאַמקייט, אפשר מיט איינגעהאַלטענער גאווה פון אַ פאַרקלעמט האַרץ — און צוקומען צו דער פאַרהוילנקייט קאָן מען בלויז מיט אַ סטעזשקע —

— אַזוי שמאָל און שאַרף, ווי דער דין־דינסטער שניט,
און עמעץ, וואָס האָט זיך פאַרבלאָנדזשעט אין צייט,
גייט דאָרט אום מיט שטילע און באָרוועסע טריט — — — –
(„פון יענער זייט ליד״)

דאָס איז רחל קאָרנס יינגסטע עלטער־דיכטונג: „פון יענער זייט ליד״ (י. ל. פּרץ־פאַרלאַג, תל־אביב).

— פון יענער זייט ליד קען מיין מאַמע אַרויס
און שטיין אויף דער שוועל אַ ווייל פאַרטראַכט
און מיך רופן אַהיים, ווי אַ מאָל, ווי אַ מאָל:
— גענוג זיך געשפּילט שוין, דו זעסט נישט? ס׳איז נאַכט.

אַוודאי, ס׳ווערט קיל און עס טונקלט. ציטערט דאָס פּשוטע וואָרט „נאַכט״, וויקלט זיך אין היימישער וואַרעמקייט, טוליעט זיך צו דער מאַמע, וואָס איז נישטאָ, הערט אויף „לידלען״. אפשר וויל די פאַרמאַטערטע וועלט אויך אַהיים: די מאַמע רופט. מסתמא די מאַמע פון אַלץ מיט אַלעמען, די מיט דער קלוגשאַפט און מיט דעם שווערן האַרץ, טאַקע די מאַמע, וואָס קומט דער דיכטערין צו חלום „מיט אַ סידור אָפענעם אין האַנט״ און הייסט איר ווידוי זאָגן: אַ קאָשמאַרנע מאַמע.

— כ׳האָב נאָכגעזאָגט די ווערטער פון דעם אויפגעמישטן בלאַט
ווערטער אויף אַ געלן שטיק פּאַפּיר:
— מיין האַר,
היינט נאָך וועל איך שטיין פאַר דיר
מיט מיין גאַנצן וויי און צער — — —
(„מיין מאַמע איז געקומען היינט צו מיר אין חלום״)

אין די דאָזיקע נבֿנעדיקע „מעבר יבוק״־ווערטער פֿון דעם „אויפֿגעמישטן בלאַט״, וואָס ווייסן נישט פֿון קיין „ליטעראַטור״ און שפּילן זיך נישט, גיט אַ מאָל אַ פֿינקל אַרײַן אַ צעוואָיעוועטער מאַקאַברער טויט־גראָטעסק, וואָס חנדלט זיך ווי אַ מין פּאַסטאָראַלע אידיליע פֿון סוף, שטיפֿט מיט בליש־טשענדיקע טרערן:

— און שפּעטער־צו וועט פֿון דעם שטערן־וואָגן,
אָט דעם מיט דישעל אויסגעקרימט אַ ביסל אָן אַ זייט,
אַראָפּשפּרינגען מײַן פֿעטער מיט דער בײַטש אין האַנט
און זאָגן: — צייט שוין אויפֿזיצן, דער פֿאַעטאָן איז גרייט.

אַי, וועט דאָס זײַן אַ יאַזדע מיט מײַן פֿעטער הערש!
כמאַרעס וועלן אָפּטרעטן פֿון וועג אין אוממעכטיקן צאָרן
און עס וועט די לבנה בלייך ווערן פֿון שרעק,
אַז ס׳זאָל זי דאָס געשפּאַן אויף טויט נישט איבערפֿאָרן.

כ׳וועל זיך אַרויפֿדראַפּען אויף פֿעטערס האַרטע קני,
און מיר וועלן ביידע לאַכן, שטיפֿן ווי אַ מאָל —
פֿון וואָס? אַז כ׳בין געווען אַ קינד, אַ קליינס מיט גראָע האָר
און אַ גרויסער נאַר, דאָרט אין דעם שמאָלן טאָל — — — —.
(„אַ פֿרעמדע האַנט״).

די „יאַזדע״ מיטן פֿעטער הערש, ווי דאָס „אויפֿגעמישטע בלאַט״ אין דער מאַמעס אָפּגעגעם סידור, געהערן אַלץ צום חשבון פֿון טרויעריקן שפּיל. אַלע מאָל טרעטן אַרויס אין דער דיכטונג סאַמע אייגענע און נאָענטע, וואָס קומען באַשיינען דעם צער: דער טאַטע, די מאַמע, דער פֿעטער, די טאָכטער און טאַקע גאָט אַליין, אָן איינגייער אין שטוב, וואָס האָט איצט „מיט אַ כמאַרע פֿאַרשטעלט זײַן פּנים״. ער איז געקומען צו דער לאָדעניש. דאָס איז דער דרך פֿון גורל: קודם קלאַפּט ער אָן אין אַ דיכטעריש האַרץ — דאָרט, ווייסט ער, איז מען אויף אים אַ מבֿין. ווי אַ כמורנער הייזער־ייִד, וואָס גייט איבער דער וועלט, זאָגט ער זײַן ערשטן „ג׳ט־עלעף״ ביי דער טיר פֿון אַ „באַלע־באַסטעניו אַ דימעט״ — דערנאָך גייט ער ווייטער. אַ מאָל לאָזט דער חשבון אין רחל קאָרנס דיכטונג פֿאַרבײַציען גאַנצע דורות. פּרעסן זיך צונויף דינע

שורות כראָניק פֿון גורל־באַשערטקייט און מעלאַנכאָליק פֿון אויסגעפּערלטע טרערן, וואָס אַ מידער שמייכל האָט צוגעטריקנט, און עס ווערט געפּרעסטער עפּאָס פֿון ואלה תולדות:

— מיין באָבע — ווער קען היינט פֿאַרשטיין דאָס לעבן
פֿון אַ באָבען —
כ׳געדענק בלויז ציטערנדיקע הענט און שמאָלע, בלאָע ליפּן.
ווער קען עס וויסן היינט, צי ס׳האָט מיין זיידע שאַיע
זי געליבט.
ווי שווער עס איז געווען איר גליק און וואָס זי האָט געליטן —
ס׳איז פֿון איר נישט פֿאַרבליבן קיין בריוו, קיין שטיק פּאַפּיר,
נאָר טעפּ פֿאַרדראָטעוועטע אויפֿן בוידעם, עדות שטומע פֿון
געוועזענער וואָר—.

ווי קאָן עס גאָר עמעצן איינפֿאַלן, דער שאַיע זאָל האָבן ליב געהאַט די באָבען, אַזביידן זענען געלעגן אין קאָפּ די פֿאַרדראָטעוועטע טעפּ, די ירושה, וואָס מ׳דאַרף איבערלאָזן די פֿינף קינדער, פֿון וועלכע —

מיין מאַמע האָט ליב געהאַט אַן אַנדערן
און איז געוואָרן דאָס ווייב פֿון מיין טאַטן —
ס׳האָט יענעמס בילד, פֿאַרגעלט, פֿאַרבלאַסט פֿון לאַנגע יאָרן,
געשמייכלט פֿון איר אַלבאָם סאַמעטענעם, אַלטן.
ווען זי האָט אויסגעניית אַ האַנטעך, אַ סערוועט,
אין רויטן זייד אַריינגעשטיקט איר בענקשאַפֿט, איר באַגער,
פֿלעגן לויפֿן די שטעך, ווי שמאָלע ריטשקעס בלוט,
באַזילבערטע, באַזוימטע מיט איר שטילער טרער. — —

און דאָס אייניקל, די דיכטערין אַליין:

— אַ פּעקל בריוו אין שאַנק, אַ שמאָלינק בענדל לידער,
אָט דאָס אַלץ איז דאָס אַש פֿון מיין לעבן — — —

וועט זיך מיין פֿאַרערונג פֿאַר רחל קאָרנס דיכטערישער דערגרייכונג גיין דינגען מיט אַזאַ עלעגישן פּסוק פֿון אויסגעציטערטן חשבון? רחל קאָרנס

לירישער מענה־לשון פֿאַרמאָגט דעם קלאָרן כוח־הדיבור פֿון דער פֿאַריתומ־טער עדהס גרויסער פּירזאָגערין, וואָס איר תהלימדיקער עברי־טייטש און איר לויטערער געוויין גרייכן אַריבער אַ סך מזמורים און קינות פֿון דעם בעל־תפֿילה ביים עמוד. זיי זאָגן אַלץ אַליין אַרויס, פֿון אָנהייב ביזן סוף, מיט שאַרפֿן טראָפּ — מ׳קאָן זיך דען אויף עמעצן פֿאַרלאָזן? „דאָס״ קאָן דען וויינען?

אָ, ערד, געפּאַסעוועט אין ברייטע לאַנעס און אין שמאָלע בייטן,
ערד פֿון מיין היים, פֿון מיינע קינדעריאָרן,
כ׳האָב קיין מאָל נישט געוווּסט, אַז ס׳קען דיך נישט סטאַיען אַפֿילו
אויף אַ קבר פֿאַר די, וואָס זענען אויף דיין שויס געבוירן.

— — —

מיין זיידע האָט דיך געקאָרטשעוועט מיט זיינע ברייטע הענט,
געריסן ביימער־פּניאַקעס און שווערע, גראָע שטיינער,
ביז ס׳איז געבליבן אַ ליכטיק־גרינער ווינקל
מיט בלאָען טייכל־אויג און מיט ווענט פֿון ביימער.

— — —

אָ, ערד, אַז איך וועל מוזן גיין פֿון דיר אין גלות,
וועט דורכלויפֿן אַ ריס דורך דיין און אין מיין אַיעדן גליד,
און ס׳וועלן בלוטיקן צו גלייך, אָ, ערד, מיין הייס־געליבטע ערד,
דו און איך און מיין ליד.

(„היים און היימלאָזיקייט״)

זאָגט איינער: אַ מאָנסבילישער טאַלאַנט. קאָן זיין — נאָר ווער קאָן וויסן, וואָס דאָס מיינט? צי איז אַ שטייגער, סעלמאַ לאַגערלעף אַ „מאַנס־בילישער טאַלאַנט״? און וואָס דערלייג איך צו דער וואַלד־טונקעלער עמקות און וואַרעמקייט פֿון איר ווייבערישן נוסח? אַוודאי האַלט איך נישט ביי קיין אַנאַלאָגיעס און פּאַראַלעלן צווישן רחל קאָרנס פּרעמיסלע, מיט אירע קראָ־מען, קלויזן און „טראַקטערן״, ווו בחורישע חול המועדניקעס פֿלעגן זיך טרעפֿן אויף „בישוי״ מיט געפּאַקטע כלות, געשנורעוועט מיט פֿישביין, און

צווישן דעם צפֿונדיקן ווערמלאַנד מיט וועלדער, לעגענדעס, פֿיאָרדן און ווייסע נעכט. איך זע אויך נישט קיין קרובהשאַפֿט צווישן די גאַליציאַנער „זשאַנדצעס" מיט די צעקעמטע בערד, וואָס פֿירן זיך ווי די פּריצים, פֿון וועלכע זיי קריגן בשעת חדווה, מיט אַ ראַפּניק איבערן פּנים, און די שווערע שוועדישע פּויערים און פֿאַרשפּונענע חלום־געשטאַלטן פֿון סעלמאַ לאַגער־לעפֿס געבליט.

פּונקט אַזוי ווייניק זיכער בין איך, צי איז רחל קאָרן אייגנטלעך אַ פּראָזאַיקערין, צי אַ ליריקערין — פֿאַר מיר איז גענוג, וואָס זי איז „איי־גענטלעך" אַן עכטע שריפֿטשטעלערין, פֿון דער ראַסע וואָרט־מייסטערס, וואָס בויען מיט דעם כּוח פֿון שפּראַך און מיט דעם אָטעם פֿון שווייגן וועלטן פֿון געפֿיל און געשטאַלט אין פּאָעזיע און פּראָזע. אין אַ סך פֿון אירע לידער זענען צונויפֿגעגאָסן געזאַנג מיט פּלאַסטיק — און עס גלוסט זיך אין גאַנצן נישט באַלאַמוטשען די ספֿערן מיט „אַנאַליז", כּדי ס'זאָל ווערן קלאָר: אַז ס'איז מיר „אַזוי" אַ סך קלאָרער און קינסטלעריש אמתדיקער.

דער בעלעטריסטישער בנין פֿון רחל קאָרן שמעקט מיט דעם פֿריש געטעסעטן וואַלד־געהילץ, וואָס אין זיינע ראַזעווע סענקעס זענען איינגע־פֿרעסט דער זכּרון און דער שאַרפֿער ריח פֿון בוים מיט דער „בורשטין־געלער זשיוויצע": „... אין אַלטער דעם זשאַנדצעס פֿירהויז האָט די ריין אָפּגעריבענע פּאָדלאָגע געשמעקט מיט וואַלד־פֿרישקייט, ווי ס'וואָלטן די ברעטער דורכן ריח געוואָלט באַווייזן זייער צוגעהעריקייט צו די ברוינע, קלעפּיקע סאָסנע־שטאַמען, וואָס שטייען פֿון יענער זייט פּאַרקן און וואָס מען הערט זייער רוישן אין טונקעלע, אַנלבנהדיקע נעכט..." („שלמה נוזשדע").

אין רחל קאָרנס ווערק קומט אונדז אַנטקעגן אַ וועלט מיט גורל און הו־מאָר, עפּל און בריתן, סאַדאָווניקעס, אָקסנטרייבערס, יידענעס און „פֿאַרכאַמ־דריטשעטע" רויטבאַקיקע קינדערלעך, שיינע יידן, שלעפּערס און, להבדיל, שיקסעס און ממזרים. שטייען שטיבער מיט געשניצטע גאַניקעס, וווּ מען האָדעוועט איידעמס, ווי די „גאַנערס", און עס קאָרטשען זיך כאַטעס, שניי־באַברעמטע, איינגעדעקטע מיט נענזע, וואָס קרענקען אין לאַנגע אָוונטן מיט געלע פֿלעמעלעך פֿון קאַניצלעך, וואָס דער באַלעבאָס דרייט אַראָפּ נאָך טיפֿער.

פֿון די דערציילונגען רעדט אַרויס קינסטלערישע צוגעבונדנקייט צום בידנעם לעבן, טיפֿער רחמנות מיט דעם ערדלאָזן הרינקע און דעם אָרעמען בערל, מיט יורקע און יאַנציע; מיט דער רוטעניש־יידישער בי־נאַציאָנאַלער אָרעמקייט פֿון רחל קאָרנס גאַליציאַנער היים. דער גוי הונגערט „פּשעד־נאָוועק", ווען עס ענדיקט זיך דאָס „לעצטע פֿערטל בולבעס", בשעת דער ייד וואָס „פֿאַרמאָגט" אַ בּרייטן פֿאַרמעסט פֿון נויט, האָט נישט קיין פּרנסה אַ גאַנץ גייענדיק יאָר. דאָס אַלץ איז געקרייצט מיט „עך" און מיט „עץ" און מיט די אַנדערע רעגיאָנאַלע וואָרט־יאָדרעס פֿון גאַליציאַנער לשון, טערעפּקע און קלוגיטשקע — אַ שטיק לאַנדשאַפֿט פֿאַר זיך.

שלמה נוזשדען (אין רחל קאָרנס דערציילונג מיטן זעלבן נאָמען) האָט זיך דער גורל לכתחילה אויסגעקליבן, צו עקספּערימענטירן אויף אים זיינע זביטקעס — וואָס'ט ער לאַנג זוכן? געבוירן אין אַן אָרעמער שטוב, ווו קיינער האָט אים נישט באַדאַרפֿט, ווייל דאָס געזעמל האָט נישט געהאַט קיין „עלפֿטן לעפֿל", איז דאָס קינד באַלד געוואָרן אַ „בורמילע" און אַ „שטיק גוי"; שוין קליינערהייט. אויסגעדאַכט האָט זיך, אַז „שלמהס אומגעלומפּער־טער גוף איז צונויפֿגעשטוקעוועט מיט גראָבע טאַנדייט־שטעך, ווייל די נאַטור האָט זיך געאיילט צו קינדער פֿון פֿיינע אויסגעאיידלטע עלטערן" — האָט שוין אַחוץ דער וועלט־אָרדענונג, אויך די נאַטור אַריינגעכאַפּט, כלאחר יד, איר חלק סאָציאַלע סאַטירע. די דערציילונג איז געשריבן געוואָרן אין יאָר 1937, ווען דאָס שרייבעריש געוויסן האָט געפּרוווט מיט שטעכווערטלעך אַרויפֿלייגן לאַטעס אויף דעם באַשאָפֿס גאַנצן קריעה בלויה. „שכנים האָבן געשמועסט, אַז דאָס קינד וואַקסט, ווי גאָט וואָלט פֿון אים די מאָס פֿאַר־לוירן". אַזאַ פֿאַרזעעניש וואַקסט נאָר אַ ביסל אונטער, קאָן זיך דער „יונג" שוין קוים דערוואַרטן, דער טאַטע זאָל ענדלעך אַראָפּכאַפּן דעם רימען און קאַטעווען ביז בלוט — וואָס „פּעניעט" ער? דער „האַלאַדריגע" האָט אַ חוש פֿאַר אָרדענונג און ער ווייסט, ס'קומט אים.

אויף אַזאַ פֿעסטן פֿונדאַמענט פֿון דלות קאָן מען שוין בויען. דאָס ייִנגל וואַלגערט זיך, הפֿקר, אַ יתום ביי אייגענע טאַטע־מאַמע, אַ פּאַסטעכל צווישן דאָרפֿישע שקצים, אַ שטיקל פֿאַראָבעק, אַ משרת אין אַ סקלאַד — און אַז פֿון דעם „גאָרנישט" ווערט אַ גרויסער, נעמט מען און פֿאַרקנסט אים פּלוצעם מיט דעם זשאַנדצעס טעכטערל; וואָס פּלוצעם? דאָס „פֿריילײן"

מוז גיך חתונה האָבן, נאָך גיכער — מחמת איינער אַ ליידאַק, מאַכלעס זונדל פֿון טיטון־סקלאַד, האָט דאָס מיידל פֿאַרפֿירט און מען מוז פֿאַרדעקן די חרפּה, איידער לייטישע מיילער הייבן אָן „רעדן".

איז אָבער דער מחותן פֿון כלהס צד, טאַקע ר' אַלטער אַליין, אויך אַ קנאַפּער תכשיט. ער איז אַ ייד מיט אַ ווייסער באָרד און מיט אַ לאַנגן ציבעך פֿון שמעקעוודיקן ווײַנשל־האָלץ צווישן ראָזעווע ליפּעלעך: אַ יידישער פּריץ מיט קורצע פֿעסטע פֿיס און פּעפּיטאָ רייט־הויזן און לאַקירטע געפּאַסטע שטיוול. ס'קאָן אַפֿילו זיין, אַז אַזאַ ייד פֿאָרט זיך אויף אַ רגל צום רבין און נעמט מיט פֿאַרן „הויף" אַ זייטל קעלבערנס, צי אַ קוישל קעז און פּוטער אויף שבועות — אַדרבא. אָבער „בסתר" איז ער אַ פֿייערדיקער בעל־עבֿרה־ניק, וואָס האָט, נעבעך, צו טאָן מיט שיקסעס. וואָס זשע, ר' אַלטער? אין זיין אייזערנעם קאַסע־קאַסטן האָט ער אַ באַהאַלטענעם פּינקס, ווו ער פֿירט חשבון פֿון אַלע זיינע ממזרים, פֿאַר וועלכע ער צאָלט אַלימענטן די יונגע גויעס פֿון דאָרף: יעדער ממזר פֿאַרנעמט אַ בלעטל. אין דעם זעלבן קאַסע־קאַסטן האַלט דער זשאַנדצע די איינגעלייגטע נדנס פֿון אָרעמע יתומות. ער האָט זיי אַלעמען אָנגעזעצט ביז צום לעצטן גראָשן: טאַקע ר' אַלטער.

אַנדערש ווי דער זשאַנדצע איז דער גאָזשעלניק פֿון הויף, אָן אויפֿגע־קלערטער. מסתמא לייענט ער שילערס „ווערקע" און אפֿשר דעם דע־סויערס „ביאור". דער ייד איז אַ שטיקל „דייטש", וואָס רופֿט זיך אַליין „הער ראָזענבערג", פֿון חשיבות וועגן. צו די יידישע פּריצים אין רחל קאָרנס דערציילונג געהערט אויך מאַכלע פֿון טיטון־סקלאַד — אָן אַלמנה: כמעט אַ מאַנסביל. אַז זי פֿאָרט אין שטאָט אַריין, פֿאַרנעמט זי „ס'גאַנצע געזעס פֿון געדונגענעם פֿיאַקער": אַ גבֿר. זי איז אַ גרויסע בעל־פּרנסהניצע, וואָס יאָגט די בידנע לאחדים־קרעמערלעך — און דאַווענען דאַוונט זי שטרענג פֿון אַ ברייטן סידור: הורט. הורטאָוונע הוליעט אויך איר זונדל איזיעק. ער האָט פֿאַרפֿירט, ווייסן מיר, ר' אַלטערס בת־יחידה — אָבער מען שמועסט, אַז ער „זיצט" מיט אַ שיקסע אויך און צו דעם אַלעמען גרייט ער זיך שמדן.

עס „טוט זיך" אין רחל קאָרנס דערציילונג מיט אַ געדראַנג פֿון שיקסעס און ממזרים וואָס געהערן צום יידישלעכן שטייגער — נישט אַריינגערעכנט די יונגען און מוידן, וואָס „גערזיען" זיך און דושען זיך „אַזוי", שבת־נאָכן־

טשאָלנטיק, אין דער טונקעלער הינטערשטער שטוב פון ליפע טכויר: געזעלן מיט בלישטשענדיקע ספּינקעס אין די שטייפע קראַגנס, וואָס פּענקען אויף פאַרשוויצטע העלדזער מיט פרישטשעס, פונדעווען „מילקא״־שאָקאָלאַד־קעס די פולע מוידן אין רויטע בלוזקעס, אויסגעניייטע מיט גלעזערנע פּאַטשערקעס. קלאָר: עס איז זיי שווער, די יונגען, צו האַלטן די הענט „ביי זיך״.

אין אָט דער בעלעטריסטישער ענגשאַפט פון שטייגער און דראַמאַ־טיק האָט די דערציילונג נאָך געמאַכט פּלאַץ פאַר דעם סאָציאַלן פּאַטאָס, וואָס ווערט בולט אין דעם בלוטיקן אויפשטאַנד פון די ערד־הונגעריקע קליין־פּויערים קעגן די מעכטיקע פריצישע לאַטיפונדיע־באַזיצערס. אַוודאי ווערט אונדזער שלמה, אַ „מענטש״ ביים גורל, אַריינגעפּלאָנטערט אין דעם פּויערישן בונט. פונקט ער ווערט דער אָנפירער פון די פאַרצווייפלטע פּויערים און ער פאַלט אויפן פעלד, פון די זשאַנדאַרישע קוילן.

דאָס אַלץ איז געווען אַ מאָל, ווען דאָס לעבן איז נאָך געווען ביי זיך אין דער היים, איידער ס׳איז אונטערגעגאַנגען די וועלט, פון וועלכער מיר אַלע זענען איבערגעבליבן על פּי נס: „דעזערטירן פון טויט״.

אפרים אויערבאַך

1. גילדענע שקיעה

ער טראָגט אין זיך אַ מין געאָמיטישע לאַנדשאַפֿט, של־מטה־און של־מעלה, כולו ערד און אָבות, דאָרנבוים פֿון מידבר און פֿולע סנאָפּעס אויף בעסאַראַבער שוואַרצערד, שאָפֿענע יידן און מלאכים אויף הימל־לייטערס, מקובלים, פּראָסטאָקעס און גאָט אין מיטן; ירושלים, בעלץ און באר־שבע און דאָרפֿישע „סטינע", וואָס איך ווייס נישט איר טייטש, אָבער זי גראַמט זיך היימישלעך מיט שכינה. די עלעמענטן מישן זיך מיט שפּילערישן ווידער־אַנאַנד אין אפֿרים אויערבאַכס ווערק און זיי האָבן אַליין הנאה פֿון זייער האַרמאָניע. גאָר קיין סך האָט נישט פֿאַרמאָגט די אָרעמע שטעטלדיקע וועלט און די פּרשה חומש איז געווען אַ צענטראַלע רעאַליטעט:

ס'האָט דער טאַטע מיין קינדעריש הענטל גענומען
און געפֿירט מיך אין חדר צו יידל מלמד,
איבער שמאָלע ליקלעך און געסלעך קרומע,
נאָר דער וועג איז געווען אויסגעבעט מיט סאַמעט
פֿון צעגרינטע פּסוקים, תנכישע זונען,
פֿון דער מוטער רחל און „ואני, איך יעקב", —
אַ באַהאַלטענע שיין איז פֿרום גערונען,
אויף די פּלויטן האָבן געבליט געדאַנקען — —

(„גילדענע שקיעה")

דאָס איז דער אָנהייב פֿון אַ דיכטערישן דרך, אויף וועלכן עס הילכן שפּעטער טריט פֿון אַ לירישן געשטאַלטיקער, וואָס באַשאַפֿט סקולפּטורן

פֿון אויסגעציטערטע געפֿילן. און דערנאָך, ווען די „נעכט ווערן עלטער און די טעג שטילער״ און גילדענע שקיעה באַשטראַלט מיט וואַרעמען גלאַנץ דעם באַזילבערטן קאָפּ, ווי אַ יום־טובדיקע עטרה דעם טאַטנס טלית, זינגט אפֿרים אויערבאַך:

אַז שטערן לעשן זיך, בלייבט אַלץ נאָך איבער איינער,
אַן עלנטער, דערציטערטער באַהיטער,
וואָס בלייכער ווערט דער הימל, בלישטשעט ער אַלץ ריינער,
דער נאַכטס געטרייער, שיינענדיקער ריטער.
(„גילדענע שקיעה״)

שטילע תּפֿילה פֿון דיכטערישן וואַרשטאַט. קאָן זיין, אַז אין דעם ווידער־אַנאַנד פֿון די לאַנדשאַפֿטן, וואָס זינגען אַריין אין דיכטערישן ווערק, ליגט די נאָרמאַלע צעריסנקייט פֿון דעם שאַפֿערישן מענטש בכלל, וואָס איז אייביק פֿאַרפּלאָנטערט אין גורל־געוואָגל צווישן איינעם אַ „דאָ״, אַ פֿיקטיוון, און דעם ממשותדיקן „ערגעץ דאָרט״. קיינער פֿון די יידישע פּאָעטן אין אַמע־ריקע איז נישט אַזאַ עכט־חומשדיקער „גר ותושב״ אין זיין אויסגעחלומטער וועלט ווי אפֿרים אויערבאַך, אַ דיכטער מיט אַזאַ געזונטן יצר־הרע צו גאַנצקייט. „איז ער געגאַן און געגאַן״, הייסט עס אין מעשה־ביכל. אונטער־וועגס האָט מען זיך פֿאַרזאַמט און דערוויל פֿאַלט צו דער אָוונט.

איצט איז אויפֿדערנאַכט, איך זיץ ביים ים התיכון,
כוואַליעס קושן שטיינער מיט צעשוימטע ליפּן, —
דאָ בין איך אַ גאַסט, איך פֿאָר אַוועק אין גיכן,
ווי וועל איך דעם דאָ מיטן דאָרט מיינעם פֿאַרקניפּן?
(„גילדענע שקיעה״)

ערשט נישט לאַנג, דאַכט זיך, איז אפֿרים אויערבאַך אין דער יידישער ליריק אין אַמעריקע געווען נאָענט מיט די „יונגע״, אַ סעקטע אַסקעטישע עסטעטן, וואָס האָבן אין זייערע לידער געטאָן די שטרענגע עבודה פֿון ריינער שיינקייט — כאָטש נאָענט געווען איז ער ווי אַ זייטיקער. היינט איז נישטאָ מער קיין באַוועגונג פֿון „יונגע״, קעגן וועלכע עס זאָל שטורעמען אַ

שטרעמונג פֿון „יינגסטע״: אומעטיק אָן מחלוקת — ווען די אויפֿטרייסלער האָבן זיך באַרויקט. איך קען געוויזענע נביאים פֿון סאַמע נייסטן פּאָעטישן שטום־לשון, ביי אונדז און ביי אַנדערע, אַ מאָל קאָפּברעכערישע וואָרט־אַר־טיסטן אין דער גראַפֿאָמאַנעזשע, וואָס האָבן אין זייער צייט אויסגעהוליעט אַלע מעגלעכקייטן פֿון גייסטיקן קאַפּויער און היינט, אויף די עלטערע יאָרן, זענען זיי געוואָרן מידע עקספּערימענטאַטאָרס און גאָרן נאָך פּשטות.

אפֿרים אויערבאַך איז אַ דיכטער אַ יחיד, צווישן יונגע און יינגסטע איינער אַליין. ער פֿאַרמאָגט דיכטערישע מייסטערשאַפֿט פֿון וואָרט און פֿאַר אים איז פּשטות קיין פּאָסטולאַט נישט: זי איז זיין נאַטירלעכע אַט־מאָספֿער:

כ׳האָב זיך ערלעך פֿאַרדינט מיינע קלייענע ווערטער,
כ׳האָב די שורות געאַקערט אַליין און געזייט,
כ׳בין געווען דער געטרייער, פֿאַרמידיקטער גערטנער
איבער מיינע געזאַנגיקע, זאַנגיקע רייד.

כ׳האָב געוווּסט, אַז מיין שטח איז עטלעכע איילן,
אַז די זון איבער מיר האָט פֿאַרטונקלט איר גאָלד,
אַז אַמאָל וועט אַ קינד מיינס דאָס ליד מיינס דערציילן,
וועט ער זאָגן: דער טאַטע האָט מער נישט געוואָלט.

(„גילדענע שקיעה״)

אפֿשר ווערט דאָ אַ ביסל צו שטאַרק בולט אַ מין יוסטע געזעטיקט־קייט, וואָס גרייסט זיך מיט ענוות, אַז זי האָט „מער נישט געוואָלט״ — אָבער מיר דאַכט זיך, אַז צו אפֿרים אויערבאַכס גרונטיקער ערדישקייט און צו די פֿאַרפֿלאָכטענע וואָרצלען פֿון זיין פּאָעטישן קיום איז דער הימל אַ גלייכער שותף. די קרעפֿטיקע פּלייצעס פֿון דיכטער ווילן קיינעם נישט פֿאַר־פֿירן. אין אויערבאַכס „געזאַנגען פֿון עלטער״ זינגט דער חשבון פֿון מענטש אויף דער ערד. איך האָב געפֿילט אין זיי טיפֿע נייגונג צו קלאַסיק — נייגונג און הכנעהדיקן נויג פֿון אַ דיכטער, וואָס טראָגט אין זיך די שווערע לאַסט פֿון פּאָעטישער גערעטעניש. גילדענע שקיעה איז אויערבאַכס בוך פֿון איינזאַמלונג. אפֿשר שימערט אַריין אין ריטעם און טאָן פֿון זיינע שורות ווייכער אָפּגלאַנץ געדאַנקען־חכמה און געפֿיל־לויטערקייט פֿון קוהלת, וואָס

שפּינט זיך אין מילדן סוף־זומער פֿון אויערבאַכס שורות און זאָגט זיך, פֿרום און סקעפּטיש, מיט איינגעהאַלטענעם עלעגישן ציטער, ווי פֿון אַ צע־זונגענעם יום־טובדיקן מחזור:

אין די יונגע יאָרן האָב איך טרויער געטרונקען
ווי אַ דאָרשטיקער נעמט אַ קאַלטן טרונק,
ס׳האָט דער צער אין מיר אַנגעצונדן פֿונקען,
כ׳האָב געשפּירט די פּיין, ווי ווײַן אויף דער צונג.
— — — — — — — — —
אויף די עלטערע יאָרן זופּ איך דעם טרויער
מיט אַ קאַרגן, אָפּגעוווױגענעם שלונג,
איך צייל איבער די רגעס, וואָס ער געדויערט,
און איך מעסט אים אויס, צי וועט סטייען דער טרונק.
(„גילדענע שקיעה“)

בין איך נישט זיכער, צי איז נישט דער האַרבסט יעדן דיכטערס גרויסע צייט, אָנגעזאַפּט מיט דעם אָנגעסמאַליעטן ריח פֿון איינגעטונקלטן שייער, מיט דעם גערודער פֿון וועגן און מעסטן, מיט דער מעלאַנכאָליק פֿון סך־הכל — און טייל מאָל גלייב איך, אַז אפֿרים אויערבאַך האָט באַלד אָנגעהויבן האַרבסטיק אין סאַמע פּאָעטישן פֿרילינג. זיין פֿרילינג, דאַכט זיך, האָט די יוירונג געמאַכט בקיצור — כאָטש „אַזוי פֿיל פֿרייד איז דאָ אין מוטנעם יוירן“. דאָס יוירן האָט זיך געזעצט באַצייטנס, געצויגן זיך צו שניט, צו אַראָמאַט און קאָליר פֿון אַנטיציפּירטן האַרבסט:

מיר, די אומעטיקע שניטער,
שניידן אָפּ די לעצטע גאַרבן.
ווער וועט זייען אונדזערע גיטער?
ווער וועט אונדזער אומעט אַרבן?
(„לויטער איז דער אַלטער קוואַל“)

דאָס דאַזיקע ליד האָט אויערבאַך פֿאַרעפֿנטלעכט לאַנג פֿאַר גילדענע שקיעה. ס׳איז דאָ אין אים, ברמיזה, די גרונטשטימונג פֿון זיין פּאָעטישן

נוסח — כאָטש די צו־גיכע גראַמען פֿון דאַזיקן ליד און די נישט־דערגאַנגענע פֿאַרבן פֿון די שניטער מיטן לויזן אומעט, אומעט מיט קנאַפּער דעקונג, וואָלטן אַוודאי נישט אויסגעהאַלטן די אוצרות מיט טרויער, וואָס זינגט אַרויס פֿון אויערבאַכס שפּעטערדיקער דיכטערישער אַנטוויקלונג. אין גאַנצן אַ שפּאַן פֿון די „אומעטיקע שניטערס", וואָס כאַפּן, זאָגן־אָפּ און גייען, הויערט דער טרויער פֿון זיינע שאָפּענע יידן מיט די שווערע וואָלענע בערד, באַ־גלויבטער לעבנס־טרויער פֿון דער איינזאַמקייט, פֿאַר וועלכער דער דיכטער געפֿינט אַזאַ פֿולע שפּראַך־עשירות פֿון קאַרגע ווערטער, איינגעדעקטע מיט שטילקייט:

שאָפּענע יידן, אין שטיבל ביים פּלויט,
קוקן אַריבער צו געסלעך און ווייטער,
צו די ביינאַכטיקע עלנטע שייטערס,
צו דעם פֿאַרטייעטן, טונקעלן סטעפּ,
וואָס איז פֿאַרשפּיליעט מיט שטערן ווי קנעפּ.

(„גילדענע שקיעה")

פֿאַרשטיי איך, אַז עס לוינט זיך דעם וועלטבאַשאַף, וואָס האָלט חשבון, צו לאָזן אַ ביסל שטערן הויך אויבן, צוליב אויערבאַכס „שאָפּענע יידן, מיט שוויגן באַוואָקסן", וואָס זייער מינחה־דאַווענען אין שטיבל האָט „אויסגע־טרויערט דאָס תמימות פֿון לעמער". דאָס איז טרויער, אויף וועלכן מען קאָן זיך פֿאַרלאָזן. ער האָט זיך אָנגעזעטיקט אויף אפֿרים אויערבאַכס פּאָעטישע סטעפּעס. פּונקט אַזוי קאָן איך ממש אָנרירן מיט די חושים דעם אומעט פֿון אָוונטלעכע שאָטנס, וואָס טוליען זיך צונויף ביי אפֿרים אויערבאַך, ווי „קעלבלעך אויף אַ הויף". פֿון קיין אַנדערן פֿאַרגליך, דאַכט זיך, וואָלט די נאַטור קיין הנאה נישט געהאַט. די דאַזיקע בילדערישע לעבנס־וואַרעמקייט פֿון דאָרף, דער אורהיים פֿון אַלעמען, האָט געגעבן דעם דיכטער די וועלט צו זען. זעלטן געפֿינט זיך אַ פּאָעט ביי יידן, וואָס וועט אַזוי פּראָסט נעמען „קעלבלעך אויף אַ הויף", נישט צוגעגרייטע, וואָס ווייסן פֿון גאַרנישט, און זיי נוצן ווי אַ גלייכעניש צו יחסנישע שאָטנס, געוווינט צו רמזים, וואָס פֿון זייער טונקעלער בין־השמשות־שושקעריי מאַכט מען ביי לייטן ליטע־ראַטור־מיסטיק — און ס'העלפֿט נישט.

פֿאַרהוילענער קלינגט פֿאַר מיר די וויזיאָנערע עלאָקווענץ פֿון אפֿרים אויערבאַך אין זיין משה־און מידבר־ציקל. משהס דראַמאַטישע פּנים־אל פּנים־באַגעגעניש מיטן גודל און דער „אָ, גאָט!"־פּאַטאָס פֿון אַ פֿאַרביבלטער חומש־וועלט דעקלאַמירן אַ סך מער ווי זיי זינגען און זאָגן. גרויסע וואָרט־פֿיגורן בלאָנקען אַרום ווי פֿרעמדע אין אויערבאַכס דיכטערישער שפּראַכוועלט.

טייל מאָל קומט מיר אויפֿן געדאַנק, אַז אפֿרים אויערבאַכס דיכטער־שפּראַך איז אַליין פֿאַר זיך אַ שטיק נאַטור, וואָס מען קאָן אָנקוקן מיטן אויג, אָנשעפּן פֿון איר פֿולע בליקן און דערפֿרייט ווערן פֿון איר זאַטן גלאַנץ — און אַוודאי קאָן מען זיך איינהאָרכן אין דער שטילקייט, וואָס גאַרטלט זיך אַרום זיין שפּראַכלאַנדשאַפֿט, און איז אַליין, די שטילקייט, אַ „ווייטערער געדאַנק פֿונעם מענטשנס אויסגערעדטע רייד".

זיינע „געזאַנגיקע, זאַנגיקע רייד", אָנגעשימערט מיט אַלטזילבער־פֿאַרבן פֿון זיין קינסטלערישן נוסח התפּילה, שפּאַרן מיט זאַגערישער קראַפֿט פֿון ברייטע צייטיקע שורות ליריק, געלאַדן צו מאָל מיט מאַלערישער פּראָזע, און זיי ווילן „ז י ך דערזינגען און דערזינגען אונדזער דור". שמעקן זיינע זאַנגיקע געזאַנגען מיט האַרבער האַרבסטיקייט, מיט טערפּקע ווייַן און הויכע ברויטן, געקאַרבטע, צעשפּאָלטענע, פֿון היימישע אויוונס, ביי וועלכע עס פֿאַרעך זיך מאַמעס. ציטערן צו מאָל אין זיינע שורות בלייך־גילדענע זיילן זונשטויב, וואָס שפּילן זיך מיטן בראַנדז פֿון טונקעלע סעדער — און אַלץ שמעקט מיט געטרייער האַרעוואַניע, וואָס ביי אויערבאַכן גראַמט זי זיך, פֿון נאַטור אויס, מיט „שטילער אַכסניא".

וואָס זשע איז דער חידוש, וואָס זיין בעסאַראַבער, וואָס האָט „אין בעסאַ־ראַבער קאָנט... אויף ערד תנכישער געשפּאַנט" — זיין בעסאַראַבער, זאָג איך, גראַמט זיך קאָנסעקווענט מיט „וידבר" און עס אַרט קיינעם נישט, ס׳זאָל זיין אַפֿילו „מעיין המתגבר" — אַבי נישט „זילבערנע זומען" מיט „למה הדבר דומה": דאָס נישט! איך בין אויך כמעט ווי זיכער, אַז דער זומערדיקער „ואתחנן" פֿון יידל מלמדס משה רבינו האָט זיך געניגט לאַנג אָנגעבידעוועט אין דער טריקעניש פֿון מידבר־מדרש, און האָט זיך שוין קוים־־קוים געקאָנט דערוואָרטן אפֿרים אויערבאַכס „פֿולקייט פֿון אָנגע־מעלקטע קאַנען". די שורות האָבן געצאַפּלט איינע צו דער אַנדערער, ווייל

זיי קאָנען איינע אָן דער אַנדערער נישט לעבן. ביז זיי האָבן זיך געטראָפֿן, באַגליקטע, אין דער האַרמאָניע פֿון דיכטערישן גראַם, דעם „באָרטן“, ווי קאַרל קראַוס זאָגט וועגן דער עראָטישער מיסטיק פֿון גראַם.

אויך דער מאָלדאַוואַנישער „וואָרבע דעקליאַקע“, אַ מין גוישע פּריז־בע־באַריידעוודיקייט, קלינגט ביי אפֿרים אויערבאַך ווי מילדער מעביר־סדרהדיקער תרגום־לשון פֿון קול־דממה דקה — און איך הער נישט, די ספֿערן־מוזיק זאָל, חלילה, האָבן צרות דערפֿון. אַדרבא, די ספֿערן זענען גוטה זיך אַריבערצוגלעטן איינע אין דער אַנדערער — און בטבע „לאָזן“ זיי זיך, ווען עס רירט זיי אָן אַ דיכטער.

מאַמעליגאַרישער יידיש מיינער, —
טערפּקע וויין, מיט אַ צופּ אויף דער צונג,
ביים מאָלדאַוואַן, ביים טערק און ציגיינער
האָסטו צו ביסלעך געגעבן אַ טרונק.

האָסט זיך אויף נאַקעטע סטעפּעס געבראָטן,
וויגנטן האָבן צעשויבערט דיין קלאַנג,
זאַנגען צעוויגטע זענען די נאָטן
אי פֿאַר דיין ריטעם, אי דיין געדאַנק.

(„גילדענע שקיעה“)

2. האַרבסטגעזאַנג

אַוודאי, צו שבעים, ווען דער סטעפּ פּראָוועט „טאָמנע“, לערנט זיך אָן ערלעכער פּאָעט די חכמה פֿון שיבה טובה: צייט צו דער פֿרייד פֿון צייטיקייט. טראַכט זיך דער בליק אַרויף, אין דער הייך, צו שטאַפּלען סך־הכל — און דאָס נאַרציסטישע צער־חנדל פֿון די „תם־ונשלם“־טעג ווערט אין סאַמע מיטן מעלאַנכאָליק איבערגעשטראַלט מיט געשטאַלטערישער הנאה, וואָס קוואַלט־אָן פֿריש, מיט יעדן שעפּ, יעדער פּסוק אַ כּלי; כּמעט יעדער. טייל מאָל טראַכט איך, אַז אין אפֿרים אויערבאַכס היפּשער דיכטע־רישער באַלעבאַטישקייט האָבן זיך די שבעים אָנגעקליבן שטילערהייט, סאַמע יוסטע, יאָדערדיקע, שיער נישט געזאָגט פלייצעדיקע — שבעים מיט

כוח. איך זע אפֿרים אויערבאַכס דיכטערישע וועלט צונויפֿגעפּרעסט אין דעם וואַרעמען, וואָרצלדיקן וווקס פֿון זיין ווערק — ווי עס עלטערט זיך אַ בוים מיט מיסטישער נאַטורקראַפֿט, רינג אויף רינג, סוד ביי סוד, בייגט די קרוין מיט קלוגער הכנעה און נעמט אָן שטיל די אייביקע התגלות פֿון פּאָעטישן וואָרט, פֿון דעם קליינעם וועלטוווּנדער:

דאָס קליינע וואָרט איז אָרעם אָנגעקליידט,
מיט לאַטעס האַריקע פֿון ווייץ און קאָרן,
מיט טיפֿע אַקער־קאַרביקע אוזאָרן
און שטיקער זון פֿאַר קנעפּלעך צוגענייט.
(„וואָך איז דער סטעפּ")

אפֿרים אויערבאַכס שאַפֿערישע שבֿעים זענען אייך ווייכער געוועב פֿון שפּראַך־שפֿע און וואָרט־פּשטות, ניגון פֿון בילדער און חלומות, אַראָמאַט און השתּפּכות פֿון זאַגערישן תּהילים — און דאָס געזאַנג שטעלט באַלד אַוועק זיין נאָמען מיט אַ בפֿירושן פּשט: „לויטער איז דער קוואַל", „וואָך איז דער סטעפּ": וועט קיין טעות נישט זיין אין די כּוונות.

דער סטעפּ איז שווער מיט דער זיסער האַרבקייט פֿון גרעטעניש — און דעם דיכטערס צייטיק אָנגעזעטיקטע שורות זענען געבונדן ווי די סנאָפּעס, זיי זאָלן זיך נישט צעשיטן אין לויזער בילדערישער באַרעדעוודיקייט. מיר דאַכט זיך, אַז אַפֿילו אין קנאַפּסטן צימצום פֿון זיין ליד איז פֿאַראַנען לאַטענטע ברייטקייט, וואָס רייסט זיך צו סיפּור־המעשה, צו בילדערישער שמועסעוודיקייט. זיין ליריק איז אָפֿט געקאַפּט אין עפּישן יצר־הרע. מען פֿילט זיין פֿאַרהאַלטענעם כּוח־דיבּרא אין געדראַנג פֿון געצאַמטער רחבֿות. שעפּטשעט דער מידער אָוונט אויף ליימענע פּריזבעס, וואָס זענען פֿאַרבליבן דאָרט, מי יודע, פֿון „חומשדיקן סטעפּ", צווישן שטערן און געפּלעקטע קעלבלעך, צווישן „סוואַרבע", מלאָכים, טאַטע־מאַמע און אָבֿות, פֿעטערס, מלמדים, פּאָפּשויעס, ברונעמער, מילן, מינחה־מעריבֿ, שטויביקע שליאַכן, ווו גייערס זענען „געגאַן און געגאַן", — און דער רבֿוש"ע אין מיטן פּאַנאָראַמע, אַליין אפֿשר אַ האַרבסטיקער: כאָטש ווי לאַנג איז, אַז ער האָט אָנגעהויבן?

דאָס זענען אפֿרים אויערבאַכס געבענטשטע שבֿעים: געטרייער המשך

פֿון אַנהייב. דאָס „קול פֿון דער טערקלטויב“, מיט וועלכן עס ענדיקט זיך דעם דיכטערס יינגסט בוך וואָך איז דער סטעפּ, זינגט האַרבסט מיט באַגלייבטער פּסחדיקער פֿרייד. דאָ, אין איר תנכישן אורסטעפּ, ווו די טערקלטויב פֿון שיר־השירים „צערקלט“, נישט בלויז אין מלמדישן געקנעל פֿון דער „אַרויסזאָגערישער“ סוף־ווינטערדיקער מרה־שחורה, איז זי משל און נמשל אין איינעם. איר קול גיסט זיך צונויף מיט אפֿרים אויערבאַכס ניגון פֿון שטוב און וועלט. אין דער דאָזיקער פֿריהאַרבסטיקער צעזונגענקייט איז כדאי צו פּראַווען יום־טוב פֿון שיבה טובה.

איך קען זיידעס אין דער ליטעראַטור, ביי אונדז און ביי אַנדערע, וואָס קענען נישט דעם נוסח פֿון עלטערן זיך — נוסח פֿון איידעלן איינבויג און ווייכן פֿיליגראַן אַרום דעם בליק. טייל קאָנען נישט פֿאַרגעסן פֿאַרצייטיקע פֿרילינג־קונדייסישקייט און זיי אַקראָבאַטעווען אַזש מיט הויכן בלוטדרוק. קרעכצן זייערע שורות „צאַפּלדיק“, מאַכן אַן אָנשטעל פֿון רוי, ווייל זיי שעמען זיך מיט „אָפּגעשטאַנענער“ צייטיקייט, און עס קומען ביי זיי אַרויס ברוגזע גראַמען, וואָס קאַטעווען זיך דינאַמיש אין קאַלטן פֿאַרפֿלעכט פֿון געמאַטערטע פּסוקים — אַז דאָס איגנס באַשטייט פֿון פֿרעמדווערטער.

בענקט זיך מיר דעריבער נאָך דער זוניקער געשטאַלט פֿון אַ דיכטער, וואָס עס אַרט אים נישט, אַז זיין אויסגעזונגענער טרויער איז געכאַפּט אין שלימות: וואָס איז די בושה? טראָגט דער דיכטער דאָס מאַטע זילבער אויפֿן קאָפּ, ווי אַן עטרה, וואָס הילט איין תּפֿילות. ער טראָגט אַהיים פֿון שאַפֿערישן וועג די פֿולע שורות, וואָס פֿאַרנעמען מיט זייער ברייט היפּשע שטיקער הימל און ערד, ווען יענע שניידן זיך אויפֿן האָריזאָנט און בלוטיקן מיט גאָלד פֿון גערעטעניש:

יאָרן זענען ווי סטויגן —
ערשט נאָכן אָפּשניט צונויפֿצונעמען.
ווייקט זיי דער רעגן. זון טוט זיי בריען.
גאָלד זייערס טונקלט ווי עלטערע אויגן — — —

דאָס זענען ערשטע שורות פֿון פּרעלוד פֿון אפֿרים אויערבאַכס וואָך איז דער סטעפּ: פּסוקי דזימרה פֿון חשבון. „זיידענע אויגן“ האָט געהאַט דעם דיכטערס טאַטע, מיט „ברעמען — פּרוכתן איבערן קוק“, און ביים מאַלעווער

זיידן זענען די אויגן קלאָרע, ווי „טראָפּנס טוי, אַז די זון טוט אַ שפּראָץ" — האָט אפרים אויערבאַכס האַרבסטיקער וועלטבליק אין ווערטער צו גערעדט.

— — — — — — — —

אַ פליושענער, צעשאַרכטער ציטער וועקט
דאָס אויסגעריי̈פטע, זון־פאַרברוינטע ברויט.
אַ פערד, אויף פאַשע, אָטעמט דורך דער הויט
און ווינט מיט נאָזלעכער צעשפּרייטע שמעקט.

אַ טירל סקריפּעט. גיט זיך אַ פאַרמאַך.
אַ פענצטער לעשט זיך אויס. נאָר אויף אַ שויב
די שיין נאָך פלאַטערט מיט געזאַנג און לויב, —
מיט רו און אומרו איז דער סטעפּ ביינאַכטיק וואַך.

(„וואַך איז דער סטעפּ")

דאָס איז די מיסטעריע פון די פשוטע ווערטער, די צייטיקע. די שפּראַך אַליין האָט הנאה פון דער בילדערישער ברכה, וואָס זי האָט אָנגעקעלטערט אין געפּרעסטן תמצית. די הנאה איז אַריינגעוועבט אין דעם פרומען גלאַנץ — און די טערפּקע זיסקייט פון געבענטשטן סטעפּ פאַרגעסט נישט אויף קיין רגע צו באַטייטן מער, ווי ס'קומט אים. יעדע אמתע שיינקייט באַטייט מער, ווי עס אַנטפּלעקט אונדז איר אייגענע שעמעוודיקייט.

שפע און צמצום

יחיאל האָפּערס וואַרשעווער הייף

יחיאל האָפּערס וואַרשעווער הייף דערמאָנען מיר אַ מאָל אין פֿאַר־צייטיקע ברונעמער אונטער הילצערנע ביידלעך, וואָס שמעקן מיט נאַסער ערדיקער האַרבקייט, אין הויף פֿון בית־מדרש אָדער אין מאַרק, און צו וועלכע מיר, יינגלעך, פֿלעגן זיך צוכאַפּן און אַראָפּקוקן מיט זשעדנע בליקן צום טיפֿן טונקעלן שפיגל איבערן דנאָ, פֿון וועלכן עס האָבן אַרויפֿגעגיס־טערט אַן אַ שיעור אויסטערלישע פּנימער, צעשוומענע און בולטע, פֿאַרצוי־גענע, אומעטיקע, לצימדיקע — אונדזערע אייגענע, אָבער אַנדערש.

וואָס טיפֿער מיר קוקן אַראָפּ צום קוואַל, אַלץ שאַרפֿער שניידן זיך און גרימאַסירן די פּנימער פֿון דורות — און דאַכט זיך, אַז די נישט־געשילדערטע זענען אויך דאָ, אַלע זענען „איינגעזאַמלט". זיי וואַרטן אין נעפּלדיקע שיכטן, צו באַקומען צורות און נעמען. וואָרעם ר' שלמה און ר' צדוק, די בראָודעסעס און די מירבאַכס, ר' נפֿתלי און ר' תנחום, ר' דוד שמאַראַק און דער אַלטער כייקין, די דאַבזשינסקיס און די אַנדערע — דער גאַנצער געזעמל פֿון צעצווייגטע יידישע משפּחות, וואָסווימלען זיך אין האָפּערס דערציילערישער וועלט, בעטן זיך אַלע עפּישע אָבות, עלטער־זיידעס און עלטער־עלטער־זיידעס, אַרומגענומען מיט לעבעדיקע שטיקער פֿאַר־צייטנס, מיט אַלערליי טועניש און „זאַכעניש", און וואַרטן אין האָפּערס בילדערישן זכרון אויף זייער בעלעטריסטישן תיקון:

„יידישקייט און וועלטלעכקייט — שרייבט האָפּער — האָבן זיך פֿאַר־קליבן צו הויזן צוזאַמען אין רו און ווילשטאַנד אויף דער ערד, מיט וועלכער מיינע זיידעס און עלטער־זיידעס האָבן מיט זייער רחבותדיק לעבן און רייפֿן טויט זיך אויף אייביק פֿאַרבונדן".

ווען נישט די „וועלטלעכקייט", וואָלט דאָס געווען אַן אַלט־יידישער

חומשדיקער פסוק. מען שמעקט דעם ריח פֿון די אַלטע שטיבער, מיט תורה און ירושה, ווו די פֿאַרצייטיקע האָבן זיך געלערנט לעבן און ניפֿטר ווערן, געאַרבעט אויף מידות און פרנסה, געטראַכט, מען זאָל אָפּגעשיידט ווערן „ווי אַ מענטש", מיט „שטאַט", מיט נוסח — נישט געכאַפּט און אַ שטאַרב געטאָן, מעשה פּראָסטאַק.

דער מחבר האָט געשווירן „שרייבערישע געטריישאַפֿט דעם אָנדענק פֿון הרובן יידישן וואַרשע" און די שבועה האָט ער מקיים געווען אין דעם וואַרעם־קאָליריקן מאָזאַיִק פֿון זיין הויף אויף פּאָקאָרנע און הויף אויף מוראַ־נאָוו. ער רופֿט זיי אינטים מיינע וואַרשעווער הייף, וואָס האַלטן אין ווערן די בעלעטריסטישע ביאָגראַפֿיע פֿון אַ גרויסער יידישער תקופֿה. דער סטיל פֿון דעם ווערק איז קאָמבינירט פֿון אויטענטישע איך־זכרונות, שטייגער־בילדער, כראָניק, ליריק, צייט־קאָלאָריט און פֿולאָטעמדיקער דערציילע־רישקייט, וואָס ראַנגלען זיך אַלע אין איינעם, צו דערגיין צו געשטאַלטונג פֿון יידישן מענטשן־גורל.

„דאָס איז אַן אויסטערלישער פּראָבלעם — זאָגט ערגעץ באַלזאַק — וואָס מענטשן לעבן אַלע מאָל אין סתירה צו זיך אַליין. זייערע האָפֿענונגען ווערן פֿאַרוויאַנעט אין די יסורים פֿון היינט, וואָס פֿאַרשפּילן זיך מיט אילוזיעס פֿון מאָרגן: דאָ, אויף דער ערד, פֿאַרמאָגט בלויז דאָס אומגליק פֿולע שלימות".

אָודאי פּאַסט זיך דער דאָזיקער זאָג אויף אַניאַ, דער העלדין פֿון יחיאל האָפֿערס ראָמאַן־סעריע. איר זיווג מיט סוליק נאָך אין הויף אויף פּאָקאָרנע איז, דאַכט זיך, נישט געווען מן השמים — און עס קומט אויס, אַז זי האָט אַ באַזונדערן טאַלאַנט צו מענער מיט פֿאַרשיידענע ניואַנסן פֿון אומאינטע־רעסאַנטקייט. געדויערט לאַנג, ביז מיר דערלעבן ערשט ביים סוף פֿון ראָמאַן, לאַנג נאָכן טויט פֿון איר מאַן און נאָכן זעלבסטמאָרד פֿון איר עלטס־טער טאָכטער, דעם אויפֿבלי פֿון איר ליבע צו ד"ר דאָבזשינסקי, וועלכער וואַרט די גאַנצע פֿיר בענד, אין קולטיווירטער פּאַסיוויטעט, אויפֿגעוועקט צו ווערן דורך דער געליבטער יונגער אַלמנה. „...ער איז געווען איידל, האַר־מאָניש, גוט דערצויגן און דערצו אַ זייער פֿײַקער..." די דאָזיקע מעלות זענען זיין שוואַכע זייט. וואָלט מען געמעגט נוצן אַ כזית בייסיקייט, וואָלט איך געזאָגט, אַז דאָס זענען מעלות פֿאַר אַ שידוך, אָבער נישט פֿאַר דעם

כאַראַקטער פֿון אַ קינסטלערישער געשטאַלט. „...ער האָט געטרוימט וועגן ליבע, וועגן ליבעס־איבערלעבונגען. ער האָט געבענקט נאָך ליבע, דער־לויבטע, צי פֿאַרבאָטענע, אַלץ איינס, אַבי אַ גרויסע, אָבער די בענקשאַפֿטן זענען ביי אים פֿאַרבליבן נאָר אין דער ספֿערע פֿון טרוימען...״ ליבע? איז מיר ערשט נישט קלאָר, וועד דערלויבט אים נישט די דערלויבטע — און ווידער: וואָס מיינט „פֿאַרבאָטענע ליבע״ אין אַ קינסטלערישן ראָמאַן? דאָ איז דאָך דער עיקר, די ליבע זאָל נישט זינדיקן קעגן איר אייגענעם עס־טעטישן לעבנס־געזעץ, וואָס איז אָנגעצייכנט אין ווערק גופֿא.

אין טרוימען איז אַניאַ אויך נישט היגטערשטעליק. איר חן און שיינקייט וויאַנען לייכט אונטער גוזמות ביכלדיקער געטריישאַפֿט צום אָנדענק פֿון איר אומגעליבטן מאַן, וואָס איז אַזוי שווער געשטאָרבן, געטריי־שאַפֿט צו די קינדער, וואָס זענען געבוירן געוואָרן מיט קאָמפּלעקסן אין אַ קאָנווענציאָנעלער צונויפֿפּאָרעניש פֿון טאַטע־מאַמע — און דער ראָמאַן מאַטערט זיך שווער מיט אַניאַס גוט דערצויגענער אויסגעהאַלטנקייט אין אַזאַ לאַנגן נישט־נכשל ווערן: כמעט שלא כדרכה. אמת, דער ראָמאַן שטייט נישט ליידיק אין דער צווישנצייט און אין די הפֿסקות. צווישן זיינע אַנטוויקלונג־עטאַפּן וויקלט זיך פֿונאַנדער אַ שלל מיט בעלעטריסטישע שטייגערבילדער און מאַרקאַנטע זייטיקע הויפּטפֿיגורן, וואָס זענען געמאָלן מיט האַפּערס אייגענע, זאַטע קאָלירן. קאָן זיין, אַז עפּאָס האָט בטבע ליב שטראָמיקע ברייטקייט און עס אַרט אים נישט, וואָס זי נעמט מיט אין איר אָפּגלאַנץ ווייטע שטיקער ברעגעס און וואָס די שאַפֿערישע פֿולקייט זינדיקט אַ מאָל אונטער מיט קוים געצאַמטער צעשפּרייטקייט.

יחיאל האָפּערס וואַרשעווער הייף שילדערן די תקופֿה אויפֿן טרעפֿ־פונקט פֿוןביידע לעצטע יאָרהונדערטער: פֿון דעם שלווהדיקן ניינצנטן יאָרהונדערט מיט זיין שטילער וואַקסנדיקער קראַפֿט און דער היסטערישער גענייאַליטעט פֿון אונדזער תכשיט, דעם צוואַנציקסטן, וואָס האָט שוין באַלד פֿון אָנהייב נישט געוווסט, וואָס פֿאַר אַן עצה מען טוט זיך מיט דעם אויס־בראָך פֿון זיין גאונות. שניידן זיך ביידע יאָרהונדערטער — און פֿון דעם שניטפּונקט גיסט זיך בלוט: געלט. אָט האָט זיך קוים געענדיקט די „שוויי־גנדיקע תקופֿה״ פֿון דער צווייטער העלפֿט פֿון ניינצנטן יאָרהונדערט, ווען מענטשן „האָבן נישט געלאַכט אויפֿן קול און אַז מ׳האָט קוים אַ שמייכל

גערטאָן, האָט מען זיך פֿאַרשטעלט דאָס מויל מיט אַ נאָזטיכעלע" — און אָט האָט שוין אַ גרילץ געטאָן דער סלאָגאַן: „צייט איז געלט", פֿון וואַנען עס פֿירט אַ גלייכער וועג צום עלנט פֿון דער תקופֿה און צו אַלע טראַגישע לעבנס־קאָנפֿליקטן.

דאָס ברייט פֿאַרמאָסטענע דערציילערישע ווערק, וואָס יחיאל האָפֿער האַלט פֿאַר אַ „שטייגער־ראָמאַן", איז אָן ספֿק אַן ערנסטער קינסטלערישער פֿאַרמעסט אויף אַ נייעם יידישן געזעלשאַפֿט־ראָמאַן. וואָרעם אין די וואַרשע־ווער הייף קומט צום אויסדרוק דער דראַנג פֿון יידישע משפּחות, אויפֿצוהייבן זיך אויף דער מדרגה פֿון רעאַלער עמאַנציפּאַציע, דערראַנגלען זיך צו חשיבות, צו פּאָזיציעס פֿון מאַכט. מ'האַלט שוין איצט נישט מער ביי דער מרה־שחורהדיקער מנחה־מעריבדיקער שמונה־עשרה־תפֿילה, וואָס בעט אויף פּרנסה: דאָס איז אַ פֿריִערדיקער שטאַפּל פֿון אַנטוויקלונג. איצט שרייט פֿון אַלע עקן וועלט דער היסטערישער פּאַטאָס: געלט — אויך ביי יידן. אין האָפֿערס ראָמאַנען רעדט זיך, דער עיקר, וועגן מענטשן, וואָס זענען געוואָרן „לייט" און האָבן באַקומען וואָג: אַ גביר הייסט „אַ ייד מיט אַ בויך". עס הייבן אָן אויפֿשפּראָצן יוסטקייט און גלאַנץ אין די רחבותדיקע שטיבער. אין די אָנגעפּאַקטע קראָמען, אין די וויטרינעס, וואָס גלאַנצן מיט עשירות, אין די גאַסן, וואָס ווערן אייגענער — כאָטש ר' צדוק איז מלא רוגזה: „...סטאַטש, וועלכער ייד ווינט דוס אין אַזאַ גויישער געגנט? און ווּס זענען דוס פֿאַר אַ גויים אין טויער ווּס לאָזן נישט אַראַן קאַ ייד?! ווי אַזוי קימט דו אַראַן אַן אָרעמאַן? ווי אַזוי גיט עץ אַ נדבה?! ווּס טיט זעך דו עפּעס? און ווּס פֿאַר אַ מזוזה הענגט דוס אָף דער טיר? ווּס פֿאַר אַ מזוזה איז דוס?! ווי האָט מען דוס גיזעיען אין אַ יידישער שטיב אַזעלכע מזוזות?!"

דער דאָזיקער ר' צדוק איז איינע פֿון די שלימותדיקע געשטאַלטן אין די וואַרשעווער הייף, אַ ייד אַ תקיף און אַ כעסן, וואָס האַלט זיך שטרענג ביי זיין דרך פֿון יראת שמים און דאגת פּרנסה און וואָס האָט באַוויזן, צו בלייבן געענגט אין סאַמע מיטן שפּע פֿון אויפֿגעקומענעם לאָדזש, אַן אביון, אַ בעל־גאווה. ער איז איינער פֿון דעם אינטימען בינטל „געמיינע יידן", וואָס יחיאל האָפֿער האָט אַריינגעלאָזט אין זיין ווערק, אַזוי צו זאָגן פֿון שאַנקייט וועגן: מיט בלויז גבירים איז פֿאָרט נודנע. מיר זעען פֿאַר זיך אַ ייד א ירא שמים, וואָס האָט קיין מורא נישט פֿאַר דער וועלט, ער איז

אַ שאַרפֿער חסיד, וואָס „טיילט פּעטש״ אַפֿילו די אייגענע דערוואַקסענע טעכטער, אַז ס׳געפֿעלט אים נישט דער דרך זייערער — געפֿעלט אים טאַקע נישט, וואָס זיין עלטסטע טאָכטער ברײַנדל, וואָס האָט פֿאַרבראַכט עטלעכע יאָר אין וואַרשע ביי די רייכע בראָדעסעס, האַלב ווי אַ קרובה, האַלב ווי אַ דינסט, הייסט שוין היינט בראָניע און האָט געטאָן אַ שידוך מיט איינעם אַ מירבאַך, אַן עלטערן לעביונג, וואָס האָט אַ שם פֿון אַ בעל־עבירהניק און צוליב וועלכן ר׳ צדוק שעמט זיך אויפֿצוהייבן דעם קאָפּ אין שטיבל.

אָבער וואַרשע איז וואַרשע: קליין־פּאַריז. און כאָטש דער אויפֿבלי פֿון דער שטאָט איז דעמאָלט נאָך געווען אַן עקסקלוזיווער פּויליש־פּרײַ־צישער אידעאַל, האָבן יידן פֿון דעסטוועגן, באַלד פֿון סאַמע אָנהייב, אימ־פּעטיק מיטגעהלומט. „אין די פֿראָנטן פֿון אַלע הייזער זענען געווען געשעפֿטן. מען האָט אויסגעהאַקט די מויערן און אַריינגעפּאַסט דאָרט גרויסע און הויכע שויפֿענצטער, וואָס האָבן געבלענדט מיט קרישטאָלענער ריינקייט און מיט פֿייערן פֿון געשליפֿענע שפּיגלען״. ביי די יידישע סוחרים און פֿאַב־ריקאַנטן האָט זיך צעשפּילט אונטערנעמערישע העזה און אַפֿילו עקאָנאָמישער אַוואַנטוריזם, וואָס איז, דער עיקר, בולט געוואָרן אין דעם בליציק אינדוס־טריאַליזירטן לאָדזש: וויטרינעס און קוימענס זענען געוואָרן סימבאָלן פֿון דער צייט.

פֿאַר יחיאל האָפּער האָבן שלום אַש און י. אָפּאַטאָשו, י. י. זינגער, י. י. טרונק און י. באַשעוויס אויך געשילדערט וואַרשעווער גבירישקייט — אָבער האָפּערס לאָקאַל־פּאַטריאָטישער אורבאַניזם ווייזט אַרויס אַ מין שוואַכ־קייט צו שינאת פּראָווינץ. אַפֿילו זיין ר׳ שלמה טורקאָ, אַ ייד אַ שוחט, מיט אַ פֿולער שטוב זין, אַלע מיט גרויסע, געלע בערד און צעפּלאָשעטע פּיאות, אַ וואַלד מיט זין, וואָס רייסן זיך חתונה האָבן, וויל פֿאָרט נישט קיין שידוך טאָן מיט אַ כלה פֿון דער פּראָווינץ. „איך האָב גאָרנישט צו די פּראָווינצער יידן, פֿאַרקערט, זיי זענען טייערע יידן, יראים ושלמים, אָבער איך בין אַ וואַרשעווער און זיי זענען פּראָווינצער. ס׳פּאַסט ממש נישט״.

דער שרייבער האָט אויך אַן אַווערסיע פֿון אַ מפֿונק, קעגן שילדערן די יידישע אָרעמקייט: „...ד״ר דאָבזשינסקי האָט זיך וועגן אָרעמע און אָרעמ־קייט קיין מאָל נישט פֿאַרטראַכט... אַחוץ אַלעם, איז ער געקומען צום אויס־פֿיר, איז אָרעמקייט און רייכקייט אַ זאַך פֿון אינקלינאַציע, פֿון אַ ספּעצ־

יעלער נייגונג דערצו". אויף וויפל איך פאַרשטיי: אַ מין סאָציאַלער קאַטער. מילא, פאַר אַ דאָקטאָר, וואָס האָט זיך „וועגן אָרעמע און אָרעמקייט קיין מאָל נישט פאַרטראַכט" — אַ וויץ פון פאַך. האָפער אָבער, וואָס שילדערט יידישן לעבנס־געדראַנג אין וואַרשעווער הייף, יידישן גורל — קאָן מיט אַזאַ מין דאָקטאָרישן וויץ נישט יוצא זיין. דער ענין איז צו ערנסט און צו דער געשטאַלטונג פון דעם דאָזיקן ערנסט פאַרמאָגט דער מחבר, אַחוץ אַנדערע שרייבערישע מעלות, אויך עכטן בילדערישן הומאָר און אַ סובטעלן חוש פאַר די דינסטע קנייטשן פון שטייגער. מאָלט האָפער אין די „הייף" איינעם אַן אָריגינאַל, ר׳ תנחום, אַ ייד אַ „פאַקטאָטום", וואָס לעבט דערפון, וואָס ער „דרייט זיך", אַ מין „מענטש ביי יענעם", וואָס נעמט נישט קיין שכירות, נאָר זאָגט דעות, קאָמאַנדעוועט מיט דער שטוב, קלאַפט כמעט אין טיש ווי אַ מין טאַטע שני, אַ כאַראַקטער־פיגור מיט פאַרמאַט — פלוצעם גיט אים דער אויטאָר אַ מאַך אָוועק מיט אַ פסוק: „איך האָב פיינט געהאַט ר׳ תנחומען בתכלית השינאה".

— מען זעט זעלטן אַ שטעטל אין האָפערס דערציילערישער וועלט — ווען אַפילו בלויז אויפן הינטערגרונט — כאָטש די יידישע ליטעראַטור איז גרויס געוואָרן אין קליינעם שטעטל און האָט געשאַפן אוצרות שיינקייט פון דעם ווידעראַנאַנד פון שפלות און געהויבנקייט. דער נאַטוראַליסטישער סטיל, וואָס האָט זיך געגראַבלט אין די שילדערונגען פון טוכלע קעלער־שטיבלעך, איז ביי האָפערן פאַרנומען מיט די „סלאַמס" פון גבירישע הייף. ער שפיגלט זיך אין די נגידישע שטיבער, אַנגעשטעלטע מיט שווערע, גע־שניצטע קרעדענצן און לאַנגע אויסרוקטישן, אַרום וועלכע מען שרייבט תנאים, מ׳פראַוועט חסידישע מלווה מלכהס, און מ׳פירט שווערע בוררותן, פאַר אַן אַנזעץ אָדער נאָך אים.

אין איינער פון די שטיבער „פלעגן יעדן שבת אין דער פרי, פאַרן גיין דאַווענען, עטלעכע יידן פון אַלעקסאַנדער־שטיבל קומען צו אונדז טרינקען שבתדיקע טיי. געווען טרינקערס שטילע, העכערע און אַזעלכע, וואָס האָבן געטרונקען בקולי קולות, נאָך יעדן זופ פאַסמאַקעוועט זיך מיט אַ הויכן, ברייטן — אַאַ! טייל האָבן פון גרויס הנאה — — — — אַזוי גע־קרעכצט, שיער נישט ווי ווייבער, ווען זיי גייען צו קינד". צווישן די שבת־דיקע טיי־טרינקערס, בין איך מיר משער, האָט מסתמא נישט געפעלט

ר׳ זלמן, אַ מין חסידישער באַסיאַק, אַ דלפֿון מיט גבירישע קאַפּריזן, וואָס איז קינסטלעריש אַוודאי, אַזוי ווי ר׳ תנחום, אויך אינטערעסאַנטער ווי די גבירישע בראָודעסעס מיט די מירבאַכס אין איינעם. מסתמא איז דאָס אַ קאָמפּענסאַציע פֿון דער נאַטור פֿאַר דעם געקריוודעטן קבצן: כאָטש אינ־טערעסאַנט זאָל ער זיין!

קאָן זיין, אַז האָפּער ליידט פֿון אַ געוויסער קבצנאָפֿאָביע אין דער ליטעראַטור. ער פֿאַרטראַגט נישט דעם יחסנישן שטאַנד פֿון די אביונים, וואָס זענען געווען דער הערשנדיקער קלאַס אין דער יידישער ליטעראַטור, און זינט מענדעלע מוכר ספֿרים און ווייטער, און אַפֿילו נאָך פֿריִער, האָט מען געשילדערט זייער דלות מיט אַלע ראַפֿינירטע ניואַנסן פֿון גרוי שבגרוי. זייערע לעבעדיקע קעלער־קברים האָבן געשטעלט אין שאָטן די סאַליעס מיט די קאַנדעלאַברעס, בעת די נגידים אַליין זענען געווען נישט מער ווי עפּיזאָד־פֿיגורן, אָוועקגעשטעלט אויף עקזאַטיק און העכסטנס אפֿשר אויף פֿיינט צו האָבן: דידאַקטיש־סאַטירישע רעשטלעך פֿון דעם סאָציאַל אַקצענ־טירטן נאַטוראַליזם.

יחיאל האָפּער האָט די נגידים געמאַכט אַזוי צו זאָגן געזעלשאַפֿט־פֿעיִק אין דער יידישער ליטעראַטור, זאָלן זיי נישט זיין ביי זיך אַזוי געפֿאַלן: „...אין עסצימער האָט שטענדיק געהערשט אַ האַלבטונקלקייט. דאָס האָט צוגעגעבן דער שטוב ערנסטקייט. עס איז דאָרט שטענדיק געווען אַ ביסל שטייף, אַנגעצויגן. מען פֿלעגט אָפֿט ביי מיטאָג, דער עיקר ווינטערצייט, אָנצינדן די גאַזלאָמפּן אַזוי, אַז אַפֿילו אַ פּשוטער אינמיטנוואָכעדיקער מיטאָג האָט געהאָט אַ געוויסע פֿייערלעכקייט״. דער דאָזיקער וואָכעדיקער סעודה־צערעמאָניאַל דערמאָנט צו מאָל, כאָטש פֿון ווייטנס, אין דעם פּאַטריצישן התנהגות פֿון דער משפחה בודנברוק ביי טאָמאַס מאַן: טראַדיציע פֿון דורות, עשירות, חשיבות, ירידה, טעכטער, זילבערוואַרג, נישט אָנגעשטאַנענע שידוכים און צום סוף: רעפּרעזענטאַבלער טויט, מיט שפּיגלען און שווערע גאַרדינען און גוזמות פּרטים און דקדוקים פֿון אָנטועכץ, וואָס די מאָדע פֿון דער צייט טראַכט אַלץ אויס: „...די פֿרויען זענען געווען אָנגעטאָן אין העלע, זיידענע, געבלימטע, ברייטע קליידער אין געדיכטע פֿאַלדן, אַרומגענומען ביי דער טאַליע מיט אַ ברייטן, סאַמעטענעם באַנד, איבערגעבונדן אין אַ שלייף אויף דער לינקער זייט״. דאָס איז שוין אין האָפּערס מוראַנאָוו.

אויך די מאַנסבילן האָבן זיך נישט צו קלאָגן: „מירבאַך איז געגאַנגען אָנגעטאָן, ווי אַלע מענער: אין אַ טונקל־מאַרענגאָ מאַרינאַרקע און אין אַ קרעמער וועסט פֿון זײַדענעם ריפּס און אין ‚שטוטשקאָווע׳ הויזן" און ד"ר דאַבזשינסקי ווידער, „האָט געטראָגן אַן אײַנרײַיִקע טונקעלע מאַרינאַרקע, פֿאַרקנעפּלט אויף איין קנאָפּ, פֿון אונטער וועלכער עס האָט זיך אַרויסגעזען אַ סאַמעטענע קאָלירטע וועסט אין אַ מוסטער, אַן איבערבלײַבעניש ביי די דאָקטוירים פֿון דער סעצעסיע־מאָדע. די וועסט איז געווען נישט אויסגעשניטן, פֿאַרגאַנגען הויך, אַזוי אַז מען האָט אַרויסגעזען פֿון איר בלויז אַ שטיקל פֿון אויסגעלייגטן ווייסן וועבענעם קאָלנער מיט צוויי שפּיצן, מיט אַ קליין שניפּסל אין מיטן".

נישט אומזיסט האָט האָפּער אין זינען די אַלע פּאַרטיקולאַרע שניידערישע פֿינעסן — זיי דאַרפֿן אַלע ניואַנסירן דעם געשמאַק פֿון דער צייט, וועלכע ער שילדערט. הלוואי וואָלט מיר אַזוי קלאָר געווען פֿון אינעווייניק די געשטאַלט פֿון ד"ר דאַבזשינסקי, ווי ער שטייט מיר אויסערלעך פֿאַר די אויגן, גלאַטיק און אָפּגעפּיינט, מיט אַ „בערדל פֿון זײַדענע האָר, אַ־לאַ טשעכאָוו, און מיט דעם בינאָקל מיט אַ שוואַרץ זײַדן בענדעלע". אָן קינסטלערישן כאַראַקטער איז דאָס אָבער אַן אַרטיסטישע פּאָטאָ. אוודאי געהערט דאַבזשינסקי צו דער קאַטעגאָריע אײדעלע דאָקטוירים וואָס פֿלעגן אָפּהיטן דעם הומאַניסטישן פּסוק, אַז „נאָר אַ גוטער מענטש קאָן זײַן אַ גוטער דאָקטאָר" — נישט ווי דער „מעדיציניקער" פֿון טאָמאַס מאַנס צויבערבאַרג, וואָס איז אַ גאַנצער שמעלקע מיטן טויט און פֿירט אָן אין זײַן סאַנאַטאָריע מיט דער פֿאַכמענערישער צוגרייטונג־אַרבעט, וואָס זײַן שעף, דער מלאך־המוות, פֿאַרענדיקט — אָבער וואָס עס פֿעלט דאַבזשינסקין צו בעלעטריסטישער אינטערעסאַנטקייט, איז אַ שטיקל וואַרעמער מענטשלעכער פּגם אין זײַן קיל אָפּגעגלאַנצטער סאָלאָנאָווער מושלמדיקייט.

אָבער, ווי געזאָגט, אַרום דעם אומזיכערן ראָמאַנען־דרייעק סוליק־אַניע־דאַבזשינסקי פֿירט אַרויס יחיאל האָפּער אין די וואַרשעווער הייף אַ רײַכע גאַלעריע טיפּן, וואָס פֿירן יעדער זײַן אייגן לעבן, יעדער מיט נוסח און אַטמאָספֿערע, מיט זײַן האַנדלען און טומלען, מיט זײַן אינעווייניקסטער באַוועגונג, אַלע אַרומגענומען מיט אַ ראַפֿינירטן זשאַנער, וואָס איז פֿאַרליבט אין מינדסטן פֿון זײַנע קנייטשן, אין יעדן ציטער פֿון אַ פֿאַרבפֿלעק, אין

יעדן שאָטנשפּיל, אין יעדן דינסטן חנדל פֿון אַ בעלעטריסטישער אָבסער־וואַציע — און זיי אַלע אין איינעם קאָלאָרירן און קרעפֿטיקן פֿאַרשיידענע פּרקים פֿון דעם ווערק. דער מחבר האָט געגנוג עפּישע צייט, צו זען אַלץ און שילדערן מיט געניסערישער הנאה, אַפֿילו דאָס, וואָס מ׳האָט שוין אַ מאָל געזען, אָבער קיין מאָל נישט דערזען אין דער פֿולער טיפֿקייט, דאָס איז די איבעררעשונג פֿון יעדן קינסטלערישן אויפֿטו. וואָרעם שרייבן הייסט: זען אַלץ פֿון ס׳ניי, אין נישט־אָפּגענוצטן אורליכט פֿון באַשאַף — און ווי צו דעם שרייבער, וואָס פֿאַרלאָזט זיך אויף גרייטער „האַרמאָניע".

„אין די דאָנערשטיקע ווינטער־אָוונטן זענען אַרום די ווענט פֿון די געמויערטע הייזער, אַרום דעם פּלאַץ, געשטאַנען געדיכט אויסגעשטעלט ווייבער מיט קוישן טויטע, געפֿרוירענע פֿיש. די קוישן זענען געווען אָנגע־לענט אָן די ווענט, אויסגעבעט מיט שטרוי, באַזוימט מיט שניי און באַלייגט מיט שטיקלעך אייז. אויף אַ פּלאַטשיקן באַקביין פֿון אַ גרויסן פֿיש איז געווען צוגעטריפֿט אַ ברענענדיקע ליכט, וואָס האָט באַלויכטן דעם גאַנצן קויש. די ליכט האָט זיך טעמפּ צוריקגעשלאָגן פֿון די פֿאַרגלייזטע אויגן פֿון די פֿיש און באַלויכטן די פֿאַרבלוטיקטע, איידעלע, קליינע דרייעקיקע קעפּ, די זילבערנע בייכער און טונקעלע רוקנס פֿון די סענדאַקעס און לעשטשעס, געבראַכט פֿון טיף ראַסיי. אין דער הייך איבערן מאַרק איז געהאַנגען אַ טונקל־בלויער הימל מיט אַ לבנה פֿון פֿאַרגעלט זילבער. צופֿוסנס — אַ טיפֿער, ווייסער, פּוכיקער שניי און אין דער מיט, די קוים באַלויכטענע בלויע ביידלעך מיט געדיכטע שאָטנס פֿון מענטשן, וואָס האָבן ווי אויסגעפֿירט משונהדיקע פּאַנטאָמימעס"...

אַוודאי, אַ מייסטעריש שטייגער־געמעל — און ווען עס וואָלט נישט געווען קיין העזה נאָכצוגעבן דעם יצר־הרע פֿון פֿאַרגלייכענישן, וואָלט איך דאָ דערשמעקט אַן אַלטאַמסטערדאַמער פֿישמאַרק, געמאָלן פֿון רעמבראַנדטן. אָבער נאַשערס פֿון בעלעטריסטישע לאַקיטקעס שטעלן זיך אָפּ ביי אַזאַ „שטיקל", פֿאַרשפּילן זיך מיט דעם ליכט־און שאָטן־געפֿלימער פֿון אָוונט־לעכן שניי מיט זילבערדיק טויטע פֿיש — און פֿאַרגעסן, אַז די „הייך" האָבן נאָך אַ ווייטן וועג פֿאַר זיך און אַז ס׳איז אַ זינד קעגן דעם יסוד פֿון קינסט־לערישער קאָמפּאָזיציע, צו האַמעווען דעם גאַנג פֿון דער דערציילונג מיט אַ

היפּשער צאָל ברילִיאַנטענע מיניאַטורן און סובראַמאַנען, מיט מאַנטירטע עסיי־פּראַגמענטן און מחשבותן, מיט ברייטע דרך אַגב־געמעלן, וואָס זייער גלאַנץ פֿאַרפֿירט זיי צו מאָל, צו מאַכן שבת פֿאַר זיך — כאָטש איך ווייס, אַזעלכע טעמאַטישע אָפּנויגן זענען אַנגענומען אין דער מאָדערנער ליטע־ראַטור און קיינער יאָגט זיך נישט דווקא נאָך דעם „טעמפּאָ" פֿון גיכן סיפּור המעשׂה.

יחיאל האָפּער געהערט צו דער גוטער אַלטער ראָמאַנטיש־נעאָרעאַ־ליסטישער שול, ווען בעלעטריסטיק האָט זיך נאָך נישט געשעמט, צו זיין שיינע ליטעראַטור — אין תּוך: וואָס איז די בושה? יעדער פֿון זיינע „הייף" איז אַן איינגעוואָרצלטער יישוב מיט גרויסע משפּחות, מיט „התנהגות" אין מיסחר און יראת שמים, יעדע משפּחה אַ שטיק וועלט מיט פּראָבלעמען, מיט דאגות, חלומות, קאָנפֿליקטן און ציטערדיקן געוועב פֿון גורל. אין פֿלוג דאַכט זיך, אַלע הייף זענען גלייך און אַ מאָל האָבן זיי זיך פֿאַרפּלאָנטערט איינער אין אַנדערן. אָבער דאָך האָבן אַלע אַ שמיץ אַנדערשקייט אין זיך, אין איינגעשטעלטע פּירעכצער, אין הילוך פֿון די לאָקאַטאָרן, אין קוק פֿון „ווערט", וואָס מאַנט הוספֿות, אין אָפּגעשיילטן טינק פֿון געלן מויערגרוי, אין ריח פֿון דער אָרעמקייט, וואָס האָט אויך ליב ניואַנסן, אין דעם בהלהדיק אויסגעזזונגענעם דאגת פּרנסה־געבייזער פֿון גאַנצע טשאַטעס דאַרע יידן ווי די וואָראַנעס: „האַ—אַ—אַ—נדל... האַנדלהאַנדלהאַנדל..."

און אַוודאי סטראַיען זיך מיט אַנדערשקייט די הייף פֿון די נגידים, בעלי־בתּים, סוחרים, קאָמיסיאָנערן. די דאָזיקע יידן שטייט זיכער נישט אָן, נישט צו זיין אַנדערש ווי אַנדערע יידן — כאָטש דער נוסח איז בדרך כלל אומעטום דער זעלבער: חידושי־תּורה און וועקסלען, חתונות און לוויות, יראת שמים און אויפֿשפּראָץ פֿון ציניזם. אַליין פֿאָרט מען קיין אַלעקסאַנדער, צום רבישן חכם מיטן נאַקעטן פּנים, און דאָס ווייב שיקט מען קיין מאַריענבאַד, אַ סגולה צו אַ שידוך פֿאַר דער טאָכטער. יאָוועט זיך אַ מאָל אין סאַליע איינער אַ „ליאַך" מיט וואָנצעס ווי די פֿלעדערווישן, וואָנצעס אויף ווינטער — רייטלען זיך די מיידלעך און צעלויפֿן זיך. אַזוי אָבער איז די אַטמאָספֿערע אַנגעזעטיקט מיט באַדעקן, באַזעצן, אַנזעצן. ר׳ שלמה טורקאָ, אַ שוחט מיט קלאַסן־שטאָלץ, וואָס וויל קיין שידוך נישט טאָן מיט „גריץ־יידן", האָט אַ שטוב מיט לומדישע זין, האָט, ווידער, ר׳ צדוק אָפּגעהיטענע טעכטער —

נאָר בראודעס דער גביר האָט „יונגעץ", צעהוליעטע גאַרנישטן, און איינע אַ מויד, מאַניע, וואָס יאָגט זיך אַרום איבער דער וועלט: אַ געבוירענע ראָמאַן־פיגור, וואָס זוכט אַ תּיקון פאַר איר אימפּעטיקער פּוסטקייט. העכסטנס קאָנען זי און די „יונגעץ" סימבאָליזירן מאָראַלישע ירידה פון דער תּקופה חסידיש־נגידיש.

האָפּערס וועלט איז די וועלט פון לומדים, חסידים און קאַליע געוואָרענע יונגע־לייט, וואָס דאַווענען נאָך אין שטיבל, אָבער נאָכן טשאָלנט גייען זיי שוין שפּאַצירן מיט די אייגענע ווייבלעך, וואָס זענען געכאַפּט אין גילוי דעקאָלט, און פאַרשטופּן די ווייכע בערדלעך טיף אין האַלדז אַריין. און דער מיסחר איז על־פּי־רוב „שניט": כּמעט יידישקייט. עפּעס בין איך נישט אין גאַנצן זיכער, צי איז נישט מאַנופאַקטור „מסיני". די סקלאַדעס זענען אָנגעשטאָפּט מיט שווערע באַלעמס קאָמגאַרן און שעוויאָט, באַטיסט און שיפאָן, שפּע, שטויב, משרתים, חתונה־קליידער. די נגידיתטעס גוידערן זיך, די כּלה־מיידלעך רייטלען זיך און די סוחרים שווערן בנאמנות, אַז זיי דערלייגן. דאָס אַלץ שילדערט האָפּער ברייט און קערנדיק, מיט פולער קראַפט, מיט הומאָר, וואָס איז גאָרנישט מחויב צו זיין „הומאָריסטיש" — מ׳האָט אַזוי אויך קינסטלערישע הנאה. איין זאַך אָבער שטערט בפּירוש, וואָס אַלע אין איינעם, די סאַליעס און די קראָמען, די פאַבריקלעך אין הויף, די לומדים און די קעכנעס, די „יונגעץ" מיט ניבול־פּה און די חתנים מיט „דאַמען־ערע" — אַלע פאַרגעסן פלוצעם זייער באַזונדערקייט און הייבן אָן ריידן, איינס ווי איינס, מיט צעקראַכענער אויסגעהאַלטנקייט, אַ מין רע־גיאָנאַל צעקנייטשטן זשאַרגאָן, סיי שיינדעלע די אַם, וואָס איז „גיוועיען יורן־לאַנג אַ דינסט אַף ראַכע שטעלעס", סיי דער גביר מירבאַך, וואָס פאַר־ברענגט מיט זיין כּלה אין דער „דאַלינאַ שווייצאַרסקאַ": „...האָט דוס איינס פּוטער אַליין גיזוגט...?" דאָס איז „קאָלאָריט", וואָס זיין ספּעציפישקייט גרענעצט זיך מיטן מאַנאָטאָן, צוליב דער קאָנסעקווענטער איבערחזרונג.

אַזעלכע עפעקטן פּאַסן זיך נישט אַריין אין אַ ווערק, וואָס פאַרמאָגט יחיאל האָפּערס שרייבערישע קוואַליטעטן — פּונקט ווי עס שטערט די סטיליסטישע אָפּגעלאָזנקייט אויף עטלעכע ערטער: „...זי איז געגאַנגען פון די שטיגן מיט דער גאַנצער נאַטירלעכקייט, אָבער איינצייטיק מיט אַן

אַ שיַער חן" — בשעת זיינע „אויגן האָבן איינצייטיק עדות געזאָגט וועגן שפּרודלדיקער חכמה און געזעצטער פֿאַרשטענדלעכקייט" (מסתמא: פֿאַר־שטאַנדיקייט), די צוויי זענען אַניאַ און ד"ר דאַבזשינסקי. אָדער אויף אַן אַנדער אָרט: „ווי נאָר בראָודע איז אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט (נאָך דער עבירה מיט דער פֿרעמדער נקבה, וואָס פֿון איר נאַטוראַליסטישן אַריינכאַפּ האָט אויך דאָס ווערק אַליין קנאַפּ הנאה געהאַט) האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ ווילדער ייאוש... אַ געפֿיל פֿון פֿאַרצווייפֿלונג האָט אים ממש צעריסן... ס'איז אויף אים געפֿאַלן אַזאַ שרעק, אַז..." סאַמע כאַפּעדיקע שמות נרדפים: נישט פֿון האָפֿערס סטיליסטישן גאָרטן.

אויך די געניטע סמיכת הפרשיות, וואָס טשעפּעט־צו גרויסע צייט־גע־שעענישן צו דעם אָדער יענעם פּרט פֿון דער דערציילונג, קלינגט צו מאָל ווי אומפֿרייוויליק פּאַראָדיסטיש: „דעם זעלבן פֿרילינג, אין וועלכן ס'איז אונטערגעגאַנגען דער ,טיטאַניק׳, האָט אונדזער שכן ר׳ שלמה טורקאָ, דער שוחט, געשלאָסן אַ שידוך צווישן זיין עלטסטן זון מיט אַ מיידל פֿון דער פּראָווינץ". אפֿשר טאַקע אויך אַ קאַטאַסטראָפֿע, אָבער פֿאָרט נישט צו פֿאַר־גלייכן מיט די דימענסיעס פֿון דעם שיפֿאומגליק.

אַוודאי גייט דאָ נישט וועגן זוכן פּגימות אין אַ קונסטווערק וואָס שפּרייט זיך איבער „הייף", וואָס וועלן ערשט נאָך קומען — אָבער איך האַלט, אַז אַ שרייבער פֿון יחיאל האָפֿערס פֿאָרמאַט מוז זיך היטן פֿאַר לויזע זאָגענישן און פֿאַר דער סכנה פֿון „ברייטע לייוונטן", „סתם ברייטע", נאָך ברייטערע — און אַוודאי טאָר ער נישט אָפּקומען דעם גורלדיקן וועלט־בין־השמשות, ווען עס ענדיקן זיך די ערשטע צוויי טיילן פֿון זיינע וואַרשעווער הייף (פֿאָ־קאָרנע און מוראַנאָוו), מיט אַזעלכע פֿאַריאָגטע שורות, וואָס גייען אַליין אויף דעם גליטש פֿון שאַבלאָן: „די צייט איז געגאַנגען, אויף דער וועלט האָבן זיך אָפּגעטאָן פֿ אַ ר ש י י ד ע נ ע ג ע ש ע ע נ י ש ן..." אָדער אויף אַן אַנדער אָרט: „ס'איז געווען אָנהייב יולי 1914. די מענטשהייט, וואָס האָט זינט אַ צייט געלעבט אין שפּאַנונג, האָט איצט איינגעהאַלטן דעם אָטעם..."

נישטאָ קיין אָרט פֿאַר שפּראַך־קלישעס אין אַ ווערק, וואָס גלאַנצט מיט אַזאַ נאַטירלעכער עשירות פֿון סטיל־און שטייגער־ווערטן, וואָס זענען אָנגעזאַמלט אין יחיאל האָפֿערס וואַרשעווער הייף. אפֿשר מעג מען זאָגן, אַז האָפֿערס „שטייגער־ראָמאַן" איז אַ סימפֿאָנישע קאָמפּאָזיציע, וואָס ראַנגלט

זיך מיט דער אויסקריסטאַליזירונג פֿון איר בעלעטריסטישן לייטמאָטיוו — בשעת יענער אַוואַנטורעוועט דערווייל מיט אַ שפּע שיינקייט אויף זייטיקע שליאַכן. אָבער דער דערציילערישער ריטעם און די שאַרפֿע ראיה, די ביל־דערישע העזה און דער געשטאַלטערישער כוח, אַפֿילו דער פּלאָנטער און דער שטרויכל, וואָס כאַפּן זיך אַ מאָל אַריין אין שפּילן „קאָלאָריט" — זיי אַלע זענען עלעמענטן פֿון אַ גרויסן עפּאָס, וואָס וואַקסט זיך פֿונאַנדער אין אויפֿבלי און שקיעה פֿון האָפֿערס וואַרשעווער הייף.

ישעיהו שפּיגלס מלכות געטאָ

מגילות טרויער וויקלען זיך פֿונאַנדער אין ישעיהו שפּיגלס געטאָ־דערציילונגען — ריכטיקער: זיי וויקלען זיך אַריין איינע אין דער אַנדערער, מיט אויסבאַלאַנסירטע ליניעס, מיט ציטעריק אָפּגעוויגענע ווערטער מיט צימצומדיקן צער, בלייבן דאָרט איינגעפּרעסט, פֿאַרזיגלט. זיין ווערק איז די אַרכיטעקטור פֿון רויִנעז, ווו אַלץ, וואָס איז נישטאָ, שטייט אויף זיין אָרט, נישט אַוועקצורוקן. מענטשן און לאַנדשאַפֿטן, געשעענישן, פּחדים און תּפֿילות, פֿאַרצווייפֿלונגען און פֿיבער־חלומות און די „צוימדראָטן" פֿון צעווונדיקטן לעבן, אין וועלכע עס קלאָגן קאַלטע פֿעלדווינטן מיט „דינעם, נישט־מענטש־לעכן נאַכט־געיאָמער" — דאָס אַלץ טוליעט זיך צונויף אין שפּיגלס דערציילונגען. אין דער אומהיימלעכער בונטפֿאַרביקייט פֿון זייער גרוי־שבגרוי פֿאָספֿאָרעסצירן גרינע בליצן איבער שטיקער וועלט־בראָכוואַרג, וואָס ווינקט זיך איבער אין שפּיגלס דיכטערישע שורות מיט היעראָגליפֿישע גורל־צייכנס — און טייל מאָל דאַכט זיך: צו אַזאַ אַפּאָקאַליפּטישן רעאַליזם איז די יידישע ליטעראַטור זעלטן אויפֿגערופֿן געוואָרן.

„איך טראַכט נישט סתם אויס קיין מעשה" — זאָגט איינער אין שפּיגלס דערציילונג „אין טויטן־געסל". די מעשיות זענען שוין אַלע פֿאַרטראַכט ביזן סאַמע סוף און קיינער דאַרף נישט צוהעלפֿן דעם פּורעניות, זיך פֿאַרפּוצן מיט ליטעראַרישן קאָלאָריט. שפּיגלס דערציילונגען באַנוצן זיך ווינציק מיט ליטעראַטור־מעכאַניק. זיי הייבן זיך אָפּט אָן ערגעץ אין מיטן, קייטלען זיך גרונטמאָטיוויש, ציִען זיך צו מאָל ווייט אַריבער די גרענעצן פֿון דער „טעמע" און ציטערן, אויסגעהויכט, לאַנג נאָך דעם, ווי עס זענען שוין אויסגעגאַנגען די ווערטער. מסתמא זענען די ווערטער אויסגעגאַנגען ביים סאַמע אָנהייב, ווען עס האָט דער וועלט אָפּגענומען דאָס לשון.

„ווער ס'האָט היינט עפּעס צו זאָגן" — האָט קאַרל קראַוס געמאַכט אַ צווישנרוף אין שטורעם פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה — „ווער ס'האָט היינט עפּעס צו זאָגן, זאָל אַרויסטרעטן און שווייגן", דאָס איז דאָס עקספּרע־סיווע שווייגן פֿון פֿאַרשטומטן הימל־געשריי. און אין יענער „אידילישער" צייט, ווען דער מבול האָט ערשט געמאַכט גענעראַל־פּראָבע, האָט די מענטש־הייט נאָך נישט אָנגעהויבן חושד זיין זיך אַליין, אַז זי קונדייסעוועט ביים אָפּגרונט. יענער איז נאָך גאָרנישט געווען טעטיק. ער האָט נאָך געהאַלטן וווייט אין דער מליצה פֿון אַלטפֿרענקישן חומש: „תהום" פֿון די מלמדים, אָן טעכניק.

אַוודאי זענען פֿאַראַנען אין דער יידישער ליטעראַטור, און נישט בלויז אין דער יידישער, מידע פֿיינשמעקערס מיט געלייטערטער עסטעטיק, וואָס „האָבן שוין געבוג" און ווילן זיך אומקערן וואָס גיכער צום לעבעדיקן לעבן, נאָך די צעגאָסענע ימים קינות און דעם צעוואַקסענעם וואַלד פֿון בעלעט־ריסטישן מדרש איכה אין פֿאַרשיידענע נוסחאות — ווער זשע ווייס, צי איז נישט דער טויט פֿון דור די נאַטירלעכסטע פֿאָרעם פֿון אַזוי געוווּפֿענעם „לעבעדיקן לעבן"! שפּיגל האָט מיט דעם אייגענעם האַרץ געזען דעם יידישן טויט אין אַלע זיינע התגלותן: „ווו אַ הייזל — לויפֿן אַראָפּ די יונגען מיט דער ברעט און שלעפּן פֿון דאָרט אַרויס אַ מת. דער שניי פֿאַלט אויפֿן דאַרן, שטייף־געוואָרענעם גוף. די יונגען שליידערן אים אין קאַסטן אַריין" (ליכט פֿונעם אָפּגרונט, ז' 198). שפּיגל האָט אונטערגעהערט אַלע סודות פֿון טויט און איינגעזאַפּט אין זיך דעם גרויל פֿון אַ גאַנצן פֿאָלקס גאַנג צום אונ־טערגאַנג — וואָס זשע קאָן דען אַנדערש זיין די באַרופֿונג פֿון אַן עדות, געשלאָגן מיט דער ברכה פֿון שאַפֿערישן כוח, סיידן איינקריצן אין זיכרון און אין געוויסן די כראָניק פֿון אַ וועלט, וואָס איז „געגאַנגען אין די ברע־טער", ווי מען האָט אין געטאָ „אַריינגעזאָגט" דעם גורל.

איבער ישעיהו שפּיגלס מלכות געטאָ, דעם קינסטלערישן מלכות פֿון זיין פּראָזעווערק, וואָס נעמט אַרום די דערציילונג־זאַמלונגען שטערן איבערן געטאָ, מלכות געטאָ, און די ביכער ליכט פֿונעם אָפּגרונט און ווינט און וואָרצ־לען, שפּרייטן זיך דינע פּערלדיקע נעפּלען וואָס הילן איין זיין וואָרט, נעפּלען פֿון נישט־אויסגעווינטע וועלטספּאַזמעס: „צעריסענע, גראָלעכע נעפּלען, וואָס פֿאַלן אַראָפּ אויף דער ערד נאָך פֿאַרן געבורט פֿון ערשטן טאָגליכט" און

ציִען זיך „גאָר נידעריק פֿון די פֿעלדער הינטערן צוים". דאָס איז דער פּסיכישער קלימאַט פֿון יעדן איינציקן פֿון זיינע זאַצן. „נאַכט פֿאַר נאַכט האָט די שטילקייט געוויינט" און „באַגינען איז אויף דיביימער־בלעטער נאָך געלעגן דאָס זוייכע טוי־געוויין פֿון דער נאַכט".

קאָן זיין, אַז דאָס איז אפֿשר צו מאָנאָטאָן און קאַרג פֿאַר דער נאַטור, וואָס זינגט מיר קענען זי, פּיעשטשעט זי זיך מיט די סאַמע ראַפֿינירטסטע אויפֿטועןן פֿון „שיינקייט" און איז נישט געווויִנט אַנדערש, נאָר דיכטערישע שילדערונגען זאָלן איר מאַכן רעקלאַמע, און איצט פּראָוועט זי רק תעניתים און ווייסט פֿון גאָרנישט אַחוץ געוויין — כאָטש צו מאָל טוט זי זיך אויך איצט אָן אַ כוח, ווערט אויפֿטועריש און באַוויזט, אַז מ'שטייט נישט לייִ־דיק אין דער „גרויסער צייט"; ...„איבער די אָפֿענע שטחים פֿון ליידיקע הויפֿן האָט דער פֿראָסטיקער ווינט באַלד די שניישטערן אַרומגעשליפֿן מיט זיין שאַרפֿן אָטעם". און אויף אַן אַנדער אָרט: „...אין געטאָ זענען די ווינטערן תמיד געקומען אויסטערליש שאַרפֿע און דער פֿראָסט האָט חלפֿדיק געשניטן די בלאָקייט פֿון פֿאַרגלאָזטן קאַלטן הימל".

דאָס איז קרישטאָלענע פֿראָסט־פּלאַסטיק, געגאָסן וואָרט ביי וואָרט, מיט דעם כוח און מיט דעם גייסט פֿון ברוטאַלן לירישן צימצום. דער דיכ־טער, אַליין געבליבן אין די אָפּגרונטן פֿון דער אויסגעלייִדיקטער וועלט, צווישן ברמינענישע רעשטלעך לעבן, וואָס זענען נאָך פֿאַרבליבן נאָכן מבול, צווינגט זיי אַרויסצוגעבן נאַטור־שיינקייט פֿון אָט דעם מאָגערן מינימום־שטאָף — אָבער וואָס קומט אַרויס פֿון דער נאַטורס אויפֿטורישקייט און פֿון איר יצר־הרע צו „חידושים", אַז ביי די מענטשן אַרום און אַרום האָט דער גלייכמאַכנדיקער אומקום אָפּגעמעקט די פּנימער ווי ביי אויסגעגראָ־בענע סקעלעטן און אָװעקגענומען ביי זיי אַלעמען יעדן סימן פֿון אייגנלעבן און אַפֿילו פֿון אייגענעם טויט. יעדער איינער פֿון שפּיגלס מענטשן איז אויס־געמישט אין גרויען קנויל מיט טויזנטער אַנדערע, אַלע גייען אין געטאָ אָדער ווערן אַרויסגעטריבן פֿון דאָרט, אַלע זענען „בלאָ אויפֿגעדראָלן פֿון הונגער מיט רונדיקע וואַסער־קישעלעך אונטער די אויגן". אַלע טרערן זענען גלייך און אַלע ווייטיקן. אַלע שטיבלעך זענען הויקערדיק און אַלע דעכלעך פּרוכנע און אַפֿילו דער משוגענער שמש און דער געררירטער רבי, וואָס האָבן אַ רעכט אויף בעלעטריסטישער „אינדיווידואַליטעט", אַז דאָס פּורעניות איז

„נאָרמאַל", זענען אין אומקום נישט אַנדערש ווי די גאַנצע סביבה, ווו די לעבנס־נאָרמע איז: קאָלעקטיווע גערירטקייט וואָס גייט אַקעגן דעם טויט.

אָבער ישעיהו שפּיגל שלאָגט אַרויס לעצטע פֿונקען באַטייט פֿון יעדן פּיצל לעבנס־צאַפּל, פֿון יעדן אָפּגעבראָכענעם שפּליטער מענטש, פֿון יעדן צעקרישלטן בוימוואָרצל ביים וועג, פֿון יעדן פֿויגלקרעכץ אין „דאַרע וויב־טיקע טויטנעכט", פֿון די פּליושענע שאָטנס פֿון ביינאַכטיקע ביימער, פֿון די נאַכטוואַסערלעך, וואָס בליאַסקען ווי צעבראָכענע שפּיגלען — יעדן מינדסטן פּרט דאַרף מען דאָ האָבן ממש „מיטן לעבן", וואָס האָט זיך אויסגעלאָזט, און אַלץ איז זיך אימפּרעסיאָניסטיש מצרף צום חשבון און צום מישפּט. „מישפּט" הייסט אויף העברעיִש געריכט און הייסט אויך פּשוט: זאַץ, יעדער זאַץ. אַוודאי אָבער איז דער דיכטערישער זאַץ אין טיפֿסטער שליחות אַ מישפּט, מישפּט אויף דער וועלט: איר פּסק. דיכטן הייסט: ריכטן — האָט געזאָגט דער אַלטער הענריק איבסען.

מעגן די בעלי־טענות האַלטן, אַז שפּיגל שרייבט אָן „דיסטאַנץ", אַז ער איז נאָך אין גאַנצן „דאָרט"! זיין ממעמקים איז איינגעהאַלטענע לירישע עפּיק, שעמעוודיקער טרויער־געזאַנג. ער זאָגט זיך ווי אַנוועורטערדיקע תּפֿילות „אין עלנטקייט־בונט מיטן שוויַיגנדיקן אייביקן הימל", וואָס דער־קענט אַליין נישט זיין באַשאַף און דערשרעקט זיך פֿאַר זיין גרימצאָרנדיקער גרימאַסע. נאָר זעלטן טרעפֿט זיך אין שפּיגלס דערציילונגען, אַז אייגער צעהעשעט זיך פֿון דער געליימטער מאַכטלאָזיקייט פֿון אַ פֿאָלק און רייסט זיך אַנטלויפֿן פֿון גורל: „...הינטערן צוים אויפֿן בית־עולם האָט זיך סענדער גערוטשעט אויף אַלע פֿיר, לענגאויס דעם שמאָלן שטעגל... דער שניי טאַנצט איבער די דראָטן. ער איז שוין געלעגן מיט זיין האַלבן גוף אויף דער צווייטער זייט, ווי ס'האָט זיך צעקאָלערט ערגעץ אַ טעמפּער עכאָ פֿון אַ קלאַפּ און אין דער זעלבער רגע האָט סענדער דערפֿילט אַ דינעם ברי איבערן שטערן... ער איז שוין געלעגן איצט רויִק, דאָס פּנים פֿאַרגאָסן מיט בלוט..." („אונטערן שניי").

על־פּי־רוב האָבן שפּיגלס דערציילונגען ווינציק אַקציע אין אָנגענו־מענעם באַטייט — און אויך די רייד זענען קאַרג, שוין אויסגעגאַנגען. די דערציילונגען לאָזן זיך אַלע רעדוצירן אויף איין איינציקן גרונטמאָטיוו — הילפֿלאָזיקייט אַקעגן דעם גורל — וואָס חזרט זיך איבער אין פֿאַרשיידענע

צוזאַמענהאַנגען און שטייגערט זיך פֿון סצענע צו סצענע. דער איינציקער מין אַקציע, מיט וועלכער מיר באַגעגענען זיך אין שפּיגלס ווערק, איז די לאַנג צעצויגענע מענטשהייט־לוויה, אין וועלכער מתים באַגלייטן איינס דאָס אַנדערע אויף דעם לעצטן וועג, וואָס ענדיקט זיך נישט און ציטערט מיט שלייכנדיקע שוואַרצע זיגזאַגן אויף דעם פֿריש געפּאַלענעם שניי.

שעמט זיך די לאַנדשאַפֿט מיט איר אומגעלומפּערטער ווייסער בלענ־דיקייט און מיט דעם בלוילעכן פּערלמוטער פֿון איר פּראַסטיקן גלאַנץ — וואָס איז די גדולה אין מיטן דערינען! האָט דער קראַנקער טאָג, „געל געוואָרן הינטער די דראָטענע צוימען", זיך געשעמט „אַנידערצולייגן זיין קאָפּ" און דער „הימל אין אָוונט־דעמערונג האָט זיך שעמעוודיק געצונדן". שעמט זיך די לבנה, וואָס ווייס נישט, צי זי מעג נאָך שיינען, און אַלץ מיט אַלעמען שעמט זיך אין אַ וועלט, וואָס איז אויסגעטאָן נאַקעט. שעמט זיך די גאָטספּאַרכטיקע גויע מאַריאַנע שיוועק צוליב דער פּיין פֿון אירע יידישע באַלעבאַטים. די גויע ווייסט אַליין נישט, צי זי איז אַ צדיקת. זי גייט מיט די יידן אין געטאָ און טוט זיך אָן אַ געלן מגן־דוד אויף דער צערודערטער פּלייצע — און עס מעגן זיך שעמען אין זייערע אויסגעשטרעקטע העלדזער די געדונגענע איינגעהאַרבעטע פֿערדלעך, וואָס שלעפּן איבער דער פֿאַר־שעמטער ערד צונויפֿגעשטוקעוועטע פֿורלעך מיט אָרעמקייט, מיט זקנים און קינדער, מיט בר־מינגס, וואָס האָבן קיין כוח נישט צו שטאַרבן אַזוי ראַפּטאָם און דריגעווען מיט פֿאַרשטאַרטע מתים־פּיס די יונגען, וואָס טראָגן זיי מיט געוואַלד אַרויס פֿון דעם הויז, ווו אַלע זענען שוין אויס־געגאַנגען. שעמט זיך אין איינעם מיט דער גאַנצער קאָסמישער בושה אויך דאָס קול פֿון שטומען מקונן און דעקט זיך צו מיט קלעמענדיקן שווייגן: וואָס וועט אַרויסקומען פֿון שרייען!

דאָס איז, דאַכט זיך, יידישע בעלעטריסטיק פֿון אונדזער דור. אפֿשר וועט זיך אַ מאָל האָבן אויסגעגאָסן אין גאַנצן דאָס האַרץ פֿון דער וועלט — וועט מען וואַרטן. יעדער געניטער ראָמאַן־שרייבער, וואָס קאָן ראַציאָנעל באַלעבאַטעווען מיט זיין טאַלאַנט, וואָלט יעדער שטיקל שטאָף, וואָס טרויערט אין שפּיגלס דערציילונגען, צעצויגן אויף ברייטע לייוונטן. ער וואָלט דעם אומקום ליטעראַריש אָרגאַניזירט, צוגעגעבן אים נאָך סיטואַציעס, וואָס „בעטן זיך", וואָלט געשאַפֿן אַ פֿאַרצווייגטע קאָמוניקאַציע צווישן שכנות־

דיקע באַציִונגען און אידעען פֿון דער צייט, כּדי צו דערלאַנגען דאָס „אַרומנעמענדיקע בילד" פֿון דער גאַנצער תּקופֿה.

מיט „גאַנצע תּקופֿות" אין דער ליטעראַטור פֿאַרברענגט זיך אַלע מאָל לייכטער. זיי פֿאַרמאָגן מער רחבֿות און קאָמפֿאָרט, זיי זענען לויזער, באַ־רעדעוודיקער, פֿאַרביקער — און דו ביסט נישט אַזוי איינגעפּרעסט, נישט אַזוי אַליין אויג־אויף־אויג מיט דעם אַבסאָלוט! דער ראָמאַן באַוועגט זיך, די אידעען שפּילן און מען קאָן מיט זיי אַדורכקומען, די טראַגיק אַליין איז אויך, אַזוי צו זאָגן, אַמוזאַנט און אַלץ אַרום און אַרום איז באַרעכנט צו פֿאַרטרייבן דיר די צייט אויף אַ הויכער מדרגה — פֿרעגט זיך בלויז: וווהין „פֿאַרטרייבט" מען און פֿאַר וואָס? צי פֿאַרמאָגן מיר דען אַזוי פֿיל צייט? און איך בין נאָך אַלץ נישט זיכער, צי מאַניפֿעסטירט זיך די „גאַנצע תּקופֿה" דווקא אין צעשפּרייטע קוואַנטומס סיפּור־המעשׂה, וואָס הייבן זיך אָן און ענדיקן זיך, לויט פּראָגראַם, מיט קינאָדראַמאַטישער שפּאַנונג און גוט פֿונק־ציאָנירנדיקע פֿאַרוויקלונגען — אָדער צי מעג זיך אַזאַ מין תּקופֿה, וואָס האָט קיין גלייכן נישט און וואָס איז פֿול מיט פּחדים פֿאַר איר אייגענער געשטאַלט, דערלויבן צו קאָנדענסירן דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פֿון גרויל אין דעם סאַמע קערנדיקסטן, קלעמענדיקסטן תּמצית — מילא, וועט דאָס נישט זיין קיין „ליטעראַטור", לויטן רעצעפּט!

אמת, נישט שטענדיק גיט זיך איין ישעיהו שפּיגל אויסצומיידן קאָנסעק־ווענט דעם ראַיאָן פֿון קאָנסטרויִרטער ליטעראַטור און צו מאָל טוט אַ ביסל ווי אַן אומגעוויינטער גרילץ: „...ר' בונים איז אַ רגע געשטאַנען אַ פֿאַר־שעמטער, אַן אויסגעלאָשענער און קאַלטער... ער האָט זיך אַ ריס געטאָן מיט עפּעס אַ בייזן כּוח פֿון אַ מכשף צו די דאַוונדיקע יידן און גענומען רייסן פֿון זייערע הענט די סידורים. די יידן האָבן זיך דערשראָקענע צערוקט אין אַ זייט, בעת ר' בונים האָט אָן אויפֿהער געריסן די תּהילימלעך און די שיימעס צעוואָרפֿן איבער די קעפּ פֿון די דערשראָקענע יידן. ער האָט געשריִען נישט מיט זיין קול, ווי אַ באַזעסענער, בעת דאָס פּנים, אַ רויטס און צע־פֿלאַקערטס אין דער קלויז־פֿינצטערניש, האָט געברענט אין הייליקער רציחה: יידן, זאָגט נישט קיין תּהילים מער!!! גאָט איז מיט אונדזער שונא!... גאָט איז מיטן דייטש!... זאָגטס נישט קיין תּהילים, יידן! פֿינצטער איז אונדזער וועלט!..."

די דאָזיקע באַרעדעוודיקע היסטאָריקע איז אַן אומפּרייוויליקע קאָנצעסיע צום מעלאָדראַמאַטישן ליטעראַטור־טאַנדעט. איך ווייס נישט אַקוראַט, וואָס טוט גאָט אַן תהילים — אָבער די יידן איז אַוודאי ביטער, ווען מען צערייסט זיי די סידורים: ווי וועלן זיי וויינען פון אויסנווייניק! די דערציילונג „אין דער פינצטער" איז, ווי שפּיגל פאַרצייכנט, געשריבן געוואָרן אין לאָדזשער געטאָ 1941 — און עס גייט בפירוש נישט וועגן דעם, צי האָט אַזאַ זאַך געקאָנט טרעפן אין יענע טעג. אַוודאי האָט זי „געקאָנט". אַלע גרוילן, וואָס זענען אַנגעגרייט אונטערן הימל, טשאַטעווען אויף דער רגע אויסצוברעכן — און דער פאַסיקסטער הינטערגרונט איז דער אַריינגאַנג אין גיהנום. דאָרט,ביים טויער, הייסט עס, ווערן אויסגעלאָשן די לעצטע האָפענונגען און די גרוילן זענען אין גאַנצן פריי — אָבער עס גייט וועגן דעם דיכטערישן אָפּקלייב צווישן די אומגליקן, וואָס קאָנען אַלע פּאַסירן. מיר גלייבט זיך נישט, אַז ישעיהו שפּיגל נייטיקט זיך אין דעם מין „אינטערעסאַנטע סצענעס": צו גרינג און כאַפּנדיק פאַרטיק געוואָרן מיט גאָט און אין טיפסטן תוך אייגנטלעך אַן אַ פּאַרוואָס.

בין איך שוין מקנא מיט כמעט שאָוויניסטישער קינאה דעם געקרייציקטן אין דעם איינזאַמען, פאַרשנייטן הילצערנעם קירכעלע פון הייליקן פראַנציסקוס ערגעץ אין די לאַגעווניקער וועלדער, אויף דעם אָפּגעלייִדיקטן שטח הינטערן געטאָ. שטייט דאָס שטומע קירכעלע אַקעגנאיבער דער צעהוליעטער נאַצי־פעלד־קרעטשמע, וואָס זעצט מיט מערדערישער שיכרות — און דער גלאָקנציער, דער פּוילישער זקן ניקאָדעם, ראַטעוועט מיט סכנת־נפשות אַ געיאָגטן ייִד, איינעם פון געטאָ־אויפשטאַנד, באַהאַלט אים אין קאַלטן קעלער אונטערן אַלטאַר און דערלאַנגט אים אַראָפּ אין דער טוכלער באַהעלטעניש די פלעשער הייליקן קלויסטערווייַן, צו דערהאַלטן ביים לעבן דעם געקרייציקטנס ברודער.

ישעיהו שפּיגל זוכט דעם פאַרהוילענעם גאָט, וואָס האָט אָוועקגעדרייט זיין פּנים פון דער וועלט און האָט זיך אַליין פאַרטריבן. ער זוכט אַ פאַרוואַלגערט רעשטל מענטש אין בראַכוואַרג — געפינט ער באַלד אין אָנהייב, ביים אַריינגאַנג אין געטאָ, די גאָטס־פּאַרטיקע גויע מאַריאַנע שיוועק און ביים סוף דעם זקן פון לאַגעווניק: דעם גלאָקנציער פון „הייליקן פראַנציסקוס", וואָס קלינגט מיט זיינע נאַכטגלאָקן אין דער ווייטער וועלט אַריין,

כאָטש קיינער הערט זיי נישט אין דעם וואָיעדיקן געפּייף פֿון די פּעלד־ווינטן. ער געפֿינט איינעם אַן אַלטן פּוילישן דאָקטאָר און עטלעכע זקנות פֿון ראַטוש. דאָס איז אַלץ, וואָס דרייט זיך נאָך אַרום גאָט: עטלעכע פֿאַר־דאַרטע גוישע זקנים, אינוואַלידן פֿון קדושה, וואָס אין זייערע אַלטע הערצער האָט זיך אויסבאַהאַלטן דער פֿאַרפּייניקטער צלם אלוהים.

האָב איך טענות צו ר׳ בונימען, וואָס האָט זיך צו לייכט געמאַכט זיין פֿאַרצווייפֿלונג: ברוגז — און שוין! איך בין אויך נישט גורס זיין „פֿאַר־בלוטיקט קורץ־פֿאַרשניטן בערדל״, וואָס דערמאָנט, אויף ביליקן ליטעראַטור־קאַטאַוועס, די פֿאָטאָגראַפֿירטע „באָרד פֿון זשאַרזש דעם פֿינפֿטן, קעניג פֿון ענגלאַנד״. איך בין זיכער, אַז אין אָט יענער שטימונג וואָלט עס געגאַנגען אַן גראַטעסק אויך און אַז קיינעם וואָלט נישט אויסגעפֿעלט, מען זאָל אים דווקא מאַכן שמייכלדיק „אין דער פֿינצטער״ פֿון געטאָ. איז מיר שוין אַ סך מער צום האַרצן די צעפּאַלאַשעטע באָרד פֿון פּעטער כיל, דעם קברן, אויף וועלכער דער ווינט האָט זיך געצויגן ווי אַ סמיטשיק אויף אַ פֿידל. דאָ זענען די אַלע רעקוויזיטן אַ סך באַגלויבטער, לעגיטימער.

אַוודאי ווייסן מיר, דאָס לעבן האָט ליב שפּיצלעך און זביטקעס — אָבער ווער דאַרף שפּיצלעך, בשעת דער דיכטער איז עוסק אין חשבון פֿון דער וועלט און פּירט אונדז צום בראשית פֿון איר סוף! „יעדן באַגינען האָט זיך אָנגעהויבן דאָס זעלביקע: עמעצער האָט אויפֿגעפּראַלט דאָס פֿענצטער און איבערן נאָך פֿינצטערן הויף אויסגעשריגן אַ ווילד, קאַלט געשריי, ווי דאָס געשריי איבער אַן אָפּשטאַרבנדיקן״. גייען מענטשן פֿון אַלע הייזער און הויפֿן, „איינציקווייז און אויך גאַנצע משפחות, אָנגעהאַנגען מיט רוק־זעקלעך אויף די פּלייצעס און אין די הענט״ — און אַפֿילו ס׳איז אַ מאָל אמת געוועזן, אַז „פּלוצעם, אין מיטן הויף, האָט זיך איינע אַ יידענע צעשריגן מיט געוואַלד: „אַ בראָך איז צו מיר, כ׳האָב דאָך פֿאַרגעסן דאָס סענק־זייערל, מענטשן...״ ווער זשע דאַרף דעם דאָזיקן „הומאָר״ נאָך אַלעמען! און וואָס טויגן די סקאַרבאָווע קאָנטראַסטן צווישן די היימישלעכע שטובזאַכן און די „שוואַרצע וועגעלעך, וואָס קלייבן צונויף די מתים פֿון די שטובן״ — ווי אַרום האָט זיך דאָס אַלץ פֿאַרוואַלגערט צו אַ שרייבער פֿון ישעיהו שפּיגלס מדרגה, אַזוי אייסגעהאַלטן אין זיין איינגעהאַלטנקייט, ביי וועמען יעדעס וואָרט און יעדע כוונה, דאָס בילד און דער געדאַנק, דאָס קול און דאָס שווייגן, די דיכטערישע שורות און זייערע צווישנרוימען זענען אַזוי שטרענג אויסגעוווגן — אויסגעוויינט אויף דער ציטעריקער וואָג פֿון גורל!

„איינעמס" לידער און מידות

צום יובל השבעים פֿון מלך ראַוויטש

„איינער" איז ראַוויטשעס אַ באַליבטער שלייער — אַ קינד פֿאַרשטעלט זיך די אויגן: איז שוין „באַהאַלטן".

פֿאַר אַ סך יידישע לייענערס איז דער נאָמען מלך ראַוויטש געקניפּט און געבונדן מיט דער ליטעראַרישער „כאַליאַסטרע" פֿון די ערשטע צוואַנציקער יאָרן: אַוואַנגאַרד פֿון יונג־כאַאָס. דער באַגריף „כאַליאַסטרע" האָט אָנאָמאַטאָפּאָעטיש, לויט דעם וואָרטקלאַנג אַליין, באַצייכנט אַ מין פֿריילעכן בראָך פֿון אַ דיכטערישער חברותא, וואָס מאַרשירט אין איינעם און זינגט אין איינעם אויף הויכע, האָפֿערדיק־יאָמערלעכע קולות, ווייל מ'שרעקט זיך פֿאַר דער נאַכט. מיר אָבער דאַכט זיך, אַז מלך ראַוויטש איז אין תוך געבליבן איינזאַם אין דער „כאַליאַסטרע" און אַז אין סאַמע מיטן צערודערטן קאָסמאָס האָט ער געכאַפּט און געפּראַוועט שטילע בענקשאַפֿט נאָכן שטעטעלע רעדים, נאָך טאַטע־מאַמע:

מוטער,
דורך דיינע האָר גלאַנצט עס היינט ווייס,
אַיעדע פֿון זיי איז אַ סימן
פֿון אַ נאַכט פֿון צער וואַרטן
אויף אַ ווייסן טאָג אין פֿענצטער.
ווידער איז נאַכט,
איך קען דיך,
ביי אַ פֿענצטער שטייסטו שטאַר;
ווי אַ שוואַלב שלאָגט אַן זיך אָן דער שויב דער
געפֿאַנגענער צער.

אויף די פֿענצטער טריפֿט דער אַסיען קאַלט,
אַרום די קוימענס פֿון אָפּגעברענטע הייזער וואָיעט, ווי אַן
איינזאַמער הונט,
דער שטעטלדיקער ווינט.
דער טאַטע איז אַלט, מיד, זאָגט ער:
— הינדזיע, גיי שוין שלאָפֿן, גיי. דאַרפֿסט דאָך אויפֿשטיין פֿרי.
גייט ער פּרווון, צי די טירן זענען צו
און פֿאַרלעשט די ליכט.
און נאָר אַן אָפּגעריסן בלעכשטיק קלאַפּט אין דאַך
אַלע עטלעכע מינוט,
ווי דעם גרויסן זייגערס פֿון דער שרעק פֿון דער גאַנצער וועלט
איז דאָס קלאַפּן — —
(„די משפּחה ראַוויטש")

דער „גרויסער זייגער פֿון דער שרעק" איז אַ שטובזאַך אין ראַוויטשעס דיכטערישער וועלט. זיין „אומרו" קלאַפּט מיט פֿרומער הילכיקער שטיל־קייט — באַגלויבטער ווי די כלים אויף וועלכע עס רימפּלט די „כאַליאַסטרע". בין איך נאָך אַלץ נישט זיכער, צי איז נישט אַ מאָל מלך ראַוויטש, איר געוועזענער וואָרטפֿירער, אַ מין בונטאַר בעל כּרחו, וואָס דעקלאַמירט „מאַניפֿעסטן" בלחש, מיט געשעפּטשעטן „הוראַ!"

אין דעם צעפּלאַמטן שמחת־תּורה־ריקוד אין קלויז — הייסע פּאַרע פֿון יִראה און חסידישן טאָפּל־מעד, קאַרוסעלע פֿון שטראַלנדיקע בערד און שטריימלעך און פּנימער, גערויטלטע פֿון יום־טובדיקע משקה, האָט די צעטאַנצטע חבֿרה אַריינגעשלעפּט אויף כּוח איינעם אַ שטרענגן למדן, אַ כּמור. יענער איז גאָר צעקריגט מיט גאָט, מסתּמא מיט זיך אַליין אויך — וואָס פֿאַר אַ מחותּן איז ער מיט זיך? — איז ער לחלוטין נישט זיכער, צי האָט ער, וואָס צו הוליען. אין רעדל אָבער האָט ער „געווירבלט" הילצערן, דעם קאָפּ ווייט אַוועקגעבויגן, ערגעץ צו זיך, אַהער־אַהינצוצו: אין איינעם אַליין.

אַזוי גייט מלך ראַוויטש זיין שווערן פּאַטעטישן גאַנג, אָנגעהויבן פֿון ערשטן אַרויסטריט אויף דער שוועל: דינע לירישע ציטערניש צווישן גריב־לעך־בלויע ווייכע טעוועלעך. דאָס איז געווען מיט העכער פֿופֿציק יאָר צוריק

אין ווין. מלך ראַוויטש איז געווען אַ יונגיטשקער דיכטער, ייִנגער פֿון אַלעמען — קיין חידוש נישט, אַז מען האָלט ביי 1912: אַ יאָר, אַ גאָרנישט. אַלע זענען געווען יונג און האָפֿערדיק און מיט דער וועלט איז מען אַדורכ־געקומען: זי איז נאָך ווייט און דערקוטשעט נישט. מלך ראַוויטש הייסט נאָך אַ ביסל מיט דעם שטעטלדיקן נאָמען זכריה חנא בערגנער — אַ גאַליציאַנער בחורל, פֿאַרחלומט, שעמעוודיק, שייך — און אַלע אין איינעם איז מען אַ רעדל שטילע „גענראַלע קונדסים", מיט אַן אַריינגעכאַפּטן קוק אויפֿן לעבן ווי דורך די שפּאַרעס פֿון פּאַרקאַן: אורי צבי גרינבערג און דוד קעניגסבערג, מלך ראַוויטש און א. מ. פֿוקס, דער „אוקראַינער" מלך כמיעלניצקי, וואָס איז פֿאַרבלאָנדזשעט געוואָרן צווישן גאַליציאַנער, אַ ביסל שפּעטער בער האָ־ראָוויץ — און דער עלטסטער און צייטיקסטער פֿון דער חברותא: שמואל־יעקב אימבער.

ליטעראַטור האָט נאָך דעמאָלט געהייסן היינריך היינע, סלאָוואַצקי, שעלי — כאָטש געלייענט האָט מען שוין הוגאָ פֿאָן האָפֿמאַנסטאַל און רילקע, אַפֿשר באָדלער, מאַלאַרמיי, אַוודאי ווערהאַרן און וויטמאַן, די פּראָזאַיקערס פֿלאָבער און די גרויסע רוסן, סעלמאַ לאַגערלעף און להבדיל האַמסון. מיט אַ מאָל האָט זיך די מענטשהייט אַ משוגענעם ריס געטאָן, גלייך צום אָפּ־גרונט: דווקא דאָרט וויל זי — כאָטש יענעם קאָנטינענט, דעם אָפּגרונט, האָט די וויסנשאַפֿט דעמאָלט נאָך נישט געהאַט אַנטפּלעקט. ראַוויטש פֿאַר־עפֿנטלעכט זיין לידער־זאַמלונג רואינענגראַז און דעם באַשייד־זוכערישן פֿאַ־עטישן פּרווו שפּינאָזאַ. דאָס אַלץ איז געווען אין „פּרוזדור" ווין, איידער ער איז אַריבער צו דער ליטעראַרישער קאַמף־אַרענע: וואַרשע.

אין צענטער פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור אין יענע יאָרן ווערט ראַ־וויטש אַליין אַ לעבעדיקער מיטלפּונקט. ער שפּאַרט מיט שאַפֿערישער ענער־גיע און התלהבות. דער סאָציאַלער פּאַטאָס פֿון זיינע לידער צעברויזט זיך מיט עקספּרעסיווער האָפֿערדיקייט, וואָס פֿאַלט אַ מאָל אַריין אין טאָן פֿון פּאָעטישע פּלאַקאַט־פּראָטעסטן. דאָס דאָזיקע אַריינפֿאַלן איז געווען אין דער מאָדע ביי אַלע פּאָעטן פֿון דער וועלט. ראַוויטש שרייבט און רעדאַגירט, שאַפֿט אַרום זיך אַטמאָספֿערע פֿון ליטעראַרישן אַקטיוויזם, פֿון ענטוזיאַסטי־שער וואָרט־גלויביקייט צווישן די פֿאַלנדיקע „פֿיר וועגנט פֿון דער וועלט".

די מענטשהייט בראָדזשעט אין כאַאָס פֿון אידעען־בראָכוואַרג, וואָס מען

טרעט דערויף. זי איז געבליבן אַ נאַקעטע, אָפּגעריסן און ברוגז — און אין מלך ראַוויטשעס נאַקעטע לידער שרייט אויס די תּקופֿה איר שאַנד און וויי. אַ מאָל כליפּעט זי שטיל — איז דער וויטיק ערלעכער: תּפֿילה. הייבט זיך שפּעטער אָן דעם דיכטערס וועלטוואָגל איבער פּרעהיסטאָרישע לאַנדשאַפֿטן און קאָנטינענטן און אָקעאַנען. אַוודאי זוכט ער אין דער פֿאַרלוירנקייט זיך אַליין. דערביי מאַטערט ער זיך מיט עקשנותדיקן מענטש־אָפּטימיזם, וואָס פֿאָדערט אַליין איבערמענטשלעכע כּוחות. צווישן לידער, פּאָעמעס, עסייען און דראַמאַטישע פּרוון אַרבעט ראַוויטש אויף אַנטאָלאָגיעס און אויף אַ העכסט פּערזענלעכן לעקסיקאָן פֿון דער יידישער ליטעראַטור — ביז ער דערגרייכט צום מעשה־בוך פֿון מיין לעבן: אַן עפּיש בילדערבוך, דערציילעריש גע־מאָלן מיט ווייכע, שטילע סענטימענט־קאָלירן פֿון זיינע צייטיקע יאָרן.

דאָס איז אַ מהלך רב אויף אַ גייסטיקער סערפּענטינע, אַ שלאַנגען־וועג, געפּלאַסטערט מיט פּאָעטישע בילדער, רעיונות, מעדיטאַציעס, מיט לירישער השתּפּכות און ספּעקולאַטיווע דענקשטימונגען, מיט „איינעמס יידישע מחש־שבות", וואָס בלאָנדזשען אויס אַ וועלט מיט אידעען און „פּראַקטישע" הוריות און דערגייען צו הכנעה אין דער לעסטערונג און צו קאַלטן חשבון פֿון פּיבער־דיאַלעקטיק מיט דעם געזוכטן גאָט, מיט וועלכן דער דיכטער פֿירט אַן אייביקן אומגליקלעכן ראָמאַן פֿון „ליבע און האַס". און איצט האַלט מלך ראַוויטש, אַן אויסגעשטורעמטער, ביי פֿולע שבעים, וואָס שמעקן מיט זומער־דיקן פּרק, אָבער צו שׂיבה־טובה איז וויט. זאָג איך זיך אָפּ פֿון אַן „אונ־טערצי". וואָרעם זיינע חשבונות מאַכט מלך ראַוויטש אַליין: ער איז דער עקאָנאָם פֿון זיין אָנגעזאַמלטן וועלט־צער, אַדמיניסטראַטאָר פֿון זיין רוח הקודש. ער ווייסט דעם סוד פֿון שווער מאַכן זיך דעם עול און דעם חשבון — נאָך שווערער.

זיבן וועלטן און זיבן ימען
און צוויי און פֿערציק יאָר
קאָשמאַרן זענען די הייסע
נעכט אויפֿן עקוואַטאָר.

— — — — — — — —

און עס וואַרפֿן די קאָשמאַרן
אין טויטאַנגסט און אין היץ,

פלוצעם זיך איך מיט אָפֿענע אויגן,
אַ געדאַנק קומט — שאַרף ווי אַ בליץ —

אַז די זיבן וועלטן און ימען
זענען דאָך אַ חלום נאָר,
און חלום זענען אויכעט
די צוויי און פֿערציק יאָר.

גיט די מאַמע פלוצלינג אַ שמייכל
און דער טאַטע צעלאַכט זיך גאָר:
— אַוודאי, דו נאַר פֿון וועלטן און ימען,
ביי אונדז אין דער היים איז די וואָר — — —
— — — — — —
דאָ זעע דיך, מיין זון, מיר צופֿוסנס
און דעם קאָפּ לעגן אָן אין מיין שויס,
ס'איז אַ חלום אַלץ געווען
און איצט איז דער חלום אויס — —
— — — — — —
און העלף מיר אָנצינדן ס'לעמפּל
און פֿייער מאַכן אין קיך,
און נעם אַראָפּ פֿון דיינע
מידע פֿיס די שיך — —

און די מאַמע זינגט אַריין אין קינדס דרימל דאָס מעשהלע מיט דעם מלך, וואָס איז גאָרנישט פֿריילעך:

און פֿון דעם מלכס אויגן
טרערן רינען און רינען,
ווייל אויף זיבן וועלטן און ימען
האָט ער די וועלט ניט געפֿונען.

(„טראַפּישער קאַשמאַר אין סינגאַפּאָר״)

נישט די גאַנצע באַלאַדע האָב איך דאָ ציטירט. איר גרונטמאָטיוו וואָרצלט זיך אין אַלע לידער פֿון דער וועלט. זי איז געשריבן געוואָרן מיט קאַרגע דרייסיק יאָר צוריק און דאַרף אַוודאי צוגערעכנט ווערן צו מלך

ראַוויטשעס גערעכנטסטע לירישע געזאַנגען פֿון חשבון און ווידוי — נישט קיין „טעמע" און נישט „איינעמס" אַ פּאָעטישע המצאה.

מיט אַ באַוווסטזיין פֿון שליחות גייט מלך ראַוויטש דעם דרך פֿון אַן אידעישן מענטש אין דער דיכטונג — און יעדער „דרך", דאַכט זיך מיר, האָט ליב דרכים:

באַשערט איז מיר אפֿשר, אַ לייכטער צו זיין
פֿאַר מיין דור,
אַ וועגווייזער אפֿשר, צעקרייצט אויף אַ וועג,
אויף דעם אומענדלעכן וועג צו גאָט.

דאָס האָט ראַוויטש געשריבן ביים סאַמע אָנהייב פֿון זיין פּאָעטישן גאַנג — זינט יענער צייט האָט דער שטילער גלויבן ווידעראַנאַנדיק זיך צעריסן און נישט איין מאָל דיאַלעקטיש צעבייזערט מיט אַ פּאַרסלינעטער נשמה. אָט צעזינגט זיך דער דיכטער מיט קאַלטן סאַרקאַזם אין אַ „געזאַנג פֿון האַס און ליבע צום יידישן פֿאָלק", ווו ער דערלאַנגט אויך דעם „אימ־פּעראַטאָר יאַהווע".

און אָט איז, צוואַנציק יאָר שפּעטער, אין יאָר 1944, די בשורה פֿון „אחרית הימים": „אני מאמין — יידיש פֿאָלק, איך גלייב אין דיין שלי־חות — — דיין שליחות, יידיש פֿאָלק, איז דער וועלטס געוויסן אויפֿצוטרייס־לען — — ". דאָס איז, אין אַזאַ ווערטערדיקער פֿאָרמולירונג, זיכער שווין צו שטאַרק צעזאָגט, אַז ס'זאָל נאָך טליען אין דער דאָזיקער אויסגעלאָשנקייט אַ פֿונק פֿון זעערישן לשון. און עס העלפֿט נישט, האָב איך מורא, אַז מיר וועלן „שרייען שמע אין איינעם פֿאָרט, אין איינעם פֿאָרט, אין איינעם פֿאָרט" און אַז די „דיכטערס יידישע — אַלע, אַלע אין איינעם", וועלן מיט די „טרערן בלוטיקע, ווי רובינען רויטע", אויסזעצן אַ פּאָר נייע לוחות, לעצטע לוחות, וואָס אין זיי —

וועט אויך אָנכי זיין, נאָר — ניט יהוה —
אָדם — וועט דאָרט זיין דאָס וואָרט, דאָס צווייטע.

(„והיה באחרית הימים")

זע איך טאַקע נישט, גאָט זאָל קאָנען אָננעמען, ביי אַזעלכע באַדינגונגען, ראַוויטשעס אויסגעשטרעקטע האַנט, כאָטש ער רעדט מיט אים גוטברודע־ריש, אויף „דו״, גלייך אויף אומגלייך:

דערלאַנג אַ האַנט, מיינע איז אויסגעשטרעקט.
איך טו עס אָפן, איך מאַך ניט קיין סוד,
לאָמיר זיך איבערבעטן, אַלטער יידישער גאָט,
אייביקער גאָט, מיין גאָט.

(„פּראָסטע רייד מיט גאָט...״)

אַז די דאָזיקע „פּראָסטע רייד״ פּאַרטיפן זיך, הערן אויף צו שטיכלען זיך, ציטערט אַ תּפילה פון „לעכצנדיקן מויל״:

פאַר דער גאַנצער וועלט —
און פאַר יידישע פּאָעטן,
וואָס טרייבן זיך, ווי די וועלטהינט איינזאַמע,
איבער דער וועלטס געמאַרקן אַרום — —

(„פאַר יידישע פּאָעטן — אַ פּאַרטאָג־תּפילה אויפן ים״)

„אין די ווינט צעפּליקטע געצעלטן פון זייער ליד״ בלוטיקן זיי אויס „נביאות צו געשפּעט״, זיי, די „קלאָונען, די פּאָעטן״. אין אָט דער וואָגלעניש זע איך ראַוויטשן, האָפּערדיק און דערשראָקן, געטריבן פון ברענענדיקן דאָרשט נאָך די קוואַלן, געפייניקט פון דער קרעאַטורס ווייגעשריי און פון גאָטס פאַרשטומטקייט — אָבער אין זיינע וויזיעס זענען אַריינמאָנטירט ראַציאָנאַליסטישע מיסטיק און אינטעלעקטועלע ווילנסקראַפט: „צי ווייסט דען נישט דאָס לעבן און דער טויט, אַז איך בין איינער פון גאָטס מקורבים?״ ווער זשע ווייסט, צי זיי וויסן דאָרט — דאַכט זיך, זיי האָבן אויפגעהערט האָרכן.

ראַוויטש אָבער פאָדערט מיט מידער עקשנות דעם באַשייד — און אַלע מאָל פון ס׳ניי קערט ער זיך אום צו דעם וויטיק. צו מאָל דערמאָנט ער מיך אין אַ קינד, וואָס האָט אַ גאַנצן טאָג זיך שפּילעוודיק גערייצט מיט דעם פריצס בייסיקן הונט אויף יענער זייט פּאַרקאַן און איצט פאַר

נאַכט, אַ פּאַרמאַטערטער, רייצט ער זיך נאָך אַלץ, האַלט דערביי אין איין אַנטלויפֿן און קוקט מיט שרעק אויף צוריק. ראַוויטשעס פּערזענלעכקייט איז: לידער און מידות — אויף ביידע אַרבעט ער. ער איז באַלאָדן מיט אַ היפּשן פּאַרמעג דיכטונגען, אַלע מאָל „באַקעטע", אַפֿילו זיי זענען פֿאַר־הילט ווי תּפֿילות. זיין נע־ונדקייט האָט צוויי דימענסיעס, של־מעלה און של־מטה, און זיינע שיפֿן האָבן אַ ספּעציעלן אַנטי־קאָמפּאַס, וואָס רעגולירט די קאָמוניקאַציע צווישן חלומות און פּחדים, מיסטעריעס און סיסטעמען, פֿירט גלייך צו די וועלט־פֿאַרלוירנקייטן פֿון גייסטיקן וואַנדערער.

איינע פֿון זיינע שיפֿן הייסט „לית ברירה" אָדער כמעט אַזוי — מיט אַזאַ מין נאָמען גייט אַ שיף געוויינטלעך קיין ארץ־ישׂראל. שטייט דער „פּייטן פֿון דעם פּיוט" אויפֿן דעק, הערט זיך צו צום „שריי פֿון וואָגלגייס־טער פֿון זיין דור" און מאַכט דערווייל אַ כאַפּנדיקן חשבון, לויט די קאָמ־פּליצירטע כללים פֿון קבלה־אַלגעברע, חשבון פֿון שאלות און תּשובות — דערנאָך וועט מען ווייטער זען: גיין.

איך האָב מורא פֿאַר גרינגע עטפּערס און ווער ווייסט, צי שוואַכן זיי נישט אָפּ דעם ערלעכן פּאַטאָס פֿון ראַוויטשעס פֿרעגן. אָנגעהויבן די פּאַטעטישע גריבלעניש פֿון חשבון און מחשבה האָט מלך ראַוויטש גאָר פֿרי, מיט דער דערשראָקענער ציטערניש פֿון אַ „נאַריש יינגל", קוים אַכט יאָר אַלט. שטייט דער נפֿש פֿאַרטייעט ביים אָוונטלעכן דעצעמבער־פֿענצטער און טוט מיט אַ מאָל אַ פּלאַץ אַרויס: „טאַטע, ווער איז גאָט?" די פֿראַגע ברענט, אין זיין האַרץ, עד היום — נאָר וועמען צו פֿרעגן איז נישטאָ. דער טאַטע קוקט פֿאַרטראַכט גראָד אין אַנדערע חשבונות און קאָן ניט באַנעמען, וואָס באַלאָמוטשעט דאָרט דער צוציק ביים בלויעם פֿראָסט־פֿענצטער (צו אַ סך פֿון זיינע שטילסטע טראַכטענישן, אגב, נוצט ראַוויטש אַן אָוונטלעכן פֿענצטער). אָבער דאָס יינגל שפּינט ווייטער זיינע גאָט־פֿאַנטאַזיעס, וואָס וועלן אים שוין קיין מאָל נישט אָפּלאָזן: „טאַטע, גאָט בין איך..." אַזאַ גאָרנישט און דאָס פֿאַרמעסט זיך שוין אויף אַזאַ קאָפּברעכע־רישער האַרץ־העזה!

די „פֿראַגע" איז אַ גאַנצע כמאַרע מיט קשיות, וואָס איז געבליבן הענגען איבער ראַוויטשס ווערק. זיי מאַכן אָפּט דעם אָנשטעל פֿון ענטפֿערס, פֿאַרמולירט מיט סכאָלאַסטישער דיסציפּלין: דאָגמעס פֿון אַ כופֿר, וואָס

ס׳ציט אים צו אמונה — אַז נישט, האָט ער שוין אַפילו נישט אין ווערמען צו לייקענען. מלך ראַוויטש האַלט אַלע יאָרן דראַמאַטישע דיאַלאָגן מיט זיך אַליין, שואל ומשיב, און עס גייט אַלץ וועגן תוך און תכלית פון לעבן, וועגן דאָ און דאָרט, וועגן דער מיסטעריע טויט, וועגן גאָטס פאַר־הוילנקייט. אַלץ, וואָס ער שרייבט, אין ליד און עסיי, איז אַ פּרווו צו דערגיין צו אַ טאָלק. אין פלאָנטער פון אני מאַמין און איך לעסטער, מענה־לשון פון פּראָטעסט און צעבראָכנקייט, עקסטאַז און היסטעריקע, ציטעריקער מאַמע־סענטימענט, וואָס נעמט אַרום די גאַנצע מענטשהייט, און אַ מאָל גיט זיך אַ גליטש אַרויס אַ פסוק, וואָס וואָלט זיך מסתמא וואָס גיכער אַליין צוריקגעכאַפּט:

„— — איך גלייב, און גלייבן מוז איך, כאָטש איך בין אַן עכטער זון פון 20סטן יאָרהונדערט". דאָס אַליין געהערט אויך צו ראַוויטשעס קאָמפּליצירטן לעבנס־חשבון.

דער זיידע, געדענק איך, פלעגט אויף די עלטערע יאָרן יעדן ערב ראש־חודש איבערשרייבן די צוואה. ער איז געווען אַ שטאַרק פאַרנומענער ירא־שמים, לומדות און וועלדער, גאַליציאַנער נאַפט־גרובן און מעשים־טובים, אליהו הנביא און, להבדיל, די פּריצים — האָט דער אַלטער הנאה געהאַט פון בילאַנסן, ווי פון מיצוות. ער האָט אויך הנאה געהאַט פון זיינע נאָענטע באַציִונגען מיט כביכול. מ׳האָט געלעבט אין איינעם ווי שכנים, אפשר ווי „צדדים" — כאָטש אַ מאָל איז אויסגעקומען, אַז מ׳האָט זיך געריסן, מיט כעס און מיט דבקות. וואָס זשע איז געוואָרן? דער זיידע האָט זיך געטאָן זיינס, אַנגעמאָסטן די גילדענע ברילן פון מעש און איבערגערעכנט דעם לאַנגן חשבון נאָך אַ מאָל: נתתי... לקחתי... אַזוי האָט ער מאַריך ימים געווען.

וואָלט דער מין גאָטזוכער אין דער ליטעראַטור נישט געווען אַזאַ אויס־געמאַטערטע פיגור, אָפּגעכוימלט אַ ביסל פון די פאַרפירערישע עבודה־זרהס, וואָס שלעפּן דעם פאַרלוירענעם מענטש אַהין און אַהער — וואָלט איך מיט אַזאַ געהויבענער עליה מכבד געווען מלך ראַוויטשן. ער איז גורלדיק צוגעבונדן צו גאָט, פון וועלכן ער האַלט זיך אין איין אָפּרייסן. גאָט איז דער וועלטסוד, וועלכן דער פּאָעט „פאָדערט אַרויס" אין זיינע מאָנערישע דיאַלאָגן מיט דער פאַרהוילנקייט — אַ מאָל מיט פּאַטאָס, אַ מאָל מיט אַ מין „קאָזערי"

פֿון אינטימיטעט. און כאָטש ער האָט אין זיין תשובה־מאַניפֿעסט בפֿירוש דעקלאַרירט, אַז „נישט אין טלית און תפֿילין״ קומט ער צוריק — וואָלט איך מיך פֿון דעסט וועגן גאַרנישט געחידושט, ווען ראַוויטש קומט מיר אַ מאָל אַקעגן, אַ מאָל, ערב נאָך אַלעמען, אין אַ פֿאַרנאַכטיקער קלויז אין מאה שערים, אָדער אפֿשר ערגעץ אין אַ בודאַ־טעמפּל, בלאָסער שקיעה־גלאַנץ אויף אַ קרוין פֿון באָרד און פּיאות, די לענדן באַגאַרטלט, די הילצערנע סאַנדאַלן מיט אַ שטילן געמאָסטענעם הכנעה־קלאַפּ: לבוש פֿון זיין „באַקעט־קייט״ — און שטעלט זיך אַזוי אַוועק צום משפט פֿון זיין געוויסן. איך געדענק די הייסע פּלאַסטישע אַנימאַלישקייט פֿון זיין ליד „געוויסן״:

אַזוי ווי אַ הונט פֿאַר דעם הינטשלעגערס שלינג,
אַנטלויף איך פֿלינק
פֿאַר מיין אייגן געוויסן.

דאָס איז, זאָגן ציניקער, פֿרומע מאַזאָכיסטישע אויטאָ־רישעות פֿון אַן אַסקעט, וואָס האָט צו טאָן מיט ביידע יצרים. ער ראַנגלט זיך און וויל זיך בייקומען — איז ער אָבער שטאַרקער פֿון זיך: מיט זיך וועט ער אַנהייבן? ראַוויטש איז אַלע מאָל שטרענג צו זיך מיט אידעען און פּרינציפּן — און זעלטן פֿאַרגינט ער׳ זיך אַליין די ריינע לירישע שיינקייט פֿון זיין ליד. זיין שטילע חכמה פֿאַרדושעט ער — זי זאָל זיך נישט דערוועגן דעם קאָפּ אויפֿ־צוהייבן און באַלאַמוטשען די שליחות. העכער פּופּציק יאָר שרייבט מלך ראַוויטש לידער, פּאָעמען, עסייען, לעקסיקאַלישע שטודיעס, מעדיטאַציעס, מיניאַטורן פֿון אַלערליי מינים — און אין מיטן פֿון זיין אייגענעם ליטע־ראַרישן שאַפֿן האָט ער מיט מאַמישער געטריישאַפֿט געסאַרוועט אויף אַלע שרייבערישע שימחות. אַלע מאָל האָט ער איינגעשפּאַנט זיין ערלעכע עצבות, זי זאָל דינען דער פֿרייד פֿון יידיש. אַוודאי איז די יידישע ליטעראַטור זיין פֿאָטערלאַנד — און אַוודאי וואָלט ער באַדאַרפֿט פֿאַר זיך כאָטש נאָך אַ יאָר־הונדערט, ער זאָל באַווייזן צו סאָרטירן אַלע זיינע חלומות און וויזיעס, רעגיסטרירן זיי, פֿיין געאָרדנט, אַרומגענומען מיט טעוועלעך. און ווען עס וואָלט זיך געלאָזט, וואָלט ער מסתמא אָנגעהויבן פֿון ס׳ניי מיט דער „כאַליאַסטרע״. ער איז אויסגעהאַלטן, לויט זיין אינטעלעקטועלן כאַראַקטער, און ווייזט צו מאָל אַרויס גוזמות געטריישאַפֿט אויך צו זיינע גרייזן. דערביי לייגט ער צו יעדע זאָרג פֿון יידיש ווי נאָך איינעם אַ שטראָל

צו דער קרוין. צו קרוין און „קרוינונג“ איז ראַוויטש קיין מאָל נישט גלייכ־גילטיק: היימישלעכע מעטאַפֿאָרן. ער גאַרט נאָך דער רגע פֿון „פֿאַרשענקען זיך“: רעשטלעך ראָמאַנטישע יויזל־ירושה.

דאָס אַלץ אין איינעם איז: אינטעגראַלער ראַוויטש. ער דערוועקט וואַ־רעמע משפּחה־סענטימענטן ביי אַ סך יידישע שרייבערס און זיינע פּאָ־פּולערע שוואַכקייטן דערמוטיקן פֿריינדלעכע רכילות, וואָס ער אַליין וואָלט נאָכדערציילט מיט נאָך מער אָביעקטיוויטעט. קיינער, דאַכט זיך, קאָן צו מלך ראַוויטש נישט האָבן קיין פּאַרעווע באַציִונג — פֿאַר אָדער קעגן: אַ מאָל ביידע אין איינעם. וואָס איז דער חידוש — אַז ער אַליין, קאָנסטרוקטיוו און ציל־זיכער איז אַזוי טיף ווידעראַנאַנדיק, ער קעגן זיך, און צו שלום איז אַלע מאָל וויט. אין דער וועלט פֿון יידישן וואָרט שטייט די געשטאַלט פֿון מלך ראַ־וויטש ווי אַ מירמל־מאָנומענט פֿון צערודער און פּחדים. און כאָטש ער איז אַ מאָל געווען בגילופֿין מיט דער קאַלטער אַנטי־אַלקאָהאָליק פֿון אַ מין אַנטליגענער וועגעטאַרישער „אַמעראַצעס“, וואָס האָט זיך געגרויסט מיט אַ פֿאַרגרעבטקייט, וואָס ער פֿאַרמאָגט נישט — בין איך כמעט ווי זיכער, אַז זיין לעגיטימער אָרט איז ערגעץ ווו צווישן די בנים פֿון די שבטים, זין צי שטיפֿזין, אין איינעם פֿון די ווינטיקע מידבר־געצעלטן, וואָס הוידען זיך, אויף דעם הינטערגרונט פֿון יאָרטויזנטער, צווישן דעם אַלטן לעבעדיקן תנך און דעם פּראָיעקטירטן „צווייטן“, וואָס דערוויל איז פֿון אים נישטאָ מער ווי אַ געַנוי דעטאַלירטער בוי־פּלאַן פֿון נייעם וועלט־תוהו־ובוהו.

„סיסטעמאַטיק“ איז די ליידנשאַפֿט פֿון מלך ראַוויטש — אָבער קיין מאָל בין איך נישט אַזוי שוואַך אָריענטירט אין דער פּלאָנטערדיקער צייט־און אייביקייט־פּראָבלעמאַטיק, מיט וועלכער ראַוויטש ראַנגלט זיך פּאָעטיש, ווי דעמאָלט, ווען ער נומערירט גענוי אירע פּאַראַגראַפֿן, און עס קומט אַרויס אַקוראַט אַ סכעמע פֿון „פֿיר גורלדיקע שאלות און תשובות“ וועגן טויט און וועגן נאַכטויט, וועגן דעם סוד פֿון געבוירן גראָד אין יענער נאַכט, גראָד ביי יענע טאַטע־מאַמע, שאלה וועגן גוט און שלעכט, אַהבה און שינאה — און די פֿערטע שאלה וועגן ייד און גוי.

שטייט אַ ייד ביים ראַנד
פֿון דער וועלטס לעצטן וועג.

דער ייד בין איך.
און איך פֿרעג
נאָך אַלץ — — —
— — — —
און אין אַלע אייביקייטן וועסטו ניט מיד זיין,
ייד־זיין, ייד־זיין, ייד־זיין
און פֿרעגן שאלות
און אַליין אויף זיי ענטפֿערן — — —
(„פֿיר גורלדיקע שאלות און תשובות")

דאָס איז דער „גרויסער זייגער פֿון דער שרעק פֿון דער וועלט", וואָס „אומרוט" אין מלך ראַוויטשעס פּאָעטישן ווערק.

אליעזר שטיינבאַרג

אליעזר שטיינבאַרג — זאָגט די מליצה — איז געווען דער מלך פֿון יידישן משל. משלים, דוכט זיך, זענען אַזאַ מין ליטעראַרישע קאַטעגאָריע, מיט וועלכער עס וואָלטן זיך, על־פּי שכל, באַדאַרפֿט פֿאַרנעמען בלויז קלוגע מלכים פֿון די מדרשדיקע אגדות און פֿון די שפּעטערדיקע מעשה־ביכלעך: אַליין גוט פֿאַרטראַכטע באַשעפֿענישן פֿון משל. עפּעס שמעקט פֿון משלים מיט געלייטערטער חכמה, מיט אַלטן ווייַן, פֿון וועלכן מען טרינקט צו קליינע ביסעלעך — נאָך אַ קאַפּעלע — און גענוג! דערנאָך שווייגט מען לאַנג און זאָגעוודיק — און דער רעיון שפּינט זיך אין דער שטיל. צו שאַרף איז דער קאָנדענסירטער אַראָמאַט פֿון אָט דער גייסטיקער משקה. און אפֿשר איז דער משל גאָר אַן ענין פֿאַר זעלטענע מייסטערישע פֿיליגראַן־שמידן, וואָס שניצן צאַרטע אויסטערלישע פֿיגורן און זעונגען פֿון דמיון אין טונקעלן זילבער אָדער אין מאַטן העלפֿאַנדבייַן, אָדער אין אַן אַנדער מין חומר, וואָס איז אַנגעגרייט אין די געהויבענע מינעס פֿון שיר השירים...

יאָ, אליעזר שטיינבאַרג — איך האָב זיך עטלעכע מאָל מיט אים באַגעגנט אין די פֿריִע יאָרן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין טשערנאָוויץ, ירושלים דבוקאָווינע. דאָ איז געווען אַ מין היימישלעכע רעפּובליק, צווישן גאַליציע און בעסאַראַביע, יידיש מיט לעבעדיקע וואָרצלען פֿון דער היסטאָרישער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפֿערענץ, מיט יידיש אין גאַס, ביי „עמך" און ביי היפּשע טיילן אינטעליגענץ, וואָס זייער מילדער מין דייטש האָט זיך מיט מזל געשדכנט צו יידיש... פֿאָלקסטימלעכער זאַפּטיקער יידיש מיטן ריח פֿון ווייסן וויין און מאַמעליגע, רעשטלעך פֿראַנץ יאָזעף און וועלוועלע זבאַראַזשער, דערצו די בלוילעכע בעל־שמסקע שאָטנס אין די אַרומיקע בערג: אַ מין וועלשטאָט מיט פּראָווינצער דימענסיעס, אויסמיש פֿון רומענער, פּאָליאַקן, הוצולן און פֿאַרזעענישן פֿון דייטשן — און איבער אַלעמען אַ שטיק יידישע מלוכה.

דאָ האָט געלעבט די לעצטע יאָרן אליעזר שטיינבאַרג, אַרומגערינגלט מיט ליבשאַפֿט פֿון חברים, וואָס האָבן דערפֿילט זיין איינציקאַרטיקייט. אין דעם פּרט איז ער געווען גליקלעכער ווי אַ סך אַנדערע דיכטער פֿון אַלע צייטן. ער האָט נישט באַדאַרפֿט וואַרטן אויף התגלות: שוין. זיינע משלים, ווי געכתיבעטע מגילות, האָבן גערעדט צו אַלעמען... און מיר דוכט זיך, ס'איז אויך געווען אַ קלוגער אויפֿטו פֿון דער נאַטור, וואָס זי האָט אויס־קאָמבינירט פֿאַר זיינעטוועגן אַזאַ הויך־טאַלענטירטן קינסטלער ווי אַרטור קאָלניק, וואָס האָט אילוסטראַטיוו דורכגעלויכטן און פֿאַרטיפֿט אַלע דינע קנייטשן פֿון זיין ווערק. שטיינבאַרג מיט קאָלניקס האַלצשניטן זענען חומש מיט רש״י... נישט וויכטיק, וואָס חומש איז פֿריִער, אָבער יידן האָבן הנאה געהאַט פֿון ווונדערלעכן אינאיינעם, אַ פּרשה חומש־מיט־רש״י: אי תורה, אי תענוג: האַרמאָנישער צוזאַמענגאַס פֿון וואָרט און בילד. איין ליכטיקע וועלט.

און אָט שטייט ער מיר פֿאַר די אויגן: אַ קליינינקער, אַ קאָנצענטרירטער, מיט אַ גרויסן שטראַלנדיקן קאָפּ אויף אַ ווינציקן גוף. ווי זשע נעמט זיך אונטער אַזאַ צאַרטער גוף צו טראָגן אויף זיך אַ קאָפּ, וואָס איז אַזוי פֿול, אַזוי איבערגעלאָדן מיט דיכטערישער שווערקייט פֿון די גרינגע, פֿלאַטערנדיקע מעשהלעך? אפֿשר אַ קאַפּריז אַזאַ פֿון דער נאַטור. זי האָט אים, זעט אויס, פֿאַרטראַכט „מיט שכל״ און מיט אַ באַזונדערן מיין, נישט סתם אַ ייד אַ שרייבער. זי האָט „צוגעלייגט קאָפּ״, די נאַטור, אין יידע טייטשן פֿון וואָרט, און אַרויסגעקומען איז אַ דיכטערישע געשטאַלט, אַן אויפֿטו.

ער איז געווען אינטים מיט דער נאַטור. ער איז געשטאַנען מיט דיכ־טערישער הכנעה פֿאַר איר שיינקייט און אַ מאָל האָט ער מיט ציכטיקער פֿאַרשייטקייט איר אַרונטערגעקוקט הינטער די שלייערן — האָט זי אים — נאָר אים! — אַריינגעשעפּטשעט אַ סוד, אַ משל — און שאַ! דעם משל האָט דער קונדס באַלד איבערדערציילט — גלייך פֿון דער נאַטור — די קינדער, אויך די גרויסע. ער האָט זיי אַלעמען אַוועקגעזעצט אויף דער באַנק, גרויס און קליין, און זיי געלערנט די חכמה פֿון תמימות מיט חריפֿות. ער האָט זיי באַפֿרייט פֿון דעם אַלטן דערציִונג־פֿעלער פֿון „גרויסקייט״ און זיי אַלעמען צוריקגעפֿירט ווייט, ווייט צו דער אומשולד פֿון געדאַנק, ווו עס גלימצערט נאָך דער חן פֿון קוואַל, ווו עס איז נאָך נישט פֿאַרטונקלט זיין ריינקייט. שטיינבאַרגס משל איז געווען אין גרונט ל ע ר ע ר י ש אין זיין

ווירקונג, נישט משכיליש־דידאַקטיש, נאָר אין טיפּסטן טייטש פּעדאַגאָגיש, וועלטדערציִעריש, ווי יעדער אמתע דיכטונג: היימישלעכער נוסח, וואָס ווערט אוניווערסאַל דורך שלימות.

אַזוי זע איך אים. ער איז געווען אין גאַנצן תמצית: אַן עבירה איבע־ריקער קוואַנטום — וד״ל. ער איז אַלע מאָל געווען פּאַרטאָן אין זיך, אין דער וועלט פֿון די דריבנע זאַכן, וווהין ער האָט זיך צוריקגעצויגן, כדי פֿון דאָרט אויס צו דעמאַסקירן די אומגעלומפּערטקייט פֿון די „גרויסע״. אָט איז זיין פּאַבולאַרישע וועלט: שרעטעלעך און קינדער, וואָראַנעס און באַלעבאַטים, שטובזאַכן און שטוב־חיות, דער חלף און די זעג, דער האָן און דער נגיד, די פּאַטשיילע און די באָרד — אַלטער היימישער אַנסאַמבל און דאָס גאַנצע אָפּגענוצטע ביסל געצייג פֿון מעשהלעך און משלים — וואָס זשע קאָן מען דאָ אויפּטאָן? ביי שטיינבאַרגן קומען זיי אָבער אַרויס אַזוי ניי און ערשטמאָליק, גלייך זיי האָבן נאָך קיין מאָל אין זייער לעבן נישט מיט־געווירקט אין אַ משל: „ערשטער אַרויסטריט״ פֿון די שרעטעלעך. זיי באַ־ריידן דאָס לעבן און „זאָגן אַריין״, מאַכן גרויסע חשבונות מיט ווינציקע ווערטלעך, און עס קומט אַרויס אַ וועלט מיט שיינקייט און אמת.

„וואָס איך דערצייל, איז אמת״ — זאָגט איינס אַ מעשהלע ביי שטיינ־באַרגן — „וויל פּאַרשטייט איר מיך, אַ מעשהלע אַ שיינס קאָן גאָר נישט נישט־אמת זיין״. און אָט לויט דעם גאַנג, פֿירן זיך ביי שטיינבאַרגן אַלע מעשהלעך און משלים. אין זיינע צונויפֿגעפּרעסטע מיניאַטורן איז אַלץ „יאָדרע״: מוחל די שימערירנדיקע שאָלעכצן! אַלץ „זאָגט״ דאָ און באַלד אויפֿן אָרט: אַן עבירה רייד. אָפּט קומט אויס, אַז דער משל און דער נמשל זענען צו דורכזיכטיק. זיי אידענטיפֿיצירן זיך צו גיך, וואָרטן גאָרנישט, מ׳זאָל „דעררראָטן״. דאָס פּאַרקלענערט אַ מאָל די שפּאַנונג און די לוסט פֿון געפֿינען.

גייט אַ שאַרפֿער משלדיקער שמועס צווישן דעם חלף און דער זעג, צוויי יידישלעכע שטובזאַכן פֿון ביידע עקן לעבן, נישט סתם שטומע כלים פֿון אַ שוחט און אַ סטאָליער, נאָר באַרעדעוודיקע „אידעעס״, וואָס אַלעגאָ־ריזירן כוח, יעדער פֿון זיין זייט — ביז צום סוף טוען אַ בליץ פֿיר קורצע שורהלעך און מאַכן אַ סך־הכל איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל: „נאָך עד היום איז אַ זעג אַ בעל מלאכה / גאָר אַ פֿלעק אין דער משפּחה / און אַ שאַרפֿער חלף האָט הצלחה: / אי ער קוילעט, אי מען מאַכט אויף אים אַ ברכה...״

וואָס זשע קאָן מען דאָ נאָך צוגעבן? דערביי האָט מען דאָס געפיל, אַז די דאָזיקע אַלע ווערטער שטאַמען נאָך ערגעץ פון די ששת ימי בראשית. זיי זענען געשטאַנען ערגעץ און האָבן געוואַרט אויף שטיינבאַרגס גראַם און אויף דעם עניוותדיקן מאי־קא־משמע־לן.

איצט יאָגן זיי זיך צו אים און ווילן דערלעבן אין אים זייער תיקון. אין אָט די פּראָסטע, פאַרהאַרעוועטע שטובווערטער האָט דער דיכטער אַנגעצונדן אַ נייע קראַפט פון יונגן בילדגעדאַנק. דאָס איז עראָטיק פון דיכטערישער געשטאַלטונג. די געדאַנקען ווערן געטריבן מיט ליידנשאַפטלעכער גלוס־טעניש צו באַהעפטונג, צום גראַם, ווו זיי ווערן איינס, איין באַגליקטער, פאַרזיגלטער אמת.

אָט די דיכטערישע מייסטערשאַפט דערגרייכט אליעזר שטיינבאַרג מיט דער ראַפינירטקייט פון פאַלקסטימלעכן וואָרט. זיין וואָרט האַלט וואָס עס זאָגט צו — אָן די ראָמאַנטישע חנדלעך פון בלאָנדזשען און נישט דערזאָגן. קיינער וועט ביי שטיינבאַרגן נישט „אונטערדיכטן“. וואָס ער באַשאַפט, איז פאַרענדיקט, אין דער קלאַסישער פשטות פון זיין וואָרט, פון זיין משל, אין וועלכן עס פינקלט אַלטער וויין ווי אייביקע וועלט־חכמה.

דעם מושלס נמשל

אריה שמרים ליד

אַט איז מיין לידערבאַנד,
זילבן, ווערטער — ניט דערערדט, —
דער שאַטנוועג פֿון וויטן לאַנד,
די יתום־טריט פֿון קינד־פֿאַעט — —
(„אַ שטערן אין פֿעלד")

אַ מאָל קוק איך זיך איין אין אַריה שמרים שמאָלן, פֿאַרשלאָסענעם פּנים. דאָ איז צונויפֿגעפּרעסט אויף אַ קנאַפּן שטח דאָס סאַמע נייטיקסטע, וואָס אַ פּנים דאַרף — אַראָפּגעמען איז נישט שייך. שטראַלט וואַרעמער דימענט פֿון פֿאַרחידושטן בליק און אויף די ליפּן, וואָס פּראַווען סיגופֿים, קנייטשט זיך, צווישן דריבנע פּייערלעך, אַ מאָגערער שמייכל, אַ נכנע. דער שמייכל שווייגט אַלץ, וואָס ער זאָגט. ער טוט אַ פּלימער און איז אויס די צייט. אַ מאָל זענען זיינע ליפּן יוצא מיט קאַרגע ווערטער — ווי אַן אָרעמאַן „וואַשט זיך", כּדי צו בענטשן. די ברכה איז אַ זאַטע. ער האָט ליב אָרעמע לייט, אַריה שמרי: „אַן אָרעמאַן אַ גרויסער שררה". זאָל איך זאָגן, דאָס פּנים ביי שמרין האָט זיך אָפּגעלערנט צימצום פֿון זיינע לידער?

און אפֿשר האָבן זיךביידע גאָר אַראָפּגענומען אַ מוסטער פֿון די צווייגן אין ווייגאַרטן, מיט וועלכע שמרי איז זיך מטפּל אין זיין קיבוץ — דאַרע זאַכן, וואָס „אַזוי" איז גאַרנישט, אָבער אַז ס'קומט זייער צייט, צעשפּילן זיי זיך מיט פֿרייד און מיט לויכטנדיקן גאָלד. קאָן אויך זיין, אַז די צירונג פֿון צימצום איז באַשטימט פֿון מידבּרס „צער־ברויט":

— דו, וואָס קומסט פֿון טאָליקע גרינען,
פֿאַרליבט אין געציטער פֿון זאַנגל —

זע דאָס געראַנגל
דאָ, אינעם מידבר, ווו קיינער, ווו קיינער
האָט נאָך זיין ברויט פֿון דער ערד ניט געשניטן.
דער זוניקער פֿלאַם, ווי אַ צונג אין דער מיטן
און שטיינער אויף שטיינער — ווי ציינער אויף ציינער —
זיי קייען דאָס צער־ברויט פֿון וועלטס זינקערייען — — — —
(„די צירונג פֿון מידבר")

וואָלט איך פֿאַרמאָגט כאָטש אַ פֿונק צייכנערישן יצר הרע — פֿון טאַ־לאַנט איז דאָך אָפּגערעדט — וואָלט איך אַ ריסעווע געטאָן מיט עטלעכע ווינציקע פֿלאַטער־ליניעס דעם שפּיציקן קלוגן קאָפּ פֿון אַן אַלעגאַרישן פֿויגל, אַ בעל־מדרגה, כולו בליק, באַהאַוונט אין דער חכמה פֿון סודות, השגות, ספֿקות: מסתמא איינער אַ פֿויגל פֿון שלמה המלכס אַגדהשן אַוויאַר־יום. דערנאָך וואָלט איך צוגעשריבן אונטן, כדי מ׳זאָל מיר גלייבן, אַז אָט דער פֿרומער, פֿאַרטראַכטער פֿויגל איז מחוייב צו זיין אַ מין פֿאָר־גילגול פֿון פּאָעט אַריה שמרי. מסתמא איז יעדער פּאָעט פרע־מאָדעלירט ערגעץ אין איינעם פֿון דעם באַשאַפֿס אור־ברואים, צווישן דער נאַטורס המצאות, קאַפּריזן, רעטעניש, פּחדים — ס׳קאָן דאָך נישט געמאָלט זיין, אַז איינס כאַפּט און ווערט אַ דיכטער און „דאָס" זינגט שוין, נאָך איידער מ׳האָט גע־האַט צייט, צו וואָרענען די וועלט.

וואָס זשע דאַרף מען מטריח זיין אַזש אַ פֿויגל? אפֿשר ווייל דאָס נפֿש איז שטאַרק פֿאַרנומען דאָ און דאָרט, ציט חלומדיקע פֿלי־פֿעדעם צווישןביידע עולמות און נישט אַזוי ער פֿליט, דער פֿויגל, ווי ער היפּערט און דריוולט און פֿון סאַמע הימל וואַקסט ער פּלוצעם אויס אויף דער אומזי־כערער ערד, ווייל דווקא דאָ גייט ער אויס נאָכן אין־סוף: מ׳האָט אַ סאַ־לידערע באַזע? און ביי דער גאַנצער פֿליגלדיקייט פֿאַרנעמט דאָס באַ־שעפֿעניש סך־הכל ווינציק אָרט, מחמת יעדעס פּיצל מחשבה פֿון אַ פֿלי איז שוין דער פֿויגל אַליין. נישט ווייט פֿון אַזאַ אַלעגאָרישן פֿויגל איז מסתמא דער „מושל ביים ים" — ווער ווייסט, צי איז נישט דער דיכטער

אַליין דעם מושלס נמשל:
ניט גאָלד מיין געפֿינס
אָט דאָ אויף דעם זאַמדיקן ברעג.

נאָר אַ שערבל אַ דינס
מיט אוצרות פֿון נעכטיקע טעג. — — —
(„אַ מושל ביים ים")

אפֿשר איז דאָס דער „אימה־פֿויגל אומרו", וואָס מיר באַגעגענען אין שמריס פּאָעמע „גן אדם". ער איז זיך געננוג אָנגעפֿלויגן, דער „אימה־פֿויגל אומרו", ער איז שוין געווען אַ „שוואַלב אויף גראַטעס" — און אין אַזאַ מעמד וואָלט אייגנטלעך אַ פֿויגל ביי לייטן געמעגט אויסקומען אָן דעם גע־גראַמטן „אביון מיט שמאַטעס". די שוואַלב אויף גראַטעס שטייט אַליין, אַ חלום פֿאַר זיך: זי איז שוין געגראַמט אין זיך: „אָ, תמיד שוועלבל, אַלץ דאָס זעלבל". נישט ווייט זענען די קראָען אין אַריה שמריס פּאָעמע „פֿונקען פֿון תיקון", וואָס פּראָווען גילגול שלג, טובלען זייער שוואַרץ אין דעם בלענדיקן ווייס פֿון דער ווינטערוועלט, כדי מתקן צו זיין פּגימות. און אָט איז דער פֿויגל אויפֿן „ברודער איילבערט". אויך די שוואַרצע „פֿויגלין" פֿילט זיך היימיש אין שמריס פּאָעטישער שפּראַכוועלט. זייט דעם חדר האָב איך פֿון דער „פֿויגלין" נישט געהערט.

„די וועגן גייען" — הייסט דער ערשטער ציקל אין שמריס קבלה־פּאָעמע „די פֿונקען פֿון תיקון". זיי ציען זיך דורך אַלע דאָרפֿישע שטובן, אין בלויע זיגזאַגן: געדרייטער מהלך „פֿון פֿאַרטייעטן שטעגל צו רחבות פֿון וועלטן". ס'אָ וועלט מיט פּשיסכער ראָמאַנטיק און „טעג, פֿאַרשטויבטע, געבויגענע", דער רבי און דער שואב מים, די פֿרייד פֿון מחשבה, די טרערן און חלומות, אין שטילקייט צו היטן, ווי ס'האָט די מאַמע „איר צירונג הינטער דעם שלייער באַהאַלטן". מיט אָט דער דיכטערישער צניעות זינגט ביי שמרין דער בוים אין פֿעלד, אַ שייער, אַ ברונעם, דער גן־עדן, איידער ס'איז „צו געוואָרן דער טויער". אויך דער „פּורפּורענער פֿאַרטאָג" איז ווי ער וואָלט זיך אַרויסגע־זאָגט ערגעץ פֿון טאַטנס אַ תּפֿילה אין ניכטערנעם אינדערפֿרי. דאָרט, אין דער לירישער תּפֿילה פֿון באַשאַף, ווערט „געברענגט" דאָס קילע בלוי פֿון טייך, דער טוי און דער צוויט, די וואָרצלען און גראָזן, דער בלענד און בלי און די חלומות טאָקע פֿון הי. די וואָרצלען זענען אייגענע, אין שמריס גאָרטן איינגעגראָבן, נישט אַנטליִען אין דער ליטעראַטור־רעקוויזיטאָריע, וואָס באַזאָרגט די פּאָעטן מיט גרייטער „נאַטור":

— דאָס איז מײנס, פֿון קײנעם געליִען.
דאָס איז הײם, װײט פֿון יאָרידן.
אירע שטויבן — מײן מי אויסצומיִען,
איר װאָרעם — מײן ליד אויסצולידן. — — —

אַריה שמרי איז „אײנגעבראָדערט אין דער נעסט" — דאָ פּראָוועט ער װעלט־גלויביקײט. אַ מאָל נעמט ער אַ שטעקן, אָפּגעשניטן פֿון װאַלד, נעמט מיט אין שטעקן דעם װאַלדס שטילקײט און שפּרײזט בײ די זײטן פֿון װעג. דאָס איז נישט „אַזוי זיך" געבלאָנדזשעט, װאָס מאַכט חנדלעך מיט זיסער װעלט־פֿאַרלוירנקײט — און אַז יאָ געבלאָנדזשעט, איז דאָס גלײביקער טראָט: דרך. זײנע לידער װיל דער דיכטער „אַרויסזינגען פֿון לײם": זײן הײם. דאָס איז שמריס אַ באַשערטער גראַם — אַפֿילו ער װערט גאָרנישט „געברענגט". גיט ער אַ זאָג אַ „זמר פֿון אַ ותיק", איז דאָס אַ מין פּזמון פֿון װאָכעדיקן שבת שירה: פֿאַרהאָרעװעטע װערטער, כמעט אָן אַ ניגון, אַװדאי אָן אַ „זאַנגל" — רײד, אַרײנגעטאָן אין זיך אַלײן, אָפּגעהיטן פֿון פֿאַלשע טענער:

— און װי אַ דזשאַד מיט אויסגעפּליקטע קני,
קרועה בלויה אַזוי װאַנדערן,
ביז כ׳װעל טרעפֿן ז י ך אָן אַנדערן — — —

דאָס אַלץ איז דרך פֿון תּיקון: דערגײן צום אַנדערן אין זיך — פֿאַרריכטן די אײגענע געשטאַלט, צולײגן זי צו דער װונד פֿון דער װעלט, הײלן מיט שײנקײט, הײליקן. היפּש קװניעס זענען צעשטעלט אין אַריה שמריס פּאָ־עטישער לאַנדשאַפֿט, סאַמע װאָרשטאַטן, װוּ עס שפּריצן פֿונקען און עס הילעכן האַמערס אין פֿלאַמען, אויף צו שמידן כּוח און פֿעסטיקן דעם גאַנג. איך בין כמעט װי זיכער, אַז די פֿונקען, װאָס רײסן זיך אַרויס פֿון טונקל פֿון דער פֿאַרהאָרעװעטער דאָרפֿישער קוזניע שמעלצן זיך צונויף אין „װאָ־כיקן ליכט", מיט מער לויטערקײט, אײדער די אויסגעמוטשעטע קדושה־ניצו־צות פֿון בעאָ־פּרצישן צדיק. ערלעכערע שײנקײט ליגט אין די נאַטור־שטימונגען פֿון דער קבלה־פּאָעמע, אײדער אין איר זאָגערישער חריפֿות. קאָן זײן, די „פֿונקען פֿון תּיקון" בעטן זיך, מ׳זאָל זײ אַרויסנעמען פֿון

דעם קוואַדראַטישן אַלבאָם מיט דער אילוסטרירטער שטייפער רבי־עצבות און אַריינגעבן גיכער אין אַ ספּרל, צווישן יענער משפּחה ספרלעך, וואָס דער טאַטע פלעגט קיין מאָל נישט האַלטן אין דער הייך, אויף דער אָפענער פּאָ־ליצע, צווישן האַרבע גמרות און שולחן ערוכס, וואָס פסקענען, נאָר אַ היפּש ביסל אינטימער, אין דעם ווייכן טונקל פון סאַמעטענעם טלית־ און תפילין־זאַק. יענעם טראָגט מען ביים האַרץ, אין איינעם מיטן „חיי אדם" און מיטן „חוקל" און מיט די „תיקונים": אוצרות שפלות און חדווה. שמעקן די ספר־לעך מיט מידות און טרייסט און מיט שאַרפן „תיקון", וואָס צעבריט זיך באַלד נאָכן דאַווענען אין גרינלעכע בייכיקע קעלישקעלעך. מען „זיצט" מיט דבקות און „נעמט" צו קאַפּעלעך און איינער אַן אַלטער גייער, וואָס האָט נאָך גע־קענט דעם הייליקן זיידן, עמעצנס, שווייגט און „ציט מוחות" און איז מעורר אויך דעם יצר־הרע צו מעשים טובים — מחמת מיטן יצר־טוב אַליין וועסטו נישט יוצא זיין: יענעם איז צו גוט.

ניט אוצרות און רומען
טראָג איך אין מיין רומל,
נאָר שטויבן, די וואַרעמע שטויבן
אויף דאָרפישע שויבן
פון זון דורכגענומען,
מיט זיי וועל איך קומען — — —

(„אין מיין רומל")

דער ענין „קומען" שמעקט ווידער מיט דעם גאַנג צו תיקון. ער ציט זיך כמעט דורך אַלע לידער פון אַריה שמרי: איין שימערירנדיקער שטראַלן־געציטער, וואָס באַקראַנצט זיין באַוועגלעכע וואָרט־וועלט. און אַז עס נעמט אין שמריס אַ ליד שאַריען אין פולן „פריען", מיינט דאָס, אַחוץ דעם געטרייעם גראָם און אַחוץ דער וועלט, ווי אַזעלכער, וואָס דאַרף אויפשטיין — מיינט דאָס, אַז די מי פון פאַרטאָג רופט און אַז ער דאַרף זיין דערביי פערזענלעך, דער פּאָעט, ווען עס באַנייט זיך די פרימאָרגנדיקע וועלט־יצירה. דאָס הייבט זיך אָן באַלד מיט דעם „גין" פון באַגין — אויף דער קרובהשאַפט האָב איך שוין לאַנג געוואָרט — ביז דער „גין" גיסט זיך איבער אין גאָלד פון גע־צונדענעם פאַרנאַכטיקן הימל:

אַ לעצט פורל אויפֿן וועג,
באַלאָדן מיט היי פֿאַר רינד,
אַרבוז פֿאַר קינד
און אַ גרויסע זון פֿאַר אַלעמען.

דער פֿאָרער דרעמלט אין דעם היי,
מיט בטחון, אַז די קאַשטאַנעס צוויי
וועלן שוין דערפֿאָרן.
אַ טיפֿע בלאָקייט איבערן פֿורל וויגט זיך
און ציילט מיט שטערן
אַזוי פֿיל טעג און יאָרן — — —

(„אין וואָכיקן ליכט")

דער דאָזיקער דיכטערישער פֿאַרנאַכט, ליריש אין יעדן איינציקן וואָרט און אין דעם אָטעם צווישן די ווערטער, אייביק אין דעם חסד, וואָס פֿלייצט אַרום, שטיל מיט דעם בטחון, אַז מ׳וועט „דערפֿאָרן" — איז איינער פֿון די לויטערע ערד־ און הימל־שעהען, וואָס זינגען זיך מיט זעלטענער גענאָד דורך דער וועלט־פּאָעזיע, ווען עס רוט אויף איר די שכינה. וואָלט מיר אויסגעקומען, אַז דער דיכטער דאַרף זיך אָפּשטעלן, מיט פֿרייד און הכנעה, דאָרט, ווו דער באַשאַף אַליין ענדיקט: מיט „טעג און יאָרן". זיי אַליין ווייסן די מאָס אַקוראַט. אַלץ אין דעם אָוונט־ליד איז געלייטערטע תּפֿילה: די בלאָע שעה, דער באַלאָדענער וואָגן, די „גרויסע זון פֿאַר אַלעמען" און דער דיכטער הינטער די „פֿענצטער, די געצונדענע", וואָס איז פֿאַרזונקען אין תּפֿילה — אַחוץ דעם תּפֿילה־טעקסט אַליין, וואָס זיינע צוגעטשעפּעטע שורות טוען ביים סוף אַ גרילץ, גלייך עס וואָלט דאָ עמעץ צעמישט די אַדרעסן:

— אָ, לייז מיך אויס פֿון אַלע פֿיבערן
און לערן מיך, זיין איינער
פֿון די יאָכיקע און שטילע.

— שוין געלערנט! אַזעלכע אומגעבעטענע דריי שורות שטעלן זיך אַ מאָל אַליין אַריין אין אַ ליד און פּראַוּוען דאָרט פּרעמדקייט. דאָס זענען שורות, נאָכגעזאָגטע, אַפֿילו ס׳האָט זיי פֿריִער קיינער נישט געזאָגט. פֿון

ערגעץ האָט זיי דער הילכער פֿון דער צייט אָנגעטראָגן, האָט ער ביי זיי אַרויסגענומען די נשמה — דערנאָך דרינזשען זיי שוין אין דעם אַלוועלטלעכן בלעכוואַרג פֿון רייד, וואָס טייל פֿון זיי פֿאַרבלאָנדזשען אַ מאָל אַזש צו אַריה שמרין, כאָטש זיי בלייבן ביי אים דורכויס אַנאָנים:

— זאָל ווערן מענטש מיט מענטש פֿאַרקרייזט
אין בונד פֿון פֿלייש און ביין און גייסט,
מיט נייע קראַפֿט און האָפֿט — — —

דאָס זענען פּסוקים, וואָס גייען אַליין. „אַ פּרוטה גלויבן" — בעט זיך עמעץ ביים דיכטער — גיי זשע, גלייב, אַז אויסגעדינטע לאָזונגען, וואָס קומען נאָר וואָס פֿון ערגעץ אַ יאַריד, פֿרעמדע רוחות, קאָנען שטיין אין שכנות פֿון דורכגעציטערטע שורות, וואָס טוען תּפֿילה אין דער וועלטס פּחדים און ברענגען אַרויס מיט זאַגערישער פּשטות אַן ערלעכן פּסוק האַרץ־צעבראָכנקייט:

— איך בין דאָס קינד פֿון וואָגל־דור,
וואָס אַש פֿון גאָט אויף זיין גומען ברענט...

איך ציטיר פֿון דעם דינעם בלויען ביכעלע „אין וואָכיקן ליכט" — און מיר דאַכט זיך, אַזוי וואָלט געמעגט הייסן דער רוב פֿון שמריס לידער: ערלעכע לידער, וואָס טראָגן עמקות אין זייער פּשטות, אומעט און בטחון, לידער, ווי די סנאָפּעס אין פֿעלד, און אַלע זיינע חלומות, חידושים און תּפֿילות, די גייסטיקע מרחקים און דעם דיכטערס איינזאַמקייט זענען אַרויס־געזאָגט מיט ווערטער, וואָס קאָנען זיך אַלע זמיעשטשען אין איין איינציקן וואָרט פֿון דיכטערישן אמת. אויך די העזה און די הכנעה נוצן קנאָפּ אימאַזשן, מאַכן נישט קיין אָנשטעל:

— עס ווילן מיינע טעג,
אין לעצטן פֿון פֿאַרנאַכטן,
מיט הכנעה באַזאַכטער
זאָגן דאָס וואָרט פֿון די ווערטער: גוט.

(„צו מיין דאָרף")

בינעם העלערס גאַנג

איך זע זיי אַלע, די צענדליקער יידישע דיכטער, דערציילער, עסייאיסטן פֿון יענער זייט וועלט, פֿאַרשניטענע אָדער נישט דערגאַנגענע, אומגעקומענע, פֿאַרשוווּנדענע אין מידבר פֿון דער „גרויסער צייט", וואָס איז נאָך קלענער — ווען דער פּראָגרעסיווער חושך האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער מענטשהייט. מיט די גלויביקע, די לונאַטיקער מיט אידעאָלאָגיע, זענען מיטגעלאָפֿן קאַלטע עקסטאַטיקער, וואָס האָבן זיך, אַלע אין איינעם, געוואַלגערט אין די שטויבן פֿאַר דעם מאַטעריזירטן רייטוואָגן, ווען דער מולך, דער בלוט־באַזאָפֿענער, דער שקר־פֿאַרשיכורטער, האָט גאַלאָפּירט צום אָפּגרונט. דאָס איז געווען דער געץ פֿון יאָרהונדערט, וואָס האָט אַלעמען באַצויבערט מיט זיין זיסער אַכזריות: די פּראָסטיקע „זון פֿון די פֿעלקער". די צוויי וואָנסעוואַטע העק אין דעם פֿינצטערן פּרצוף האָבן גילאָטינירט דאָס לעבן.

געווען שרייבערס, וואָס האָבן נישט באַוויזן ליקווידירט צו ווערן — זיי זענען געבליבן ליגן אין הינערפּלעט, געשענדעטע, מיט אָפּגענומענעם גייסט, מיט וואָרט־פּראָטעזן אין מויל. זייערע ליפּן זענען הילצערנע פּראַל־ניקעס, וואָס האָבן אויסגעקלאַפּט הילכיקע הימנען צו דער אונטערוועלט פֿון מאָרגן. דאָס זענען געווען לוויה־כאַראַלן, דיריגירט פֿון ברמינגס מיט די־נאַמיק, וואָס האָבן געבושעוועט אין האָפֿערדיקן ריטעם פֿון טריומף־מאַרשן, לירישע לידער צום מאַוזאָליי: מאַוזאָליריק.

טראָגט זיך אַ זיגערישע קלינגעריי פֿון געראָטענע פֿאַלשע מטבעות אין דער פּאָעזיע פֿון בראָך און איבערבראָך: געשליפֿן בלעכוואַרג מיט אַ שאַרפֿן בליאַסק, וואָס פֿאַרדרינזשעט דעם שטילן קלאַנג פֿון די עכטע מטבעות פֿון געפּיל און געדאַנק — מחמת די פֿאַלסיפֿיקאַטן, שפּאָגלניי און טעכניש פּערפֿעקט, זענען דערצו נאָך „געדעקט" מיט אַ הונדערטפּראָצענטיק גאַ־ראַנטירטן אויספֿעל פֿון גאָלד. דאָס איז זייער ספּעציפֿישקייט.

נאָר עטלעכע געציילטע צווישן די שרייבערס, געבענטשטע מיט אומרו, אפֿשר גילגולים פֿון די אַנוסים, בלאָנדזשערס אויפֿן מיטן ברייטן שליאַך, האָבן זיך שטילערהייט, אין אָפּגעריסענע הפּסקות צווישן די הורא־געשרייען, געראַנגלט מיט דער אימה און האָבן זיך קוים דערראַנגלט צו די טליענדיקע רעשטלעך פֿון זייער פֿאַרדושעטן איך. דער און יענער האָט אונטערגעזיג־דיקט אין די באַהעלטענישן פֿון שופֿלאַד מיט אַ דיכטערישער שורה „אין ציוויל" — בשעת די מאָביליזירטע לידער האָבן שוין פֿון לאַנג געהאַט אָנ־געטאָן מונדירן פֿון פֿאַראַדע־תכריכים און די פויקן האָבן געפּויקט.

דער טרויער איז אייביק, דער טרויער וועט בלייבן,
ווי ס׳בלייבט דער טומאַן אויפֿן פֿעלד נאָכן שניט.
ס׳וועט שטענדיק אין האַרבסט אויף מיר וואַרטן אַ שייבל
מיט וואָלקן און ווייטע פֿאַרלוירענע טריט.
— — — — —

(„דורך שאָטן און שיין")

מיט איינגעהאַלטענע שטימונג־שורות, מיט נאַטור־און ליבע־לידער, מיט געפּרעסטן סאָציאַלן פּאַטאָס איז בינעם העלער געוואָרן אַ דיכטער: מיט דעם בייסיקן געררודער — ריח פֿון סמאַטשע, מיט די הילצערנע טרעפּ, וואָס ציען זיך, הויך און קויטיק, צו דער מרה שחורה פֿון בוידעם, מיט הונגער און בושה און חלום פֿון ברויט, מיטן אַרבעטסלאָזן טאַטן, וואָס וויינט אין די נעכט, און דעם אומעטיקן קויש בייגל פֿון די

— — — מאַמעס, וואָס גרייטן די טישן אין טרוים
מיט ווייַן און מיט עפּל, מיט גליק און מיט פֿרייד,
מאַמעס, וואָס קאָנען באַנעמען קוים־קוים
פֿון נעפּלדיקן חלום דעם קלאָרן באַשייד.

(„דאָס ערשטע ליד„)

— נישט מיט דעקלאַמאַטאָרישע „פֿענער, באַריקאַדן, מונדירן, אינטער־נאַציאָנאַל", וואָס ענדיקן זיך כמעט אַלע מיט דעם רעפֿריין: „סטאַלין" — זיי קאָנען נישט אַנדערש. האָט בינעם העלער פֿאַרגעסן, אַז ס׳איז 1941 אין

סאָוויעטיש ביאַליסטאָק, ווען דאָס אינדיווידואַליסטישע „אָפּנויג״־ליד „דער טרויער״ איז געשריבן געוואָרן און אַז דעמאָלט האָט יענער גאָר געהייסן פּריילעך זיין, אַלע אין איינעם, קופּעסווייז, מיט רויעם לשון פון אַ פּאָעטישער קאַזאַרמע, אַ מין לשון, וואָס איז קיינעמס נישט, נאָר דער כאַליאַסטרעס גרויליקער הפקר, אַרויסגעשאָסן אויף קאָמאַנדע פון אַ האַרמאַט. ווער זשע קאָן פאַרשטיין די קאָשמאַרן און די צוואַנג־אַוואַנטורעס פון אַ פּאָעט, וואָס איז אין דער אָרגאַניזירטער אומקומעניש געבליבן אַליין מיט דעם ברען פון גלויבן און דער פּיין פון צווייפל, געבליבן גאַנץ אין דער צעבראָכנקייט?

— — — ווי איז געשען, אַז איך זאָל דעם פאַרברעכער
באַזינגען און פאַרוואַנדלען אין מיין טוגנט?
אַז איך זאָל שטעלן אים פון אמת העכער
און, ווי אַן אָפּגאָט, מקריב זיין מיין יוגנט?
— — — —

(„נישט אָנגענומען״)

דער דאָזיקער אויסבראָך פון כעס און בושה, פון וועלכן איך האָב ציטירט בלויז די פיר שורות פון ווידוי, איז געשריבן געוואָרן אין וואַרשע 1956 און פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין תל־אביב, ווען דער דיכטער האָט עולה געווען קיין ישראל. זייט דעמאָלט טרעף איך זיך אין די לעצטע יאָרן מיט בינעם העלערן: מידע בלייכע יאָרן, ווי נאָך אַ צערנדיקער קרענק, ווי נאָך די מאַטערנישן פון אַ גייסטיקער אַוואַנטורע — באַשערטע יאָרן, ווי דער מילדער, שווערער אָנהייב פון אַ נייעם גאַנג צום לעבן. אפשר פאַרגינט ער זיך נאָך אַליין נישט די פרייד פון דער פרייהייט:

— — — איך האָב זיך נאָך אַלץ נישט פאַרדינט.
איך בין נאָך נישט ראוי דעם זכות
צו דאַנקען דעם אָפענעם ווינט —
פון אמתער פרייהייט דעם גרוס.
— — — — —

(„אויפן שלאָס״)

זיינע ערשטלינג־יאָרן אין לאַנד זענען געצייכנט מיט איבערגעבליבענע וווּנדן, וואָס היילן זיך פּאַמעלעך. וווּנדן דאַרפֿן ווידער יאָרן און די מילד־קייט פֿון זיכרון — איז יעדע וווּנד אַ חותם: שווער צו פֿאַרבייטן אַזעלכע צייטן.

— — — דו קוק זיך גוט איין אין די צייכנס
פֿון מיין פּנים און פֿאַרשטיי:
פֿון אַלץ, וואָס כ׳האָב געפּרוווט דערגרייכן —
פֿאַרשריבן איז דאָרט בלויז דער ווי.

(„פרילינג אין פוילן")

איך שרייב איצט נישט קיין כאַראַקטעריסטיק פֿון העלערס שאַפֿן און פֿון דעם צייטגייסט, וואָס האָט זיך מיט אים אידיעקעוועט, אַזוי ווי מיט זיין גאַנצן דור. קומט מיר אַ מאָל אַקעגן בינעם העלער: דינע, ציטעריקע ליניע, נאָך דינער, כמעט באַלכסון, זוכנדיק אַ שטיקל אָרט פֿאַר איר אומרו. אַזוי זעט אויס אַ מענטש, וואָס קומט שטיל צו זיך, פֿאַרריכט זיך פּאַמעלעך. דאָס שמאָלע שמייכעלע אויף זיין פֿאַרלאָשענעם פּנים, קוים־קוים אַרויסגעלאָזט אין דרויסן, אַ גרינלעך ראָזעווע שמייכעלע, מסתמא אַ ביסל פֿאַר־ביסן, איז אַן אָפּגעבראָכענער שטראַל, וואָס איז פֿאַרבליבן נאָך אַ געפֿערלעכן פֿיבער: אַ גאַנצע תקופֿה האָט זיך אין דעם פֿיבער געוואָרפֿן.

— — — מיין בלוט איז שוין פֿול מיט געזאַנג,
נאָר איך האַלט עס פֿעסט אויפֿן שלאָס.
ווי לאַנג וועל איך וואַרטן, ווי לאַנג? —
אין האַרץ לעבט נאָך אַלץ דער פֿאַרדראָס.
— — — —

(„אויפֿן שלאָס")

אַ שמועס מיט בינעם העלערן, וועגן שרייבערישע ענינים צי וועגן אַנדערע: על־פּי־רוב צעבראָקלטע ווערטער, אפֿשר שעמעוודיקע, אַוודאי צוריקגעהאַלטענע. נישט אַזוי גיך באַהעפֿטן זיי זיך, איינס מיטן אַנדערן, די ווערטער, און עס אַרט זיי קנאַפּ, אַז זיי פֿאַרלירן זיך און בלייבן ערגעץ הענגען, נישט דערזאָגטע. העלער איז נישט פֿון די לויזע שמועסערס —

צעגייט מען זיך אין מיטן פּסוק און דעם רעשט דערשוויגט מען. אַוודאי, דאָ שוויגט מען געמיטלעכער, איידער אין דער וועלט פון קלעמענדיקער שטומקייט. אָבער עס טרעפט, אַז דער דאָרט גיט פון יענער זייט אַ וואָרף אַ טונקעלן שאָטן, אַזש ביז אַהער:

איך בין שוין ווייט אַוועק, נאָר אין געלויף
איך פיל נאָך אַלץ דאָס פּאָכען פון אַ קנוט.
מיר דאַכט זיך אַז דער טייוול מאָנט אַ חוב,
וואָס כ׳האָב אַ מאָל געחתמעט מיט מיין בלוט — — — —

(„איין באָגער")

דאָס איז אַ באַגלייבטער גראַם, קנוט מיט בלוט:ביידע זענען אויס־געוואַקסן אין איינעם, ביידע וואַרטן אויף אַנאַנד. דאָס איז נישט קיין אויסגעגאָרגלטע קאַלאַראַטור, וואָס האָט הנאה פון איר ווירטואָזער המצאה. דער „קנוט פּאָכעט" ממש, אָן מליצה, און די פּלייצע קאָרטשעט זיך אין יסורים — טוט אַ וואָיע אַ שטיק עבר. אַ מאָל פיל איך בעת די באַגעגענישן מיט בינעם העלער אָן אונטערבאַוווסטן אָפּשיי, נישט צוצוקומען צו נאָענט, נישט אָנרירן אַ קוים איינגעשטילטן ווייטיק. יענער טוליעט זיך, צניעותדיק, צו דער שטילקייט פון געצאַמטע שורות. דאָרט צייטיקט ער זיך, צו ווערן פּאָעטישער אויסדרוק.

זיין בליק לאַשטשעט זיך צו דער נייער לאַנדשאַפט, צו די נייע שווערע וועגן פון אומקער צו זיך אַליין — אָבער עס איז נישט מער ווי נאַטירלעך, וואָס שטייענדיק ביי דער פאַרברענטער בריק, וואָס איז געבליבן הינטער אים, טוט דער בליק אַ מאָל אַ שוועב אַהין, צום עבר:

— — — מיין קינדהייט פליט נאָך אויף אַ פּלינקן שליטן,
כאָטש איך בין פון דער מזרח־זון שוין בלינד.
די בענקשאַפט האָט אויף צווייען מיך צעשניטן
און איינגעשפּאַנט אין ביידע זייטן ווינט.

שמעקן זיינע איצטיקע יאָרן מיט שווערמוט און טרייסט, מיט דיכ־טערישן ווידוי, וואָס שעפּטשעט זיך ווי אַ תפילה זכה, מיט הכנעה און מיט אויפשפּראָצנדיקער נייער לעבנס־העזה. דאָס זענען לידער פון השתפכות און

חשבון, וואָס דאַרפֿן מפֿייס זײַן דאָס לעבן פֿאַר אַ גאַנצן דורס הוליאַנקעס פֿון זעלבסט־שענדונג, פֿאַר דעם שלא כדרכו פֿון גייסטיקע מאַזאָכיסטן, וואָס שפּילן זיך עפֿנטלעך מיט זייער גראַנדיעזן בראַך: „נידער מיט אונדז!״

לאָמיר מודה זײַן: אין יענע יאָרן האָב איך נאָר צופֿעליק, אַ מאָל דאָ און דאָרט, געלייענט פֿון בינעם העלערס „יענע״ לידער. אפֿשר איז דאָס געווען אַ מין ביישנות פֿון מײַן זײַט, וואָס האָט זיך אינסטינקטיוו אָפּגעהאַלטן פֿון באַגעגענען זיך פּנים־אל־פּנים מיט דעם באַליידיקטן לשון. קאָן זײַן, האָב איך געטראַכט, ס׳וועט דעם לשון זײַן פּריקרע, אַז מענטשן זענען אומדיסקרעט און כאַפּן אים ביי דער זאַך — כאָטש די שפּראַך און דער גייסט זענען געווען קהלישע און יעדע שורה אַלעמענס, פֿאַר וועלכער קיינער איז פּערזענלעך נישט פֿאַראַנטוואָרטלעך.

איצט איז בינעם העלער, אויף ווייטע אומוועגן, געקומען צו זיך, צוריק צו זײַן פּאָעטישן קוואַל, צו זײַן ערלעכן ניגון:

אַ יונגער איז דער ניגון, ווי די ערד,
אַ לייכטער — ווי אין פֿויגלפֿלי דער שאָטן.
אויב האָסטו אים כאָטש איין מאָל בלויז געהערט,
וועט אייביק נאָכגיין דיר דאָס ליד אָן נאָטן.
דער אָנהייב פֿון דעם ניגון איז אַ נס —
אַן אויסגעמיש פֿון ריחות און פֿון קלאַנגען:
דאָס איז דער בלאָער בליִענדיקער בעז,
דאָס רוישן פֿון די כוואַליענדיקע זאַנגען.
פֿון ווילדן וואַלד דער שאַרפֿער אַראָמאַט,
דאָס וואַנדערליד פֿון ווינט אויף אַלע וועגן,
פֿון ליפּעבוים דאָס ברייטע, גרינע בלאַט
און אויך דער גאַס פֿון זומערדיקן רעגן.
— — — —

(„דער אָנהייב פֿון מײַן ניגון״)

האָבן זיך אפֿשר טאַקע געלוינט די אַלע אַוואַנטורעס מיט דעם געזוכטן גאָט, וואָס האָט אָפּגענאַרט, כדי צו דערגיין, נאָך אַלעמען, פֿון ס׳ניי צו דעם אויסגעפּרוּווטן ערלעכן וועג פֿון דיכטערישן שאַפֿן.

דער מנגן

צום יובל פֿון יוסף פּאַפּיערניקאָוו

פֿערציק יאָר איז איצט אַלט געוואָרן יוסף פּאַפּיערניקאָווס לידער־וועלט — און איצט, זאָגט ער, איז „די זון הינטער מיר". אויף וויפֿל איך קען די זון, איז זי סיי ווי זעלטן צוגעקומען נענטער צו דעם דיכטערס לעבן — אפֿשר כדי נישט צו שטערן די אינטימיטעט פֿון זיין עלנט. פּאַפּיערניקאָוו, ווייסן מיר, איז אַ מנגן מיט אַ פֿיינעם לירישן געהער און די ניגונים האָבן ליב, אַז ער זינגט זיי „סאָלאָ". האָט זיך אַ מאָל אַ משורר ביים עמוד, צווישן אַנגעהיצטע טליתים, צעציקלט מיט אַ שטיקל „סאָלאָ", איז דער מעמד אַליין שוין געוועזן האַרצרייסנדיק — אַוודאי: דאָס קול. די ניגונים זענען איינגעזונגען מיט פּאַפּיערניקאָוון, צוגעוווינט צו יעדן קנייטש פֿון זיין געמיט, צו יעדן ציטעריקן ניואַנס פֿון רירונג, פֿון ווייכער הייזעריקלעכער מתיקות, אַ מאָל ביטערניש פֿון טענות, פֿון שטילן פּראָטעסט — אָבער דער ניגון איז ביי אים אַלע מאָל דער זעלבער. ערגעץ זאָגט אַליין פּאַפּיערניקאָוו, אַז ער איז קיין מאָל נישט אַוועק צו ווייט פֿון זיך.

דאַכט זיך, פּאַפּיערניקאָווס לידער זינגען זיך אַזוי, זייט מיר געדענקען, און מסתמא נאָך אַ ביסל פֿריער. אויפֿגעשפּראָצט זענען זיינע לידער אין אַ באַוועגטן אַמאָל, וואָס האָט זיך שוין אַ ביסל פֿאַרנעפּלט: לידער פֿון בענקשאַפֿט און חלומות, יחידישע און סאָציאַלע, האָרא, עמק, חלוצים, מיסטעריע פֿון באַנייטער לאַנדשאַפֿט, פֿון ברידער, נישט דערקענטע, וואָגל און וועלט פֿון בראשית, לידער פֿון דער מענטשהייטס גורל און פֿון דער באַווינטער אייגע־נער דאַליע. אָרום ברענט דער ווי פֿון דער וווּנדיקער וועלט — אָבער אין פּאַפּיערניקאָווס האַרץ גרויט דאָס קלעמענדיקע עלנט פֿון דער אַמאָליקער היים, פֿון דער אָרעמער שטוב פֿול מיט „פּרעסערס", וואָס הונגערן אידיליש

אַרום טאַטנס טיש. ציט זיך אַ ליד צו אַ ליד — אַלע געקניפּט און געבונדן מיט דעם דיכטערס האַרץ, וואָס קוואַלט מיט טרויער ווי אַ ברונעם.

האַרץ איז אַ פּאַרצייטיקע כלי — אָבער יוסף פּאַפּיערניקאָוו מאַכט אַפּילו נישט דעם אָנשטעל, אַז ער האַלט ביי בייטן דעם „אַלטן ספּאָסיב". ער נוצט אין זיין ליד פּשוטע ווערטער, געטרייע — און צו טייל פון זיינע לידער האָט דער דיכטער אַליין צוגעפּאַסט מעלאָדיעס. סיי ווי שוועבן ניגונים אין חלל — האָבן זיי באַקומען אַ תיקון אין פּאַפּיערניקאָווס אַ שיר. די מעלאָדיע זינגט זיך אין מינאָר, מיט אַ פּערלדיקער טרער אין קול, ווי עס פּאַסט פאַר אַ „מאָראַליש שטיקל" — און די פּערזן שווייגן אויך נישט: זיי „מיינען" שטענדיק עפּעס — און וואָס זיי מיינען, פאַרטייטשן זיי. עס אַרט אים נישט, דעם דיכטער, וואָס ער זאָגט צו פיל אַרויס און עס בלייבט באַלד נישט, וואָס מגלה צו זיין: אויף וועמען וועט ער זיך פאַרלאָזן? ער האַלט נישט דערפון, אַז אַ פרעמדער רוח זאָל זיך באַברען אין זיינע שורות און זאָל ביי אים „אונטערדיכטן" און „אויסענדיקן". עס טרעפט, אַז אין זיין אומצוטרוי צום לעזערס איבערלעבונג־טאַלאַנט גיט פּאַפּיערניקאָוו באַלד צו אַ שטיקל דידאַקטישן נמשל צום דיכטערישן משל — ווערט טאַקע, צוליב דעם, אָפּגעשוואַכט דעם לעזערס געניוס־פּאַטענץ, זיין אַנטפּלעקערישע הנאה צו „כאַפּן" אַליין די באַהאַלטענע כוונה.

אַ מאָל צעגיסט זיך אין זיינע לידער זיסער אומעט, ווי פון אַן אימאַ־זשינירטן שפּילקעסטל אין הויף, ווו דער וואַנדער־מוזיקאַנט דערלאַנגט זיין שווער געמיט צו דער מענטשהייט, וואָס זיצט הינטער די גאַרדינען. ס'איז אַן אַטמאָספערע פון תמימותדיק־שאַרפער פאָלקס־זינגערישקייט אַרום די לידער פון יוסף פּאַפּיערניקאָוו — און צו אַ טייל פון זיי, אַפּילו צו די ראַ־פינירטע, בעט זיך אַ ראָמאַנטישע מאַנדאָלינע, אפשר אַ פּאַרצייטיקע „לירע", וואָס צימבלט צו ציטערדיקע טענער צום בראָך פון דער וועלט.

יוסף פּאַפּיערניקאָווס בוידעם־שטיבל ביים ים אין תל־אביב איז אַריין אין דער יידישער פּאָעזיע, אין איינעם מיט דעם טוכלען הינטערגרונט פון די נאָענטע יפוער מעטשעטן און מיט דעם זינגזאַנג פון אַנטשוויגענעם מועזין אויפן שפּיץ טורעם. דער דיכטער האָט די געהויבענע אָרעמקייט פון זיין אַליינזיין אויפן דאַך־בוידעם אָפּט באַזונגען, מיט מתיקות פון צער, נישט אַן

אַ באַהאַלטענעם טאָן פֿון לייכטע לירישע שטראָפֿרייד פֿאַר דער מענטשהייט — אָבער איך בין כמעט ווי זיכער, אַז אין אַ שטוב מיט מעבל, וואָס פֿילט זיך מיט דעם ריח פֿון באַלעבאַטישקייט, וואָלט פּאַפּיערניקאָוו אַוודאי נישט געהאַט דעם קאָמפֿאָרט פֿון עקסקלוסיווער אָביונישער התבודדות.

דאַכט זיך, זיין בוידעם־שטיבל איז שוין מחויב צו זיין פֿון די סאַמע לעצטע, וואָס באַצירן די יידישע ליריק: אַ מין שיכון פֿאַר דער שכינה. אַזוי פֿלעגט מען פֿאַרצייטנס איינאָרדענען טעמפּלען פֿאַר דער מוזע: דעקאָראַ־טיווע חורבות מיט אַ סך זון־פֿאַרגאַנג, מיט אַריינמאָנטירטן אומעט, מיט דער מרה־שחורה פֿון קלאָגנדיקע ווינטן און מיט שטערן, וואָס האָבן אַ מאָל אויך נישט ווו צו זיין — רעגענען זיי דאָ אַריין ביי נאַכט. דער דאָזיקער מין בוידעם־בנין הוידעט זינגעוודיק זיין איינזאַמקייט. די פֿיר ווענטלעך זענען נאַקעט, פֿאַרהאַנגען מיט קאַליריקע אילוזיעס: קוליסן פֿון דעם לירישן גורל־שפּיל. דאָס איז דער בוידעם פֿון חלומות — לאָזט ער זיך טאַקע אויס פֿון זיי. אַזוי וויל דאָס פֿאָלקסווערטל — און מיר ווייסן: נישט פֿאַראַן דאָ קיין זאָגעניש אין דער וועלט אַריין.

געווען אַ מאָל אַ הויך־אַנטוויקלטע בוידעם־אַרכיטעקטור פֿאַר ראָ־מאַנטישע טרוימער אין דער פּאָעזיע פֿון אַ סך פֿעלקער און שפּראַכן — דער עיקר, וואָס העכער פֿון דער ערד: נאָך העכער. פּאַפּיערניקאָוו איז אַוודאי איינער פֿון די זעלטענע זאָגערס פֿון נאָגנדיקן ניגון. ער ציט אים אויס, פֿאַרדבקהט, ביז צום לעצטן אָטעם סענטימענט — כאָטש אָפֿט זענען זיינע לידער אויסגעזונגען אין שטרענגער קינסטלערישער פֿאָרעם. בטבע איז ער אַ שווייגער — האָט ער אָבער תרעומות, וואָס די וועלט לאָזט אים, שלאָגט נישט איבער זיין שטילקייט — שוויגט ער אַריינזאָגעריש. „שווייגן, זאָגט סאַרטער, הייסט נישט: שטום זיין — בלויז, אָפּזאָגן זיך פֿון רעדן“. און אַז אַ חסיד איז אַ מאָל אַרויס מיט אַ געוואַלד, פֿאַר וואָס דער רבי שווייגט, ווען שטאָט טרינקט זיך אין זינד און אין צרות — האָט דער רבי געענט־פֿערט: איך שוויג דען? איך רעד בלויז נישט. אין דעם אַליינזיין אויפֿן דאַך קאָן פּאַפּיערניקאָוו אויסשווייגן אַ וועלט — דערנאָך שטילט ער זיך איין אַ רגע און שווייגט ווייטער.

אפֿשר קאָן מען זאָגן, אַז פּאַפּיערניקאָווס בוידעם איז אַ היימישלעכער גילגול פֿון עלפֿנביינערנעם טורעם, וווהין עס פֿלעגן זיך פֿאַרקלייבן ראָמאַנ־

טישע פּאָעטן: אַ טורעם „אָן אַ זייגער". קיינער וועקט נישט דעם דיכטער, אַחוץ אַ מאָל אַ האָן, וואָס יאָוועט זיך אויפֿן בוידעם — קרייעט ער, ווען מ'דאַרף נישט. קלאָר, אַז דער דיכטער איז איינער פֿון די לעצטע „ריטערס מיט דער טרויעריקער געשטאַלט" — און אַ ביסל צעקריגט מיט דער וועלט. ער איז ברוגז אויף די ווייבער פֿון שכנות, וואָס הענגען וועש אויפֿן בוידעם און פֿאַרשטעלן אים דעם ים מיט נאַסע ציכלעך — אָבער נאָך שווערער: ער איז נישט בשווה מיט דעם שכן פֿון הויך אויבן, וואָס האַלט אין איין פּוצן די הימלען, גלייך מ'וואָלט דאָרט אין דער הייך געפּראַוועט רק נגידישע שמחות. אַלעמען איז דער באַשאַף עפּעס שולדיק געבליבן — און אַוודאי קאָן ער זיך קיין מאָל נישט אויסצאָלן ביים דיכטער: אַליין אַ באַשעפֿער, געניט אין דיאַלאָגן מיטן גורל.

אויך די אויסגעחלומטע „פּרינצעסין", וואָס קומט נישט, באַנוצט דערצו דעם בוידעם. זי קומט שוין אַזוי נישט, זייט זי האָט אָנגעהויבן אַ מאָל, אַ מאָל, מיט וועמען, ערגעץ ווו אין זילבער־בלויע לבנה־נעכט — וועט זי פּלוצעם בייטן דעם שטייגער?

— — נישט איינע האָט איר שווערן בליק
אַראָפּגעלאָזט צו מיר אין אויג
און פֿאַרלוירן אים,
ווי אַן אָפּגעבונדן פּולער עמער
אין אַ טיפֿן ברונעם — —

(„צו אַ מיידל")

און פּונקט ווי דאָס מיידל, וואָס איז בכלל מער „אַוועק", איידער גע־קומען, אַזוי זענען אויך די חברים, די שכנים. קיינער קומט נישט אַריין, אַ מאָל טרינקען אַ גלעזל טיי אָדער מבקר חולה זיין, אַז מ'איז קראַנק. נאָר פֿייגל, אַנגעפּלויגענע, נייגעריקע, קוקן אַריין דורכן פענצטער, ווילן זען, וואָס טוט דער פּאָעט אויפֿן דאַך. איז אַוודאי זייער אומעטיק — אָבער ס'איז נישט גענוג פֿאַר אַ לירישן דיכטער, אַז ס'איז אים בלויז סקוטשנע:

„ס'געדענקט שוין נישט פֿון דאַכשטיבל מיין טיר,
ווען עמעצער האָט אָנגעקלאַפּט אין איר — — —

(„מיין דאַך — אַן אינדזעלע")

מיר קענען דעם מאָטיוו. ער חזרט זיך איבער מיט דעם רירנדיקן טרויער־גראַם אין יידישן פֿאָלקסליד און פּאָפּיערניקאָווס ליד ברענגט אַרויס פֿאַרשידענע וואַריאַנטן פֿון זיסן רחמנות מיט זיך אַליין, ווייל דאָס לעבן איז צו אים „שלעכט און אומגערעכט" — אָבער קיין דיכטערישע שיינקייט קומט נישט צו דעם ליד פֿון די האַרצרייסנדיקע לאַמענטאַציעס פֿון אַ וועלט־יתום וועגן דער „ביטערער מערכה" און דעם „פֿינצטערן מזל", וואָס ציקלען זיך אָן אַ שמיץ איינגעהאַלטנקייט:

דער איינציקער, וואָס קומט מיך אָפּט באַזוכן,
מיר צו ווייזן, אַז איך בין נישט איינזאַם,
איז — דער קלאָגפֿויגל — — —

(„דער קלאָגפויגל")

גראָד פֿאַר יענעם וואָלט אַוודאי געגוג געווען עקספּרעסיווע שטומקייט — געגוג, אַז ער איז דאָ. מיר דאַכט זיך, עס מאַנגלט קינסטלערישע אַסקעטיק, אפֿשר נאַטירלעכע צניעות פֿון צער אין דער דאָזיקער קלאָגעניש פֿון פּרי־וואַט־„איכה". אַ סך יאוש־שטימונגען, וואָס דערקוטשען דער פּאָעזיע אין פֿאַרשידענע פֿאָרמען, האָבן נישט זוכה געווען צו זיין לידער, כאָטש זיי זינגען זיך מיטן טראָפּ און מיטן גראַם. דאָס איז דאָמאָשנע לעבנס־פּעסי־מיזם, וואָס איז נישט אַריבער די אייגענע שוועל און האָט זיך נישט דער־הויבן צו דיכטערישער גילטיקייט. עס ציט אים צו גרייטע רעמלעך: דאָס „לאַכנדיקע לעבן" און די „וויינענדיקע ווערבעס" — צו פֿיל ווערבעס זענען טעטיק אין פּאָפּיערניקאָווס לידער און אַ מאָל נוצט ער אָזש אַ גאַנצן ברונעם, אויף צו שטילן מיט טרערן דעם „דאָרשט פֿון באַגערן".

דערביי זאָגט דער דיכטער אַליין עדות אויף זיך, אַז ער פֿאַרמאָגט אַ דינעם געהער פֿאַר סובטעלן פּאָעטישן אויסדרוק:

כ'בין כולו אויער,
בלויז געהאָרך,
געהער פֿאַר דינסטן
מינדסטן
שאָרך.

און שטענדיק איז מיין אויער וואַך,
ווי ביי אַ האָז,
וואָס ציטערט פֿאַרן ציטער פֿון אַ בלאָט,
און פֿאַר דער ווייטסטער, שטילסטער שפּראַך
פֿון גראָז.

(„געהער")

מסתמא איז פּאָפּיערניקאָווס שאַרפֿער כוח השמיעה אָרגאַניש געבונדן מיט זיין כוח פֿון שווייגן — אויך אַן אַטריבוט פֿון מנגן. צו מאָל אָבער ווערט זיין פֿיינער געהער נכשל מיט אויסגעדינטע מעטאַפֿאָרן וואָס זענען שוין געווען לויזע זאָגענישן ביי פּאָפּיערניקאָווס פֿאָרגייערס און וואָס אַ פּאָעט מיט זיין וואַרעמען וואָרט־געפֿיל וואָלט זיך אָוודאי געקאָנט באַגיין אָן זיי. זיי זאָגן היינט פּונקט אַזוי ווייניק, ווי אַ שטייגער די „גריל" הינטערן פּיעקאָלעק, וואָס האָט אַ מאָל געשפּילט ערשטע פֿידל אין דער קלעמענדיקער שטומע־ניש פֿון יידישן עלנט, זאָל היינט האָבן די אַמביציע, צו אַלעגאָריזירן דלות — אַ פּנים, ס'איז דער פֿאַרצייטיקער דלות? „מוזע" נוצט מען היינט נישט מער — ס'איז כמעט אַזוי ווי די „שוויגער", וואָס האָט אויך געמוזט פֿאַר־לאָזן איר פּלאַץ אין דער אַנעקדאָטע. מ'האָט היינט נודניקעס מאַטאָריזירטע, יעדער נודניק אַ דינאַמאָ — ווער וועט זיך אומקוקן אויף אַזאַ אַנטיקווירטן אַנסאַמבל: „איך, מיין ווייב — די מוזע, און מיין קינד — מיין ליד: אַ הייליקע דריי־איייניקייט־פֿאַמיליע אין אַ שטילער, טרויעריקער אידיליע"!
עטלעכע לידער שפּעטער טרעפֿן מיר ווידער דעם אייגענעם דריילינג:

איך וווין נישט אַליין אויפֿן דאַך,
מיר וווינען אין דרייען:
איך, מיין ברודער — אומעט,
און די שוועסטער מיינע — איינזאַמקייט.
— — —

(„אין דרייען")

עס ווערט נישט קיין עלעגיע פֿון אַן אויסגעזונגענעם קרעכץ מיט וואַר־יאַנטן: „נישט מיינע — די וועלט". אַזוי פּשוט לאָזט זי זיך אָוועקמאַכן?

און וואָס פֿאַר אַ וואָג האָט אַזאַ גיכער זאָג — אין פּאַרענטעז, צווישן צוויי טירײַ־צייכנס: „אויך דער צער, וואָס איך האָב פֿון דער וועלט״? אַזאַ מין פֿאַרהאַוועטער „צער״ געהערט צו דער משפּחה שמות נרדפֿים „צער און פֿאַרדראָס״ אָדער „ווונשן און באַגערן״, צי „אומעט און בענקשאַפֿט״ און אַנדערע כאַפּנדיקע געפֿיל־פּאָרלעך, וואָס פֿירן זיך געאָרעמט אין איינעם, ווי פּראָווינצער פּאַניענקעס, און וואָס זאָגן בשותּפֿות ווינציקער, ווי יעדע העלפֿט טראַכט באַזונדער. אַנדערש איז דער צער, וואָס האָט געגעבן דעם דיכטער די וועלט צו זען, אין עטלעכע שטיל־באַטראַכטערישע, פּשוטע, טיפֿע שורות:

אַזוי פֿיל צער פֿאַראַנען אויף דער וועלט,
אַזוי פֿיל צער! —
עס שמייכלט אים אַנטקעגן, קרענקלעך־בלאַס —
די פֿרייד, —
ווי ס׳לעבן שמייכלט מיט הכנעה
צו זײַן האַר — דעם טויט,
וואָס בליט אַרויס פֿון מינדסטן גרעזעלע,
פֿון קלענסטן קווייט.
— — —

(„צער״)

דאָ איז דיכטעריש באַגלייבט דער צער, ווי די פֿרייד — פּונקט ווי ס׳איז באַגלייבט דער „מענטשלעכער צער״ פֿון הונט, וואָס פֿירט אַ בלינדן אין פּאַפּיערניקאָווס גרוילדיק־שלימותדיקן ליד, וואָס איז קיין ליד נישט, נאָר אַ משל צו דער נאַטורס אָפּגרונטיקע טעגלעכע טרויער־אַוואַנטורעס — אַ משל, וואָס שטייט אַליין און שווידערט שטום און ס׳איז אים גענוג אָן אַ נמשל און אָן אַ מוסר השכל:

אַ הונט, וואָס פֿירט אַ בלינדן —
איז דער הינטישסטער, דער טרויעריקסטער הונט,
פֿון וועמענס אויגן ס׳טריפֿט מיט מענטשלעך צער,
ווי אייטער פֿון אַ בלוטנדיקער ווונד. —

דערפֿאַר איז גרויס דער צער אויך אויפֿן הונט —
דער פֿירער פֿון בלינדן באַלעבאָס,
וואָס זעט אים נישט, נאָר פֿילט אים נעבן זיך
נאָך נידעריקער, ווייכער פֿונעם גראָז.
— — —

(„אַ הונט, וואָס פירט אַ בלינדן“)

מיט י. י. שוואַרץ

דאָס ערשטע מאָל האָב איך געזען אין ישראל דעם דיכטער פֿון קענטאָקי. אפֿשר האָט די עקזאָטיק פֿון ווייטן אַמעריקאַנער דרום אָפּגערוקט נאָך מער זיין געשטאַלט. פֿאַר אַ סך איז דער פּאָעט י. י. שוואַרץ אַ באַרימטער אומ־באַקאַנטער, אַרומגענומען מיט ערגעצווו. שטייט אַ פֿרעמדער, שיינער זקן אויף אַ פּאָדיום אין תל־אביב, לייענט לידער פֿאַרן עולם און דערציילט זכרונות פֿון לאַנג פֿאַרבלאַסטער עמיגראַנטישער אַמעריקע.

זיין הויכע בייניקע פֿיגור גיט זיך פֿון מאָל צו מאָל צוריק אַ ווירע אַרויף פֿון דער לייכטער געבויגנקייט: אַוודאי שווער. גורלדיקע איבערלעבונג פֿאַרטונקלט זיינע יאָרן, לאָזט דעם קאָפּ נישט האַלטן גלייך. אַרום דעם ווייסן ליכט פֿון זיין שטילן זילבער הויערן שאָטנס, פּלוצעם טוען זיי זיך אַ שניט אַריין אין דעם קלאַסיש געפֿורעמטן פּנים. זיי בלייבן שוין דאָ, די שאָטנס, און ווערן האַרט. צער איז דאָס וואָרט, וואָס בעט זיך.

נישט לאַנג איז י. י. שוואַרץ געקומען פֿון ניו־יאָרק, איבערגעבן דעם מוסד ביאַליק זיין אייגענע העברעיִשע איבערזעצונג פֿון זיין פּאָעמע קענטאָקי, מסתמא איבערדיכטונג. פֿון י. י. שוואַרצס שטאַרקער יאָדער־עברי אויף יידיש איז אַרויסגעקומען זיין אייגענער לשון־קודש אויף עברית, פּערזענ־לעכער לשון־קודש — ווי אַ פֿאַרצייטיקער יידישער גביר פֿלעגט שטעלן צו זיין יום־טובדיקן טיש אַליין געמאַכטן ווייַן. דער עברית פֿון י. י. שוואַרץ פֿאַרמאָגט ווייכע אַשכנזישע קלאַנגען, „קאַצאַפּישן" שאול טשערניכאָווסקי. זייער יידיש איז, אַגב, געוואָרן אָריגינאַל אין דער איבערזעצונג פֿון י. י. שוואַרץ.

איך זיץ מיט י. י. שוואַרץ איינע אַ פֿאַרנאַכטיקע שעה אין תל־אביב. דאָס הויז, וווּ דער דיכטער שטייט איין, געפֿינט זיך אין „אַלט"־תל־אביב. דאָ הייבן זיך אָן די ערשטע הייזער פֿון דער לאַנגער יהודה הלוי־גאַס, וואָס

באַהעפֿט זיך ווייט מיט דער אבן גבירול־גאַס און פֿאַרפֿלאָנטערט זיך שפּעטער מיט קליינע געסלעך פֿון שווערע נביאים אחרונים, מיט „חזון" אין די פּסוקים. יענע זאַמדיקן אין צפֿון ביים פּאַרט פֿון תל־אביב — ישעיהו, ירמיהו, יחזקאל; אַ בעקער, אַ לאַטוטניק, מילך. דאָס צימער, וווּ מיר זיצן, פֿאַרמאָגט צו פֿיל שאַפֿעס, זיי אָטעמען מיט מרה־שחורה פֿון באַלעבאַטישקייט, פּונקט ווי דער גרויסער טיש, וואָס איז שאַרף קוואַדראַטיש, און ווי די האַרטע בענקלעך, וואָס סקריפּען, אַז מען קוקט זיי בלויז אָן. בין־השמשות ציט זיך דאָ אַ גאַנצן מעת־לעת.

י. י. שוואַרץ צעשמועסט זיך באַלד, ווי נאָר מיר דריקן זיך די הענט. זיצט נעבן אים אַ מענטש, רעדט זיך דער דיכטער אַראָפּ פֿון האַרצן און עס פֿאַלן ווערטער ווי טרוקענע טרערן. ער ליגט אָן אָנגעטאָנענער אויף צונויפֿגערוקטע צוויי בעטלעך און רעדט אַריין אין האַלב־טונקל הייזעריקע, איינגעדעקטע רייד, גליך ס'וואָלט די שטיל געדראָזשעט. מיר איז פֿריקרע, צו זיין אָן עדות. וויקלען זיך יאָרן פֿון אָן אַלטן מאַן, וואָס האָט קאַרגע צוויי יאָר געמוזט צוקוקן, ווי אַ נאָענטער מענטש פּייניקט זיך און ער קאָן נישט העלפֿן — ביז דער טויט, דער אויסלייזער, האָט געמאַכט אַ סוף צו דיליידן; אַ פּסוק אַזאַ. דער גורל סטאַרעט זיך אַפֿילו נישט, צו מאַכן אַ מינע פֿון אָריגינאַליטעט. ער איז זיכער מיט זיינס: טויט און איינזאַמקייט.

דער פֿאַרנאַכט שפּינט זיך גרוי אין פֿענצטער. י. י. שוואַרץ דערציילט, שטעלט זיך אָפּ. עפּעס רייסט זיך אין אים. איך העלף אים שווייגן אין די הפֿסקות. דער עיקר שווייגט ער ווען זיך אַליין. קומט צו רייד אַמעריקע פֿון אָנהייב יאָרהונדערט: אַ ליידיקע וועלט, וואָס האָט נאָך קיין יידיש פּנים נישט. אַמעריקע פֿון יידישן עמיגראַנט האָט געהייסן: „אַראָפּנעמען", „אַרויפֿ־אַרבעטן", עגונות, ראַבייס און אַנאַרכיסטן, שוויצשעפּער און כל־נדרי־בע־לער און ערשטע גילדענע קייט אויף געקעסטלטער קאַמזויל. האָבן זיך די אַלטע היימען געגומען רירן פֿון פּלאַץ און גאַנצע שטעטלעך האָבן געוואָגלט. מענטשן זענען אַוועק — האָט זיך דער יונגער פּאָעט אויך אַרויסגעריסן פֿון שטעטל און זיך געלאָזט קיין ניו־יאָרק:

דער טאַטע רעדט אויף אַ געבראָכן קול,
שטעלט אָפּ זיך אין דער מיט, נעמט ווייטער ריידן,

בלחשדיק געבראָכן; דורך דער גאַנצער צייט
לאָזט ער מיין האַנט פֿון זיינער ניט אַרויס.
און איך — כ'האָב מורא אויפֿצוהייבן מיינע אויגן —
אַט וועל איך אויסברעכן אין אַ געיאָמער
אין שטרענגער שטילקייט פֿון דער אַלטער שול.
(„יונגע יאָרן")

נישט־אויסגעבראָכן געיאָמער ציטערט אין דער ראָמאַנטישער אידיליע פֿון ליבשאַפֿט, עלנט און חן, וואָס י. י. שוואַרץ האָט אויסגעזונגען אין זיין פּאָעמע יונגע יאָרן. די פּאָעמע האָט דער דיכטער געשאַפֿן קאַרגע דרייסיק יאָר נאָך קענטאָקי: תּפֿילה פֿון פֿאַרגאַנג און חשבון מיט וווּנדיקער וועלט. אומערט דאָס שטעטל פֿון זכרון מיט מילדער שיינקייט, צאַפּלט אין האַרטן געבראַזג פֿון וועלט־כרך, אין רויך פֿון קוימענס און אויסגעברענטע חלומות, וועגזוכעניש, הונגער, לידער נאָך נישט־געזונגענע. דאָס לעבן אין אַמעריקע אין יענער צייט איז רוי און גרוי — און אַזוי איז דאָס יידישע וואָרט. דאָס וואָרט ראַנגלט זיך מיט טאַנדעט און פֿאַלשער מטבע און דער שיר היחוד פֿון דיכטערישן יחיד האַלט ערשט ביים ציטערדיקן אויפֿשפּראָץ.

און איך געדענק אליקומען דעם אַלטן באָרד,
ווי ער פֿלעגט זיצן ביי זיין דרוקעריי
אויף איסט־בראָדוויי, אין הייסע זומערטעג,
און שלומערן אין שטול.
(„יונגע יאָרן")

בייזערט זיך מיט סאָציאַלע פּראָטעסטלידער מאָריס ראָזענפֿעלד: „אַן אַנגעברוגזטער, צעבראָכענער פֿון לעבן". קומען צו יהואש „מיט דינער פֿיינקייט" און ליעסין מיט דעם גייסט פֿון „יידישער עקשנות און מסירת־נפֿש". שפּעטער באַווייזן זיך ה. לייוויק און מ. ל. האַלפּערן, דער „גאַסנ־פּויקער אונדזערער אין לאַנד". עס טוט אַ שיין די איידעלע געשטאַלט פֿון זישאָ לאַנדוי, מאַני לייב, די „צעזונגענע גילדענע סטרונע", און אַ חברותא אַנדערע פּאָעטן, וואָס צעשטראַלן זיך מיט אַ קאַפּריזנעם רעגן־בויגן פֿון שיינקייט: די „יונגע" אין דער אַמעריקאַנער יידישער דיכטונג.

י. י. שוואַרץ, כאָטש איינער פֿון דער גרופּע „יונגע״, האָט, דער עיקר, געהערט צו זיך אַליין: אַוודאי אַ שטיקל ביישן. און אפֿשר האָט אים זיין געזונטע שאַפֿערישע נאַטור געהייסן איבערוואַרטן, ביז די בילדערישע וועלט פֿון זיין עפּיק וועט זיך אַנזעטיקן מיט וואַרעמען גלאַנץ און ווערן אין גאַנצן צייטיק. און ווייל צייטיקייט דאַרף צייט, האָט י. י. שוואַרץ רע־לאַטיוו ווינציק געשריבן. דאַרף מען אָבער צום שוויגן אויך האָבן גייסטיקן כוח. ער איז אַוועק פֿון ניו־יאָרק און האָט פֿאַרבראַכט יאָרן אין קענטאַקי. מסתמא האָט אים געצויגן די ווילדערד פֿון אַמעריקאַנער דרום — איז דאָס געווען די ערשטע שאַפֿערישע באַגעגעניש פֿון אַ יידישן פּאָעט מיט דעם וווּנדער פֿון גוייִשן בראשית:

ליב איך די ערד, אויף וועלכער איך טרעט —
פֿריש איז די ערד און פֿרוכטבאַר און פֿעט.
מיידלשע ערד, אַזוי נאָכגעביק, מילד,
קושט מיינע טריט מיט איר גראָז און זי קילט.
הויכט פֿון איר אינגעווייד עפּל־געשמאַק,
פֿאָכען די ווינטלעך און גלעטן מיין באַק.
כ׳וויס, ס׳איז די ערד ניט פֿאַרהייליקט מיט בלוט —
ס׳ליגט ערגעץ אַנדערש מיין טאַטע און רוט.
אָבער מיין קינד פֿון איר ערד איז אַ שטיק,
לויכט אין איר ליכט, איז באַגליקט פֿון איר גליק.
(„קענטאַקי״)

דאָס זענען אַריינפֿיר־שורות צו דער פּאָעמע. דיכטערישער קאַלירן־בגילופֿין, וואָס געזאַנגעוועט נישט מיט קולות, נאָר שטעלט זיך אַוועק און רעכנט אויס, געהויבענע מדרגה־שיכרות, די ווונדערס, איינס ביי איינס.

מיט אַ פֿערציק יאָר צוריק האָב איך צום ערשטן מאָל געלייענט דאָס ווערק און איך געדענק, מיר האָבן זיך געפֿילט באַגליקט מיט דעם אויפֿגלאַנץ פֿון אַזאַ געשטאַלטערישער פֿרישקייט אין דער יידישער דיכטונג, מיט דעם עפּישן פֿולן אָטעם, וואָס האָט צייט און כאַפּט נישט, ווו דאָס דיכטערישע וואָרט „האַלט וואָרט״ און איז מקיים: כולו דערפֿילונג — נישט אָפּגענאַרט, נישט צערייצט און געלאָזט שטיין. דאָס ווערק האָט אָן ספֿק איבערגעלעבט די

יאָרן. ס׳איז נישט בלויז די עקזאָטיק פֿון דער לאַנדשאַפֿט, וואָס כישופֿט — כאָטש די דאָזיקע נייקייט איז אַוודאי שטאַרק צו ניץ געקומען צו דער פֿולער פֿונאַנדערשטראַלונג פֿון אַלע גלאַנצן אויף אונדזערע היימישע „ערדן״ אין פּוילן, אוקראַינע, ליטע, בעסאַראַביע, גאַליציע, ווו די יידישע דיכטונג האָט אויסגראַווירט אירע צאַרטע קנייטשן פֿון חן. צום ערשטן מאָל צעקאָכט זיך אין פֿייער פֿון קענטאָקיס אָוונטלעכן הימל אַזאַ שלל מיט גליִענדיקע שקיעה־פֿאַרבן, וואָס האָבן געוואַרט און געוואַרט אויף זייער דיכטערישן מאָלער, ווייל זיי האָבן ביז דעמאָלט, אין צערודערטקייט פֿון באַשאַף, נאָך נישט באַוויזן זיך פֿונאַנדערצופֿלאַקערן מיט פֿולן ברען:

בלוי, ווונדערלעך, האָט זיך געזעצט די נאַכט —
צו ערשט האָבן די פֿאַרבן זיך געלאָשן,
פֿיאָלעט האָט זיך געמישט מיט בלוי און רויט —
צו לעצט האָט איין קאָליר אַרומגעכאַפּט די וועלט:
אַ טיפֿער און געדיכטער בלוי. אין מערב בלויז
האָט לאַנג געברענט אויף ווייטע שוואַרצע בערג
איין רויטער טיפֿער שטריך, און ערשטע שטערן
זיי האָבן נאָענט און רויט זיך דורכגעוווּנקען.
(„קענטאָקי״)

קאָן זיין, עס „טוט זיך״ צו פֿיל מיט הייסן פֿאַרבן־געפּרעגל. — און אפֿשר וואָלט מען היינט באַדאַרפֿט אַ ביסל מורא האָבן, רעטראָאַקטיווע מורא, פֿאַר אַזאַ עבודה־זרהדיקער נאַטור־גלויביקייט. ווער ווייסט, צי האָט זיך די נאַכט, וואָס איז געפֿאַלן אויף אונדזער דור, פֿאַרדינט ביי אונדז אַזאַ הימלדיקע שירה? דאָס דרך־אַגב.

טראָגט זיך האַרבער ריח פֿון גורל באַלד פֿון די ערשטע פֿערזן פֿון קענטאָקי, וואָס דערציילן מיטן טראָפּ פֿון קלאַסישער עפּיק וועגן דעם וואַנ־דער־ייִד אויף פֿרעמדער ערד, מיטאָס פֿון יידישן וואָגל, וואָס מיר געדענקען פֿון חומש — ויהי רעב, וילך — מיטאָס פֿון פּעקל, וואָס וויינט אויף יידישער פּלייצע און קאָן זיך נישט צעשיידן — און עס פֿאָלט דער מעשה־ביכלדיקער רעפֿריין: „איז ער געגאַנגען, און געגאַנגען, און געגאַנגען״. מיר קענען דעם ריטעם פֿון יידישע טריט, וואָס הילכן אין אַ פֿרעמדער וועלט.

גייט דער ערשטער ייד איבער די סטעפּעס פון קענטאַקי. זיי צערודערן אים מיט שפּע, וואָס קאָן זיך אַליין קיין עצה נישט געבן מיט איר ברויזנ־דיקער ברכה. די ערד איז רויט און פעט און די מענטשן זענען פאַרמערס, נעגערס, וואַלדיעגערס מיט ביקס און בייבל און בראָנפן, מיט שווערע ווייבער און פולע שטאַלן — בעת דער ייד האָט בלויז פחד און בטחון: קנאַפּער פאַרמעג. וואָס זשע טוט דער ייד? ער קלאַפּט אָן אין אַ טיר און בלייבט שטיין אויף דער שוועל: איינגעפונדעוועטע ירושה־פּאָזיציע פון וואָגל. דאָ שטאַמלט די אומרו ערשטע פלאָנטערדיקע רייד אויף שטום־לשון: יידיש מיט פחדים.

אין אָנהייב איז דער ייד געווען אַ וווּנדער:
ס׳איז שווער געווען באַגרייפן זיינע דרכים,
זיין פרעמדן הילוך און זיין פרעמדן לשון,
פון יעדן ריר זיינס האָט אַראָפּגעשריען פרעמדס
און זיך געוואָרפן אין די פרעמדע אויגן — — —
(„קענטאַקי״)

און עס איז נישט מער ווי „באַטירלעך״, וואָס דער גוי, וואָס האָט אים, מיט ווינציק צוטרוי, געגעבן ערשטן נאַכטלעגער אין דאָרף, האָט איבערגעבראַכט פאַרשלאָסן דעם ייד אין שטאַל פון די בהמות. ערשט מיט די פּרימאָרגנדיקע זונשטראַלן ווערט דער גורל פריינדלעכער. עס פאַלט דאָס ערשטע ביסל זון אויף דעם יידס פאַרפינצטערטקייט. עס הייבט זיך אָן פאַמעלעך צעוויקלען דער אידילישער עפּאָס, וואָס פרעטענדירט, אַגב, נישט אויף קיין שטאָפּ־לעכער אָריגינאַליטעט, און עס לויכט אויף דער מיטאָס פון יידישן נושא־חן זיין ביי גויים. נושא־חן זיין ביי גויים איז דער גרונט־קאַפּיטאַל פון יידישן עלנט. האָרעוועט דער ייד און דאַוונט — און פון אונטער דעם פאַרהויבענעם דאָרן קאַפּעליושל קוקט אַפּער דער שטעטלדיקער של־ראש: האָט דער גוי קיין עצה נישט און ווערט נתפעל, אפשיי מיט אומרו. שטייט אַ נעגער און גאַפט מיט ווייסע בליצאויגן איבערן גאַנצן דאָרף: סאַראַ מיסטעריעזע בריאה, דער דאָזיקער פרעמדער הייליקער, וואָס באַברעט זיך מיט אַלטאייזן און מסתמא מיט פלאים...

פאַמעלעך פלאַנצט זיך איין דער וואַנדערער: אָט איז דער ערשטער קבר

און באַלד קומט צו אַ שטיקל שול מיט אַ ספר־תורה, איבערגעבויט פֿון אַן „אויסגעדינטן" קלויסטער — איז שוין כביכול אויך פֿאַרזאָרגט מיט אַ באַ־שיידענעם אָנהייב פֿון קיום צווישן גויים — מער דאַרף ער נישט. אַזוי אָרדענען זיך איין אויך די אַנדערע „גרינע", עפֿענען קראָמען און זענען מצליח. ווערן געבוירן קינדער און עס וואַקסט דאָס מזל מיט חתונות און בריתן. וואַקסט אַ דור נאָך אַ דור אין דער ווייטער פֿרעמד: קודם מיט שבת און כשרות און פּאַטריאַרכאַלישן שטייגער, געשאָכטענע עופֿות און קהלשע מחלוקת — דערנאָך אַנדערש. יידישע גדולה צווישן גויים האָט אירע אייזערנע נאַטור־געזעצן פֿון גלאַנץ און טראַגישע פֿלאָנטערס — און פּלוצעם, נישט אַזוי פּלוצעם, ענדיקט זיך די עפּישע אידיליע מיט אַ מעלאָדראַמאַטישן קאַפּיטל „ייד און גוי": גרילק, וואָס איז אין פֿולער האַרמאָניע מיטן גורל:

עס איז געווען אַ ווינטערדיקער גרויער פֿאַרנאַכט,
ווען מען האָט יאָסלען צו קבר־ישראל געבראַכט.
עס איז געווען אַ מנין יידן. די מומע האָט געקלאָגט,
און דער פֿעטער האָט אויפֿן קבר קדיש געזאָגט —
און די דאָרפֿישע גויע, אויף דער האַנט דאָס קינד,
האָט געצלמט דעם קבר און געטענהט צום ווינט.

(„קענטאַקי")

האַלט איך נישט ביים סיפּור־המעשה פֿון קענטאַקי, נאָר ביי דער עניוות פֿון מייסטערשאַפֿט און שאַפֿערישן יראת־הכבוד, וואָס מאַניפֿעס־טירט זיך אין י. י. שוואַרצס גרויסער דיכטונג. ס'איז אַ רייכער, שווערער דיוואַן, געקניפּט פֿון ווײ און װוּנדער, לעבנס־בטחון, לאַנדשאַפֿט, געשטאַלט און אידעע, דורכגעווירצט מיט וואַרעמע קאָלירן, וואָס האָבן כוח, איבער־צולעבן די צייט.

תפילה פון אַ קריטיקער

שלמה ביקלס עסייען

„...אַט די תּפֿילהדיקע כּוונה אין דער סאַמע מיט פֿון שכלדיקער הס־ברה — דאָס איז די גרויסע דערגרייכונג און דער גרויסער ווירקונגס־כּוח פֿון מנחמס עסיייִסטישער פּראָזע". מיט דעם דאָזיקן סוף־פּסוק ענדיקט שלמה ביקל זיין סטיל־פּסיכאָלאָגישע באַטראַכטונג וועגן מנחם באַריישאָס עסיי־יִסטישן גאַנג אין דער יידישער ליטעראַטור. אין דעם צוזאַמענהאַנג רעדט דער מחבר וועגן דער „אַפּטער שיטה" ביי מנחמען.

אַז מען וויל, איז ביקלס עסיי וועגן מנחמען אַ שליסל צו זיין אייגענעם בנין פֿון שרייבערישן חשבון און מחשבה, וואָס נעמט אַרום מיט אַריינטראַכ־טערישער פֿרייד רעפּרעזענטאַטיווע ליטעראַרישע געשטאַלטן פֿון זיין דור (ש. ביקל: „שרייבער פֿון מיין דור"). טייל פּעדעם, וואָס ביקל וויקלט אַרויס פֿון דער אידעען־וועלט פֿון זיינע העלדן, שפּינען זיך ווייטער אין געוועב פֿון זיינע אייגענע געדאַנקען. נאָר ווער ס'פֿאַרמאָגט אייגנס, איז באַרופֿן ליב צו האָבן יענעמס און צו געשטאַלטיקן די דאָזיקע ליבשאַפֿט. אין דער קריטישער עסייִסטיק קערן זיך אָן גאַנץ נאָענט די ספֿערן פֿון באַטראַכטער און פֿון זיין אָביעקט: נישטאָ קיין פּלויטן אין דער וועלט פֿון גייסט.

אָבער „תּפֿילהדיקע כּוונה", מיין איך, איז אפֿשר פֿאַרט נישט מער ווי וואָרט־אָרנאַמענטיק און זי מאַכט נישט קלערער דעם פּענאָמען פֿון ליטעראַרישן שאַפֿן, וואָס קאַפּריזעוועט זיך נאָך אַלץ מיט סודות, שווער צו דערגרונטעווען. אין זיין אַרבעט וועגן לייוויקן שרייבט ביקל: „...ס'איז דאָ ביי לייוויקן אַ טענדענץ נישט נאָר צו וואָס ווייניקער ווערטער, נאָר אויך אַ שטרעבונג, אַז די ווערטער, וואָס האָבן די זכיה אַריינצוקומען אין דער שורה, זאָלן וואָס ווייניקער ריידן".

דאָס איז אַ דינע סטיל־פּסיכאָלאָגישע אָבסערוואַציע און זי איז מרמז אויך אויף דער עטישער כּוונה פֿון דעם דאָזיקן צימצום, וואָס צייכנט אָן

לייוויקס בזירישע האַלטונג אין דער וואָרטקונסט. דער רוב פֿון ביקלס עסייען, געזאַמלט אין דערמאָנטן בוך זענען געשריבן מיט אינטעלעקטועלן גלאַנץ, מיט אַ פֿיינעם חוש פֿאַר אויפֿשפּירן התגלות אין דיכטערישן ווערק און דער עיקר: מיט גייסטיקער באַגלייבטקייט, אַפֿילו ווען עס גלוסט זיך אַ מאָל, נישט אָנצוגעמען זיינע אויספֿירן. עס גייט דאָ נישט אַזוי וועגן תוך פֿון זיינע אָפּשאַצונגען, ווי וועגן דעם דרך, אויף וועלכן ער דערגייט צו זיי.

זיינע צעצווייגטע גענעסערישע קולטור־באַציִונגען האַלטן זיך דיסקרעט הינטער די שורות, דערקוטשען נישט — און זיין בקיאות איז אין אַלגעמיין פֿריי פֿון דעם שטויביקן ריח פֿון פֿאַרדומפּענער ספֿרים־שאַפֿע, וואָס גייט נאָך אַ געוויסער ליטעראַטור־לומדות, באַלאָדן מיט דער לאַסט פֿון זכרון. זיינע עסייען זענען אַנאַליטישע באַמיִונגען, וואָס ווילן וואָס גיכער דערגיין צום סינטעז. אין דער — איך וואָלט געזאָגט — הומאַניסטישער בענקשאַפֿט צום סינטעז אַנטפּלעקט זיך שלמה ביקלס טאַלאַנט צו התלהבות, וואָס באַשטימט זיין גאַנג אין דער ליטעראַטור־קריטיק.

איך קען שרייבערישע התלהבות, וואָס קאָן אין זיך נישט אַלע מאָל איינהאַלטן דעם יצר־הרע צו סקעפּטיק. דאָס איז, אויב מען מעג אַזוי זאָגן, דער אומעט פֿון קלוגשאַפֿט, וואָס גאַרט אַ מאָל נכשל צו ווערן. ביקל אַליין רעדט אין דער הקדמה פֿון זיין בוך וועגן זיין אייגענעם „עסייִסטישן ניגון פֿון גלייביקן צווייפֿל" — כאָטש גראָד זיין צווייפֿל דערוועקט אין מיר ספֿקות: אָדער ער מאַכט צו ווינציק געברויך פֿון דעם דאָזיקן גאָט געבענטשטן מאַנגל, וואָס קומט שטאַרק צו נוץ דער התפּעלות, אָדער ער גרייסט זיך, מסתמא אומבאַוווסט, מיט אַ מין „דעפֿעקט", וואָס איז נישט זיין שטאַרקסטע זייט.

און מכוח דער „אַפּטער שיטה" פֿון מנחמס עסייִסטיק, ווייס איך קודם נישט אַקוראַט, צי האָט מען נישט איבערגעכאַפּט די מאָס ביים באַשטימען די גרייס פֿון מנחמס עסייִסטישער דערגרייכונג און פֿון איר „ווירקונגס־כוח". ביקל אַליין, דאַכט זיך, שוואַכט אָפּ אַ ביסל זיין התפּעלות, ווען ער ענדיקט, איין זאַץ שפּעטער, אַז „דער ליטעראַטור־היסטאָריקער וועט אים [מנחמען] זיכער נישט קענען פֿאַרבייגיין". דאָס איז, האָב איך מורא, אַן אָרעמער פּסוק, אַ פֿאַרהאַוועטער, וואָס יאָגט זיך דורך אַלעמענס מאמרים: אַן אַנטלייִענע פֿאָרמולע. זי פֿאַלט באַזונדערס אויף, ווי אַ יוצא־דופֿן אין דער געזעלשאַפֿט פֿון ביקלס זאַצן, וואָס טראָגן אויף זיך בדרך־כלל דעם צייכן פֿון איבער־

געלעבטן אייגנס. ס׳איז כמעט אַזוי, ווי אַ גביר אַנטלייט זיך אַ מאָל ביי קבצנים אַן אָפּגעקראַכענע בעקעשע אויף שבת חזון — מחמת אַליין פֿאַר־מאָגט מען נישט אַנדערש ווי „משי״.

ווייטער דאַכט זיך מיר, אַז דעם אָפּטער רבס פּעליטעאַניסטישער פּאַטאָס, וואָס האָט אין אַנגעצונדענער ווייסער גלי־היץ פֿון דער יום־כיפּורדיקער עבודה איבערגעשריגן אין קלויז דעם בעל־תּפילהס סקאַרבאָוון „וכך היה אומר״ און זיך אַריינגעריסן מיט פֿולן גלאַנץ פֿון באַפֿליגלטן תּקיפֿותדיקן „וכך היית י אומר״ — טאָקע איך אַליין, דער אָפּטער, דעמאָלט אין בית־המקדש, אין איינעם מיט אַלעמען, און איך פֿרעג נישט נאָכן מחזור — אַז דער דאָזיקער העזהדיקער שטעל פֿון צדיק־הדור, וואָס איז „גוזר״ — און שוין, איז אפֿשר גיכער אַ גוט־יידישער „כאַפּ״ כלפּי שמיא, איידער אַ „שיטה״, אויף וועלכער עס זאָל זיך קאָנען אָנלענען די געדאַנקען־וועלט פֿון אַ יידישן שרייבער.

איך וויל אַוודאי נישט פֿאַרמינערן דעם חן פֿון אַדמו״רישן עספּרי וואָס גלאַנצט אין אַטלאַס, פֿאַרמאָגט ברייטע זשעסטן פֿון גדלות מיט אַ ציטעריקן שמץ איראָניע און ראַפֿינירט חסידישער זעלבסטקאָקעטעריע. דאָס איז גוטע אַלכימיסטישע מישונג — און דער דאָזיקער סטיל איז געוויס נישט פּסול אויך אין דער אַטמאָספֿער פֿון קדושה. דאָס אייגענע איז מסתמא ריכטיק — מיט אַ ווייכערן קנייטש פֿון „עמך״־שטייגער — וועגן רבין ר׳ מאירלס יציאת־מצרים־מעמואַריסטיק, וואָס ביקל דערמאָנט אויך אין דעם צוזאַמענבונד. יענער איז געווען אַ גאַליציאַנער גילגול פֿון ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער, מיט טענות און לאָדענישן און מיט אַ סאָרט מיסטישן הומאָר פֿון זיין אייגענעם גאָרטן. האָט ער ליב געהאַט, ר׳ מאירל, זיך אַ מאָל אַ שפּיל טאָן אין קונדייסישער אינטימיטעט מיט כביכול — ווי אַ הייליק מיזיניקל דערוועגט זיך, וויקלען אַרום דינע ציטערדיקע פֿינגערלעך דעם זיידנס באָרד של קדושים. ער ווייסט, מ׳האָט אים ליב דאָרט אויבן — וועמען דען?

פֿלעגט ער אַ מאָל גוטברודעריש זיך צערעדן מיט רבוש״ע אין אַ קאָמ־בינירטן קרעטשמע־גוייש מיט תּרגום־לשון: אַבי מ׳האָט זיך פֿאַרשטאַנען. האָט דער רבי ר׳ מאירל אַ מאָל, מיט דער ברייטער שמועסעוודיקער גע־מיטלעכקייט פֿון זיין שני בראשון־מחותנשאַפֿט מיט דער פמליא של מעלה,

אַ זאָג געטאָן צו מקורבים: „ווען מען שטעלט מיך אַוועק אין גושן, דערקען איך אייך די לאַפּעטע, מיט וועלכער איך האָב געאַרבעט".

קאָן טאַקע זיין, אַז יאָ. גוטע יידן האָבן אַ מאָל אַ שאַרפֿן קוק אויף צוריק — ביי אַ חסידישן „זיץ" פֿלעגט דאָס הייסן: צ'ען מוחות. ביקל אַליין האָט, ווי ער שרייבט, מיט די צוויי חסידישע מעשיות, וועלכע ער האָט דערציילט מנחמען, האַלב ערנסט, האַלב שפּאַסיק, געפּרוּווט פּאַרטייטשן אים דעם „חילוק צווישן די צוויי מוראס, וואָס ציטערן אין אונדזער יידיש־מחשבותדיקער פּראָזע: די מורא פֿאַר גייסטיקער מינערונג און די שרעק פֿאַר פֿיזישן אונטערגאַנג".

ביידע מאָל הערט מען אַרויס פֿון דעם צוגעשפּיצטן גוט־יידישן זאָג אַ פֿלי צו עמקות און צו רחבות פֿון השגה, וואָס נעמט אַרום גאַנצע וועלטן מיט עולמות און „נעמט" זיי אויף כוח — אָבער עס בלייבט אַלץ שווער, צוריקקומענדיק צום נימשל, צו דערקענען „שיטה" אין דער דאָזיקער גע־הויבענער אימפּראָוויזאַציע, וואָס זאָגט זיך צווישן מדרגה־יידן, אַלע מאָל ערשטמאָליק, שטענדיק מיט איך־באַטאָנטער, אַפּאַריסטישער „דבר־־יקר"־עלעגאַנץ אין אַ מין געלייטערטער מלווה מלכה־אַטמאָספֿער פֿון נועם אלימלך און אַקאָוויט און בלוילעכע רויכרינגען פֿון בעל שמס ירושה־ליולקע.

און אַז איך האָלט שוין ביי ספֿקות וועגן מנחמס „אַפּטער שיטה", וואָס ווערן אומדירעקט דערמוטיקט מיט ביקלס אייגענעם „סקעפּטישן שמייכל", אויף וועלכן ער איז זיך מתוודה אין זיין אַריינפֿיר צום בוך, איז משה לייב האַלפּערנס „קאָצקער געמיט" אויך נישט מער ווייט. דאָס איז, מיין איך, אַ פֿאַרפֿירערישער משל, וואָס ביקל, מיט זיין כוח דורכצודרינגען צו דער סובסטאַנץ פֿון נימשל, קאָן זיך אַוודאי באַגיין אָן אים. עס גייט דאָך, נאָך אַלעמען, וועגן אָפּרייניקן דעם האַריזאָנט פֿון די אָנגעשניצטע אָרון־קודש־פֿייגל, וואָס מאַכן האַרבע מינעס פֿון הילצערנע לייבן און פֿאַרגרעסערן מיט צו פֿיל „שיינקייט" די ענגשאַפֿט אין דער וועלט פֿון געדאַנק.

בעלעטריסטיש־פּסיכאָלאָגישע פֿאַרגלייכענישן — האָט אַ מאָל איינער געזאָגט — זענען געמאָלט און גילטיק בלויז דעמאָלט, ווען זיי קאָנען אָן שאָדן דורכגעפֿירט ווערן אין ביידע ריכטונגען, פֿון איין פּאָזיציע צו דער אַנדערער און ווידער פֿאַרקערט. פֿאַרשטיי איך נאָך בדוחק דעם פֿאַרגלייך פֿון משה לייבס גאַסנפּויקערישער בונטאַרישקייט מיט דעם אויסטערלישן

מורד פֿון קאָצק — כאָטש זייערע אומרו־קוואַליטעטן זענען פֿאַרשיידענע: באַקומט כאָטש דער פּאַטעטישער לעסטערער אַ שטייגערדיקן צוגאָב־ניואַנס פֿון קאָצקער מרד דקדושה. אָבער פּרווו טאָן דאָס אייגענע אויף צוריק, מעסטן די פֿרומע רוגזה פֿון ר׳ מענדעלעס פֿאַרשלאָסענעם אַלקער מיט דער עקס־פּרעסיווער אויפֿרייסקראַפֿט פֿון משה לייבס דיכטערישער וועלט־פֿאַרצווייפֿלונג — וואָס קאָן אַרויסקומען פֿון אַזאַ פּאַראַלעליזם!

אָבער דאָס דרך־אַגב — אין סאַמע מיטן הסכם מיט ביקלס אַלגעמיינער געדאַנקלעכער האַלטונג אין די געזאַמלטע עסייען. ביי אים אַליין נעמען זיך מסתמא צונויף די צעוואָרפֿענע „דרך־אַגבס״ און קאָלאַרירן דעם עיקר מיט זייטיקע אָפּנייגן, ווי ביקל זאָגט וועגן זיינע „סך־הכלדיקע פּאָרטרעטן פֿון שרייבער און אַנגעוואָרפֿענע אַנאַליטישע דעטאַלן וועגן ווערק און מחשבה־פֿראַגמענטן אַרום ליטעראַטור, וואָס אַלע אין איינעם ווערן זיי פֿון דעסט וועגן ערגעץ ווו אַ גאַנצקייט״.

דאָס איז אינטעלעקטועלע ליידנשאַפֿט: דערגיין צו גאַנצקייט, אַרויס־קריסטאַליזירן דאָס רעפּרעזענטאַטיווע, אונטערצי̇ען סך־הכלען — סיי ווען עס רעדט זיך וועגן דער געשטאַלט און דעם ווערק פֿון דער אָדער יענער שאַפֿערישער פּערזענלעכקייט, אָדער וועגן דעם אידעען־געהאַלט פֿון אַ תקופֿה, וועגן 25 יאָר יידישער פּראָזע אין אַמעריקע, וועגן די נאַציאָנאַלע מאָמענטן אין דער סאָוויעטיש־יידישער ליטעראַטור, צי וועגן זייטיקע פֿאַר־צייכענונגען, וואָס קערן ביי אים אַלע צום עיקר — די כוונה איז אומעטום צו שאַפֿן „אָרדענונג אין זיך״, פֿיקסירן דעם אייגענעם בליק אויף דער גע־שטאַלט פֿון אַ דיכטער און דער קאָלעקטיוו־געשטאַלט פֿון דור.

סך־הכל פֿאָדערט געשטייגערטע אַחריות און שטרענגע אָפּגעהיטנקייט אין דער וואָג — פֿון דעסט וועגן האָט מיך אַ ביסל געשטערט די ראַפֿינירט־הכנעהדיקע שליח־ציבור־פּאָרטקייט פֿון ביקלס „הנני העני ממעש״ אין אָנהייב פֿון זיין בוך: דער צעפּיעשטשעטער מאַניפֿעסט פֿון עניוות. וואָרעם צי דער בעל־מוסף איז „כדאי והגון״, ווערט סיי ווי קלאָר פֿון דעם גרויסן „יתגדל״ — לאָז אים! האָט מען טאָקע ביי חסידים אונטערגעברומט, אין גאַנצן בלחש, דעם געזאַנג פֿון צעבראָכענעם האַרץ אין „הנני״, כמעט ווי נישט געזאָגט און נישט געזונגען — בלויז הייס געציטערט בציבור.

מיט אַ טרער סקעפּטיק, וואָס רייסט זיך צום פּשוטן אמת דורך די

שטעכיקע זיגזאַגן פֿון זיין פּאַראַדאָקסישן היפּוך — וואָלט איך געפּרוווט אַ זאָג טאָן, אַז ביקלס עסייִסטישער סטיל איז: השתּפּכות השכל מיט אַ וואַ־רעמען ניגון, אַ מין טיש־ניגון מיט מנגנישע „פּאַלן״, וואָס ציִען זיך צו הייכן, און מיט ווייכע, קלוגע „תּנועות״, וואָס פֿירן צוריק, מען זאָל נישט פֿאַרפֿאַלן ווערן ערגעץ אויבן. זיינע פֿאָרמולירונגען זענען צוגעלאָזטע, פֿאַר־שליסן זיך נישט מיט שטרענגער דיסציפּלין און זענען לכתּחילה גרייט אויף אַן אָפּפֿרעג: מילדע ווידעראַנאַנדן.

דאָס איז אין תּוך דער עסיי. אַ ביסל אַפּיקורסיש און מיט אַ לייכטן שפּיל אויף אַן ערנסט איז אַ מאָל געזאָגט געוואָרן, אַז די קונסט פֿון עסיי ליגט טייל מאָל אין דער מייסטערשאַפֿט צו אַראַנזשירן די אייגענע סתּירות, וואָס האָבן אַ טבע צו דערקוטשען דער האַרמאָניע, פֿאַרטיילן זיי אין שטח מיט קלוגער רוים־אויסנוצונג, זאָלן זיי זיך דאָרט האַלטן צווישן גלאַנצפֿולע המצאות, פֿאַר וועלכע מען קאָן נישט אַלע מאָל ערב זיין, און זאָלן זיי זיך נישט קעגנזייטיק דורס זיין אין דער טונקלעניש — אַזוי ווי דער יישוב־הדעת רייסט צו מאָל פֿונאַנדער צעיושעטע קונדייסים, וואָס פֿאַרקנוילן זיך, איינס אין אַנדערן, מיט האַרציקער רוגזה, און דאַרפֿן זיך גאַר, אין תּוך, ליב האָבן.

עס איז געררוים אין ביקלס געדאַנקען־וועלט און מען קאָן אַלץ געפֿינען אויף זיין אָרט, אַלץ אַרומגענומען מיט זיין אָרגאַנישער אַטמאָספֿער — אַ סימן פֿון ראַציאָנעלער גייסטיקער באַלעבאַטישקייט אָדער, ווי ביקל רופֿט דאָס ערגעץ: „קולטור־ווירטשאַפֿט״. די עלעמענטן פֿון זיין סטיל טראָגן אין זיך זייער געדאַנקלעכן ייחוס — ייחוס מיט ווייכע קאַפּריזנע קנייטשעלעך — און זיין הומאַניזם האָט געהויבענע זיידעס, לעגיטימע. דער סטיל איז נישט פּלוצעם ערגעץ אָפּגעריסן, נישט קיין „אָפּגעריסענער״ כּמור. מען פֿילט די קוואַלן, וואָס האָבן אים געקרעפֿטיקט: די קלאַסיק און דער רוזשינער, ר׳ איציקלס שולעכן און די אייראָפּעיִשע קולטור, דענקליבשאַפֿט, וועלטפֿרומקייט און פֿאָרמוליר־לוסט מיט הכנעה, לומדישער זאַג, היימישלעכער שטייגער, ביו־יאָרק מיט קאָלאָמייער האָריזאָנטן, אויסגעשפּרייט כּלפּי־פּנים — זיי אַלע ווירקן־מיט ביי דער פֿורעמונג פֿון זיין נוסח און בעטן זיך סינטעז. דאָס עצם „בעטן זיך״ איז זיין שרייבערישער נוסח־התּפֿילה, אין סאַמע מיטן קריטישן אַנאַליז.

דערצו דאָס „פֿינטעלע בעלעטריסטיק״, ווי ביקל זאָגט. „אויב אַ קריי־

טיקער פֿאַרמאָגט עס — הייסט עס אין זיין מאַמר וועגן ניגערן — גיט עס אים אַ מעגלעכקייט לייכטער צו דערזען און פּרעזענטירן נישט נאָר די דיכטונג, נאָר אויך דעם דיכטער". דאָס קאָן אַוודאי מיט מער רעכט געזאָגט ווערן וועגן ביקלס עסייִסטישער בילדערישקייט, איידער וועגן ש. ניגערס ליטעראַטור־לומדישער הסברה, מיט איר שטרענגער אָפּגעהיטנקייט, נישט געשטרויכלט צו ווערן מיט פֿאַרטרעטיסטישן גלאַנץ, ניגער האָט אַלץ אַזוי מסביר געווען און אַזוי אויפֿגעקלערט, אַז עס בענקט זיך אַזש נאָך אַ פֿונק טונקלקייט. איר ווייכער שימער פֿעלט צו דער שלימות פֿון דער קינסטלערישער איבערלעבונג.

עסיי איז טיטש: פּרווו — און מסתמא איז דאָס יעדע שריפֿטשטעלעריי, אין יעדער פֿאָרעם. די וועלט, הייסט עס, איז נאָך אַלץ נישט פֿאַרטיק — פּרווט מען פּריש: אַלע שאַפֿערישע שותּפֿים פֿון גאָט. דאָס איז דער איינ־געעקשנטער פּרווו פֿון פֿאַרמאַטיוון כּוח, זיך אַן עצה צו געבן מיט דער אייגענער צעשרויפֿטקייט אין אַרומיקן תּוהו־ובוהו, געפֿינען זיך אַליין אין דער פֿאַרלוירנקייט, געפֿינען אַ תּיקון, ראַטעווען די ווערדע פֿון גייסטיקן מענטש און דעם שטעכעכץ פֿון אָנגעפֿלאָנטערטע ווערטער, וואָס פֿאַרשטאָפּן דעם אַרויסגאַנג צום ליכט, אַרויסראַטעווען דעם געדאַנק פֿון צעיושעטן כּאָאָס. אייביקע בענקשאַפֿט צו האַרמאָניע.

צו מאָל איז מיר קשה אויף ביקלען: וואָס טויגן אים „גרויס־טראַכ־טעריש... גרויס־יידיש... גרויס־פּאָעטיש"? נישט פֿאַראַנען, דאַכט זיך, אַזאַ גרויסע פּאָעטישקייט, ווי די פּאָעטישקייט גופֿא, זי אַליין. יעדעס וואָרט פֿאַר־מאָגט אין זיך פּונקט אַזוי פֿיל גרויסקייט, וויפֿל דער שרייבער האָט דאָרט אַריינגעלייגט מיט זיין איבערלעבונג — מער איז נישטאָ, אַפֿילו ער הענגט אָן דעם וואָרט דעם שענסטן עפּיטעט. נאָר דאָס גרינגע וואָרט, וואָס גייט פֿון זיך אַליין און זאָגט זיך אַזוי זיך, אָן כּוונה, כּמעט שוין אָן דעם זאָגער — נאָר אַזאַ מין ליידיקייט נייטיקט זיך אין פֿאַרגרעסערונגען, וואָס האָבן, אַגבֿ, אַלע מאָל אַ טבֿע צו פֿאַרמינערן.

ביקל האָט ליב דעם ניגון. „יעדער אמתער דיכטער — שרייבט ער וועגן יעקב גלאַטשטיינען — האָט איין ניגון, זיין ערגעץ טיף אין געמיט שטראָ־מענדיקן ניגון, וואָס פֿון אים טיילן זיך אָפּ און עס שווימען אַרויס אַזוי פֿיל קלענערע און גרעסערע מעלאָדיעס, וואָס ווערן טייכן פֿאַר זיך". ביקל זוכט

די „יידישע צייט־מעלאָדיעס", וואָס אָפּאַטאָשו האָט אויפֿגעכאַפּט אין טייל היסטאָרישע דערציילונגען: „סאָלאָ־ניגונים און דערצו, וואָלט איך געזאָגט, פּריוואַטע ניגונים פֿון זייערע זינגערס". ער געפֿינט נישט שווער דעם ניגון אין איציק מאַנגערס וואָרט, וואָס איז „דאָס זיסטע און מוזיקאַלישסטע אין אונדזער פּאָעזיע". ער דערפֿילט ניגון אין סוצקעווערס „מוזיקאַליש ניו־אַנסירטע וואָרטקאָלירן" און הערט דעם „אור־ניגון פֿון זיין פּאָעטישן קול". עס דערגייט צו אים „דינער פֿידל־געזאַנג" פֿון יעקב פֿרידמאַנס לידער און ער פֿאַרנעמט אין לייוויקס לידער פֿון התגלות די קלאַנגען פֿון „אחד־ניגון, וואָס גלידערט זיך איין אין דער סודותדיקער מוזיק פֿון חוויה".

צום פֿאַרהוילענעם מלכות פֿון לייוויקס לידערוועלט, דאַכט זיך, איז נישט כדאי צוצוגעבן נאָך אַ נופך פֿאַרטייטשערישער פֿאַרהוילנקייט, אַז „ווי שטיל לייוויקס ליד זאָל נישט זינגען, ציִען זיך די טענער זיינע אַרויף צו אַלץ העכער און העכער" — דאָס זאָגט גאָר קנאַפּ — און ווידער בין איך מסופק, צי לייוויקס לויכטנדיקע נאַטורלידער אַרום דעם אַלטן עפּלבוים און זיינע בלעטער געוויגען מער בילד־לויטערקייט פֿון דער „אַסאָציאַציע צו אַ געזעמל שלאַנקע, דינע און איידעלע יידן, וואָס טאַנצן אויס זייער שמחת־תורהדיקער פֿרייד מיט דער תורה".

אָבער מער ווי איך בין דאָ און דאָרט מסופק מכוח פּרטים, פֿיל איך מיך אַרומגענומען מיט אַן אינטענסיווער אַטמאָספֿער פֿון איבערטראַכטונג און איבערלעבונג אין ביקלס קריטיק — איך וואָלט אַפֿילו נישט געפּרוּווט אָפּדינגען ביי אים גאָרנישט פֿון דעם שאַרפֿזיניק־לומדישן שטייגער־שפּיל מיט דעם „אבי החתן און אבי הכלה", וואָס קומען אים אויפֿן געדאַנק ביי דער כאַראַקטעריזירונג פֿון די צוויי „לאָס־אַנדזשעלעסער דיאַלאָג־פֿירער" למד שאַפּיראָ און ש. מיללער. בדרך כלל: דאָרט, ווו ביקלס בעלעטריס־טישער יצר־הרע מישט זיך אַריין אין זיין קריטישן אַנאַליז, האָט די קריטיק געוווּנען גלאַנץ.

ערגעץ ווו אין זיין בוך באַצייכנט שלמה ביקל דעם דיכטער אפֿרים אויערבאַך ווי אַ בעל־ברכה. פֿאַר דער יידישער ליטעראַטור־קריטיק, מיין איך, איז ש. ביקלס שרייבער פֿון מיין דור אַ בוך פֿון ברכה — אַריינגערעכנט די באַוואָרענישן, וואָס די אָדער יענע פֿאָרמולירונג האָט ביי מיר אַרויסגע־רופֿן: זיי באַוואָרענען דעם געדאַנק — פּונקט אַזוי ווי ספֿקות גאָרן צו פֿאַר־טיפֿן דעם גלויבן.

ישראלס יידיש

שטייען נאָענטע מענטשן ביים „מצב פֿון יידיש" ווי בײַם בעט פֿון אַ חולה מסוכן, נעמען דעם דופּק אין האַנט און טוען אַ שטומען שאָקל מיטן קאָפּ: דער דיאַגנאָז. דאָס זענען די ווייכע, איינגעהאַלטענע אונטערגאַנגס־נביאים, נישט אַזוי אַכזריותדיק־וויסנשאַפֿטלעך, מער „באַציאונג". אַנדערע רעדן ווערטער, וואָס זענען כולו פּראָגנאָז. פֿאַרפֿונדעוועט מיט סאָציאָלאָגיע און קעסטעלעך סטאַטיסטיק. זיי באַשטימען באַלד די דאַטע, ווען בערך די ראָמאַנטישע אַוואַנטורע פֿון דעם דאָזיקן שפּראַך־קאַפּריז, וואָס האָט נישט געפֿאָלגט די געזעצן, וועט האָבן לחלוטין אויסגעשפּילט. סברות לגבי דעם גורל פֿון יידיש זענען פֿאַר זיך געוואָרן כמעט אַ קאַטעגאָריע פֿון דער יידיש־שאַפֿונג. דאָס איז אַקאַדעמישער מדרש מיט אַנאַלאָגיעס און מיט דעם שאַרפֿזיניקן אומפֿאַרשטיין פֿון דעם ווונדער! אין דעם פּרט זענען אַנדערע ליטעראַטורן היינטערשטעליק. די סברות־פּראָדוקציע דערמאָנט צו ביסלעך אין יענעם אַנעקדאָטישן יידישן שותּף פֿון גויישן האָלץ־העקער אין שטעטל, וואָס פֿלעגט אויסזיפֿצן זיין חלק אַרבעט מיט אַ טיף־ברוסטיקן סאָלידאַרישן „האַ!" — ווען מיכאַלקע מיט דער האַק האָט זיך פֿאַרנומען אויפֿן שווערן קלאָץ.

אָבער אויך אַ חשובער יידיש־שרייבער, נישט קיין „שותּף", האָט דאָ נישט לאַנג געהאַט דעם איינפֿאַל, אפֿשר וואָלט גלייך געווען צונויפֿרופֿן אַ נייע טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפֿערענץ — וואָלט מען מסתּמא אַרויסגעלאָזט אַ וואָגיקע פּראָקלאַמאַציע. איך צווייפֿל נישט, אַז עס זענען נאָך פֿאַראַנען פּראָקלאַמאַציעס ביי יידן, נישט גענוצטע, און עס לייגט זיך אויך אויפֿן שכל דער קולטור־פּסיכאָלאָגישער אויפֿטו, אַז בעת העברעיש איז געוואָרן פֿון אַ משכּילים־שפּראַך אַ פֿאָלקס־שפּראַך, אַנטוויקלט זיך יידיש אין אַ פֿאַרקערטער ריכטונג — ווידער: פּראָגנאָז. און מיר פֿעלט נאָך אַלץ

דער „נביא", וואָס זאָל אַרויסטרעטן אין דער יידיש־וועלט און פּראָקלאַמירן פּייערלעך, אַז ער ווייסט נישט, וואָס וועט זיין מיט יידיש מאָרגן: אים וואָלט איך נוטה געווען צו גלייבן.

אַזוי פיל לענדער האָבן זיך כמעט אין גאַנצן אויסגעליידיקט פון יידן און אַנדערע ליידיקן זיך פּאַמעלעך אויס פון יידיש. אַמעריקע, טענהט מען, וועט פריער־שפּעטער אָנהייבן נוצן אַ מין קאָנסערוון־יידיש — טאַקע פון דעם פיינעם סאָרט, כמעט נישט צו דערקענען קיין חילוק, אפשר נאָך פּי־קאַנטער אין טעם פון דעם פרישן יידיש, אָבער פאַרט אָן זיין נאַטירלעכער נער־קרעפטיקייט, כאָטש אין אַ צאָל קאָלעדזשעס האָלט מען פּאָרלעזונגען וועגן יידיש. און ענציקלאָפּעדיעס „שענקען אויפמערק": שווער פאַר דער וויסנשאַפט, צו מאַכן זיך נישט וויסנדיק. דאָס יעווסעקישע יידיש ווידער מאַכט צו מאָל דעם איינדרוק פון געפּאַלמעסטן לשון, שוין נאָך דעם „רע־נעסאַנס" פון „סאָוויעטיש היימלאַנד", און שמעקט פון וויטנס מיט דער קעלט פון מאַוזאָליי.

און וואָס וועט זיין מיט יידיש אין ישראל?

זייט יידיש איז געוואָרן צייטיק און האָט דערגרייכט גלאַנץ און עקספּרעסיווע זיכערקייט אין דער וואָרט־קונסט, איז מיטגעגאַנגען מיט דער שפּראַך די פּראָבלעמאַטישקייט פון איר קיום — און די פריינטלעכע צו־דרינגלעכקייט פון די, וואָס „וואָרטן", מיט אַ ציטער צי בלויז מיט בייגער, איז געוואָרן אַלץ אומגעדולדיקער. נו... מסתמא וויל מען איינשפּאָרן יידיש איבעריקע יסורים. אָבער מיט דער צייט האָט זיך די שפּראַך צוגעוווינט צו דער מעלאַנכאָליע פון די צעצויגענע קריזיסן, וואָס האַלטן אין איין אָפּנאַרן די פּעסימיסטן. עס דאַרף זיין שווער, צו ענדיקן פּלוצעם אין מיטן אויפשטייג. דערווייל האָבן זיך אָנגעקליבן לעבעדיקע אוצרות יידיש אין ישראל, רוי און ראַפינירט, פון דער גאַס און פון דער דיכטונג — „דער יינגסטער טראָפּן ווייז, פון אַן אַלטן ווייַנשטאָק אויסגעפּרעסט", ווי יעקב פרידמאַן זאָגט — כאָטש ישראל איז לגבי יידיש נישט געלעגן אויף דער „ליניע" און יידיש איז דאָ אייגנטלעך אין גאַנצן נישט געווען אין „פּלאַן".

זאָל איך זאָגן: נסים? אַלנפאַלס קאָן איך מיר לייכטער אויסמאָלן נסים אין ישראל אַפילו לגבי יידיש, איידער אין די פאַראייניקטע שטאַטן, צי קאַנאַדע, אַרגענטינע, מעקסיקע, דאָרט איז נישט דאָס פּלאַץ — נישט

פֿאַראַנען דאָרט קיין טראַדיציע פֿון נסים. דער ווונדער, שמועסט מען, האָט אויך זיינע געזעצן און האָט ליב אַטמאָספֿערע. צום ערשטן מאָל האָט יידיש, דערגייענדיק קיין ישראל, אָפּגעשטעלט דעם געוווינטן וואָגל צווישן די לשונות גוייש, ווו עס האָט זיך אויסגעפֿורעמט זיין שפּראַכלעכע אייגנאַרטיקייט, און פֿאַרקירעוועט אין אַ שפּראַך־וועלט, וואָס איז אור־יידיש, ד. ה. עברית, די שפּראַך פֿון שטאַם, וואָס איז, גייסטיק אָדער פֿיזיש, געבליבן אין דער היים, ביי די וואָרצלען, בשעת דער חלק לשון קודש, וואָס איז געוואָרן יידיש אין דרויסן, האָט זיך אַזוי אינטערעסאַנט צעוואַנדערט איבער דער רייכער קאָלירקייט פֿון דער פֿרעמד.

אפֿשר איז דאָס זיגזאַגישער גאַנג פֿון יידיש דורך אַ נע־ונדן יאָרטויזנט, וואָס זיין אָנהייב נעפּלט אין גרויען פֿאַרצייטנס. איך בין נישט עוסק אין היסטאָריע פֿון יידיש און איך דאַרף זיך נישט באַוואָרענען, אַז דעם „יאָרטויזנט" נוץ איך דאָ אַ גרייטן, אַ ביסל צו קיילעכדיק, וואָס נעמט זיך אויס שיין פֿאַר אַ יובל־דאַטע — כאָטש איך בין נישט זיכער, צי האָט די פֿאָרשונג אַליין שוין אויסגעפֿונען אַקוראַט דעם יחוס פֿון יידיש און צי קאָן זי פֿיקסירן די תקופֿה, ווען און ווו און אין וועלכער לעבנס־שטימונג פֿון יידן צווישן גויים עס האָט אָנגעהויבן אויסשפּראָצן דער ערשטער ציטערדיקער סימן פֿון אָט דעם קינדערישן אידיאָם פֿון אַן אַלט פֿאָלק, וואָס האָט שוין אַ מאָל געהאַט גערעדט, מיט אייגענע און מיט דער מענטשהייט, אין אַן אַנדערער שפּראַך, אָבער אין דעם אייגענעם גייסט פֿון נצח, וועלכן די וועלט האָט זיך אויסגעלערנט נישט פֿאַרשטיין אויף פֿאַרשידענע לשונות: פֿאָליגלאָטע שטומפּיקייט.

די וויסנשאַפֿטלעכע סברות וועגן דעם אָנהייב פֿון יידיש גייען צוריק צו דער טונקעלער צייט פֿון געטאָס און גירושים, צו וואָגל אונטער קאַלטע הימלען, צו ערשטע איינזאַמע יידישע קהילות, אפֿשר מיינץ צי ווירמייזא. באַגעגענען זיך אויף דער וואַנדערשאַפֿט איבערגעשראָקענע רעשטלעך פֿון אַלטע יידישע שבטים מיט דעם גוי פֿון דער וועלט, מיט לאַנדסקנעכט און פּויערים, מיט גלחים און האַנטווערקער — זיי מיט דעם הויך אויפֿגעהויבענעם אייזערנעם צלם, און יענע, נאָך אַלץ נישט קיין באַרויקטע, מיט דעם באַרג סיני אויף די פּלייצעס. ווער זיינען יענע: שפּאַט־געשטאַלטן מיט שפּיציקע שאַנד־מיצן, מדינה־גייערס, הענדלערס, אפֿשר מינע־זינגערס,

צי לצים מיט אומעטיקע הערצער, וואָס מאַכן פֿריילעך אין קרעטשמעס און אויפֿן מאַרק — האָבן יידן מורא געהאַט און געהאַנדלט, געזוכט דעם קץ און פּרנסה, געהאַנדלט און געשטאַמלט, ביז מ׳האָט פּאַמעלעך גענומען ריידן: שטום־לשון פֿון דער נויט.

מסתמא איז דאָס אין אָנהייב געווען ביי יידן אַ האַרצרייסנדיקער געמיש פֿון הכנעה, ליצנות און פּסוקים, פֿאַרדאַרטע רעשטלעך לומדישער לשון קודש מיט וואַרעמען ווייבערישן עברי־טייטש, צונויפֿגעשמאָלצן מיט באַר־באַרישן לשון גוייש פֿון יענער תקופֿה, און עס לייגט זיך אויפֿן שכל, אַז דער אידיאָם פֿון אומרו האָט אין זיין פֿריער אַנטוויקלונג־פּאַזע אַליין קיין הנאה נישט געהאַט פֿון די וואָרט־ווידעראַנאַנדן, וואָס האָבן געגרילצט מיט פֿרעמדקייט, איידער מ׳האָט זיך „צוזאַמענגערעדט״ — ביז ס׳האָט זיך אַריינ־געמישט דעם מלאכס מדרשדיקער גורל־באַפֿעל: „וואַקס!״

דעם מלאך קענען מיר.

ערשט אין דער סימביאָזע פֿון דורות האָט מען דערפֿילט, אַז דאָס וואַקסט אַ שפּראַך אַ נאַשער, וואָס האָט זיך אָנגעטרונקען מיט אַלע קוואַלן ביים וועג, אָנגעזאַפּט זיך מיט טיפֿסטן אייגנס און מיט פֿרעמדס, וואָס איז היימיש געוואָרן, מיט אַלע עולם הזהדיקע רייצן פֿון נייעם קוק, מיט איבער־ראַשנדיקן קאָלאָריט און ריטעם, מיט דעם חן פֿון אומעטיקער קלוגשאַפֿט, וואָס באַהאַלט זיך און אַנטפּלעקט זיך אין די פֿיליגראַנישע קנייטשן פֿון יידישן אויסדרוק — אַ שפּראַך אַ נייגעריקע, וואָס האָרכט זיך איין אומעטום און נעמט אַריין לייטזעליק יעדן זאַג מיט יעדן איינגעקנייטשטן מיין, ציטערט נישט פֿאַר שטענז: יידיש רעדט זיך, רעדט זיך, זיין אייגנס.

דער פֿענאָמען איז, וואָס יידיש איז ציטעריק אויסגעוואַקסן אין דער פֿרעמד, אין באַרבאַרישער כאַפּעניש, אין אַ וועלט פֿון שנאה. דאָס פּאַסט זיך אַוודאי צום ביזאַרן גורל פֿון אַ פֿאָלק, וואָס האָט טויזנטער יאָרן קיין צייט נישט געהאַט, ווייל ס׳איז אין משך פֿון דער גאַנצער פֿאָלקס־היסטאָריע שטענדיק געווען פֿאַרנומען מיט דעם באַשטענדיקן אַנדערש זיין, וואָס איז אייביק געבליבן דאָס זעלבע, און מ׳האָט קולטיווירט אין זיך גייסטיקן אומרו ווי אַ שאַפֿערישן לעבנסווערט. אין אומרו האָט זיך יידיש צעוואָגלט, אין איינעם מיט די יידן, פֿון די מערבדיקע קהילות צום אייראָפּעיִשן צענטער, נעענטער צום מזרח, וואָס ווייטער פֿון דעם ראַיאָן פֿון גזירות און בלוט־

בלבולים: דערווייל פּראַג און לובלין, אפשר פּרעשבורג, ווענעציע, לעמ־בערג, וואַרשע, ווילנע און אַנדערע קהילות. אַהין — אַהער, אומעטום האָט זיך יידיש דורכגענומען מיט גערמאַנאָ־סלאַוואָ־ראָמאַנישע עלעמענטן און צונויפגעגאָסן זיי מיט דער אייגענער שפּראַך־נאַטור, מיט פֿאָרמאַטיוון ריטעם פֿון ווי און פֿרייד. ערשט אין לעצטן יאָרהונדערט פֿון יידישס „יאָרטויזנט" איז די שפּראַך, אַ צונויפגערעדטע אין דער צייטיקונג, געגאַנגען צוריק פֿון מזרח־אייראָפּע קיין מערב, צום אַמעריקאַנישן קאָנטינענט, וואָס איז גע־וואָרן איינער פֿון אירע באַוועגלעכע מיטלפּונקטן.

דאָס אַלץ, בין איך מודה, איז מער שטימונג ווי סיסטעם — און צו דער היסטאָריע פֿון יידיש, מיט וועלכער איך בין נישט זיכער, לייג איך נאָך צו די געאָגראַפֿיע פֿון דער שפּראַך, וועלכע איך בין אין דעם צוזאַמענהאַנג אויך נישט אויסן. פּונקט אַזוי מייד איך אויס חקירות וועגן דעם אינעוויי־ניקסטן פֿונאַנדערוווּקס און וועגן דער מאָרפֿאָלאָגיע פֿון יידיש — אַרום און אַרום: אַ היפּשער אויסקלייב פֿון עלימינירטע טעמעס, וואָס וואָלטן אין פּאַסיקע הענט געקאָנט ווערן „וויסנשאַפֿט". איך בין אויך נישט באַרופֿן, צו פֿאָרשן און אַנאַליזירן די דיאַלעקטן פֿון קיבוץ גלויות־יידיש, וואָס זאַמלט זיך אין ישראל: אַ טעמע פֿאַר זיך. צו די אַלע זאַכן זענען פֿאַראַנען מומ־חים — קאָן איך באַשטיין, זיי זאָלן אַליין גרייזן. זיי האָבן דערצו די נייטיקע כלים — וועלן זיי דאָס מאַכן בעסער.

אַ פּשיטא, אַז איך נעם זיך נישט אונטער צו זאָגן נביאות וועגן דעם מאָרגן פֿון יידיש ביי אונדז און אין אַנדערע לענדער. מיך אינטערעסירט די היינטיקע רעאַליטעט פֿון יידיש אין ישראל, מיט איר יש־פּראָבלעמאַטיק, און מיר דאַכט זיך, אַז אין דעם זיגזאַג פֿון באַוועגונג, וואָס באַצייכנט יידישס גאַנג איבער דער וועלט, שניידט זיך איין אַ נייע, גורלדיק בולטע ליניע: ישראלס יידיש. דער יאָרטויזנט יידיש, וואָס איז געקומען אַהער פֿון דער וואַנדערונג, האָט דאָ אָנגעטראָפֿן פֿריערדיקע לעבעדיקע יאָרטויזנטער, וואָס זענען געבליבן וואָרטן אויף דעם ייִנגסטן ברודער. ער איז אַהער געקומען גלייך צום קוואַל פֿון דער נאַציאָנאַלער יצירה, צו דער לאַנדשאַפֿט און צום מיטאָס, וואָס לגבי זייער שאַפֿערישער התגלות איז יידיש אַ גלייכער מחותן ווי עברית.

דאָ זענען מיר אַ מאָל געוואָרן אַ גרויס פֿאָלק מיט אַן אייגענעם אוצר

אמת און טרויער — און עס איז נישט געמאָלט, אַז ישראלס יידיש, וואָס איז אויפֿגערופֿן געוואָרן צו עדותשאַפֿט, זאָל נישט זיין טיף באַגליקט און שאַפֿעריש אויפֿגעטרייסלט פֿון דער באַגעגעניש מיט דעם באַנייטן ווונדער. די וועלט דאָ אַרום איז דאָס אייגנס, וואָס האָט זיך אויסגעשמידט אין פֿייער פֿון יידישן גייסט. זי מאַניפֿעסטירט זיך אין די שורות פֿון י. פּאַפּיערניקאָוו און אריה שמרי אַזוי ווי פֿון ש. שלום, אין די לידער פֿון אַברהם סוצקעווער אַזוי ווי פֿון אַברהם שלאָנסקי — בשעת לגבי דער געדונגענער פּוילישער, אוקראַיִנישער, ליטווישער לאַנדשאַפֿט איז דער יידישער פּאָעט, האָב איך מורא, געווען אַן אַרענדאַר.

דערביי האַלט איך איצט נישט ביי אינווענטאַריזירן דעם ליטעראַרישן פֿאַרמעג פֿון ישראלס יידיש, דער עיקר אין דער דיכטונג, וואָס איז דערהויבן געוואָרן אין פֿאַרטיפֿטער בילדערישער זעונג, ווו די בראַנד־קאָלירן פֿון די שייטערהויפֿנס גיסן זיך צונויף מיט דעם ווייסן פֿייער־גאָלד פֿון מידבר. יענער, אמת, קאָן נישט פֿאַרגעסן, אַז אין אָט דעם ראַיאָן פֿון התגלות און אידענטיטעט מיט גאָט, וואָס ווינקט זיך דורך אין איינעם פֿון סוצקעווערס סיני־מאָטיוון, האָט זיך געשליפֿן די העזה פֿון אונדזער נאַציאָנאַלן געניוס, אַז דאָ האָבן מיר אַ מאָל אָנגעהויבן מיט מאָנומענטאַלער וועלט־דיכטונג, וואָס האָט צונויפֿגעפּרעסט עלעמענטאַרע גייסט־דראַמאַטיק אין קנאַפּע ווערטער פֿון צמצום, וואָס האָבן נאָך דעמאָלט פֿון קיין בעלעטריסטיק נישט געוווּסט — נישט אַזוי „געשילדערט" ווי געזאָגט.

אַוודאי הייסט דאָס נישט: „כזה ראה וקדש" — און איך וואָלט נישט רעקאָמענדירט, אַז אַלע יידיש־פּאָעטן זאָלן נעמען שרייבן וועגן קדושה און זאַמדן, וועגן ברונעמער און קעמלען, זאָלן מאָלן סאַמע כאַמסין־לאַנדשאַפֿטן און פּייזאַזשן פֿון פֿלאַקער־סנהס, אָדער זיך פֿאַרשפּילן מיט די חומשדיקע אָבות אין איציק מאַנגערס חצי־פּורימדיקע קאָסטיומען, וואָס רעדן גאַליציאַניש מיט די מלאכים פֿון שכנותדיקן הימל און קריגן זיך ברייטלעך מיט די קעפּסווייבער. יידישלעכע בילדער און סוזשעטן מאַנגלען נישט אין די תפֿוצות אויך. אָבער עס גייט וועגן דעם נייעם יידישן וועלט־בליק, אָריענטירט לויט דעם אור־אַלטן.

יידיש איז אַריין אין ישראל מיט דעם אימפּעט פֿון די יידן, וואָס האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אַהער פֿון די תפֿוצות — און פֿון דאַנען גיין איז שוין

נישטאָ וווהין: נישט פאַרן פאָלקס־כלל און נישט פאַר יידיש. דאָס איז שניטפונקט פון עק וועלט און בראשית. ביידע, יידן און יידיש, זענען דער־גאַנגען אין ישראל צו אַ נייער שוועל — און שוועל איז אַוודאי גורל. אפשר איז ישראלס יידיש־דיכטונג אַ שאַפערישער עדות פון פאָלקס באַנייטער אַרויספאָדערונג צום אייביקן געראַנגל מיטן מלאך, טאַקע דאָ, אין דער אַלטער מאַנעזשע, ווו יידן האָבן אין וויטן פאַרצייטנס שוין אַרויסגעוויזן מייסטערשאַפט אין דעם דאַזיקן מיסטישן אור־ספאָרט, ווו עס איז, אַחוץ גאָט, נתגלה געוואָרן דער מענטש: ערשטער בלאָסער אויפשיין פון הומאַניזם.

עס גייט געוויס נישט וועגן סתם „אָפּגעבן כבוד אונדזער יונגער מדינה", ווען איך נוץ דאָ דעם יום־טובדיקן באַגריף „ישראלס יידיש", וואָס אימ־פליצירט אידיי און ספעציפישקייט. איך גלייב נישט, אַז די אידעע פון דער יידישער ליטעראַטור האָט איר „ווינאָרט" דאָרט, ווו עס וווינען די גרעסטע צאָל יידישע שרייבער, אָדער ווו עס געפינען זיך די אינטערעסאַנטסטע סוזשעטן פון דער יידישער ליטעראַטור. קאָן זיין, אין דעם האָפערדיקן וואָרט „ישראלס יידיש" קנייטשט זיך אַריין אַ דינער רמז אויף דער שטילער געהויבנקייט, ווען עס באַגעגענען זיך אין דער דיכטערישער שפּראַך מיטאָס פון לאַנגן אונטערוועגס מיט וויזיע און פּאַנאָראַמע פון נייעם אויפגאַנג און עס שמעלצן זיך יידיש־געוואָרענער לשון קודש אויך אין הזדווגות מיט דער ווידערשפעניקייט פון סאַברעדיקן עברית, וואָס מאַכט חנדלעך, אַז זי לאָזט זיך נישט.

אַוודאי איז ווויל די סקעפּטיקער, וואָס האָבן דערצו אמונה אויך: זיי חכמענען זיך, אַז אויב יידיש וועט אַ מאָל אויך אין ישראל נכשל ווערן מיט שפּראַך־אַסימילאַציע, אַזוי ווי אין די אַנדערע ביז איצטיקע באַוועגלעכע צענטערס פון דער יידיש־טעריטאָריע, וועט די שפּראַך פון דער „מינאָ־ריטעט" נישט אונטערגיין אין אַ ים פון לשון גוייש, ווו די פרעמד שלינגט אַלץ איין, אַז עס בלייבט נישט קיין זכר, נאָר יידיש וועט „אַריבערגיין" אין עברית און נישט פאַרפרעמדט ווערן אין דער אַנדערשקייט פון דעם אייגנס. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, אַ קנאַפער טרייסט.

אונדזער דור אין ישראל האָט געפועלט ביי די „אייזערנע געזעצן פון דער אַנטוויקלונג", זיי זאָלן זיך צו מאָל איינבייגן אַ ביסל — און אין אַ סך

פֿאַלן האָבן זיי נאָכגעגעבן. אַנדערש וואָלט מען נישט אַדורכגעקומען מיט דער עקשנות פֿון נצח ישראל. הייסט דאָס אַ מין גזירה שווה אויף נצח יידיש? אַוודאי זענען געבליבן אין ישראל היפּשע רעשטלעך עוולות לגבי יידיש, דער עיקר שטילע, מסתמא אָן שלעכטע כוונות. אַ טייל פֿון די עוולות רעזולטירן פֿון דעם שווערן שעת הדחק פֿון דער מדינה, וואָס לאָזט פּשוט נישט איבער קיין פּיצל פּלאַץ פֿאַר נאָך אַ פּראָבלעם אין לאַנד: אַלץ פֿאַר־נומען. אַנדערע עוולות האָבן זיך זעלבשטענדיק געמאַכט און ווירקן ווייטער מיט דעם כוח פֿון אינערציע, כאָטש „מ׳דאַרף זיי שוין נישט"; אָבער וואָס פֿאַר אַ טעם — חכמהט מען זיך — וואָלט געהאַט יידיש אָן עוולות? די שפּראַך וואָלט אָנגעווירן „פּיקאַנטעריע". און אַז מען האַלט ביי חשבון, לאָמיר נישט פֿאַרגעסן אויך יענעם סאָרט עוולות, וואָס מיר אַליין באַגייען קעגן יידיש, ישראלס יידיש־שרייבער, קולטור־עסקנים, חובבי שׂפת יידיש — סאַמע ניכטערע פֿאַרליבטע. עס ווערט אַלץ זעלטענער, און נישט בלויז בנוגע יידיש, דער ראָמאַנטישער משוגע לאותו דבר. ער האָט קענטיק אויסגע־שפּילט זיין ראָל אין אַ צערודערטער אידעען־וועלט, וואָס איר הויפּט־זיכערקייט איז דער ספֿק.

לוינט זיך אפֿשר אין זינען צו האָבן, אַז דאָס זענען עוולות אין דער היים — אין דער פֿרעמד האָבן מיר געהאַט „רעכט". דאָס איז דער פֿונדאַ־מענטאַלער חילוק. געשווירענע בעלי טענות, וואָס זענען שוין לאַנג אין „פֿאַך", דאַרטיקע „דאָיִסטן" אָדער היגע דאַרטיסטן, וואָס פֿאַרמאָגן אַ גוטן זכרון, געדענקען אַלץ זייער יידיש אין ארץ־ישראל, וואָס האָט אַ מאָל געהאַט גוטע ראָמאַנטישע צייטן מיט אונטערגעצונדענע קיאָסקן און אַ צעבושעוועטן הייפּל מתנגדים שוטים: יידיש פֿון דער פּאָלעמיק. היינט זענען די בעלי־טענות אין תוך געבליבן אָן פּאַטאָס — אָבער זיי זענען מקטרג כדאשתקד: אָן עבירה אַזאַ סאָליד שטיק מחלוקת.

אין וואַרשע, להבדיל, און אין ווילנע, אין יאַס און אין קישענעוו, ווו מיר האָבן געהאַט די „פּאָסטולאַטן", איז געווען, קאָן מען זאָגן, איין פֿאַר־פֿעסטיקטער ראַיאָן פֿון אַקטיווער שנאה, נישט אַזוי צו יידיש, ווי צו די ריידערס פֿון דער שפּראַך. קודם־כל האָט מען פֿיינט געהאַט די ריידערס פֿון יידיש — אַפֿילו דאָס האָט זיך שוין איבערגעביטן אויף פּויליש אָדער רומעניש. האָט אפֿשר יידיש אין דער פֿרעמד באַקומען אַ סטימול פֿון גע־זעלשאַפֿטלעכן געראַנגל מיט דער פֿיינטלעכער סביבה. אין ישראל האָט

מען כאָטש נישט פֿיינט די ריידערס פֿון יידיש, זיי פֿאַר זיך אַליין, — אייגנט־לעך קאָן מען זיך אַפֿילו איינשפּאָרן די טירחה פֿון ליב האָבן, אַז אַלע זענען גלייכע מחותנים — געניסט די שפּראַך, אַזוי צו זאָגן, פֿון פֿריינטלעכער נייטראַליטעט. שווער לכל הדעות, צו לייקענען די פֿאַלקישע לעבנס־קרובה־שאַפֿט פֿון דעם עברית־מאַיאָריטעט מיט דער יידיש־מינאָריטעט: ביידע ספֿערן פֿון גייסטיקן אייגנס. אמת, מען קאָן מסתמא אויך נישט לייקענען דאָס פֿעלן פֿון סטימול.

אָבער איך הער זיך אָן מיט געראַטעוועטן יידיש, וואָס פֿלאַנצט זיך איין, אָן אַ פּראָגראַם, אָן יידישיזם, אין ישראלס שטעט און דערפֿער, אין פֿעלדער און אין פֿאַבריקן און נייע שיכונים — „אַנטרונענע ווערטער", ווי סוצקעווער זאָגט. אַ סך פֿון די געראַטעוועטע יידן זענען געקומען קיין ישראל מיט נייעם בהלהדיק צעשראָקענעם פּויליש אָדער רומעניש, אַ פֿרעמד־שפּראַך פֿון נאָך אַלעמען. פֿריער, אין דער אַסימילאַטאָרישער ראָ־מאַנטיק, איז דער אידיאָם געווען די שפּראַך פֿון אָנהייב — אָבער דאָ, אין די שיכונים פֿון תל־אביב, ירושלים און חיפֿה, אין באר־שבע, כּפֿר־סבא, נתניה, חדרה, צווישן רושטעוואַניעס און טענות, צווישן נייע שכנים, ביי וועלכע מען אַנטלייט אַ צוועגל צי אַ שפּריץ־קאַן צו באַגיסן דאָס גערטל, דאָ ווערט דאָס לשון ממילא יידיש, אין איינעם מיט דעם ליפּט, וואָס איז נאָך נישט אָנגעקומען, אין איינעם מיט „לשכת העבודה", ווו מ'הייסט אַלע מאָל קומען מאָרגן, אין איינעם מיט „קופּת חולים", ווו מען שטייט באַלד אין „תור", נאָך איידער מ'האָט באַוויזן קראַנק צו ווערן.

עס ווערט שטוב־יידיש — ווי מ'האָט אַ מאָל גערעדט מיט אַ מענטש אין גוטע צייטן, ווען די וועלט איז נאָך געווען אַ וועלט: „גוט מאָרגן — גוט יאָר" און דערנאָך ווייטער. מען לייענט „דאָס בלאַט" אין דער פֿרי, ווי מען פֿלעגט אַ מאָל לייענען דעם „היינט", און מחמת מ'איז נישט מסכים, שרייבט מען אַ בריוול צום רעדאַקטאָר — געוויינטלעך: יידיש. קומט דער פֿון דער „עיריה" מאָנען פֿאַר וואַסער און דאָס מיידל פֿון דער „סאָציאַלער הילף" ברענגט אַ בויגן אויסצופֿילן — וועט זי זיך גיין „נאַריש מאַכן"? ס'ווידער יידיש. אַלץ אַרום איז עברית — אָבער אומעטום עפֿענען זיך טירן אויף יידיש. זעלטן טרעפֿט, אַז אַ טיר טוט אַ סקריפּע מיט נאַרישער גאַווה און מאַכט דעם אָנשטעל, אַז זי טוט אַ גרויסע טובה. וואָס זשע וועט טאַקע זיין מיט דער טיר? פּונקט דאָס ווייס איך נישט.

שטאַרקע רעזערוואַרן מיט לומדיש יידיש אין אַלט־ירושלים, יידיש פֿון דורות, וואָס טראַכט גאַרנישט, אַז דאָס קאָן אַ מאָל „אונטערגיין": אַז דער דאָזיקער מין יידן קען גאַרנישט די טעכניק פֿון אונטערגיין. דאָס איז יידיש, וואָס האַלט זיך נאָענט ביים ווייטן פֿאַרצייטנס, געדענקט „רגינשפורג" און „פשבאָרג", קאָן זיך נישט אָפרייסן פֿון ליטווישע ישיבות און פוילישע בתי־מדרשים, רעדט ווי דער חתם סופֿר האָט גערעדט און דער שאגת אריה, רעדט ברמיזא און בצמצום, וואַרפֿט אַוועק דאָס שאָלעכץ און איז תופֿס דעם תמצית — אַז סיי ווי ווערט דאָך אַלץ „געברענגט": וואָס זשע דאַרף מען לאַנג ברייען? שמעקט דאָס דאָזיקע לומדישע יידיש פֿון מאה שערים און בני־ברק, ווי דאָס געשמאַקע זויערלעכע ברויט, וואָס באַקט זיך אין די הויכע טונקעלע שטיבער פֿון די בתי אונגאַרן און בתי וואַרשאַ. ייִנגלעך מיט גרויסע שטערנס רעדן יידיש ווי די טאַטעס, מיט אַ מין קונ־דייסישער אַלטפֿרענקישקייט. זיי גייען נישט אין די שקאָלעס אויף עברית, ווי אַ ייד איז מקיים אַ מצווה, פֿון נישט גיין, און די טאַטעס צאָלן שטראָף און שילטן די מדינה: אַלץ אויף יידיש. וואָלט איך נאָר אַזוי זיכער געווען מיט דעם יידיש פֿון דער גרופּע מיליטאַנטע יידישיסטן, וואָס פֿירט אַ מין עקסטעריטאָריאַלע עקזיסטענץ אין תל־אביב און קאָן נישט פֿאַרגעסן די בראָשורן פֿון פֿאַרצייטנס. אַוודאי, געטריישאַפֿט איז אַ שיינע מידה און די מענטשן מאַכן באַמיִונגען אויסצוהאַלטן אַ צוגאָב־שול אין יידיש — אָבער איך האָב דעם איינדרוק, אַז דאָס איז אַ קליינע אידעאָלאָגישע לאַבאָראַטאָריע, וואָס אַרבעט מער מיט זכרונות, מער מיט רצון, איידער מיט כוח. מען פרוווט דאָ איבערצושמעלצן עלטערע לאָזונגען, וואָס האָבן געהאַט ממשות אין זייער לעבנס־ספֿערע — דאָ שמעקט דער ענין מיט עקספּערימענטאַל־עקשנות.

דאָס יידיש פֿון דער לומדישער וועלט וועט זיך ציִען ביז משיח וועט קומען — און דערנאָך ווייטער. מסתמא קאָן מען זאָגן, אַז דאָס איז די נאַטירלעכע פּעריפֿעריע פֿון ישראלס יידיש — פּעריפֿעריע, וואָס איז פֿאַר זיך אַליין ברענפּונקט. אַרום זענען די פֿירעקיקע הויפֿן פֿון די „כוללותן", מיט פֿרומע קאַנצעלאַריעס, ווו עס שטייען שווערע אייזערנע פֿייער־קאַסעס, מיט גבאים, ביי וועלכע די מאַכט גייט איבער בירושה, פֿון וועלכער יעדער איז אַ „קאָפּ", מיט איידעמס, וואָס „שרייבן אַריין" אין פּינקס — אַלץ

אויף לשון קודשדיקן יידיש. נישט ווייט האַרמידערט דאָס יידישלעכע יידיש פֿון רבישע איינקלעך אין די „הויפֿן", מיט אַטלאַס און מקורבים, מיט שמשים, וואָס שרייבן „קוויטלעך" פֿאַר חסידישע „דייטשן", וואָס קומען צו פֿאָרן אַזש פֿון אַנטווערפּן, ווייל דער רבי איז אַ חכם — מיט שנורן, וואָס טראָגן טיכלעך און „טראַכטן" און טוען אָן צרות דעם „הייליקן זיידן": דערווייל אַלץ אויף יידיש — אָבער צי קאָן מען זיך פֿאַרלאָזן אויף זיי?

לאַנג נישט געניצטער יידיש פֿון אויסגערופֿענע העברעיִשע שרייבער, וואָס טוען זיך אַ שטעל מיט אויפֿטוען אין מאַמע־לשון, כאָטש אויף זיי וואָלט מען זיך דאָס נישט געריכט. זיי האָבן הנאה פֿון דער קונץ, ווי קינדער פֿרייען זיך מיט דעם פּסחדיקן געפּעס, וואָס איז געשטאַנען אַ גאַנץ יאָר אין אַ קויבער אויפֿן בוידעם און ערב יום־טוב פֿאַרשמעקט דאָס אַלע שטיבער.

וויטעבסקער יידיש, צעבליט מיט אַלע חנען אין פּאַלאַץ פֿון נשיא. ווען עס קומט צו פֿאָרן אַ וועלטבאַרימטער קינסטלער — רוקט מען אַוועק דעם „פּראָטאָקאָל" און מלכות ווערט אינטים יידיש. קאָנגרעס־יידיש מיט דוד בן־גוריון, וואָס זוכט אין זיין יידיש פּעלנדיקע ווערטער, וואָס זאָלן אַ צינד טאָן זיין טעמפּעראַמענט צו די פּאָליטישע אַטאַקעס, און דער גאַנצער פּלענום העלפֿט אַרויס מיט לשון, אויף נכשל צו ווערן. דאָס גייט צו כמעט איינ־שטימיק: האַרציק און אויפֿריכטיק. און אַ מאָל צעשמועסט זיך אויף פֿאַר־געסענעם יידיש איינער אַן אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסט מיט ישראלס אַ מיניסטער, וואָס וויל דעם פּאַרטנער פֿאַרזיסן מיט אַ פּינסקער זאָג די פֿינאַנצ־יעלע ריזיקע, וואָס יענער האָט געהאַט אויסגערעכנט אויף ענגליש.

ווייס איך ווויל, דאָס איז נישט אַלע מאָל ישראלס יידיש. אָבער אויך אַט דאָס יידיש לכבוד יום־טוב אָדער חול המועד וואָלט נישט געמאָלט געוווען אָן דעם לעבעדיקן יידיש פֿון גאַס און פֿון דער דיכטונג, פֿון די שטיבער און פֿון די מיטינגס, יידיש שבכתב און שבעל־פּה, וואָס איז געוואָרן, אָן אַ קאָנטראַקט און אָן „יידישיזם", אַ שותף צום פֿולן אויסדרוק פֿון נאַציאָנאַלן לעבן אין ישראל — לאָמיר אַפֿילו זאָגן: אַ שטילער שותף.